STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06419

AZA IZ UNDZER LAND

Mosheh Braslavski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה בראַסלאַווסקי

אַזאַ איז
אונדזער לאַנד

הסתדרות נוער עולמית
המזכירות

„דרור-החלוץ-הצעיר"
לארצות אירופה

PRINTED IN FRANCE

אינהאַלט

זייט

⁂ 7 — 9

חיפה מיט אירע טעכטער 10 — 34

אַלט-חיפה; דער פּאָרט; הדר-הכרמל; די הסתדרות אין חיפה; שכונת-הכרמל; בית-אָורן; צום מפרץ; קרית-חיים; קבוצים אין קריה; רמת-יוחנן; קיבוצים אין מפרץ.

דער מערבדיקער גליל 35 — 47

עכו; הגנה-אַרעסטאַנטן; שבי-ציון; נהריה; יחיעם (דזשידין); חניתא; מצובה און אילון; ראס-אל-נקורה.

יגור און איר אומגעגנט 48 — 58

נשר; יגור; כפר-חסידים; שער-העמקים.

עמק יזרעאל 59 — 78

לאַנדשאַפט; ערשטע-טעג, וועגן און ווערטן; אַן אַר-בעטס-טאָג; ווירטשאַפטס-צווייגן.

גוש נהלל 79 — 92

נהלל; תנועת-המושבים; קרית עמל; גבעות-זייד; אלו-נים; עלית הנוער; כפר יהושע; שדה יעקב; בית שערים; רמת-דוד; גבת; שריד

חבל מנשה 93 — 98

יקנעם; הזורע; משמר-העמק; אויפן באַרג; עין-השופט; דליה; רמת-השופט; גלעד.

גדי עפולה 99 — 109

נצרת; גינוגר; צו עפולה; מרחביה; הקיבוץ הארצי; צענטראַלער שפּיטאַל; כפר-ילדים; דברת.

גוש עין-חרוד 146 — 110
פארציייטנס; אין דער תקופה; די ז׳ריטע עליה; גדוד-העבודה; בראשית-טעג; דער ריס; דער קוואל; כפר-יחזקאל; גבע; עין-חרוד; הקיבוץ-המאוחד; תל-יוסף; קינדער פון גלות; בית-השיטה; השומר-הצעיר; בית-אלפה; חפצי בה; בית הכנסת.
רמת-יששכר; מולדת; חמרה; כפר-קיש.

די בעדואינער 151 — 147

עמק בית שאן 164 — 152
בית-שאן; ניר דוד; מסילות; שדה נחום; קבוצות אין גוש; מעוז-חיים; כפר-רופין; רעליגיעזע קיבוצים; הקיבוץ הדתי; חרמונים; בית יוסף.

אין טעג פון רו און יום-טובים 176 — 165

הגליל התחתון 193 — 177
גלילה; אמאל; די קאלאניעס; דער יידישער ארבעטער; תמור; כפר-תבור; בית-קשת; כפר-החורש; סעדזשערא; „השומר"; שדמות-דבורה; כפר-חטין; יבנאל; בית-גן; אלומות-ביתניה; מנחמיה.

עמק הירדן 234 — 194
ארבעטער-קברים; רחל; דגניה ב׳; חבר-הקבוצות; בית זרע; אפיקים; אשדות יעקב; גשר; נהרים; שער-הגולן; מסדה; עין-גב; דער שאסיי טבריה — צמח; טבריה; מגדל; גינוסר.

הגליל העליון 251 — 235
לאנדשאפט; ראש-פינה; צפת; ביריה; עין-זיתים; אילת-השחר; יסוד המעלה; חולתא; דרדרה.

עמק החולה 275 — 252
לאנדשאפט; די קאנצעסיע; די צפון-גרענעצן; די התישבות; מטולה; כפר-גלעדי; דפנה און דן; מעיין-ברוך; בית-הלל; שאר-ישוב; כפר-סאלד; שמיר; להבות-הבשן; כפר-בלום; עמיר; שדה-נחמיה; נאות-מרדכי; מנרה-רמים; משגב-עם.

*** 276 — 275

***

דאָס בוך „אַזאַ איז אונדזער לאַנד", איז געשריבן אויפֿן יסוד פֿון די רע-פֿעראַטן אין ערשטן וועלט-סעמינאַר פֿון „דרור — החלוץ-הצעיר" (בייערן, מערץ — יוני 1947)· אין אַ געוויסער מאָס האָט זיך דער מחבר געשטיצט אויף זיין בוך „טיול בארץ" (העברעיש), וואָס איז דערשינען דורכן „החלוץ-העולמי" אין יאָר 1933.

דאָס בוך איז איבערגעגעבן געוואָרן צום דרוק נאָך אײדער דאָס ארץ-ישראל פּראָבלעם איז דעציִדירט געוואָרן דורך די פֿאַראייניקטע נאַציעס; נאָך איידער ס'איז באַקאַנט געוואָרן דער באַשלוס וועגן אויפֿשטעלן אַ יידישע מדינה אין אַ טייל פֿון לאַנד. דעריבער איז דער ענין נישט דערמאָנט אין בוך און ס'זע-נען אפילו נישט באַצייכנט די יידישע פּונקטן, וועלכע די דעציזיע האָט געלאָזט אויסערן שטח פֿון דער יידישער מדינה.

די טיילונג צערייסט אָבער נישט אונדזער בונד מיטן ג אַ נ צ ן ל אַ נ ד און מיט קיין איין יידישן פּונקט — די פּרוכט פֿון אונדזער שעפֿערישער מי און פּראַצע. עס קענען נישט צעריסן ווערן די פֿעדים, וועלכע זענען געוועבט געוואָרן צווישן אונדז און די פּאַרצייטיקטע שרידים. — צעזייט איבערן ג אַ נ צ ן ל אַ נ ד, איינגעפֿלאָכטן און פֿאַרהייליקט אין לעבן פֿון פֿאָלק.

און ווידער איז דאָס לאַנד געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַ פֿייער-פּראָבע אין גע-ראַנגל קעגן פֿיינט און צעשטערער.

צו דער געשיכטע פֿון יעדן יידישן פּונקט וואָס איז דערמאָנט אין בוך, זיי-נען צוגעקומען בלעטער דורכגעזאַפּטע מיט בלוט, ליידן און גבורה — אַזאַ איז אונדזער וועג צו זעלבסטשטענדיקייט און קיבוץ-גלויות אין א"י.

די איבערזעצונג לויטן העברעישן כתב-יד איז געמאַכט געוואָרן דורך נ ח ג ר י ס. די קאַפּיטלען: אין רו-טעג און יום-טובים; די בעדואינער; קינדער פֿון גלות; חניתא און די שלום-שורות — זיינען איבערזעצט דורך מ ש ה נ א ו א פ ר ו צ ק י, וועלכער האָט אויך געזאָרגט פֿאַר דער טרייקייט פֿון דער גאַנצער איבערזעצונג צום אָריגינאַל — זי זאָל אַנטשפּרעכן דעם א"י-דיקן לעבנס-שטייגער און אינהאַלט.

די בילדער — טיילווייז פֿון ק ר ן - ה י ס ו ד און טיילווייז פֿון חברים.



דער צפון-טיול פון א״י

* *
*

ארץ ישראל איז דער צענטראלער פונקט פון חלוצישער דערציונג אין גלות. שוין דא, אין גלות, דארף דער יונגער חבר, וואס דערציט זיך אין חלוצישן גייסט, לעבן מיט דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט, זיין צוגעבונדן צו א״י מיט שטארקע פעדים, וויסן וואס עס קומט דארט פאר, קענען די ליכט־ און שאטן־זייטן, באטייליקן זיך אין די פריידן און ליידן פון שאפונג, זיך פילן ווי איינער פון דער ארץ־ישראלדיקער אר־בעטער־משפחה. שוין דא דארף ער זיך איינגלידערן אין חלוצישן אויפבוי־ווערק, וואס ווערט רעאליזירט אין לאנד.

צו דעם צוועק לאזן מיר זיך איצט אין וועג אריין. מיר וועלן עולה זיין נאך פאר דער פאקטישער עליה, אפן אדער געהיים, ווי מעפּילים. מיר וועלן ארויף אויפן ברעג און וואנדערן איבערן לאנד, דורך בארג און טאל, פון ישוב צו ישוב, פון איין דארף אין אנדערן, פון איין מושבה צו דער צווייטער. מיר וועלן באטראכטן דאס ווערק פון דער נאענט, זיך צוהערן צו זיינע געבורט־ווייען, באקענען זיך מיט די בויער און שאפער אליין. מיר וועלן ווערן היימיש מיט דער לאנדשאפט, מיט די היסטארישע מאנומענטן פון אונדזער אמאליקן פאלקס־לעבן, און מיר וועלן קומען אין באריר־ונג מיט דער נייער ווירקלעכקייט, וואס ווערט געשאפן אין יעדן ארט, וווהין מיר קומען.

דעם שפאציר וועלן מיר מאכן צומיינסט צופוס. אזוי פירן זיך חלוצים־ארבעטער, וואס זיינען נאר וואס ארויס פון שיף. מיר וועלן שפאצירן פאמעלעך, ניט געאיילט זיך. די יידישע ישובים זיינען קאנ־צענטרירט און נאענט איינע צו די אנדערע. מיר וועלן אויך פארבלייבן אין זיי א ביסל, שמועסן מיט די חברים און הערן, וואס זיי האבן דא

דורכגעמאַכט, און דערנאָך וועלן מיר ווייטער שפּאַנען. מיר וועלן אויך באַגעגענען אַרבעטער אויף די פעלדער. אַמאָל וועלן מיר זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ וואָגן, וואָס פאָרט איבער אַ פעלד, אָדער פון איין ישוב צום צווייטן. ס'וועט אונדז אויך אויסקומען צו פאָרן מיט דער באַן און שנעל דורכפליען די שטחים, ווו ס'איז נאָך קיין קאָנצענטרירטער יידישער ישוב ניט געשאַפן געוואָרן. מיר וועלן אויך אָנשפּאַרן צו די וויסטע ערטער. דאָרט וועלן מיר נאָך שטאַרקער פילן דעם דורשט צו שאַפונג. ניט אומזיסט איז אַזוי גרויס די שטרעבונג צום נגב, צו מדבר־יהודה, צו מצדה, דער פעסטונג פון אַמאָליקער גבורה.



מ'שפּאַנט...

אַלץ ווערט אין לאַנד געשאַפן פון דאָס ניי: די נאַטור, די היימלאַנד, דער מענטש. ס'איז אַ היימלאַנד, וואָס האַלט ערשט אין ווערן. דערפון דרינגען געוויסע נייע באַגריפן, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן פון דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט. כדאַי זיך מיט זיי צו באַקענען איידער מיר לאָזן זיך אין וועג אַריין:

לאַנדשאַפט — אין טיפערן זין: די נאַטור, די סביבה,

אַלץ וואָס די אויגן זעען אַרום און אַרום. אין העברעאיש מיינט דאָס וואָרט נוף (לאַנדשאַפט) אויך: אַ צווייג און שיינקייט. און ווירקלעך, די נאַטור אין ארץ־ישראל האַלט זיך אין איין בייטן. מיר מאָלן אָן אויפהער די לאַנדשאַפט און זי ענדערט זיך פולשטענדיק. ווו מיר וועלן קומען וועלן אונדזערע אויגן ווערן פאַרכאַפט פון דער נאַטור־שיינקייט און פון די ענדערונגען, וואָס קומען כסדר פאָר.

שטייגער־לעבן (הוי אין העברעאיש) מיינט — מענטשן פייזאַזש, זיין לעבן, די געזעלשאַפט; אויך זיי האַלטן אין איין ווערן. אימעטום וואַקסט און גייט אויף אַ ניי־לעבן פון מענטש אין געזעלשאַפט, אַ סטאַביל לעבן אויף דורות. און לערנענדיק דאָס לאַנד, וועלן מיר אויך אין יעדן ישוב באַטראַכטן, וועלכע לעבנס־ און שאַפונגס־ווערטן זיינען דאָרט אויפגעקומען.

די היימלאַנד איז אַ סינטעז פון מענטש און נאַטור, לעבנס־שטייגער און לאַנדשאַפט. יעדער פונקט איז אַ פאַטערלאַנד פאַר זיינע איינוווינער, זיינע קינדער. דאָס איז אַ פערמאַנענטער דינאַמישער פראָצעס. מיט אָפענע אויגן וועלן מיר זיך צוקוקן צום סוד פון וואַקסן. מיר וועלן זען געצעלטן, באַראַקן, ניט פאַרענדיקטע געביידעס; מיר וועלן זיך איינהערן אין גערויש פון דער בויונג. דאָס איז דער ריטם פון נאָך ניט פאַרענדיקטער שאַפונג.

אַזוי וועלן מיר גיין פון ישוב צו ישוב. יעדער פונקט איז אַ סינטעז פון לאַנדשאַפט און שטייגער. יעדער פונקט פון ישוב האָט זיך זיין געשיכטע, זיין צונויפשמעלצונג פון פאַרשידענע עליה־שטראָמען, זיין דורכפלעכטונג פון פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, זיינע ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע ווערטן. אַזוי דאַרפן מיר פאַרשטיין די נשמה פון יעדן ישוב אין לאַנד.

און מיר וועלן ערשט דאַן פאַרשטיין, אַז דאָס לאַנד שמידט צוזאַמען דאָס פאָלק און דאָס פאָלק פורעמט אויס דאָס בילד און אויסזען פון לאַנד. *צוזאַמען בילדן זיי אַ פאָטערלאַנד.*

מיט אָט דעם באַוווסטזיין לאָמיר זיך לאָזן אין וועג אַריין.

חיפה מיט אירע טעכטער.

ח י פ ה — די פּאָרט־שטאָט אין צפון. דער טויער פון דער יידישער עליה אין ארץ־ישראל.

טויערן זיינען אייגענטלעך פאַראַן אַ סך. יעדער ברעג־ און גרענעץ־פונקט איז פאַר די יידן אַ טיר פאַר עליה. אָבער חיפה איז דער הויפּט־טויער. חיפה איז געוואָרן אויך דער מאַרטירער־טויער. לאָמיר פונדאַנען אָנהויבן אונדזער וועג איבערן לאַנד.

ח י פ ה איז פאַר די ענגלענדער אַ באַזע פאַר מיליטער און פלאָט, ווי אויך אַן אויסגאַנג פאַר נאַפט. פאַר אונדז איז זי אַ טויער פאַר אָפענער און געהיימער עליה. דאָ, אין די זייטן פון פּאָרט זעען מיר אונדזער מעפּילים־פלאָט, דעם סימבאָל פון יידישן גורל. שיפן פינצטערע און געשעדיקטע, וואָס האָבן אין די לעצטע נאָך־מלחמה־יאָרן געפירט מעפּי־לים קיין ארץ ישראל. יעדע מעפּילים־שיף האָט זיך איר געשיכטע, יע־דע — איר סימבאָלישן נאָמען. און יעדע שיף איז געפאַנגען גענומען דורכן בריטישן פלאָט, די מעפּילים זיינען פאַרשיקט, און די שיף אַליין שטייט דאָ פאַראַנקערט — ווי אַ געדענק־צייכן פונם פאַרברעך.

טויזנטער יידן האָבן שטורמיש איבערגעלעבט דאָס געפיל פון מ ש ה, וואָס האָט פון וויטן דערזען דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, אָבער איז אַהין נישט אריינגעקומען. זיי האָבן געזען די באַרגיקע חיפה, וואָס איז אויסגעשפּרייט לענג־אויס און צופוסנס פון כרמל־באַרג. ביינאַכט האָבן זיי איר געזען מיט אירע טויזנטער ליכטן, און דעם אילומינאַציע־קראַנץ פון ביידע זייטן שאָסיי, וואָס שלענגלט זיך איבערן באַרג.

חיפה איז די שטאָט פון דער צוקונפט. הערצל האָט נאָך פאָרויס־געזאָגט איר גרויסקייט. אַ העלע, אַ נייע, אַן אָפענע צו דער נאַטור — צום ים און עמק — אָטעמט זי מיט ממשותדיקער אויפבוי־אַטמאָספער. אין איר וועזן איז זי אַ רעאַליסטישע. דאָ פעלט די הייליקייט פון ירו־

שלימער טראַדיציע און ס'איז ניטאָ די שטאָטישע לייכטע קולטור פון תל־אביב. דאָ הערשט די פרייד פון שאַפונג. אַ שטאָט פון אַרבעט און אינדוסטריע. ניט אומזיסט געפינט זיך אין צענטער פון חיפה דאָס העברעישע טעכניקום.

אַלט-חיפה

פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַ סך יאָרן שפּעטער, איז חיפה געווען איינגעפּרעסט אין אַ שמאָלן פּאַס ערד, וואָס דער שרון האָט אַריינגעוואָרפן צווישן ים און כרמל־באַרג. דאָס איז אַלט־חיפה, וואָס איר באַפעלקערונג איז אַ געמישטע: אַראַבער און יידן. נאָך היינט ברויזט זי מיט לעבן און באַוועגונג. אין צענטער געפינט זיך דער גרויסער פּאָרט. דאָ אונטן איז אַ וויכטיקע באַוועגונגס־אַרטעריע צו דרום, מזרח און צפון — צו תל־אביב, צו די טאָלן, צום צפון־טייל פון לאַנד און סיריע.

שטעל זיך אָפּ ביי דער סטאַציע פון „אגד" וועסטו זען אַזאַ בילד: יידישע אויטאָס קומען אָן איינער נאָכן אַנדערן, לאָזן אַראָפּ פּאַסאַזשירן און נעמען אויף פרישע. פון דאַנען שפּרייט זיך אויס אַ נעץ פאַרבינדונגען צו דעם באַרגיקן יידישן שטאָט־טייל און צו אַנדערע פאַרשטעט. אין די פרימאָרגן שעה'ן זעסטו אויטאָס פון די עמק־ווירטשאַפטן געפירט מייסטנס דורך אייגענע חברים. עס קומען צופאָרן אין דער צפון־הויפּט־שטאָט צו דערליידיקן זייערע געשעפטן די פאָרשטייער פון משקים, די קאַסירערס, לייטערס פון באַזונדערע ווירטשאַפטס־צווייגן אא"וו. דאָ שטייען אויך מענטשן־רייען, וואַרטנדיק אויף אויטאָס אַהיים־צופאָרן. אַנטקעגן געפינט זיך דער קאָאָפּעראַטיווער רעסטאָראַן פון דער הסתדרות. דאָ קאָנסטו איבערבייסן, באַגעגענען באַקאַנטע, צוואַרטן.

די הויפּט־גאַס פון דער אונטערשטער טייל שטאָט איז רחוב המלכים, אַ נייע גאַס אין דער אַלט־שטאָט פון חיפה, וווּ ס'זיינען ביז נישט לאַנג געווען בלויז שמאָלע געסלעך. אָט די גאַס, אויפגעבויט צוגלייך מיטן פּאָרט, איז ברייט, באַלעבט, ברויזנדיק. דאָ שטייען הויכע און שיינע בנינים, געשעפטן און אַמטן. נאָר די שטעכלדראָטן, וואָס רינגלען אַרום געוויסע מלוכה־געביידעס באַפלעקן דעם אויסזען פון דער גאַס און פאַרמיאוסן די מענטשן־געפילן. זיי זיינען סימבאָלן פון דער בריטישער הערשאַפט פון „ווייסן־בוך".

דער פּאָרט

פון רחוב מלכים קומט מען צו דער גאַס וואָס פירט צום טויער פון פּאָרט. לינקס — דאָס הויז פון דער סוכנות (יידישע אַגענץ). דאָ קענסטו טרעפן: די ועדות־העליה פון קיבוצישע קערפּערשאַפטן, וועלכע קומען אויפנעמען די עולים פון יעדער שיף, וואָס פאַראַנקערט אין פּאָרט. גלייכצייטיק שטייען ביים טויער פון פּאָרט מענטשן, וועלכע וואַרטן אָפּ זייערע אָנגעקומענע קרובים. אַ טייל זייענען זוכה אַריינצוקומען אינעווייניק. דאָס רעכט אַריינצוגיין האָבן בלויז אָנגעשטעלטע און אַרבעטער פון פּאָרט.

ס'זיינען געווען צייטן, ווען דו האָסט געקענט זען דורך די שטאַכעטן פון טויער די עולים וואַרטנדיק ביי באַן־וואַגאָנען וואָס דאַרפן זיי איבערפירן דערווייל אין לאַגער פון עתלית. איצט, אין ציפערן־פּעריאָד, זעט מען דאָס זייער זעלטן.

דער חיפהער פּאָרט איז אויפגעבויט געוואָרן אין די יאָרן 1929-1931. צוויי לאַנגע אָרעמס, וואָס ציען זיך אין ים אַריין, פאַרמאַכן אים פון בײדע זייטן. איין אָרעם, דער לענגערער, האָט 2250 מ' די לענג, דער צווייטער — 765 מ'. דאָס זענען די כוואַליעס־ברעכער געריכטעט איינער אַנטקעגן דעם צווייטן, און לאָזן אַן אַריינגאַנג פאַר די שיפן—180 מ' די ברייט. די הייך זייערע באַטרעפט 4 מעטער. בויענדיק דעם פּאָרט האָט מען 340 דונאַם ים פאַרוואַנדלט אין טרוקעניש און אויפגעשטעלט פּאָרט־געביידעס, סקלאַדן, און אַ באַן־ליניע, וואָס שניידט דורך דעם פּאָרט. בעתן בויען דעם פּאָרט זיינען געווען אַ סך יידישע אַרבעטער באַשעפטיקט ביים האַקן שטיינער אין עתלית. אנדערטהאַלבן מיליאָן קוביק־מעטער שטיינער זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן פון די אַלטע שטיינ־האַקערייען אין עתלית, און איבערגעפירט געוואָרן אַהער, כדי אויפצובויען די דאָקן.

דער פּאָרט איז אַ וויכטיקע שליסל־פּאָזיציע אין דער עקאָנאָמיק פון לאַנד. פון סאַמע אָנהויב זיינען געמאַכט געוואָרן אָנשטרענגונגען מצד דער יידישער אַרבעטערשאַפט צו פאַרפעסטיקן זיך אין די דאָזיקע אַר־בעטס־פּאָזיציעס. הויפּטזעכלעך האָבן זיך באַמיט די קיבוצים. הקיבוץ המאוחד האָט אָנגעוואָנדן אַ סך מי אויפצושטעלן נישט ווייט פון חיפה קיבוצים, וואָס זאָלן אויספירן די דאָזיקע כיבוש־אויפגאַבע. אויף אַזאַ



קיבוץ-חברים ביי ים-אַרבעט

אופן איז אַנטשטאַנען פּלוגת־הים, היינט משמר הים, וועלכע האָט זיך באַזעצט אויפן באָדן פון חיפהער איינגוס, אַזוי איז אַנטשטאַנען די קבוצה שדות־ים, וואָס אַרבעט נאָך איצט ביים ים אין קיסריה, און נאָך איר די קבוצה החותרים, וואָס לעבט שוין זייט יאָרן פון פּאָרט־ און ים־אַרבעט. עס איז געווען אַ צייט, ווען דער קיבוץ האָט מאָביליזירט צענדליקער חברים פון אַלע צפונדיקע פלוגות צו דער פּאָרט־אַרבעט און דורך דעם מיטבאַטייליקט די מערהייט פון זיינע משקים אין דעראָבערן די ים־אַרבעט. ס'איז געווען אַ שווערע פּראצע. טאָג און נאַכט, אָן באַשטימטע שעהן. אויך קיבוצים פון השומר הצעיר און חבר הקבוצות האָבן דאָ געאַרבעט. מועצת־פּועלי־חיפה (דער אַרבעטער־ראַט) האָט אויך געמאַכט גרויסע באַמיאונגען, אַז יידישע אַרבעטער זאָלן אַריינדרינגען אין דער פּאָרט־אַרבעט, און ערב דער וועלט־מלחמה זיינען דאָ טאָג־איין טאָג־אויס געווען באַשעפטיקט ביי 1000 מאַן און אויסגעטראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט בעת די אומרועו, ווען די אַראַבער האָבן געשטרעבט

צו פאראליזירן די ארבעט פון פארט. ניט לייכט איז אנגעקומען דעם יידישן ארבעטער אויסצוהאלטן דא, האבנדיק קעגן זיך דעם דערפארענעם אראבישן ארבעטער. שווער איז געווען צו זיין א טרעגער, ארבעטן ביים ווינטש און נישט איינמאל האבן די פרעמדע ארבעטער געחוזקט איבערן יידישן. און דאך האט זיך אויסגעבילדעט א יידישער ים־ארבעטער, פונקט ווי אין דער לאנדווירטשאפט. לויט דער איניציאטיוו פון מועצת־פועלי־חיפה זיינען געבראכט געווארן אהער יידישע פארט־ארבעטער פון סאלאניקי, באזונדערע טיפן פון יידישע ים־לייט, וואס טיילן זיך אויס מיטן אויסזען, כאראקטער, הילך און אפילו אין אופן פון טרינקען. פריער, איידער די סאלאניקער קהילה איז חרוב געווארן, האבן דארט הונדערטער יידן געארבעט אין פארט. פון זיי האט זיך א טייל דערקייקלט אהער.

דער פארט אין חיפה, דער גרעסטער אויפן נאענטן מזרח, באדינט אויך דעם הינטערלאנד, וואס האט כמעט קיין פארט ניט. אהער שטראמט נאפט פון איראק און גלייכצייטיק דינט ער ווי א באזע פארן קריגס־פלאט. דער גרעסטער טייל פון אימפארט גייט דורך אים. פון די 2850 שיפן, וואס האבן פאראנקערט אין די פארטן פון לאנד אין 1946, איז די מערהייט אויסגעפאלן אויף חיפה. אויפגעלאדן האט מען דא 2.700.000 טאן סחורה, אויסגעלאדן נאך מער אין משך פון זעלבן יאר.

ווען ס'האבן אנגעהויבן קומען די מעפילים־שיפן איז איינגעפירט געווארן אין פארט א מיליטערישער רעזשים. מ'האט אהער געבראכט א סך מיליטער צו באוואכן דעם פארט און די שיפן קעגן אן אנגריף אדער אן אטענטאט בעת מ'וועט מיט געוואלט אראפשלעפן די מעפילים פון זייער שיף. די ים־כוואליעס זיינען געווען עדות פון פיל טראגישע און העלדישע סצענעס — בלעטער פון דער מעפילים־מארטיראלאגיע. דא איז פארגעקומען דער פאל מיטן שיף „פאטריא" אין 1940, וואס איז געזונקען מיט טויזנטער מעפילים, פון וועלכע הונדערטער זיינען אומגעקומען. יידישע הענט האבן אליין אויפגעריסן די שיף בעת מ'האט זיי געוואלט דערווייטערן פון לאנד. פון דאנען האט מען אויך פארטריבן די מעפילים פון „אטלאנטיק" אין מאוריציוס, וווּ זיי זיינען אפגעזעסן געצוווּנגענערהייט די גאנצע מלחמה־צייט.

דאָ שפּילט זיך אָפּ די געשיכטע פון די שיפן, וואָס ווערן פאַר־טריבן קיין ציפּערן, אָנהויבנדיק מיט „יגור", וועלכער איז אָנגעקומען אין לאַנד נאָך דער באַלאַגערונג פון יגור בעתן זוכן געווער, ביז צום



אַ מעפּילים־שיף ביי חיפער פּאָרט

שיף „יציאת איירופּה 1947" (עקזאָדוס 1947) מיט די 4500 מעפּילים און אַנדערע, וואָס קומען און וועלן קומען.

דער פּאָרט איז געווען אַ שטומער עדות צו אַנטפּלעקונגען פון שטי־לער גבורה מצד ארץ ישראלדיקע בחורים, וועלכע האָבן שווימנדיק אין דער נאַכט־פינצטערניש זיך אַריינבאַקומען אין פּאָרט און — טראָץ דער שטאַרקער שמירה, בראָזשעקטאָרן און די טיפקייט־באָמבעס — אויפגעריסן די פאַרשיקונגס־שיפן. הייַנט מוז מען שווייגן וועגן דעם הע־

ראַישן קאַפּיטל פון דער יידישער יוגנט, אָבער ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען ס'וועט וועגן דעם דערציילט און געשריבן ווערן.

נאָענט פון פּאַרט איז דער נאַפט־פּאַרט, ניט ווייט פון אים — רוטענבערגס ענערגאַ־סטאַציע, די ערשטע יידישע סטאַציע פון עלעקטרישער קראַפט.

הדר־הכרמל

פון דער אונטערשטער טייל שטאָט קען מען אַרויפגיין צופוס צו הדר הכרמל. די גאַסן שלענגלען און וויקלען זיך האָריזאָנטאַל, כדי צו פאַרלייכטערן די ראָד־באַוועגונג. דאָ און דאָרט פירן טרעפּן פון איין גאַס צו דער צווייטער. אין געציילטע מינוטן קאָן מען זיך דערלאַנגען פון הדר־הכרמל צו דער נידעריקער טייל שטאָט. אַ שטענדיקע קאָמוניקאַציע־ליניע פירט מענטשן אַרויף און אַראָפּ.

שפּאַצירסט אויף די רוקנס פון כרמל און דעם באַרג אַליין זעסטו ניט. אמת, דאָ און דאָרט זעסטו, ווי פעלזן שטאַרן אַרויס פון דער באַרגיקער, פּרוכטבאַרער ערד, אָבער די שאָסייען, טראָטואַרן און הייזער האָבן דעראָבערט דעם באַרג און נאָר פונוויטנס, אויבן און אין די זייטן, זעט מען קוסטעס, ביימער און פעלזן. דאָס איז דער כרמל, דער פון תנ"ך, דער פּרוכטבאַרסטער פון אַלע בערג. כרמל — כרם אל (גאָטס־ווייַנגאָרטן) איז אַ סימבאָל פון וואַקסן, פרישקייט, שיינקייט און אַלטערטום. באַרג־אייגנשאַפטן און ים־נאָענטקייט האָבן זיך דאָ פאַרייניקט און פונדאַנען נעמט זיך די רייכקייט פון רעגנס, טוי, פרישקייט פון געוויקסן. דער כרמל איז תמיד גרין, אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. שאָטנדיקע וועלדלעך און אַ מענגע קוסטעס פאַרדעקן זיין נאַקעטקייט. פון די פעלזן־שפּאַלטן שפּראָצן אַרויס קוסטעס און בלומען — דער באָדן איז אַ פעטער און פּרוכטבאַרער. דער תנ"ך האָט באַקרוינט דעם כרמל ווי דעם סימבאָל פון שיינקייט. דער דיכטער פון שיר־השירים זינגט וועגן זיין געליבטע: „ראשך עליך ככרמל" (דיין קאָפּ אויף דיר איז ווי דער כרמל). די נביאים, וואָס האָבן פאַרויסגעזאָגט די צוקונפט פון לאַנד און פון דער וויסטקייט האָבן זיך אויסגעדריקט: „והיה מדבר לכרמל" (און דער מדבר וועט זיך אין אַ כרמל פאַרוואַנדלען). דאָ, אין די באַרג־

באַהעלטענישן זיינען פאָרגעקומען פיל היסטאָרישע פאַסירונגען. מיט די סטעזשקעס פון באַרג זיינען אונדזערע אבות געגאַנגען פאַשען די שאָף. דאָ האָט אליהו הנביא פאַרברענט די מזבחות פון בעל. אין די שפעטערדיקע תקופות האָבן דאָ אין די היילן זיך אויפגעהאַלטן אַסקעטן און אויף די באַרג־פלאַכן זיינען אויפגעבויט געוואָרן קלויסטערס.

דער כרמל איז 596 מ׳ איבער דער ים־פלאַך, און ציט זיך ביז בנימינה און שומרון־בערג, וועלכע ס׳טיילט אָפ פון כרמל דער וואַדי מילח. אין וואַדי איז דורכגעפירט אַ כביש, וואָס פאַרבינדט דעם שרון מיטן עמק־יזרעאל.

ה ד ר ה כ ר מ ל, אין אָנפאַנג אַ קליינע יידישע פאָרשטאָט ביי חיפה, ציילט היינט 45.000 יידן, און פאַרנעמט גרויסע שטחים אויף דעם רוקן פון באַרג. די הייזער שטייען אויף דער הויך פון 80 ביז 140 מעטער איבערן ים־פלאַך. די שטאָט איז אַ יונגע, די שיינע הייזער גלאַנצן פון פרישקייט, די דעכער זיינען אַלע פלאַכע.

גיי אַרויף אויף אַ דאַך און באַטראַכט די שיינע לאַנדשאַפט, וואָס שפרייט זיך ווייט אויס: ים, טאָל, בערג. דער ברעג נעמט אַרום דעם ים, און די בערג נעמען אַרום דעם טאָל. דו זעסט אַ ברייטן ים, דעם טאָל פון איינגוס, די פאָרשטעט — אַ בלאָק יידישע ישובים אין עמק ביז צו דער צפון־שטאָט עכו. אויפן ראַנד פון מפרץ. דו שטרענגסט אָן דיין בליק און זעסט נאָך ווייטער פון עכו נ ה ר י ה מיט איר ווייסן, בלאַנקנ־דיקן טורעם. אין אַ העלן טאָג אונטערשיידסטו אפילו צווישן די גליל־בערג די סערפענטינע פון חניתה־כביש, וואָס טיילט זיך אויס מיט זיין ווייסקייט פון די בערג. פון גאָר, גאָר ווייט, הינטער אַלע בערג־אַקסלען, שטאַרט אַרויס דער ווייסער קאָפ פון חרמון.

אין צענטער פון ה ד ר ־ ה כ ר מ ל — דער הויף פון טעכניקום און רעאַל־שול. דער גרויסער הויף איז אַרומגענומען מיט אַ מויער. דער צענ־טראַלער בנין איז דער ט ע כ נ י ק ו ם. אָנגעהויבן צו בויען האָט מען אים נאָך פאַר דער ערשטער מלחמה. דער „הילפס־פאַריין פון דייטשע יידן" („עזרה") האָט אים געבויט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלייגט אין לאַנד אַ נעץ פון פאָלקס ־ און מיטל־שולן מיטן לערער־סעמינאַר אין ירושלים. אָבער די לערן־שפּראַך איז געווען דייטש. היינט זעט דאָס אויס מאָדנע

און ס'איז שווער צו גלייבן, אַז אַמאָל איז דער גרעסטער טייל פון יידי־
שער דערציונג אין לאַנד געווען ניט אין אונדזער שפּראַך, נאָר אין פרעמ־
דע. די רעליגיעזע דערציונג אין חדרים און ישיבות איז געפירט געוואָרן
אין יידיש; די געזעלשאַפט „אַליאַנס" האָט געפירט אירע שולן אין
פראַנצויזיש. יאָרן האָט זיך דער ענין אַזוי געצויגן, ביז אין אַ שיינעם
טאָג האָבן די שילערס, נאָך זיי אויך די לערערס, דערקלערט אַ שטרייק
און געפאָדערט איינצופירן העברעיש אַלס די לערן־שפּראַך. אַ שטויס
דערצו האָט געגעבן דער באַשלוס פון קוראַטאָריום פון טעכניקום, אַז
די ערשטע יאָרן וועט די לערן־שפּראַך זיין דייטש. דער ענין האָט אַרויס־
גערופן אַ שטורעם פון פּראָטעסטן אין לאַנד און אין גלות. דער בונט פון
די שילערס האָט באַקומען די פולע אונטערשטיצונג פון דער א"י־דיקער־
אַרבעטער־באַוועגונג. דער דאָזיקער בונט האָט דערפילט אַ מיסיע אין
אויפבוי פון זעלבשטענדיקן שול־וועזן אין לאַנד, וואָס האָט זיך באַפרייט
פון דער אָפּהענגיקייט פון פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן, פאַר וועלכע
דער ציוניזם און העברעיש איז געווען פרעמד.

דער דאָזיקער „אויפשטאַנד" האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַנ־
דערע לענדער. ס'איז געזאַמלט געוואָרן אַ סך געלט פאַר בויען העברעי־
שע שולן, וועלכע האָבן קאָנצענטרירט די פריערדיקע „עזרה"־שילער.
דאָס איז געשען ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דער מלחמה־צייט
זיינען די „עזרה"־שולן פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן און אַריבער
אין דער נעץ פון העברעישן שול־וועזן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו
אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און מיט איר
אונטערשטיצונג.

דער טעכניקום דערלערנט טעכניש־וויסן פון אַ הויכער מדרגה. פאַ־
ראַן אָפּטיילונגען פון אינזשיניערן, אַרכיטעקטן, טעכנאָלאָגן אאַ"וו. פאַ־
ראַיאָרן האָט זיך געעפנט אַ כעמישער פאַקולטעט א. נ. פון פּראָפ. וויצ־
מאַן. דער אַנשטאַלט פאַרמאָגט אַ סך לאַבאָראַטאָריעס, וועלכע באַדינען
די אָרטיקע אינדוסטריע. אין מלחמה־צייט האָבן זיי געאַרבעט פאַרן ענג־
לישן מיליטער. פאַראַן אויך ביים טעכניקום אַ ים־שול, און זיינע שילער
וועסטו דערקענען לויט זייער מאַטראָזן־אוניפאָרמען. 800 אַביטוריענטן
האָבן שוין געענדיקט דאָס טעכניקום. 600 תלמידים לערנען דאָרט איצט,

פון זיי 100 דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, 50 פון דער בריטישער און 50 פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי.

די הסתדרות אין חיפה

מיט העכער 25 יאָר צוריק איז צווישן די ווענט פון טעכניקום פאָרגעקומען אַ היסטאָרישע קאָנפערענץ, די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער „הסתדרות הכלל ית של העובדים העברים בארץ ישראל". ס'איז געווען חנוכה, דעצעמבער 1920. דאָ איז זיך צונויפגעקומען די אַרבעטער־באַוועגונג, כדי אויפצושטעלן אַ פאַרייניקטן כוח פון דער אַרבעטערשאַפט פאַר אויפבוי, קאָלאָניזאַציע, עליה, הגנה. 4400 חברים האָט געציילט די הסתדרות ביי דער גרינדונג. זייט דעמאָלט האָט זי זיך פאַרמערט 40 מאָל אַזויפיל.

די הסתדרות אין חיפה איז גוט אָרגאַניזירט און לאָזט זיך מערקן אין לעבן און בויאונג פון דער שטאָט. ניט אומזיסט רופט מען די שטאָט „די רויטע חיפה". דאָ, אין דער שטאָט פון בויאונג און שווערע אינדוסטריע, איז דער אַרבעטער־קלאַס געווען מער אָרגאַניזירט ווי אין אַנדערע שטעט, און זיין השפעה אויפן אויסזען פון חיפה איז געווען אַ גרויסע.

ניט ווייט פון טעכניקום אין רחוב „החלוץ" געפינט זיך אַ גרויסער בלאָק הייזער פון דער הסתדרות, צווישן זיי דאָס הויז פון חיפהער אַרבעטער־ראַט (מועצת־פועלי־חיפה) מיט אַלע זיינע אינסטיטוציעס, צענטראַלעס פון פראָפעסיאָנעלע פאַריינען, „ביתנו" (אונדזער הויז), אַן אַרבעטער־היים — אַ צענטער פון קולטור־טעטיקייט; ניט ווייט איז דער אַמפיטעאַטער, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פרייוויליק דורך די אַרבעטער אַליין און פאַרמאָגט טויזנטער זיץ־פּלעצער — אַן אָרט פאַר צוזאַמענקונפטן און פייערונגען פון חיפהער אַרבעטער, דאָ געפינט זיך דער קאָאָפּעראַטיווער רעסטאָראַן און ווייטער — איינער פון די אָפּטיילן פון קופּת־חולים (קראַנקן־קאַסע). אין די אָוונטן ברויזט רחוב „החלוץ" פון מאַסן אַרבעטער, וואָס קומען אין בית־המועצה, אַ סך — כדי זיך טרעפן מיט באַקאַנטע און פריינט; אַנדערע באַלאַגערן דער אריינגאַנג פון אַמפיטעאַטער כדי צו זען אַ נייעם פילם. דאָ זעסטו דייטלעך אויך נעגאַטיווע שטריכן אין שטייגער לעבן פון שטאָטישן אַרבעטער, וואָס פטרט אַ טייל פון זיין פרייע צייט אינהאַלטלאָז און אויף גאָרניט.

די הסתדרות אין חיפה האט ארום 30.000 חברים, פון וועלכע א סך ארבעטן אין גרויסע אונטערנעמונגען. אין חיפה איז דער צענטער פון „סולל בונה", די אונטערנעמונגס־אינסטיטוציע פון דער הסתדרות וואס פירט אויס עפנטלעכע און בוי ארבעטן. אין די לעצטע יארן האט זי אויך דערוואָרבן און געשאפן אייגענע גרויסע אינדוסטריע־אונטערנע־מונגען ווי „נשר", „שמן", „וולקן", „פיניציה" אא"וו — פון די גרעס־טע פאבריקן אין לאנד.

הדר־הכרמל איז דער גרעסטער יידישער צענטער אין חיפה. אמת, ניט דא געפינט זיך דער פאבריק־צענטער און א סך פון זיינע איינוווי־נער ארבעטן אין די פארשטעט, אדער זיינען פארבונדן קאמערציעל מיטן פארט און אונטערשטן טייל שטאט. רחוב הרצל איז די צענטראלע באוועגונגס־ארטעריע, אנדערע גאסן זיינען מער רויקע.

שכונת הכרמל

פון הדר־הכרמל פירן שאסייען בארג־ארויף צום כרמל. אויף א הויך פון 200 מ' געפינט זיך שכונת הכרמל. דא געפינען זיך פארשידענע קווארטאלן; דער יידישער מיט זיינע 6000 איינוווינער איז דער גרעסטער. די הייזער שטייען זיך אין שאטן פון די וועלדלעך, אפגעזונדערט איינע פון די אנדערע. שיינע ווי־לעס, פיל שאטן. אויף דער הייך פון בערג עפענען זיך ברייטע האריזאנטן: דו אטעמסט די בארג־לופט, זעסט פאר זיך ים און ווייטקייט. זומער־צייט קומען אהער א סך מענטשן זיך אפרוען. שטילקייט, רו, מרחב, שטילע ווינקלען און פרעכטיקע פייזאזשן.

אין עק פון דער שכונה — דאס הויז פון רוטענבערג, וואס ער האט פאר זיין טויט געשענקט דער יידישער יוגנט אין לאנד. א שיינער הויף, א פרעכטיק הויז. דא האט געוווינט ביי זיין לעבן פנחס רוטענבערג,—באַ־קאנט פון דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע. ער האט זיך נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה צוריקגעקערט צו זיין פאלק, געקומען קיין ארץ ישראל, מיטבאַגגענדיק מיט זיך די אידיי פון עלעקטריפיצירן דאס לאנד און עס רעאליזירט אין נהרים, חיפה, תל־אביב. זיין לעצטער ווונטש איז געווען, אז זיין הויז זאל דינען די דערציערישע אויפגאבן פון דער יוגנט; פון צייט צו צייט ווערן דא איינגעאָרדנט סעמינארן פון די

יוגנט־באַוועגונגען. גרויסע צימערן, טעראַסן, אַ רייכע ביבליאָטעק — דאָס אַלץ שאַפט אַ שטימונג ביי די קורסאַנטן. דאָ זיינען אויך דורכ־געפירט געוואָרן סעמינאַרן פאַרן אַקטיוו פון דער הסתדרות. אין די לעצטע יאָרן איז דער הויף קאָנפעסקירט געוואָרן עטלעכע מאָל דורכן בריטישן מיליטער, און דערמיט בטל געמאַכט דאָס לערנען. דער אָנ־דענק פון פאַרשטאָרבענעם, זיינע אויפטועו פאַרן גאַנצן לאַנד, האָבן ניט אָפּגעהאַלטן דער מיליטערישער מאַכט אין לאַנד פון אַזאַ שריט.

אויפן כרמל געפינט זיך אַ סאַנאַטאָריע פון דער קראַנקן־קאַסע. ניט ווייט פון איר — „אחוזת הרברט סמואל”, אַ. נ. פון ערשטן יידישן הויך־קאָמיסאַר. אויפן כרמל שפּרייטן זיך אויס גרויסע יידישע ערד־שטחים, אַ באַזיס פאַרן וווּקס פון יידישן חיפה. פון באַרג פירט אַ וועג צו יערות הכרמל און צום באַרג־ישוב, צום קיבוץ בית־אורן.

בית אורן

דער וועג צו בית־אורן שניידט אַדורך באַרג־שטחים, פאַרזיי־פעלדער און אַראַבישע ישובים. אין דער דאָזיקער סביבה האָבן יידישע פּריוואַטע געזעלשאַפטן איינגעקויפט גרויסע שטחים, אָבער ביז היינט זיינען זיי ניט באַאַרבעט און ניט באַזעצט. בעת די אומרועו האָבן אין יערות־הכרמל געלאַגערט יידישע נוטרים (צוגאָב־פּאָ־ליציי), וואָס האָבן געהיט די געגנט און די ערד־שטחים. אַ טייל פון זיי איז געפאַלן אין אַן אכזריותדיקן קאַמף, ווען זיי זיינען אַרויפגעפאַרן אויף אַ מינע. נאָך היינט איז דאָרט פאַראַן אַ קליינער יידישער ישוב אין אַ באַפעסטיקטן הויף. פון דער דאָזיקער ערד האָט מען אָפּגעטיילט אַ קליינעם שטח, איבער 1000 דונאַם באַרג־ערד, באַשטימט פאַר קבוצת „הבחרות הסוציאליסטית”. די קבוצה, וואָס איז געקומען פון מגדיאל, האָט זיך באַזעצט אויף דעם קליינעם שטיקל ערד, בעת אַרום און אַרום געפינען זיך גרויסע, פרייע יידישע שטחים, וואָס זענען ניט באַאַרבעט. די קבוצה האָט פעיק־געמאַכט דעם באַרג־שטח צו לאַנדווירטשאַפט, איינ־געאָרדנט טעראַסן, געזעצט פלאַנצן, אַנטוויקלט פאַרשיידענע ווירטשאַפט־צווייגן, שאָף און בינען־צוכט, פאַר וועלכע ס'זיינען דאָ פאַראַן גוטע באַ־דינגונגען. אָבער דער דוחק אין באָדן לאָזט זיך שטאַרק פילן אין דער אַנטוויקלונג פון דער קבוצה, און ס'לאָקן זיי די יידישע שטחים, וואָס ליגן נוצלאָז אַרום זיי, און דער באָדן אין טאָל, צופוסנס פון די בערג.

בית־אורן געפינט זיך אין א שיינער לאנדשאפט אין שוים פון כרמל, דו בלאנקעסט ארום, קוקסט אראפ און זעסט רעשטלעך פון פארברענטע וועלדער, דעם קליינעם קוואל צווישן די וואנוואזן, שיינע פלאנצונגען אויף בארג־טעראסן. אין דער קבוצה גופא זעסטו דאס שיינע אפרו־הויז. וואס איז אויפגעשטעלט געווארן מיט גרויסע אנשטרענגונגען און איז איצט א וויכטיקער ווירטשאפט־צווייג, און די שלאסעריי, וואס האט פאר זיך א צוקונפט.

בית־אורן איז געשאפן געווארן דורך א גרופע פון דער „הבחרות הסוציאליסטית". דאס איז געווען די שוועסטער־באוועגונג פון דער א"י־דיקער ארבעטער־פארטיי נאך פאר דער שפאלטונג, און האט געהאט אלס ציל צו ארגאניזירן יוגנט צווישן 18-23 יאר. יינגערע האט זי ניט געטארט אננעמען, ווייל דאס איז שוין געווען די קאמפעטענץ פון „הנוער העובד". אזויארום האט די „בחרות" אריינגענומען א סך יוגנטלעכע, וואס אריבערגייענדיק פון הנוער העובד אין דער הסתדרות האבן זיי ניט געפונען דארט פאר זיך קיין פאסיקע יוגנט־סביבה. אט די באוועגונג איז געווען טעטיק דער עיקר אין די שטעט, האט ארומגענומען הונדערטער בחורים און בחורות, האט אויסקריסטאליזירט עטלעכע חלוצישע קאדרן, וואס האבן זיך אנגעשלאסן אן הקיבוץ המאוחד. אלס א שוועסטער־באוועגונג פון „פרייהייט" אין גלות, האבן דארט געארבעט אירע שליחים. אין מלחמה־צייט, ווען ס'איז ארוים א מאביליזאציע־באפעל פאר אלע יוגנטלעכע אין לאנד, האט זיך די מערהייט פון „בחרות" איינגעגלידערט אין די יידישע פארמאציעס, און דעריבער איז די באוועגונג געוועלעך פאראליזירט געווארן. דערווייל איז פארגעקומען די שפאלטונג אין מפא"י. די „בחורות" האט אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אויף איר ארט איז אויפגעקומען די „משמרת צעירה" פון מפא"י און „נוער לאחדות העבודה". קערנער פון דער „בחרות" געפינען זיך אויך אין שפיים אין גליל־ים.

בית־אורן האט צווישן אנדערע אויך חברים פון דער רומענישער „דרור"־עליה. דא איז אויפגענומען געווארן דער גרעין פון צפון־אפריקה — די ערשטע פרוכט פון חלוצישער יוגנט אין דעם וועלט־טייל. דער גרעין האט פארגעזעצט זיין הכשרה אין בית־השיטה און היינט בילדעט ער

אַ זעלבשטענדיקע פּלוגה פון הקבוץ המאוחד אין כפר־סבא. חברים פון בית־אורן האָבן זיך די ערשטע דערשלאָגן קיין צפון־אַפריקע, און אַנגע־קומען ווי פּאַראַשוטיסטן בעת דער לעצטער מלחמה אין די פיינטלעכע לענדער.

אין דער באַפרייונגס־נאַכט פון די מעפּילים אין עתלית, איז בית־אורן אַרומגערינגלט געוואָרן דורכן ענגלישן מיליטער. די „הגנה" האָט דורכגעפירט אַ געוואַגטע אָפּעראַציע: אָנגעגריפן אין אַ געוויסער נאַכט דעם באַפעסטיקטן און אַרומגעצאַמטן לאַגער אין עתלית, וווּ ס'זיינען געווען הונדערטער מעפּילים, וועלכע די רעגירונג האָט געהאַט בדעה צו פאַרשיקן, און זיי אַרויסגעפירט אין די בערג. מיליטער האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגן, האָט אַרומגערינגלט בית־אורן, מיינענדיק, אַז דאָ איז דער ערשטער שוץ־אַזיל פון די באַפרייטע. טויזנטער יוגנטלעכע און דערוואַקסענע פון חיפה האָבן זיך געלאָזט צו הילף די באַלאַגערטע. די מעפּילים האָט מען, ווי באַוווּסט, ניט אַנטדעקט. זיי זיינען די גאַנצע נאַכט גע־גאַנגען מיט באַרג־וועגן אונטער דער אָנפירונג פון די „הגנה"־לייט ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין יגור.

איינזאַם שטייט בית־אורן אין דער באַרגיקער געגנט, שטרעבנדיק זיך צו פאַרגרעסערן, דעראָבערן נייע ערד־שטחים און בענקענדיק נאָך ברידער־ישובים אין איר אומגעגנט.

צום מפרץ

לאָמיר זיך צוריקקערן קיין חיפה, און לאָזן זיך ווייטער צום איינגוס, צום עמק זבולון. דער דאָזיקער טאָל ציט זיך פון חיפה אין דרום ביז עכו אין צפון. זיין רונדיקער ברעג בילדעט דעם איינגוס און גיט דעם טאָל זיין אויסזען. דער ברעג איז באַדעקט מיט זאַמד, וועלכער גלאַנצט פון דער זון און שפּרייט זיך אויס ביז אַ 2 ק"מ אין דער ברייט. יידן האָבן זיך אויך אויף די דאָזיקע זאַמדן באַזעצט און אויסגעבויט גרויסע ווין־קוואַרטאַלן פאַר די חיפהער איינוווינער. ביים דרום־טייל פון ברעג פאַלט אַריין אין ים דער טייכל ק י ש ו ן. דאָס איז דער „נחל קדומים, נחל קישון", וועלכער שפּרודלט אַרויס ביים הר תבור. דאָרט האָבן פאַסירט די העלדישע מעשים פון דבורה הנביאה — ווי עס ווערט דערציילט אין תנ"ך. מיר וועלן נאָך באַגעגענען דעם קישון קומענ־דיק צום תבור.

איידער די יידן האָבן אויסגעלייזט די אַרומיקע שטחים פלעגט דער קישון — ניט האָבנדיק קיין רעגולירט בעט — אויסגיסן און פאַרפלייצן גרויסע טיילן פון עמק. די יידן האָבן אויסגעטריקנט די פאַרשאָלטענע זומפן, פאַרטריבן די שרעקלעכע מאלאריע, טיפער געמאַכט דאָס בעט פון קישון. הונדערטער יידישע אַרבעטער האָבן דאָ געאַרבעט ביים טריקענען זומפן, גראָבן קאַנאַלן, אָנשיטן ערד אויף די נידעריקע זומפּשטחים. דער ק. ק. ל. האָט דאָ מיט איין מאָל אויסגעלייזט 60 טויזנט דונאַם ערד. שפּעטער האָבן דאָס זעלבע אויך נאָכגעטון אַנדערע אינסטיטוציעס, פּריוואַטע און עפנטלעכע. צוזאַמען איז דאָ אויסגעלייזט געוואָרן 300.000 דונאַם באָדן.

חיפה און דער מפרץ

מיר גייען אַרויס פון חיפה צום א י י נ ג ו ס מיטן שאָסיי, וואָס פירט צו עמק יזרעאל, מזרח־צו. ער ציט זיך פאַרביי נעבן אַראַבישן שטאָט־מאַרק, נעבן דער אַלטער באַן־סטאַציע, וועלכע איז פאַראַיאָרן

אויפגעריסן געוואָרן. מיר גייען פאַרביי נישט ווייט, ביי די גרויסע מילן פון פיק"א, און קומען אַרויס מחוץ דער שטאָט. דאָ זעען מיר די נאַקעטע כרמל־רוקנס, און נאָך עטלעכע סעקונדעס פאַרנעמען מיר זיך אויף צפון מיטן כביש וואָס פירט קיין עכו און ווייטער קיין בירות און לבנון. אויך אַ באַן־אָפּצווייג פירט פון דער ליניע חיפה־דמשק אין דער זעלבער ריכטונג. אויף דעם שאָסיי איז אַ גרויסע באַוועגונג. מיר פאָרן מיטן אויטאָבוס נומער 14, וואָס פאַרבינדט חיפה מיט די ישובים פון מפרץ (איינגוס). אויפן וועג — די נאַפט־ראַפינעריעס וואָס פאַרנעמען אַ שטח פון 1800 דונאַם. דאָ געפינען זיך די מאַשין־האַלעס, סקלאַדן, לאַבאָראַטאָריעס און די העכסטע אין לאַנד וואַסער־טורעמס, 80 מ׳ די הייך. אַהער שטראָמט דער רוישטאָף פון נאַפט און בענזין. דאָ ווערן זיי גערייניקט און ווייטער געשיקט צו די רעזערוואַרן (אויף אַ שטח פון 2000 דונאַם). ביי חיפהער פּאָרט געפינט זיך אַ באַזונדערער פּאָרט, ווו דער נאַפט ווערט דורך רערן אַריינגעפּאָמפּעט אויף די שיפן.

די נאַפט־רערן ציִען זיך פון מאָסול און איראַק, דורך טויזנטער קי־לאָמעטער מדבר, שניידן דורך דעם עבר־הירדן און די עמקים ביז זיי קומען קיין חיפה. לענגויס די רערן, אין מדבר, געפינען זיך 12 פּאָמפּע־סטאַציעס איבערצושיקן דעם נאַפט פון איינער צו דער אַנדערער. בעת די אומרועז האָבן די אַראַבער זיך פאַרמאָסטן צו באַשעדיקן די רערן. זיי פלעגן אין זיי אויסבויערן לעכער און אונטערציגדן דעם נאַפט. גרויסע פלאַמען פלעגן זיך הויבן אין דער לופטן און באַלויכטן די נאַכט־פינצ־טערניש. דעמאָלט זיינען מיט דער הילף פון „הגנה" געשאַפן געוואָרן נאַכט־גרופּעס, אונטער דער אָנפירונג פון ווינגעט, צו היטן די רערן.

אין מלחמה־צייט זיינען די נאַפט־געביטן שטאַרק געהיט געוואָרן קעגן דער פיינטלעכער אַוויאַציע. ספּעציעלע רויך־טורעמס זיינען דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן, כדי צו דעזאָריענטירן דעם שונא, און ס׳איז אים כמעט קיינמאָל ניט געלונגען צו טרעפן אין ציל און באַשעדיקן די וויכטיקע פּאָזיציעס פון די פאַרבינדעטע.

אין דער נאַפט־אונטערנעמונג אַרבעטן יעדן טאָג טויזנטער אַראַ־בישע און יידישע אַרבעטער. די נאַפט־געזעלשאַפט נעמט ניט גערן אויף קיין יידישע אַרבעטער, אָבער זי מוז אָנקומען צו אונדזערע ספּעציאַליסטן.

לויט דער איניציאַטיוו פון דער „הסתדרות“ איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון אַלע, יידישע און אַראַבישע אַרבעטער, פאַר פאַרבעסערן די ביז גאָר שלעכטע אַרבעט־באַדינגונגען, אין דער אונטערנעמונג וואָס זאַמלט גרויסע פּראָפיטן.

אויפן וועג צו די וווין־קוואַרטאַלן, אויף דעם באָדן פון ק.ק.ל. געפינט זיך אַ יידישער אינדוסטריעלער סעקטאָר. פון די גרויסע פאַבריקן איז כדאי צו דערמאָנען: וואולקן — אַ גרויסע מעטאַל־גיסעריי, וואָס איז געקויפט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן פון די בעלי־בתים דורך „סולל בונה“ און באַשעפטיקט 200 אַרבעטער, „פעניציע“, די איינציקע גלאָז־פאַבריק, „המגפר“ אאַ״וו. ביים אַריינגאַנג אין די פאַרשטעט געפינט זיך „ק ר י ת ח ש מ ל“ — קאָלעקטיווע בלאָקן, גרויסע און שיינע הייזער, וווּ ס׳וווינען די אַרבעטער פון רוטענבערג. ביי יעדן הויז — אַ גאָרטן.

קרית־חיים

פון דאָרטן גייען מיר פריער צו ק ר י ת ־ ח י י ם, א.נ. פון אַרלאָזאָראָוו, וועלכער איז אין יאָר 1933 דערמאָרדעט געוואָרן. פון חיפה אַהער איז 8 ק״מ.

קרית־חיים איז דאָס גרעסטע דירות־ווערק פון דער הסתדרות. אָנגעהויבן האָט עס זיך אין יאָר 1931. דאָ איז רעאַליזירט געוואָרן אַ פּלאַן פון באַזאָרגן טויזנטער משפחות מיט דירות.

דער גרויסער באָדן־קויף פון ק.ק.ל. אין איינגום האָט דעצידירט וועגן גורל פון דער יידישער חיפה. ס׳זיינען געשטעלט געוואָרן שטחים צו דער דיספּאָזיציע פון אַ פּלאַנמעסיקער וווינונגס־בויאַרבעט, פאַרזיכערט אַ פאַסיקן פּלאַץ פאַר יידישע אינדוסטריע. ס׳איז אויסגעמיטן געוואָרן די צרה פון ספּעקולאַציע, וואָס האָט ניט איינמאָל געשטערט די אַנטוויקלונג פון לאַנד, און באַרויבט פון אַרבעטער־מענטש די מעגלעכקייט צו פאַרשאַפן זיך אַ שטיקל באָדן פאַר אַ הויז, ווייל די פרייזן זיינען געוועזן אויפגעשרויפטע.

די קריה איז געבויט אויף אַ גלייכן, זאַמדיקן באָדן, די גאַסן זיינען גלייכע, ניט געשלענגלטע און זיינען באַצייכנט לויטן אַלף־בית: א, ב, ג אאַ״וו. די הייזלעך זיינען סטאַנדאַרטמעסיקע, איינטאָניקע — ענלעך איינע צו די אַנדערע. יעדע משפחה האָט איר הויז, אַרומגערינגלט מיט



זאַמדן און פּאַלמען אין מפרץ

אַ גערטל און אַ סעדל. די איינוווינער זיינען סרוב מיטגלידער פון דער הסתדרות, אַרבעטער און אָנגעשטעלטע.

דער געדאַנק פון בויען דירות דורך דער הסתדרות איז אַנטשטאַנען ערב דער פּערטער עליה, ווען די אַרבעטערשאַפט האָט זיך איבערצייגט, אַז אויף לאַנדווירטשאַפט אַליין קאָן זיך דער אַרבעטער ניט שטיצן, און די אַנטוויקלונג פון שטעט מיט די בוי־אַרבעטן האָבן קאָנצענטרירט אין זיי טויזנטער אַרבעטער. גלייכצייטיק מיטן גרינדן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און צוזאַמענשליסן זיך פון די שטאָט־אַרבעטער אין אַ כוח, איז אויך אויפגעשווומען דער געדאַנק פון בויען אַרבעטער־קוואַרטאַלן, כדי אַרויס־ציען אים פון דער דעסטרוקטיווער השפעה פון דער שטאָט און איר לעבנס־שטייגער. מ׳איז אויסן געווען אויפצובויען באַזונדערע שטעט און קוואַרטאַלן, ווו דער אַרבעטער זאָל זיך קאָנען אויסלעבן אויף זיין

שטייגער, שאַפן אַ פּאַסיקע אַטמאָספערע, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די שטרעבונגען פון ארץ־ישראלדיקן אַרבעטער, אויפשטעלן שולן, וואָס זאָלן דערציִען די קינדער אין גייסט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; פאַרפונדעוועט אַ שטאָטישן אַרבעטער־ישוב, וואָס זאָל זיין אויסער דער שטאָט און דאָך נאָענט צו איר, פאַרבונדן אויף וויפל מעגלעך, מיט דער נאַטור, מיט אַ גאָרטן און ביימער — אַ ישוב אָן עקספּלואַטאַציע, אָן מסחר און געשעפטן, באַזירט אויף געזעלשאַפטלעכע יסודות פון אַן אַרבעטס־אידעאַל.

זיינען טאַקע דאָ ניטאָ קיין פּריוואַטע געשעפטן: אַ קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוו באַזאָרגט יעדן איינעם אין וואָס ער נויטיקט זיך. „תנובה" באַזאָרגט מיט פּראָדוקטן פון די משקים. ניטאָ קיין עקספּלואַטירנדיקע אינדוסטרי־אונטערנעמונגען א. ד. ג.

און דאָך מוז מיט באַדויערן, געזאָגט ווערן, אַז דער ציל, וואָס די הסתדרות האָט זיך געשטעלט — אויפצושטעלן אַן אַנטשפּרעכנדיקע געזעלשאַפטלעכע ראַם, האָט זיך ניט פולשטענדיק פאַרווירקלעכט. עס האָבן זיך געשאַפן בלויזן: דאָס „פאַרדינגען צימערן, וואָס איז דאָ פאַרבאָטן, ווערט ניט אָפּגעהיט, און די פּרייזן זיינען אויפגעבלאָזן כמעט ווי אין שטאָט. אַזוי קאָן מען דאָ געפינען, חוץ די שטענדיקע איינוווינער, אַ סך סובלאָקאַטאָרן — אַרבעטער און ניט אַרבעטער — ניט קיין בירגער אין דער שכונה. קומט אויס, אַז אַ טייל שטענדיקע איינוווינער לעבט פון אַ רענטע, וואָס עס טראָגט אַריין די דירה, וועלכע די הסתדרות האָט מיט גרויס מי איס געהאָלפן צו באַקומען.

די משפּחות לעבן זיך יעדע לויט איר שטייגער. די קינדער לערנען זיך אין דער גרויסער שול, אַ טייל לערנט אין מיטל־שולן און העכערע לערן־אַנשטאַלטן מחוץ דער שכונה.

דאָ איז פאַראַן אַ טעכנישע מיטל־שול, וואָס אַנטוויקלט זיך זייער גוט. די קינדער זיינען סרוב אָרגאַניזירט אין די חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אַ באַדייטנדיקער פּראָצענט פון דער יוגנט גייט אויף הכשרה און קאָלאָניזאַציע.

פיל קיבוצים האָבן זיך געפונען אין דער קריה און אויף אירע גרענעצן. ס'רוב פון זיי איז אַריבער אויף התישבות אין מפרץ (איינגוס)

און אומגעגנט. לאַנגע יאָרן האָט זיך דאָ געפֿונען דער קיבוץ ע י ן ־ ה מ פ ר ץ און לעבן אים מ ש מ ר ־ ז ב ו ל ו ן . ביידע האָבן איצט אויפֿגעשטעלט זייערע משקים אין צפֿון־טייל פֿון איינגוס. דאָ איז אויך געווען פ ל ו ג ת ־ ה י ם , וועלכע האָט זיך, נאָך לאַנגע אָנשטרענגונגען צו איינוואָרצלען זיך ביי פּאָרט־אַרבעט און פֿישעריי, באַזעצט אין מזרח־טייל פֿון איינגוס. זי רופֿט זיך איצט מ ש מ ר ־ ה י ם .

דאָ איז אויך דורכגעגאַנגען די קבוצה ש ד ו ת ־ י ם פֿון „הנוער העובד", וועלכע האָט זיך באַזעצט אין קיסריה. איצט געפֿינען זיך דאָ דער קיבוץ פֿון השומר־הצעיר ר ש פ י ם (די חברים זיינען עולה געווען נאָך דער מלחמה), און די קבוצה ה ח ו ת ר י ם פֿון הקיבוץ המאוחד, וועלכע אַרבעט אין פּאָרט, ביי פֿישעריי און אין די פֿאַבריקן. פֿון „החותרים" איז אין יאָר 1944 אַרויס אין שליחות צבי בן יעקב — אַ יונגער חבר, געקומען דורך עלית־הנוער. ער איז ווי אַ פּאַראַשוטיסט אָנגעקומען קיין סלאָוואַקיע, געאַרבעט צווישן די פּאַרטיזאַנער און געפֿונען דעם טויט אין דער נאַציישער געפֿאַנגענשאַפֿט. צענדליקער א"י־שליחים זיינען אַרויס אַלס פּאַראַשוטיסטן — פֿון זיי זיינען זיבן אומגעקומען. אין דער בראָשור, וואָס איז דערשינען צום אָנדענק פֿון צבי בן יעקב, זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט פֿראַגמענטן פֿון זיינע בריוו, וועלכע אַנטפּלעקן אונדז אַ יונגע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט מיט אַ ברען אויסגעפֿירט זיין שליחות. אין לעצטן בריוו פֿון דער תפֿיסה, אין וועלכן ער האָט זיך מיטן פֿולן באַוווסטזיין געזעגנט מיטן לעבן און מיט זיינע נאָענטסטע אין ארץ־ישראל, שרייבט ער:

— — — אויב ס'איז מיר באַשערט צו שטאַרבן — וועל איך רואיק גיין צום טויט, ווייל כ'בין ניט מער ווי אַ ברודער פֿון מיינע טויזנטער פֿאָרגייער... מיט דעם וויל איך זיך געזעגענען פֿון אייך... האַרציקע גריסן אַלע חברים און פֿריינט. איך האָף, אַז איר וועט ווערן אַ ים־ישוב — אַ גרויסער און וואַקסנדיקער פֿישער־קיבוץ. מיט דעם נעם איך אָפּשייד פֿון מיין טייערער היימלאַנד, מיט וועלכער כ'בין פֿאַרבונדן מיט אַלע פֿעדים פֿון מיין האַרץ...

ווי אַ המשך פֿון קרית־חיים זיינען די וווין־קוואַרטאַלן ק ר י ת מ ו צ ק י ן און ק ר י ת ב י א ל י ק , אויסגעבויט לויט פּריוואַטער איניציאַטיוו. די הייזער זיינען פֿאַרשידנאַרטיקע, גרויסע און קליינע, מיט בלומען־בייטן אַרום. אַזוי ווי קרית־חיים זיינען זיי אויך פֿאַרבונדן מיט

חיפה, און בילדן איין עקאָנאָמישע גאַנצקייט. אין קרית־ביאַליק געפינט זיך דער שיינער יוגנט־ און קינדער־דערציִונגס־אַנשטאַלט „אהבה", — פון אים זיינען שוין אַרויס אייניקע יוגנט־קבוצות, וועלכע האָבן זיך איינגעגלידערט אין שאַפונגס־קרייז פון ישוב. אין דער שפּיץ פון אַנ־שטאַלט איז יאָרנלאַנג געשטאַנען משה קאַלוואַרי, אַ פּעדאַגאָגישע פּער־זענלעכקייט פון דייטשלאַנד, דורכגעזאַפּט מיט אייראָפּעאישער און העברעאישער קולטור. ער האָט געפּלעגט אַ טיפע באַציונג צו אונדזערע מקורות און טראַדיציע. אין אַנשטאַלט איז פאַראַן אַ רעליגיעזע טענדענץ, אָבער אָן דעם ריטואַל.

ניט ווייט פון קרית־חיים, פון יענער זייט באַן־שטרעקע, געפינט זיך ק ר י ת ־ ש מ ו א ל און אין איר דער עליה־לאַגער פון סוכנות. ס'איז אַ גרויסער, אַרומגעצאַמטער לאַגער, מיט הייזער און באַראַקן, וואָס זיינען באַשטימט פאַרן ערשטן אויפנעם פון די עולים באַלד נאָכן אַראָפּגיין פון שיף. דער לאַגער איז אָפּגעקויפט געוואָרן דורך דער סוכנות ביי דער אַמעריקאַנער אַרמיי, גלייך נאָך דער מלחמה. דאָ געפינען זיך די עולים ביז ס'קומט זייער ריי זיך צו באַפרייען לויטן קאָנטינגענט פון דער לעגאַלער עליה. דאָ זיצט מען און מען וואַרט מיט אומגעדולד, טעג און וואָכן. פאָרשטייער פון התישבות־קערפּערשאַפטן קומען אַהער, באַ־געגנען זיך מיט קיבוצים, מיט די עולים און יוגנט־גרופּעס, וועלכע זיי וועלן שפּעטער דאַרפן אַריינגעמען. אַריינצוקומען אַהער דאַרף מען האָבן אַ דערלויבניש. דער לאַגער, וועלכער קאָן אויפנעמען ביז 1000 מענטשן, געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון סוכנות. די שמירה איז אין די הענט פון יידישער מיליץ.

פון שאָסיי וואָס פירט קיין קרית־חיים צווייגט זיך אָפּ אַ וועג — מזרח צו, אין כ פ ר ־ ע ט ה. דאָס איז אַ שטעטל מיט עטלעכע טויזנט נפשות. דער העברעאישער נאָמען איז אַ גלגול פון אַראַבישן דאָרף קאַפאַר־רעטאַ. די איינוווינער שטאַמען ס'רוב פון פּוילן. די צענטראַלע ווירטשאַפט־לעכע אַרטעריע איז די גרויסע טעקסטיל־פאַבריק „אתא", וואָס פּראָדו־צירט לייוונט אין גרויסן מאַסשטאַב און באַשעפטיקט 900 יידישע אַרבעטער.

ווייטער אויף מזרח א בלאָק פון קבוצות: אושא, כפר־המכבי, רמת־יוחנן — אַלע דריי געהערן צו חבר־הקבוצות. זיי געפינען זיך אין נאָענטער שכנות, און פאַרמאָגן אַ שותפותדיקע שולע. א ו ש א איז אַ היסטאָרישע אָרטשאַפט, אַ יידישער גייסטיקער צענטער נאָכן חורבן, דער זיצאָרט פון סנהדרין אין משך פון אַ געוויסער צייט. די קבוצה איז געגרינדעט דורך חברים פון „הנוער הציוני", וועלכע האָבן פאַרלאָזט זייער באַוועגונג, זיך אָנגעשלאָסן אין „חבר הקבוצות".

כ פ ר ה מ כ ב י — דער נאָמען אַליין באַווייזט שוין אויפן אָפּשטאַם. זיינע גרינדער זיינען געקומען פון טשעכישן און דייטשישן „המכבי הצעיר".

רמת־יוחנן

אויפן נאָמען פון סמאַטס — דרום־אַפריקאַנער פּרעזי־דענט, דעם פריינט פון ציוניזם. איר אָנפאַנג — קבוצת „ה צ פ ו ן", וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך ארץ־ישראל־יוגנט — מקוה־ישראל־אַביטוריענטן. די קבוצה האָט געאַרבעט אויף פאַרשידענע ערטער, אויך ביים באַלפור־וואַלד אין גינוגר, האָט אַבסאָרבירט אַ חלוצישע קבוצה פון די פּאַרייניקטע־שטאַטן, ביז זי האָט זיך דאָ צום סוף באַזעצט. מיט דער צייט האָט זיך מיט איר פאַראייניקט אַ קיבוץ פון פוילישן „השומר הצעיר", מיט דער אויסזיכט, אַז נאָך דער פאַרייניקונג וועלן זיי זיך צוזאַמען אָנשליסן אָן קיבוץ־אַרצי פון השוה"צ. אָבער דער צוזאַמענ־לעבן האָט זיי צווישן זיך ניט דערנענטערט. די שומרים האָבן געפאָדערט דעם אָנשלוס אָן קיבוץ־אַרצי, און די אַנדערע דאַקעגן, חברים פון מפא"י, זיינען בשום אופן ניט איינגעגאַנגען. דער קאָנפליקט האָט אויפגעברויזט און צעשטערט דאָס אינערלעכע לעבן פון דער קבוצה, געשאַפן צוויי לאַגערס, און נאָך עטלעכע יאָר וואַקלען זיך איז געקומען צו אַ טראַגישער ליזונג.

אויך דער קיבוץ בית־אַלפא האָט אין יענע יאָרן איבערגעלעבט אַן אינערלעכן קריזיס, אַ באַדייטנד שווערערן ווי רמת־יוחנן. נאָך 18 יאָר געמיינזאַמער מי און לעבן פון חברים, וואָס האָבן די ערשטע געבויט דעם קיבוץ, געווען פון די ערשטע „שומרים" אין גלות און אין לאַנד בעת דער דריטער עליה, האָבן זיי ווייטער ניט געקאָנט פאָרזעצן צוזאַמען זייער

לעבן — אַ לעבן וואָס איז געוועבט געוואָרן לאַנגע יאָרן. זיי האָבן געהערט צו פֿאַרשידענע פּאַרטיי־גרופּירונגען. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען אין די קבוצות און די הסתדרות־אינסטאַנצן האָט מען באַשלאָסן צו לייזן די פּראַגע פֿאַר בית־אלפא און רמת־יוחנן צוזאַמען דורך אַן אויסטויש פֿון חברים: די „שומרים" פֿון רמת־יוחנן זיינען אַריבער צו די חברים פֿון זייער באַוועגונג אין בית־אלפא, און די חברים ווידער פֿון מפא"י וואָס אין בית־אלפא — פֿון זיינע ערשטע בויער —האָבן פֿאַרלאָזט דעם משק און אַריבער קיין רמת־יוחנן. די געשעעניש, וואָס איז געווען באַגלייט מיט גע־זעלשאַפֿטלעכע און פּערזענלעכע קאָמפּליקאַציעס — אַ ריס צווישן עלטערן און קינדער, צווישן חברים א. א. וו. — האָט פֿאַרווונדעט דאָס האַרץ פֿון דער קיבוץ־באַוועגונג אין לאַנד. ס'איז אָבער קיין ברירה ניט געווען. איצט נאָך יאָרן, האָט זיך די וווּנד פֿאַרהיילט;ביידע קיבוצים האָבן זיך ווידער גענומען אין די הענט פֿונדאַסניי צו בויען זייער לעבן, יעדער אין די ראַמען פֿון זיין באַוועגונג.

נאָכדעם, ווי די בית־אלפא־חברים זיינען געקומען קיין רמת־יוחנן האָט זיך אָנגעהויבן די אויפֿשטייג־תקופה פֿון דער ווירטשאַפֿט, וועלכע האָט געליטן צוליב דער אינערלעכער מחלוקת.

אַ דאַנק דער אַגראַר־דערפֿאַרונג פֿון די ניי צוגעקומענע חברים האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די ווירטשאַפֿט, אויסגעברייטערט אירע צווייגן. דאָ איז אויפֿגעבויט געוואָרן דער אינסטיטוט „הזרע", וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט סאָרטירן און פֿאַרבעסערן די זאָמען פֿאַר די משקים. „הזורע" שפּילט אַ זייער וויכטיקע ראָל אין פֿאַרפֿיינערן די סאָרטן, פֿאַרמערן דאָס גערעטעניש און אין באַקומען ריינערע תבואה. דער אינסטיטוט איז פֿאַזאָרגט מיט פֿאַסיקע מאַשינען. דאָ אַרבעטן אויך חברים פֿון די שכנותדיקע קיבוצים. דער אינסטיטוט געהערט צום „המשביר".

רמת־יוחנן געהערט צו די גרויסע משקים פֿון חבר־הקבוצות. דאָ האַלט זיך אויף יוגנט פֿון כלערליי הכשרות: עלית־נוער, איבונגס־גרופּן און אַנדערע. איינע פֿון די געציילטע קבוצות, וואָס האָט באַוויזן צו געווינען די יוגנט און אייגענע קינדער פֿאַרן הנוער העובד, און אַפֿילו אויפֿגעבויט פֿאַר זיי אַ שיינעם קלוב. גראָז און בלומען־גערטעלעך באַ־שיינען דעם ישוב.

ניט ווייט פון רמת־יוחנן געפינט זיך אן אראביש דארף שאפעאמר — דאס איז שפר־עם, א יידישע קהילה פון סוף מיטלאלטער, וואס האט עקזיסטירט ביז מיט א פאר צענטליק יאר צוריק. ווען די ערשטע עליה איז געקומען האבן דא נאך געלעבט עטלעכע מנינים יידן. שפעטער האבן זיי אינגאנצן פארלאזט דאס דארף.

קיבוצים אין מפרץ

ביים ראנד פון די קריות (קרית־חיים, קרית מוצקין) לויפט פארביי דער צענטראלער כביש קיין עכו, וואס ברויזט פון באוועגונג.

רעכטס פון כביש איז כ פ ר מ א ס א ר י ק , דער קיבוץ פון השומר הצעיר, וואס האט צונויפגעשמאלצן חברים פון דער טשעכישער און ליטווישער תנועה. לינקס פון כביש — די גרויסע פאבריק נ ע מ ן וואס איז אויפגעשטעלט געווארן דורכן הקיבוץ־הארצי צוזאמען מיט דער באטייליקונג פון פריוואט־קאפיטאל. דא ווערן אויסגעארבעט ציגל און דאכלקעם פון ליים, וואס ווערט אויסגעגראבן ביי די ברעגעס פון דערבייאיקן טייכל נעמן. וואגאנעטקעס פארן אין דער לופט איבערן שאסיי אהין און צוריק. אין דער פאבריק זיינען פאראן פאסיקע פורמען צו פרעסן און אויסצופורעמען די ציגל, א ריזן־אויוון צו ברענען און טריקענען. ס'ארבעטן דא חברים פון די שומרישע קיבוצים אין אומגעגנט, און אויך שטאטישע ארבעטער. די אקציעס פון דער פאבריק געפינען זיך אין די הענט פון קיבוץ־הארצי, כדי עס זאל אפגעהיטן ווערן דער כאראקטער פון פאבריק.

ווייטער, רעכטס פון שאסיי — ע י ן ־ ה מ פ ר ץ , וואס זיינע חברים שטאמען פון השומר־הצעיר אין גאליציע. דאס איז דער ערשטער „חומה ומגדל"־ישוב אין דער סביבה.

לינקס — מ ש מ ר ־ ה י ם , זיך באזעצט אנהויב 1939 לעבן זאמד פון ים, מיטן ציל אויפבויען אן אגראר־ים־דארף. אבער צוליב די שלעכטע באדן און ים־באדינגונגען ציט ער זיך אריבער, נאך גרויסע אנשטרענגונגען צו דעראבערן דעם ים, אויף א סטאבילער התישבות אין מזרח־טייל פון איינגוס.

ניט ווייט געפינט זיך אַ פּאַרצייטיק־בערגל ת ל ־ כ ו ר ד נ י. פון זיין צופונס שפּרודלען די קוואַלן פון נעמן, דער צפון־טייך פון איינגוס, וואָס האָט פאַרפּלייצט די סביבה מיט פאַרשאָלטענע זומפּן. אַ סך אַרבעט האָט מען אַריינגעלייגט כדי זיי אויסצוטריקענען, טיף געאַקערט, געגראָבן דרענאַזש־קאַנאַלן. לענגאויס דעם נעמן ציען זיך די פעלדער פון עין־המפרץ.



מ'טריקנט זומפּן

דער מערבדיקער גליל

עכו. פון נאָענט זעט זיך עכו, די שטאָט, די שלאַנקע פּאַלמען־ ווע־לדלעך אַרום איר. עכו איז אַן אַראַבישע שטאָט מיט 8000 איינוווינער, די מערהייט פון זיי מוסלמענער. איינע פון די עלטסטע שטעט אין לאַנד, פון דער תנ"ך־תקופה, וואָס האָט געשפּילט דעצידירנ־ דיקע ראָל אין איינגוס, ביז חיפה האָט איר, אין די שפּעטערע תקופות, צוגענומען די בכורה. אַלט־עכו איז געבויט אויף אַ יבשה־צונג, וואָס איז אַרויסגערוקט אין ים, און פון דריי זייטן אַרומגערינגלט מיט וואַ־ סער, און דערמיט געווען שטאַרק באַפעסטיקט קעגן פיינט. ביז היינט קאָן מען נאָך זען די רעשטלעך פון מיטלאַלטערלעכן מויער און פאָרט. עכו האָט אַ רייכע געשיכטע: אַ יידישע, גריכישע, רוימישע און אַראַבי־ שע. אין מיטלאַלטער איז דאָ געווען אַ יידישע קהילה. דאָ האָט געלעבט דער רמב"ם און רמב"ן. נאַפּאָלעאָן האָט באַלאַגערט די שטאָט.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דאָ אָנגעקליבן אַ קליין הייפל יידן. אין 1936 האָט די שטאָט געציילט 350 יידישע נפשות. צוליב די אומרוען זיינען די יידן אין דעם יאָר אַוועק פון דאָרטן. נאָר די שוועבעלעך־פאַבריק „נור", וועלכע האָט באַשעפטיקט יידישע און אַראַבישע אַרבעטער האָט ווייטער געאַרבעט. די פאַבריק געהערט היינט צו יידן, אָבער די אַרבעטער — בלויז אַראַבער. אין „נור" זיינען פאָר־ געקומען ערנסטע אַרבעטס־קאָנפליקטן. בעת דער פערטער עליה איז דאָרט אויסגעבראָכן אַ שטרייק פון די יידישע אַרבעטאָרינס און אַרבע־ טער, וואָס האָט געדויערט עטלעכע וואָכן און אויפגערודערט דעם ישוב; די לעצטע צייטן זיינען פאָרגעקומען סכסוכים מיט אַראַבישע אַרבעטער, וואָס האָבן אויך געטראָגן אַ פּאָליטישן כאַראַקטער — אַ רעזולטאַט פון אַנטי־יידישער העצע מצד געוויסע אַראַבישע קרייזן.

אין עכו שטייט אַן אַלטע תפיסה, ווי אַ גרויסע פאַר־ צייטיקע פעסטונג. זי שטייט שוין הונדערטער יאָרן, און לעצטנס האָבן הונדערטער יידן פאַרזוכט דעם טעם פון אירע פינצטערע ווענט. בפרט די הגנה־אַרעסטאַנטן. נאָך בעת די אומרוען פון 1920 אין ירושלים, האָט מען דאָ פאַרשפּאַרט הגנה־לייט (אויך זשאַבאָטינסקי צווישן זיי), ערשט

נאָך דריי חדשים אָפּזיצן האָט מען זיי באַפרייט. דאָ זיינען אָפּגעקומען זייער „זינד״ די 43 הגנה־לייט, וועלכע מ׳האָט געכאַפּט מיט געווער אין האַנט בעת מאַנעווורעס אין די בערג, אַזוי אויך די גינוסר־אַרעסטאַנטן און פיל־פיל אַנדערע.

הגנה־אַרעסטאַנטן

דאָס איינזעצן אַ יידן אין תפיסה פאַר הגנה־זינד איז היינט אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג: הונדערטער און טויזנטער האָבן שוין פאַרזוכט און פאַרזוכן דעם טעם. אַ מענטש פון הגנה און פלמ׳ח ווייסט היינט, אַז פאַר כאַפּן אים מיט געווער דראָט תפיסה, אַלץ איינס, צי ביי איבונגען, ביים פאַרטיידיקן ממש, אָדער ביי קומען צו הילף זיינע ברידער־מעפּילים בעתן אַראָפּגיין פון שיף.

די פעסטונג־ און תפיסה־ווירקלעכקייט איז געקומען צום אויסדרוק אין בוך „מבין החומות״, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך „אסיר עברי״ — אַ חבר פון קיבוץ, און דערשינען אין פאַרלאַג „הקיבוץ המאוחד״. ס׳איז אַ מוסטערווערק, וואָס שילדערט דאָס תפיסה־לעבן מיט שאַרפע שטריכן, וועלכע דעקן אויף מיט זייער פשוטקייט די אָפּגרונטן פון מענטש־לעכן לעבן דאָ. מיר זעען פאַר זיך די נאַקעטע נשמה פון די פאַרמשפּטע, און ווערן אויפגעציטערט פון זייער לעבנס־טראַגעדיע, פון דער פאַרדאָר־בענקייט פונעם הערשנדיקן רעזשים. ער שטעלט אונדז פאַר טיפּן: יידן, אַראַבער, ענגלענדער און איבער אַלץ שוועבט אַ גייסט פון הומאַניזם, אין אַספּעקט פון אַ שטאָלצן יידישן הגנה־מענטש. דאָס בוך האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין לאַנד, זיך פאַרשפּרייט אין איבער צען טויזנט עקזעמפּלאַרן, נישט געקוקט אויפן פאַרבאָט פון דער צענזור.

אין די פרייע טעג קומען אַהער חברים און קרובים באַזוכן די תפיסה־ניקעס. אינעווייניק לאָזט מען נישט אַריין; זיי פאַרשטענדיקן זיך דורך צוויי צאַמען פון שטעכלדראָט. מען קאָן ניט דריקן די האַנט פון אַ נאָענטן מענטשן, רעדן אויף פיר אויגן; שרייען מוז מען. אַזוי זעט מען לענגויס די צוויי רייען דראָט, פון איין זייט די באַזוכער, פון דער צווייטער — די פאַרשפּאַרטע אין תפיסה־וועגט. זיי ציטערן איבער יעדער מינוט ווייל באַלד גיט מען אַ סיגנאַל זיך צו שיידן.

לענגויים דעם ברעג אויף צפון פון עכו ציט זיך דער טאָל. ער איז דאָ שמעלער ווי אין איינגוס. פון מזרח־זייט שפּרייטן זיך אויס די גליל־בערג. דער שאָסיי גייט זיך דאָ פונאַנדער — איין טייל דרינגט אַריין אין די בערג און פירט באַרג־אַרויף קיין צפת.

שבי-ציון

אין דאָזיקן טאָל געפינט זיך שבי־ציון, אַ קליין דערפל, פון דייטשע עולים וואָס האָבן נאָך פאַר זייער עליה זיך באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט. זיי האָבן זיך באַזעצט מיט דער הילף פון דער געזעלשאַפט ראַסקאָ (ביי דער סוכנות), וואָס פאַר־נעמט זיך מיט באַזעצן דייטשע עולים. דאָס דאָרף איז אויפגעבויט אויף יסודות פון אַ שותפותדיק מושב. אין 1938 זיינען זיי עולה געווען און אַרויף אויפן באָדן אַלס ישוב פון „חומה ומגדל" (מויער און טורעם).

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז די געשיכטע פון דאָרף: אין יאָר 1938 האָט אַ גאַנצע יידישע קהילה פון ראַקסינגען אין דייטשלאַנד, באַשלאָסן עולה צו זיין און זיך האַלטן צוזאַמען אויך להבא. זיי האָבן צונויפגע־לייגט זייער גאַנץ פאַרמעגן, ניט געקוקט רייך צי אָרים, און אים צוזאַ־מען אינוועסטירט אין אויפבוי פון דאָרף. דער משק איז אַ שותפותדיקער אָבער יעדער משפחה וווינט באַזונדער. די מילך־ווירטשאַפט, הינער־צוכט זיינען שותפות. וואָסער איז דאָ גענוג. אין מושב זיינען פאַראַן אויך אַפּרו־הייזער. אין דאָרף קענסטו זען רעשטלעך פון זייער קהילה אין דייטשלאַנד — ספרי־תורה א.ד.גל. — וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט.

קעגנאיבער שטייט דאָס נייע דאָרף פון די דעמאָביליזירטע זעלנער רגבה, אויך אַ שותפותדיקער מושב, וואָס הייבט זיך ערשט אָן צו בויען. אויפן וועג קיין נהריה געפינען זיך די קיבוצים: עברון פון השומר הצעיר, און פלוגת געתון פון הקיבוץ המאוחד. אַ טייל פון זיי בויט שוין זייער סטאַבילן ישוב אין חולה נאות־מרדכי, וווּ אַלע וועלן זיך מיט דער צייט באַזעצן.

נהריה

אַ גרויס דאָרף איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1934 דורך דער דייטשער עליה. די טענדענץ איז געווען זיך אָפּצוגעבן מיט אינטענסיווער אַגרי־קולטור און דעריבער איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ משפחה ניט מער ווי 10 דונאַם. דאָס דאָרף איז ברייט און שיין פאַרבויט, לויט אַ פריערדיקן פּלאַן. אַ וווייסער, הויכער טורעם שטייט

אויפֿן ראַנד פֿון ישוב. פֿון אים האָט מען אַ ווייטן אויסבליק אויף דער סביבה. אַ שיינער דאָפּלטער שאָסיי שניידט דורך דאָס דאָרף אינמיטן. אַ טייל הייזער — לויטן דייטשן דאָרף־סטיל מיט שיפּע דעכער. די איינוווינער האָבן אין די ערשטע יאָרן אַריינגעבראַכט דעם דייטשן לעבנס־שטייגער. מ׳האָט גערעדט אַ סך דייטש; די הויף־ווירטשאַפֿט איז גע־פֿלעגט געוואָרן מיט דייטשער פּעדאַנטישקייט, און מ׳איז אַרומגעפֿאָרן אויף ראָווערן אין די גאַסן, וואָס מ׳זעט זעלטן אין די אַ״י־דיקע דערפֿער. מיט דער צייט זיינען אָבער פֿאַרגעקומען ענדערונגען. דער קינדער־גאָרטן און די שול האָבן איינגעפּלאַנצט ביים יונגן דור די העברעיִשע שפּראַך. אַרבעטער וואָס זיינען אָהער געקומען אויף אַרבעט, האָבן געענדערט דעם איינטאָניקן צוזאַמענשטעל פֿון די איינוווינער.

ביים ברעג פֿון ים געפֿינט זיך אַ שיינע פּלאַזשע און זומער־צייט קומען אָהער אַ סך דאַטשניקעס זיך אָפּרוען און אָפּפֿרישן אין ים. אַ סך איינוווינער לעבן פֿון די זומער־געסט און דאָס איז אַ וויכטיקער עקאָנאָ־מישער פֿאַקטאָר אין דאָרף.

נהריה איז געווען די הויפּט־סטאַציע אויפֿן וועג קיין חניתה. מען פֿלעגט זיך דאָ אָפּשטעלן וואַרטנדיק אויף דעם געפּאַנצערטן אויטאָ, וואָס האָט זיי געדאַרפֿט פֿירן באַרג־אַרויף צום באַפֿעסטיקטן מויער.

ביי נהריה האָט די שיף „חנה סנש״ אַראָפּגעזעצט הונדערטער מעפּילים. די שיף איז אַרויף אויף אַ מיעל. די הגנה־לייט האָבן איינציק־ווייז אַראָפּגענומען די מענטשן מיט דער הילף פֿון אַ שטריק, וואָס מען האָט פֿאַרוואַרפֿן פֿון שיף צום ברעג. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין ווינטער בעת די קעלטן און שטורעם־ווינטן. יעדער מעפּיל איז אַראָפּגעשפּרונגען מיט די מלבושים אין ים אַריין און מיט דער הילף פֿון מענטשן, אָנ־האַלטנדיק זיך ביים שנור, האָט ער זיך דערלאַנגט צום ברעג. ס׳זיינען געווען שווערע שעהן, פֿול מיט ליידן, אָבער אַלע זיינען בשלום אָנגע־קומען, און די ברעג־וואַך האָט זיי גאָרניט באַמערקט. די גרויסע הע־ברעיִשע אויפֿשריפֿט, וואָס האָט געפֿלאַטערט אויף דער צעבראָכענער שיף האָט צומאָרגנס עדות געזאָגט, אַז מעפּילים זיינען פֿון איר אַראָפּ. „סולל בונה״ האָט שפּעטער אָפּגעקויפֿט די שיף און זי רעמאָנטירט.

אויפֿן וועג צו דער גרענעץ גייען מיר פֿאַרביי דאָס אַראַבישע דאָרף

ז י ב , — דער נאָמען איז אַ גלגול פון תנ׳כישן און תלמודישן אכזיב. ניט ווייט פון דאָרף, אונטער דער באַן־בריק, זיינען אין יוני 1946 (י״ז סיון תש״ו) געפאַלן 14 הגנה־חברים. זיי זיינען לויטן באַפעל פון דער יידי־שער ווידערשטאַנד־באַוועגונג „הגנה“ געגאַנגען אויפרייסן די בריק, וואָס פאַרייניקט ארץ ישראל מיט סיריע. אין יענער נאַכט זיינען אויפגעריסן געוואָרן אַלע בריקן, וואָס פאַרבינדן ארץ ישראל מיט שכנותדיקע לענדער. דאָס איז געווען אַן אויפטו אין גרויסן מאסשטאב, ווי אַ פּראָטעסט־רעאַק־ציע קעגן דעם, וואָס די בריטישע מאַכט זדעקעוועט זיך איבער די יידישע האַפנונגען און דעם צוריקקער פון די גלות־יידן אין זייער היים. ביי דער בריק האָט דער גורל אָפּגעשפּילט אַ טראַגישע ראָל: אַ מיליטערישע ראַ־קעטע האָט צופעליק אָנגעטראָפן אויפן אויפרייס־מאַטעריאַל און אַלע טייערע חברים זיינען אויפגעריסן געוואָרן מיט דער בריק צוזאַמען און קיין זכר פון זיי איז ניט געבליבן.

יחיעם

אויפן נאָמען פון יחיעם ווייץ (וואָס איז געפאַלן ביים אויפ־רייסן דעם אויבנדערמאָנטן בריק), איז אין דער סביבה געגרינדעט געוואָרן אַ ישוב אין ד ז ש י ד י ן, ווו ס׳האָט זיך באַ־זעצט אַ קיבוץ פון השומר הצעיר, „הסלע“, א״י־דיקע און אונגאַרישע חברים. די אָרטשאַפט ליגט אין די בערג פון גליל התחתון, 500 מ׳ איבער דער ים־פלאַך, אין אַ פּרעכטיקער געגנט, 13 ק״מ אויף מזרח פון נהריה. די ברעג־פלאַך אין דער גאַנצער ברייט פון עכו ביז ראס־אל־נאַקורה זעט מען פון דאָרטן. אויפן אָרט געפינט זיך אַן אַלטע פעסטונג, פון די קרייץ־צוג־צייטן. דאָ האָבן די חברים זיך צוערשט באַזעצט.

די עליה קיין דזשידין, אָדער „יחיעם“ דערמאָנט די געוואָגטע עליה קיין חניתה, וועגן וועלכער מיר וועלן נאָך דערציילן. דער גאַנצער קאַראַ־וואַן, הונדערטער מענטשן מיט לאַסט־אויטאָס, האָט זיך אָפּגעשטעלט צופוסנס פון באַרג. פונדאַנען האָט זיך באַוועגט די מענטשן־קייט דורך פעלזן־באַזייטע סטעזשקעס, אַרויף—אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף. פּאָרוויז האָבן זיי אויף שטאַנגען געשלעפּט די משא. אַ גרויסע הכשרה־אַרבעט ווערט דאָ געמאַכט, מיט דער הילף פון גרויסע מאַשינען, וואָס רייסן אַרויס פון דורות־ איינגעזעסענע פעלזן.



יחיעם (דזשידין)

צוויי שאָסייען דרינגען אַריין פון דער בערג־פּלאַך אין גליל אויף מזרח. דער דרומדיקער פירט קיין צפת און דער צווייטער, דער צפונדיקער, לעבן דער גרענעץ, איז אויסגעבויט געוואָרן דורכן מיליטער, ווי אַ סטראַטעגישע ליניע. דער דאָזיקער שאָסיי גייט לענגאויס דער גרענעץ ביז ער פירט אַראָפּ אין עמק חולה. ביים ערשטן פאַרקערעווען אויף מזרח — איז דאָס אַראַבישע דאָרף ב א צ א, און אַ פּאָר קילאָמעטער ווייטער קומען מיר צום טויער, וואָס פירט אין די בערג, קיין ח נ י ת ה.

חניתא

אַן אויסגעהאַקטער וועג אין באַרג פירט פון מיליטערישן שאָסיי אויף אַרויף — צו ח נ י ת א. אַ מרחק פון 4—5 קילאָמעטער. דער פעלזיקער וועג שלענגלט זיך זיגזאַגיק איבער וואַדיס, בערג־שפּאַלטן, באַגרינטע רוקנס — מיט ביימער, קוסטעס און מענגעס שטיינער.

דער אויטאָ קלעטערט, שלענגלט זיך אַרויף, אַנטדעקט יעדעס מאָל נייע לאַנדשאַפט־בילדער אין שויס פון די בערג — און דו קומסט אָן צום בערגיקן גרענעץ־פונקט, צו ח נ י ת א.

אין זיינער צייט איז חניתא געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק פון יידישער קאָלאָניזאַטאָרישער דעראָבערונג אין לאַנד. אין סאַמע ברען פון די געשעענישן — ווען זיי האָבן דערגרייכט דעם הויך פונקט; ווען ס׳האָבן געלויערט גרויסע פּאָליטישע סכנות פאַרן ציוניזם — דאָס דער־שיינען פון ווייס־בוך, די געפאַר פון צעשניידן דאָס לאַנד און אָפּרייסן פון איר דעם גליל־העליון; אין דער צייט ווען ס׳האָבן געבושעוועט די נאַציס אין דייטשלאַנד און די טויערן פון לאַנד זענען געווען גע־שלאָסן — אין אָט די טעג האָט דאָס איינוואָרצלען חניתא אויסגעדריקט דעם תמצית פון די פרייוויליקע כוחות אין פאָלק, וואָס שאַפן און ראַנג־לען זיך איינצייטיק. חניתא איז געוואָרן אַ סימבאָל. זי איז ניט געווען די ערשטע פון „חומה־ומגדל" ישובים, אָבער זי איז געווען אַ הויך־פונקט אין די מענטשלעכע אָנשטרענגונגען פון דער יידישער יוגנט: דאָס באַזעצן אַ ווייטן און בערגיקן גרענעץ־פונקט, וועלכער איז אָפּגעריסן פון יידישן סעקטאָר — אין האַרץ פון אַ ווילדער, אויפגעהעצטער אַראַבי־שער סביבה, אויפן גרענעץ פון לבנון, וואָס האָט געדינט אַלס באַזע און אַזיל פאַר באַנדעס.

דאָס גיין קיין חניתא האָט פאַרקערפּערט דעם ווילן אויסצוטרעטן אַ וועג צו קאָלאָניזירן דעם צפון־טייל פון לאַנד און אַזוי אַרום פאַר־מיידן דאָס אָפּשניידן דעם גליל־העליון דורך פאַרשידענע טייל־פּלענער. אַריינדרינגען אין נייע געגנטן, איינקלאַמערן זיך און באַזעצן די בערג, וואָס זענען ביז דאַן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן דורך דער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע — פיל באַגערן האָבן געפונען באַפרידיקונג אין אָט דעם אויפ־טו. האַרט פאַרן איינקויפן דעם באָדן איז מען אַרויף. ניט ווייסנדיק וואָס עס פאַרבאָרגן אין זיך אָט די טויזנטער פעלזיקע דונאַמס.

ניט קיין באַשטימטער גוף איז אַרויף קיין חניתא אינם ערשטן יאָר, נאָר צענדליקער משקים האָבן זיך מיטבאַטייליקט אין אָט דער שליחות דורך זייערע חברים, ס׳איז געווען אַ ווירקלעכקייט פון דעראָבערונג. און דאָס לעבן — אַ לעבן פון געשפּאַנטער זעלבסטשוץ. אַ געפיל פון באַלאַ־

גערטע קעמפער וואָס איז דורכגעדרונגען מיט שטאָלץ און קראַפט. קיינ־מאָל איז ניט געקומען צום אויסדרוק דער כוח פון יידישן זעלבסטשוץ אַזוי ווי בעתן דעראָבערן חניתא.

הונדערטער חברים פון די משקים אין גוש קישון און מפרץ האָבן אַנטיילגענומען אינם טאָג פון דער עליה. אַן עשאַלאָן פון צענדליקער אויטאָמאָבילן האָט זיך פאָרויסגערוקט אין דער געדיכטער פינסטערניש פון מפרץ. פריער האָט מען פאַרנומען אויפן באַרג אַ דערנעבנדיקן פונקט, אַ מרחק פון 2 קילאָמעטער פון שאָסיי. ווען די מענטשן זיינען אָנגעקומען איז דאָרט קיין וועג און קיין שטעג ניט געווען. אויף אַקסלען האָט מען אָנגעלאָדן די מאַסע און אויף אייזלען, וועלכע מ׳האָט געבראַכט מיט זיך אין די אויטאָמאָבילן. און אַזוי האָט מען אַרויפגעשלעפט די גאַנצע אויסשטאַטונג צו בויען דעם מויער, דעם טורעם און די באַראַקן. מיט העק אין די הענט האָט מען דורכגעבראָכן אַ וועג צווישן די קוסטעס. סטעזשקעס זיינען אויסגעטראָטן געוואָרן צווישן די פעלזן. אַזוי האָט מען געהאַרעוועט, געקלעטערט אַרויף — אַראָפּ און געבויט דעם מויער אין וועלכן מ׳האָט זיך באַפעסטיקט, כאָטש ער איז נאָך אין ערשטן טאָג ניט פאַרענדיקט געוואָרן. הונדערטער מענטשן האָבן זיך נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, געלייגט שלאָפן אויף דער ערד און די שומרים זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך. שוין אין דער ערשטער נאַכט האָבן די אַראַבישע באַנדעס זיך פאַרמאָסטן חרוב צו מאַכן דעם פונקט און אין דער ווינטער־נאַכט (י״ח אדר תרצ״ח) — האָט זיי די פינצטערניש, דאָס וואָיען פון שטורעם־ווינט געדינט אַלס שוץ. זיי האָבן זיך דערנענטערט פון וואַדי און ס׳האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף. די אָנגרייפער האָט מען אָפּגעשטויסן, אָבער צוויי חברים, בערגער און יהודה ברענער, זענען געפאַלן.

זייער גיך האָט די אַראַבישע סביבה געלערנט צו באַציען זיך מיט יראת־הכבוד צו די חניתא־לייט. לעגענדעס פון גבורה — איבערטריבן לויטן שטייגער פון דער מזרח־פאַנטאַזיע — זיינען געוועבט געוואָרן אין די שכנותדיקע אַראַבישע דערפער און זיך פאַרשפרייט העט ווייט איבערן גרענעץ...

נאָך אייניקע חדשים איז אויך דעראָבערט געוואָרן אויבער־חניתא

מיטן גרויסן און מאַסיוון שטיינערנעם בנין, באַדעקט מיט אַ קופּאָל־דאַך. צוויי באַפעסטיקטע חניתאות — די אויבערשטע און אונטערשטע — זיינען געשטאַנען, פאַרבונדן צווישן זיך דורך איין פּאַרטיידיקונגס־פּלאַן, און ביידע — ציל־פּונקטן פאַר אָנגרייפערישע פייַלן. דאָס לעבן אויף דעם אָרט האָט געאָטעמט מיט געפאַר, גבורה און געוואַגטקייט. דער אויטאָ וואָס האָט טעגלעך קורסירט קיין חניתא איז געווען געפּאַנצערט און באַגלייט דורך אַ באַוואָפנטער יידישער וואַך. מיט געווער אין האַנט פלעגן יעדן פרימאָרגן זיך לאָזן איבער די וועגן גרופּן פון חניתא, כדי אָפּצוהיטן די ערשאַפּט אויפן באָדן, אויף די סטעזשקעס וואָס שניידן אים דורך און כדי צו פאַרזיכערן די אַרבעטנדיקע פון אַ פּלוצלינגדיקן אָנפאַל פון אַ לויער. הונדערטער מענטשן זיינען געווען אין חניתא די ערשטע וואָכן — צווישן זיי די אַרבעטער וואָס האָבן געהאַקט דעם וועג אין באַרג. פיל אָפּפערוויליקייט האָבן אַנטפּלעקט ד שטאָטישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אויסגעשטרעקט אַ ברודערישער האַנט צו העלפן בויען דעם פּונקט. אַ גרויסער יום־טוב איז דאָס געווען, ווען דער ערשטער אויטאָ האָט דערעפנט דעם נייעם שאָסיי צו אונטער־חניתא דורכשניידנדיק דעם טויער פון מויער.

דאָס ערשטע יאָר איז געווען בעיקר אַ יאָר פון דעראָבערן, פון פאַרזיכערן די ערשאַפּט איבערן פּונקט און אויפן באָדן ביים אָנהויב פון אַמעליאָראַציע. ביסלעכווייז איז מען אַריבער און זיך קאָנצענטרירט אין אויבער־חניתא. אויך אַ וועג האָט מען צו איר אויסגעהאַקט. ווינגייט „דער פריינט“, דער בריטישער אָפיציר און פאַרבינדעטער פון „הגנה“ האָט דאָ פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט און פלעגט מיט די יאַטן פון חניתא אַרויסגיין אין די נעכט אויסראַטן די אַראַבישע באַנדעס־נעסטן פון דער סביבה.

חניתא האָט אין יענעם יאָר געדינט אַלס שמעלץ־אויוון פון הגנה. — דאָ איז זי געשמידט געוואָרן, און דאָ האָט זי געלערנט פיל נייע סטראַטעגישע מעטאָדן.

אַ יאָר שפּעטער האָט זיך באַזעצט אין חניתא אַ שטענדיקע קבוצה, וואָס איז געקומען פון שימרון, ביי נהלל. דעם ערשטן קערן האָבן געבילדעט יוגנטלעכע פון נהלל, וועלכע האָבן זיך צונויפגענומען אַלס קבור־

צה, פאַרייניקט מיט חברים פון גלות און אַרויף אין חניתא. די נהללער זעלבסט האָבן זיך מערסטנטייל צוריקגעקערט אַהיים. חניתא איז אָנגעשלאָסן אָן חבר־הקבוצות.

דער משק טראָגט אַ באַרג־כאַראַקטער. דער גרויסער באָדן־שטח (איבער 5000 דונאַם), איז צעהאַקט און צעטיילט. נאָר טיילן פון אים טויגן צו לאַנדווירטשאַפט ממש — דאָ און דאָרט האָט מען אַמעליאָריירט אייניקע שטחים ערד און איצט גרינען דאָרט בוימער און פלאַנצן. ס'וואַקסט תבואה און גרינסן. שיין איז דער עפּל־סאָד וואָס רופט זיך „גן קדושי חניתא". ס'זיינען דאָ גוטע באַדינגונגען פאַר פי־צוכט און בינשטאָקן. אויבן אויף די אַרומיקע בערג זיינען געבליבן רעשטלעך פון



חניתא

נאַטירלעכע וועלדער, וועלכע פאָדערן אויפמערקזאַמקייט און פאַרפאַלקאָמונג. די שיינע לאַנדשאַפט, דער בערג־קלימאַט, די ים־ווינטן, דער טוי — די אַלע פאַרוואַנדלען חניתא אין אַ פאַסיק אָרט פאַר אָפּרו־הייזער, בפרט אין די הייסע זומער־טעג.

און דער צווייַג אַנטוויקלט זיך טאַקע אין ברייטן פאַרנעם. ערשט ניט לאַנג האָט מען געענדיקט בויען אַ באַזונדערן עס־צימער פאַר די דאַטשניקעס. ער איז געבויט פון נאַטירלעכן שטיין, וואָס מ'האָט גע־האַקט פון די בערג. אויך די גרינס און בלומען־טעפּיכער, וואָס רינגלען אַרום די געביידעס זיינען טריי דעם סטיל פון דער בערגיקער לאַנד־שאַפט.

חניתא רוט אויפן גרענעץ פון לבנון. אין די טעג פון דער סירישער אינוואַזיע, איז אַרויס פון איר אַ גרופּע פון הגנה און אַריינגעדרונגען קיין סיריע אַלס פּיאָנערן פון דער בריטישער אַרמיי, דעראָבערנדיק די פּאָדער־פּאָזיציעס פון די פראַנצויזישע ווישי־לייט. אין דער זעלבער צייט האָט אויך אָפּערירט אַ צווייטע גרופּע, רעקרוטירט פון די ישובים אין מזרחדיקן גליל העליון. אין אָט דער דרייסטער אָפּעראַציע שטעקן די ער־שטע וואָרצלען פון פלמ״ח.

די זיגזאַגן פון חניתא־שאָסיי זעען זיך פון וויטן ווי אַ ווייסע סטעזשקע אויף די בערג־רוקנס. און פון חניתא אַליין עפענען זיך ברייטע און ווייטע האָריזאָנטן — אויפן עמק עכו, דעם מפרץ און אומענדלעכ־קייט פון מיטלענדישן־ים.

מצובה און אילון

אין עמק, צופוסנס פון די בערג, רעכטס פון כביש איז אויפגעבויט די קבוצה מ צ ו ב ה, וואָס טראָגט דעם נאָ־מען פון אַ יידישן ישוב נאָכן חורבן. די חברים זיינען פון דער דייטשער יוגנט־עליה, וועלכע האָבן נאָכן פאַרענדיקן די הכשרה זיך צונויפגענומען און אָנגעשלאָסן אין חבר־הקבוצות. דער ישוב איז גע־בויט אויף אַ מילד שפּועדיק בערגל. אין לעצטן יאָר האָט מען אַנטדעקט וואַסער אין די ערד־טיפענישן און דאָס וועט ראַדיקאַל ענדערן דעם צו־שטאַנד ניט נאָר פון דעם משק, נאָר אויך פון חניתא און אילון.

5 ק״מ אויף מזרח, קומען מיר אין א י ל ו ן — אַ קיבוץ פון השומר הצעיר, אַ״י־דיקע און פּוילישע „שומרים”. פאַרן באַזעצן זיך דאָ איז דער קיבוץ געווען אין פּתח־תקוה אונטערן נאָמען קיבוץ ב׳, ד. ה. דער צווייטער לויט דער ריי פון די אַ״י־דיקע קיבוצים. ער איז אַהער געקו־מען ווי אַ „חומה ומגדל”־ישוב. חברים פון דעם קיבוץ זיינען געווען מאָ־

בילויזירט אין ערשטן יאָר פון חניתא, און זייענדיק דאָ האָבן זיי זיך פאַרבונדן מיט דער סביבה. דער ישוב איז אַ באַרגיקער. זיי האָבן אַריינגעלייגט אַ סך מי צו „שאַפן ערד” אויף דעם שטיינערנעם שטח און ס'איז אַ פאַרגניגן צו זען די פלאַנצונגען אויף אַ באָדן, וואָס מ'האָט גע־מוזט אָפרייניקן פון פעלזן. די שטיינער בילדן איצט נאַטירלעכע פאַרצאַמונגען. די ווין־הייזער זיינען געבויט אין אַ האַלב־קרייז, באַפּוצט מיט בלומען - גערטעלעך, וועלכע טיילן זיך אויס פון צווישן שטאַרנדיקע פעלזן. אין די איבערשעהן האָבן די חברים אויפגעבויט אַן איינפאַך און שיין קולטור־הויז. דאָס הויפטווערק, מיט וועלכן די קבוצה שטאָלצירט, איז די פאַבריק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען „עשת”, בפרט די באַרימטע זיי־מאַשינען, און אַקער־אייזנס פאַר בערגיקן באָדן. די פאַבריק איז אויפגעבויט פון רויטע „נעמן”־ציגל. די אַרבעט אין פאַבריק פירט זיך לויטן מאָדערנעם קאָנוועיער־סיסטעם, כדי צו שטייגערן די אויסגיביקייט פון אַרבעט. אויפן פּלאַץ פאַר דער פאַבריק זעט מען פאַר־טיקע מאַשינען, וואָס וואַרטן מ'זאָל זיי אַוועקטראַנספּאָרטירן אין די משקים.

אויף צפון פון משק אַנטפּלעקט זיך אַ וועג צו וואַדי־כרכרה, וווּ ס'איז פאַראַן אַ קוואַל, פון וועלכן דער ישוב שעפּט וואַסער. די לאַנד־שאַפט דאָ איז אַ הערלעכע. די דרינגסט אַריין אין וואַדי און שטוינסט אויף זיינע הויכע, שטראָמע ווענט, און אַלטע ביימער וואָס זייערע וואָר־צלען האָבן טיף דורכגעבויערט די פעלזן פון וואַדי. אַ ווילדע און רייכע פלאָרע באַדעקט די נאַקעטקייט פון די פעלזן.

דער קיבוץ פּלאַנירט צו קאָנצענטרירן פאַר די פעלד־באַוואַסערונג די וואַסערן פון וואַדי, וועלכע גייען פאַרלאָרן אין זייער לויף דורכן בעט.

דער כביש גייט ווייטער אויף מזרח דורך אַן אַראַבישע סטרעפּע, וווּ יידישע קאָלאָניזאַציע האָט נאָך ניט דערגרייכט. דער חלום וועגן פיל יידישע ישובים אין די דאָזיקע בערג לעננגוים דער גרענעץ איז דערווייל פאַרווירקלעכט בלויז אין דריי פונקטן אין צפון־מערב פון לאַנד. אין מזרח טייל געפינען זיך אויפן באַרג איינצלנע יידישע ישובים: ק ד ש נ פ ת ל י און מער אויף צפון מ ש ג ב - ע ם און ר מ י ם (מנרה). אין

די טעג פון די אומרוען אין יאָר 1938 איז דער כביש געווען פול מיט יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געבויט דעם צפונדיקן פּלויט פון שטעכל־דראָט. דאָס איז געווען אַ מלוכהשע, מיליטערישע אַרבעט, אויסגעפירט דורך „סולל בונה". הונדערטער יידישע אַרבעטער האָבן דאָ געצויגן די דראָטן, כדי צו פאַרצאַמען דעם וועג פאַר ווילדע אַראַבישע באַנדעס פון סיריע. די דראָטן זיינען געווען געדיכט געצויגן און געפלאָכטן, מיט וואָך־־טורעמס. נאָענט פון די דערפער זיינען אין פּלויט געמאַכט גע־וואָרן טויערן — אַ דורכגאַנג פאַר די פלחים צו זייערע פעלדער פון יענער זייט דראָט.

ראַס־אל־נאַקורא

איידער מיר קומען צוריק אין חיפה, וועלן מיר אָפּטרעטן ביים גרענעץ־פּונקט אין צפון, צווישן א"י און סיריע ראַס אל־נאַקורא, אין העברעיש ראש־הנקרה. דאָ פאַרשליסט אַ באַרג, וואָס רייסט זיך אַריין אין ים, דעם שמאָלן טאָל. דער קרייט־פעלזיקער באַרג בלאַנקט פון ווייסקייט.

די פיס פון באַרג טונקען זיך אין וואַסער און די כוואַליעס לעקן זיי, דראַפּן זיך אַרויף, און אַזוי לעקנדיק האָבן זיי דורכגעבויערט און געשאַפן איינגוסן אין זיינע רוקנס — שפּאַלטן און היילן.

אַמאָל איז דער דורכגאַנג קיין צפון געווען אַ שווערער, נאָר מיט אַ שטיילער באַרג־סטעזשקע. איצט גייט דאָ אַ כביש פאַר אויטאָס און אַ באַן־ליניע, וואָס איז געבויט געוואָרן אין דער לעצטער וועלט־מלחמה, שניידט דורך דעם באַרג אין אַ טונעל.

ראש־הנקרה איז אַ גרענעץ־פּאָסטן.

יגור און איר אומגעגנט

„נשר" לאמיר זיך איצט לאזן קיין יגור. יעדע שעה פארט אהין פון חיפה א פאסאזשיר־אויטא נומער 8, ניט זעלטן געפירט דורך א חבר פון משק. פאר עטלעכע יאר האט יגור אליין אויפגעשטעלט איר קאמוניקאציע מיט חיפה, אבער שפעטער האט מען זי פאריייניקט מיט דער שטאטישער נעץ, א קאאפעראטיוו פון הסתדרות. אויפן כביש איז א לעבהאפטע באוועגונג. ביים אראבישן דארף באלאד־אל־שייך געפינט זיך א גרויסער, מאדערנער קאריער פון „סולל־בונה", ווו ס'ארבעטן א סך יידישע ארבעטער. נאך א ביסל — און דו ביסט אין „נשר".

„נשר" איז א גרויסע צעמענט־פאבריק, ווו ס'ארבעטן הונדערטער יידישע ארבעטער. זי איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1925, בעת דער פערטער עליה און האט באזארגט צעמענט פאר דער גרויסער בויאונג פון לאנד. ביז היינט איז זי די איינציקע אינדוסטריעלע־אונטערנעמונג פון דעם מין. דער רוישטאף ווערט ארויסגעהאקט פון דעם שכנותדיקן בארג און צוגעפירט צו די גרויסע אויוונס. פון דער פאבריק, הויבט זיך אין דער לופטן טאג און נאכט דער צעמענט־שטויב.

דאס פריוואט־באזיץ פון דער פאבריק האט ניט איין מאל דערפירט צו א קעגנזאץ מיט די אינטערעסן פון יידישן ישוב. יארנלאנג איז דער רוישטאף געהאקט געווארן אויף א פרימיטיוון אופן דורך די אראבישע ארבעטער און דער יידישער האט ניט געהאט קיין צוטריט צו דער ארבעט. ער האט נאר געארבעט אין דער פאבריק.

אין דער געשיכטע פון דער פאבריק איז באקאנט דער פאקט, ווען 150 אראבישע ארבעטער האבן מיט איבער צוואנציק יאר צוריק פארשטרייקט און די יידישע ארגאניזירטע ארבעטערשאפט האט זיי אונטערשטיצט. מ'האט אראפגעבראכט שטרייק־ברעכער, אבער די יידישע ארבעטער האבן ניט געוואלט אננעמען דעם רוישטאף, וואס איז דורך זיי דערלאנגט געווארן. א חודש צייט האט געדויערט דער שטרייק און האט זיך פארענדיקט מיטן זיג פון די שטרייקנדיקע.

נאך דער לעצטער מלחמה זיינען אויסגעבראכן ערנסטע קאנפליקטן צווישן די אייגנטימער און די יידישע ארבעטער. די אייגנטימער האבן

דערקלערט אַ לאָקאַוט. די בוי־אַרבעט איז פּאַראַליזירט געוואָרן און הונ־דערטער אַרבעטער, ניט נאָר פון דער פאַבריק אַליין, זיינען געבליבן אַרבעטסלאָז. איצט איז די פאַבריק אַריבער צו אַנדערע אייגנטימער, שותפות מיטן „סולל בונה", און דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער פון אייגנטום איז אַ גאַראַנטיע, אַז די בויאונג אין לאַנד וועט ניט זיין אָפּ־הענגיק פון פּריוואַטע אייגנטימער, וואָס דער נאַציאָנאַלער אינטערעס פון ישוב איז זיי פרעמד.

די פאַבריק פּראָדוצירט 1000 טאָן צעמענט אַ טאָג. אין קריגס־צייט האָט די פאַבריק געליפערט דעם גרעסטן טייל פון איר פּראָדוק־ציע דער בריטישער אַרמיי פאַר מלחמה־צוועקן. איצט באַדינט די פאַב־ריק סך־הכל די בוי־באַדערפענישן פון לאַנד. ס'ווערט געבויט אַ צווייטע צעמענט־פאַבריק אין יהודה, לעבן הר־טוב, ביי דער באַן־ליניע תל־אביב־ירושלים.

אַרום „נשר" האָט זיך אַנטוויקלט אַ קליינער ישוב, וועמענס פּרנסה איז אָפּהענגיק פון דער פאַבריק, אירע אַרבעטער און אַנגעשטעלטע. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ס'רוב אַרבעטער וווינען אין חיפה. פּאַקטיש האָט אַזאַ פאַבריק געקאָנט דינען ווי אַ באַזע פאַר אַן אַנטוויקלונג פון אַ גרויסן אַרבעטער־ישוב. וואָלט אַזאַ טענדענץ לכתחילה באַגלייט דאָס אויפשטעלן פאַבריקן, וואָלט מען זיי געבויט אויסער דער שטאָט, און וואָלטן זיך פאַרוואַנדלט אין באַזיסן פאַר נייע ישובים — פאַרבונדן מיט לאַנדווירטשאַפט און נאַטור. מיר האָפן, אַז דורכן אַריבערגיין פון דער פאַבריק צו אַ פאַראַנטוואָרטלעכער געזעלשאַפטלעכער קערפּערשאַפט וועט זיך אויך דער ישוב אויפן אָרט אַנטוויקלען.

יגור — מיר קומען קיין י ג ו ר, צום גרעסטן קיבוץ אין לאַנד, דריי ק"מ פון „נשר" און צען פון חיפה. דער שאָסיי ציט זיך צו־פוסנס פון כרמל. פון רעכטס זעט מען דעם נאַקעטן באַרג־רוקן און צו־פוסנס, נאָענט צום ישוב די וויין־גערטנער. פון לינקס שפּרייטן זיך אויס די באַוואַסערונגס־פעלדער, געפּלאַנצטעביימער און די הייזער, וועלכע מיר וועלן נאָך באַשרייבן. דער הויפּט־שאָסיי שניידט אַדורך יגור. דער אויטאָ פאָרט דורכן טויער צום רונדן פּלאַץ, וועלכער איז אויסגע־בעט מיט בלומען און גרינס.

יגור איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1922 דורך „אחוה”, אַ קבוצה פֿון דער צווייטער עליה, וועלכע האָט איינע פֿון די ערשטע פּאַרייניקט לוין־אַרבעט מיט אַן אייגענער הילפֿס־ווירטשאַפֿט. נאָכדעם איז דאָס געוואָרן דער וועג פֿון אַ סך קערפּערשאַפֿטן, וואָס זיינען מיד געוואָרן וואַרטנדיק אויפֿן בודזשעט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און האָבן גענומען לייגן פֿונדאַמענטן פֿאַר אַ זעלבשטענדיקער ווירטשאַפֿט אַ דאַנק די אָפּשפּאָרונגען פֿון דער לוין־אַרבעט.



יגור

די קבוצה „אחוה” האָט לאַנג געוואָגלט איבערן לאַנד. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געפֿינט זי זיך אין עין־גנים ביי פּתח־תקוה. מיט דער בריטישער אינוואַזיע איז דער גרעסטער טייל פֿון אירע חברים פּרייוויליק געגאַנגען אין יידישן לעגיאָן. נאָך דער באַפֿרייונג האָבן זיי

זיך ווידער צונויפגענומען, געווען צווישן די וואַסער־זוכערס אין תל־ערד, אַ שטח באַדן, וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט געזאָלט געבן די פּריוווילִיקע, און איז ניט באַזעצט געוואָרן מחמת ס'איז ניט געווען דאָרט קיין וואַסער. צום סוף זיינען זיי קעגן ווילן פון די אָפיציעלע ציוניסטישע קרייזן אַרויף אויפן באַדן, אין שכנות פון פאַרסמטע זומפּן. פון קליינעם פּונקט, אין וועמענס צוקונפט קיינער האָט ניט געגלויבט, איז יגור, נאָכן אַנשליסן זיך אָן קיבוץ־המאוחד, געוואָרן אַ ישוב, וואָס האָלט אויס 1400 נפשות, דער גרעסטער קיבוץ אין לאַנד. יגור איז געווען די ערשטע, וואָס האָט דערגרייכט די צאָל 1000 נפשות.

בעת דער פינפטער עליה האָט זיך דאָ באַזעצט אַ זעלבשטענדיקע פּלוגה פון פּוילישן „החלוץ", וואָס האָט דורכגעמאַכט די הכשרה אין קלעסאָוו (וואָלין), געווען אָנגעשלאָסן אין הקיבוץ־המאוחד, און געאַרבעט אין חיפה און סביבה, אין עתליתער שטיינהאַקעריי און אַלס טרעגער און פּאָרט־אַרבעטער. ס'רוב ווי לוין־אַרבעטער. פון קלעסאָוו האָבן זיי מיטגעבראַכט דעם שוואונג פון כיבוש און אַ דאַנק דעם זיינען זיי אַריינגעדרונגען און זיך געהאַלטן ביי חלוצישע אַרבעטס־געביטן. נאָך אין קלעסאָוו האָבן זיי געחלומט וועגן אַ דעראַבערישע אַרבעטס־פּלוגה אין שטאָט און וועגן אַרבעט אין פּאָרט. אויף דער יגורער מועצה פון קיבוץ־המאוחד אין יאָר 1933 האָט מען באַשלאָסן צו פאַריייניקן די פּלוגה מיטן משק יגור; דער שריט האָט אַרויסגעפירט יגור אויף אַ ברייטן שלאַך.

דער ישוב וואַקסט זיך פונאַנדער, צונויפגעפּרעסט צווישן באַרג און כביש. איבער יגור געפינט זיך אַ גרויסער, ווילדער וואַדי, אין וועלכן ס'פליסט ווינטער־צייט, נאָך די רעגנס, אַ סך וואַסער פון די בערג. אין די שבתים און רו־טעג, בפרט אין שיינע ווינטער־טעג, קלעטערן אַרויף די קינדער אויף די שטראַמע־בערג פון ביידע זייטן וואַדי, זיי גייען מיט סטעזקשעס, קלייבן צווישן די פעלזן בלומען און פלעכטן קרענץ.

דורכן אייזערנעם טויער קומען מיר אַריין קיין יגור. ביינאַכט איז דער טויער פאַרמאַכט. דו מוזט רופן דעם וועכטער ער זאָל דיר עפענען. ביים אַריינגאַנג איז דער צענטראַלער פּלאַץ. אין די פאַרנאַכט־שעהן איז דאָ טומלדיק: קינדער לויפן אַרום אָדער ליגן אויפן גראָז צוזאַמען מיט זייערע עלטערן און גענוסן פון אָוונט־רו. לעבן פּלאַץ איז דער גרויסער

און באַלויכטענער חדר־האוכל. שיינע שטיינערנע טרעפּ פירן צו אים. פון ביידע זייטן וואַקסן בלומען־קוסטעס. אין הויף גופא פּילסטו, אַז דו גע־פינסט זיך אויף אַ באַרג־פּעלזיקן באָדן: אויף יעדן שריט שטאַרן אַרויס שטיינער און דעריבער איז שווער צו פאַרזעצן בלומען־גערטלעך.

די הייזער זיינען גרויסע, מאַסיווע. זיי זיינען שוין אַריינגעדרונגען אין וויינגאָרטן. רייען פון וויינשטאָקן ווערן אויסגעקאַרטשעוועט, כדי צו מאַכן אָרט פאַר די נייע געביידעס, ווייל ס׳איז שוין ענג אין די גרענעצן פון משק. דער בית־הקברות, וואָס איז געווען ביים באַרג, אויפן ראַנד פון וויינגאָרטן, וועט אינגיכן זיך געפינען אין הויף גופא אַ דאַנק די נייע געביידעס.

דער חדר־האוכל איז דער גרעסטער פון אַלע קיבוצישע ישובים. ער פאַרמאָגט 500 זיץ־פּלעצער. פּירעקיק, ברייט, מיט אָפענע פענצטער לענגוים די ווענט. מ׳עסט דאָ שיכטנווייז. רייען פון קליינע טישלעך — פאַר זעקס מאַן — זיינען אויסגעשטעלט און דו זעצסט זיך ביים ריינעם, שיין סערווירטן טיש, וואָס דאַרף איצט באַדינט ווערן. מען וואַרט — ביז מען דערלאַנגט דאָס עסן. אויף אַנטשפּרעכיקע וועגעלעך ווערט דאָס עסן צוגעפירט צו די רייען־טישן. אָן אַ זייט געפינט זיך די קיך, אונ־טער איר, אַ קעלער פאַר פּראָדוקטן. איבערן זאַל אַ גרויסער פלאַכער דאַך; גיי אַרויף און באַוואונדער די געגנט.

אין פייערלעכע טעג ווערן די טישלעך שנעל אַריינגערוקט אין די ווענט־בלויזן און ס׳קענען זיך אויסזעצן אויף די בענק אַ פאַר טויזנט מענטשן. דער מערבדיקער שמאָלער טייל פון חדר־האוכל פאַרוואַנדלט זיך אין אַ סצענע. אַמאָל קומט אַהער די „הבימה" אָדער „אוהל"; דאָ האָט געשפּילט הובערמאַן און פון דער גאַנצער סביבה זיינען געקומען טויזנטער מענטשן הערן דעם גרויסן קינסטלער. דאָ ווערן אויך געפּייערט אינערלעכע יום־טובים.

דער חדר־האוכל פון יגור פאַרמאָגט אַ פאַרנעם, אַ אינטימקייט. ער איז אַזוי גרויס, אַז אַ מענטש קאָן זיך אומגעשטערט אָוועקזעצן אַליין אין אַ ווינקל. אין די אָוונטן, נאָכן אַראָפּנעמען פון די טישן, פאַרזאַמלען זיך גרופּעס מענטשן און שמועסן, עס האָבן זיצונגען חברים פון אַ קאָ־

מיסיע, פון אַ צווייג און באַטראַכטן זייערע ענינים אָדער פּלאַנירן די אַרבעט אויף מאָרגן. עס זיצן צוויי פריינט און רעדן זיך אַראָפּ פון האַרצן. אַ חבר זיצט און לייענט. איינער שטערט ניט דעם צווייטן.

דאָרט ווו דער ווייַנגאָרטן ציט זיך באַרג־אַרויף איז דער בית־הקברות. דאָ רוען אַ סך חברים, געפאַלענע ביי הגנה אָדער כיבוש עבודה, אויך חברים — גרינדער פון משק. דאָ ליגט ב ת ־ ש ב ע חייקין, אַן אַקטי־ווע צ. ס.־טוערין פון רוסלאַנד, מיטגליד פון הסתדרות־עקזעקוטיוו, אַ טעטיקע אין קיבוץ־המאוחד און אויפן געביט פון אַרבעטער־דערציונג.

יגור פאַרמאָגט 5000 דונאַם ערד מיט אַ געמישטער אַנטוויקלטער אַג־רי־קולטור־ווירטשאַפט. וואַסער איז דאָ אַ סך. יגור האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט די גוטע גערטענישן. ניט ווייט פון כביש — אַ סאָד פון פרוכטביימער און ווייַנגערטנער. ווייטער, אויפן וועג צו כפר־חסידים שפּרייטן זיך אויס די פעלדער, וואָס ווערן קינסטלעך באַוואַסערט. די תבואה־פעלדער האָבן געגנוג רעגנס. פון אַנדערע צווייגן — מלאכה. בפרט איז כדאי צו דערמאָנען די גרויסע בלעכעריי, וואָס באַשעפטיקט צענדלי־קער אַרבעטער, די שלאָסעריי, סטאָלעריי, די טעפּיכער־ און דעקעס־וועבעריי „גיזה", וועשעריי אא"וו. עס איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו אַרויסצובאַקומען פון די בערג מאַרמאָר פאַר דענקמעלער. וויכטיק איז דער אָנטייל אין דער אויטאָ־קאָמוניקאַציע־אונטערנעמונג פון דער שטאָט חיפה, בפרט אויפן אָפּשניט חיפה־יגור און צו ווייטערע ישובים אויף מזרח. יגור פאַרנעמט אַ וויכטיקן אָרט אין די אַרבעטן פון די „סולל בונה"־קאַריערן און אין דער מילך־פאַרטיילונג פון „תנובה". ניט איינ־געגעבן האָט זיך דער פּרווו אויפצושטעלן אַ פאַבריק פון בלומענטעפּ.

יגור איז אויפגעבויט געוואָרן אַ דאַנק די פּערזענלעכע אָנשטרענגונ־גען פון אירע חברים, אָן אַ גענוגנדיקן בודזשעט מצד די אָפיציעלע אינ־סטאַנצן. דער ביודזשעט איז געגעבן געוואָרן קוים פאַר 40 משפחות, בעת דאָרט געפינט זיך אפשר צען מאָל אַזויפיל. דער גרויסער שוווּנג פון יגור אויפצונעמען נייע מענטשן און צו פאַרברייטערן די ווירטשאַפט האָט ניט געפונען קיין גענוגנדיקע אונטערשטיצונג. אַ גרויסער, אייגענער קאַ־פּיטאַל, אַ רעזולטאַט פון אָפּשפּאָרונגען ביי לוין־אַרבעט, איז אינוועס־טירט געוואָרן אין אויפשטעלן נייע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס, וואָס

פאַרגרעסערן די מאַסשטאַבן און ברייטערן אויס דעם פאַרנעם פון משק.

דער יגורער קאָלעקטיוו איז אַ זייער קאָמפּליצירטער און פילפאַרבי־קער. ער באַשטייט פון קערנדלעך פון אַלע עליות, אָנהייבנדיק פון דער צווייטער (קבוצת „אחוה") ביז דער לעצטער (קבוצת „פּרומקה"), פון „דרור"־חברים וואָס זיינען געווען אין גטאָס, פּאַרטיזאַנען־גרופּעס, לאַ־גערס און ערשט ניט לאַנג געקומען. לויט אָרגאַניזאַציעס שטאַמען זיי פון דער צווייטער עליה, פון „החלוץ", „דרור" און צ. ס.־באַוועגונג פון רוס־לאַנד און פּוילן, פּוילישער „החלוץ", בפרט קיבוץ „קלעסאָוו", פון דייטשן „החלוץ", רומענישן אא"וו. זייער פיל הכשרה־קבוצות און איבונגס־גרופּן האָבן דאָ דורכגעמאַכט זייער הכשרה און אויפגעשטעלט קאַדרען צו בויען נייע ווערק אין צפון און דרום. אַ מענגע גלות־קינדער, פון פּוילן, סיריע אא"וו גייען דאָ דורך זייער הכשרה.

דער גרויסער געזעלשאַפטלעכער פאַרנעם — 1400 נפשות — איז פאַרבונדן מיט קאָמפּליצירטע און פאַרפלאָנטערטע לעבנס־פראַגעס. עס איז ניט לייכט צו באַהערשן אַ לעבן פון אַזאַ גרויסן קאָלעקטיוו, וואָס לעבט אויף קאָמונע־יסודות. דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט יעדן איינעם, די באַפרידיקונג פון זיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע באַדערפע־נישן, די אַקטיוויזירונג פון מענטשן און באַטייליקן אים אין שלעפּן דעם יאָך, אין טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט — צו דעם אַלעם איז נויטיק: אינערלעכע, חברישע צוזאַמענגעשלאָסנקייט, אַ וואַכזאַם געזעלשאַפטלעך לעבן, אינערלעכע דעמאָקראַטיע, אַ טיפער בונד צווישן יחיד און זיין ווערק פּערמאַנענטע אידעישע אַקטיוויטעט און אַ גרויסע נעץ פון אינ־סטיטוציעס, קאָמיסיעס אויף אַלע געביטן פון לעבן. ניט אַלעמאָל איז דער וועג אַ גלאַטיקער. עס זיינען פאַראַן דעפּרעסיעס ביי יחידים און כלל אין יעדע קאָמונע, אויך אין דער גרויסער. דורך קאַמף און ליידן פלאַס־טערט זיך די קאָמונע אויס איר וועג אין לאַנד.

די 500 קינדער פון יגור זענען אַ גרויסע וועלט פאַר זיך. יעדער על־טער — פון די זויג־קינדער ביז די דערוואַקסענע, וואָס גלידערן זיך אַריין אין לעבן פון משק ווי חברים — האָט זיך זיין הויז, זיין הויף, זיין אייגן לעבן און אַ פּערסאָנאַל פלעגערינס און לערערס. צווישן די קינדער זעסטו אויך פיל אָנגעקומענע פון גלות.

אין יום־טובדיקע, פייערלעכע טעג אַנטפּלעקט זיך דער כוח פון יגור דער כוח פון אַ גרויסן קאָלעקטיוון ישוב, וואָס האָט שווונג און דרייסט־קייט אין זיינע שטרעבונגען צו שאַפן נייע פאָרמען פון יום־טוב, וואָס באַהויכט דאָס לעבן פון יחיד מיטן גייסט און כוח פון אַ גרויסן קאָ־לעקטיוו מיט אַ גרויסן פאַרנעם.

דאָ לעבט יהודה ש., אַ זון פון אַ בילוי־משפחה, וואָס האָט געגעבן אַ מוזיקאַלישן אויסדרוק, אַ יידישן און אָריגינעלן, אַ סך תנך־מאָטיוון, די שאַפונגען פון ביאַליק, רחל א. אַנד. און זיי פאַראייגנט יגור און דעם ישוב אין לאַנד. דאָס איז איינע פון די אָריגינעלע, זעלבסשטענדיקע אַנטפּלעקונגען פון יידישן שאַפונגס־גייסט, וואָס שעפּט פון אייגענעם מקור. דאָ פירט אָן מיטן געזאַנג אַ יונגער יגורער דיריגענט, וועלכער לייטעט מיטן כאָר פון יגור און שכנותדיקע קיבוצים. טיילמאָל הערט מען דעם שיינעם כאָר פון דער ירושלימער ראַדיאָ־סטאַציע. קלאַסישע און פאָלקס־לידער ווערן אויסגעפירט פיין, מיט געשמאַק.

יגור האָט אַ גרויסן חלק אין אויספורעמען די יידישע יום־טובים אויף אַן אָריגינעלן, יידישן שטייגער. גראַנדיעז זעט אויס דער סדר, ווען 1500 מענטשן זיצן צוזאַמען. ווערטן, וואָס זענען דאָ אויפגעקומען אין אַ ספּעציפישן סטיל, האָבן זיך פאַרשפּרייט איבערן לאַנד און בייגעשטייערט דאָס אויסבילדן פייערונגען און יום־טובים.

מיט אייניקע יאָר צוריק איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אָרויסטריט פון יגורער כאָר אין אייגענעם חדר־האוכל. אין דער זעלבער שעה האָט די הגנה געפירט דורך די בערג־סטעזשקעס, נישט ווייט פונדאַנען, 200 מעפּילים, באַפרייטע דורך איר פון לאַגער אין עתלית. זיי האָבן זיך גע־שלעפּט מידע און אויסגעמאַטערטע, און פאַרטאָג זענען זיי אַראָפּ פון די בערג אויף דער ערד פון יגור. מיליטער האָט אַרומגערינגלט דאָס אָרט, אָבער גאַנץ יגור איז אַלאַרמירט געוואָרן צו העלפן די מעפּילים. דער יונ־גער דיריגענט, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג מיט זיין שטעקעלע אָנגעפירט מיטן כאָר, איז צוזאַמען מיט אַלעמען געגאַנגען, אויך מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, אָבער שוין ניט מיט קיין דיריגענטן־שטעקעלע. די מעפּילים זיינען ניט אַרויסגעגעבן געוואָרן. מ'האָט זיי איבערגעפירט אויף אַ זי־כערן פּלאַץ.

שווערע טעג האָט איבערגעלעבט יגור אין דער צייט פון באַלאַגערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 29 יוני 1946. מ'האָט דאָרט אַנטדעקט געווער־סקלאַדעס פון דער הגנה. דאָס מיליטער האָט אַרומגערינגלט יגור, דעראָבערט דעם הויף, און זיך דאָרט איינקוואַרטירט, פּאַראַליזירט די אַרבעט, צעשטערט הייזער און אויפגעריסן דילן, זוכנדיק געווער, אַרעסטירט הונדערטער חברים, וועלכע מ'האָט אָפּטראַנספּאָרטירט קיין רפיח צוזאַמען מיט טויזנטער חברים פון אַנדערע משקים. דער ישוב איז דערמאָלט מאָביליזירט געוואָרן צו העלפן די משקים און די חיפה'ער אַרבעטער האָבן געהאָלפן רעמאָנטירן די באַשעדיקונגען אין יגור. דאָס איז געווען אַ טיפע וווּנד אין האַרץ פון דער אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, אָבער מער פון אַלע האָט געליטן יגור.

דאָס איז געשען צוויי וואָכן נאָך דער קאָנפערענץ פון קיבוץ המאוחד אין יגור, בעת וועלכע טויזנטער מענטשן האָבן זיך צוגעהערט צו די ווערטער פון צ ב י ה, וואָס האָט דערציילט וועגן דער פאַרניכטונג פון פּוילישן יידנטום און פאַרצווייפלטן קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ. יגור איז גאַנץ אָפט אַ גאַסטגעבער פאַר פאַרשיידענע קאָנפערענצן. דאָ זיינען פאָרגעקומען די ועידות פון הקיבוץ המאוחד אין יאָר 1934, 1937 און 1946־טן. דאַסמאָל האָט מען אויפגעשטעלט אַ ריזן־געצעלט ביים אַריינגאַנג אין וואַדי און טויזנטער דעלעגאַטן און געסט האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט.

פון יענער זייט שאָסיי, פון צפון, געפינט זיך די האַנטווערקער־שול אויפן נאָמען פון טיץ. די שול גרייט צו יוגנט צו פאַרשידענע פאַכן, בפרט שלאָסעריי און סטאָלעריי. ניט ווייט שטייען די וואַרשטאַטן פון משק. אַביסל ווייטער איז די, מיט עטלעכע יאָר צוריק אויפגעבויטע ראַיאָן־שול פון מרכז לחינוך, פאַר אַרבעטער־קינדער.

היינט געפינט זיך דאָ דער סעמינאַר פאַר לערער און פּרעבליסטנס פון דער קיבוצישער באַוועגונג, וועלכע וועט איבערגעטראָגן ווערן אין יער־אלכסנדר ביי שער־העמקים.

כפר חסידים

אויף צפון, אין טאָל פון איינגוס, ניט ווייט, זעען מיר דעם רעליגיעזן מושב העובדים כ פ ר ח ס י ד י ם און אין אַ זייט פון אים כ פ ר ה נ ו ע ר ה ד ת י. (דאָס דאָרף פון רעליגיעזער

יוגנט). דאָס דאָרף טראָגט דעם נאָמען פון זיינע גרינדער, פון דער חסי־דישער עליה. די דאָזיקע עליה איז געווען אַ באַזונדערער שטראָם אין דער פּערטער עליה, די כּאַאָטישע עליה פון באַלעבאַטישע קרייזן, פון מיטלשטאַנד, וואָס זיינען ניט געגאַנגען אין דאָרף, נאָר זיך באַזעצט אין די שטעט. זיי זיינען געווען ווייט פון חלוצישע טענדענצן. פון זיי טיילט זיך אויס די חלוציש־רעליגיעזע עליה, וואָס האָט צוזאַמען מיט די חסי־דים געבראַכט אַהער אויך די רביים זייערע, דעם יאַבלאָננער און קאָזשע־ניצער. אין דער דאָזיקער עליה האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פּרווו צו באַנייען די חסידישע באַוועגונג, וואָס איז אין איר אָנהויב געווען אַ פאָלקסטימ־לעכע רענעסאַנס־באַוועגונג, איז אָבער שפּעטער איינגעשרומפּן און פאַר־וועלקט געוואָרן; אַ פּרווו זי צו באַנייען מיט אַ כּוח פון חלוצישן ברען און שעפערישער באַרירונג מיטן לאַנד. די עליה פון משפּחות מיט אַ סך קינדער, אין הארץ פון וויסטן עמק, אויף פּוסטן באָדן, די ליידן אין דער איבערגאַנגס־צייט צום אַרבעטס־ און דאָרפס־לעבן — זיינען געווען אַ וואונדערבאַרע דערשיינונג, אַ אייגנאַרטיקע אין לעבן פון פאָלק. און די מענטשן זיינען געקומען אין עמק, אַריבער צו פיזישער אַרבעט, געטריקנט זומפּן און מיטן כּוח פון רעליגיעזער חלוצישער ליידנשאַפט איבערגע־טראָגן דאָס שווערסטע. אַ סך האָבן פיזיש ניט אויסגעהאַלטן און אַוועק פון דער אַרבעט, אָבער די פאַרבליבענע האָבן זיך קאָנצענטרירט און אויפגעבויט דעם כּפר חסידים. צו זיי זיינען צוגעקומען חברים פון הפּועל־המזרחי און אויסגעברייטערט דאָס דאָרף.

די אַרבעטערשאַפט האָט מיט ליבשאַפט און פריינטשאַפט אויפגע־נומען די חסידישע עליה; זיי אויפגענומען ווי חברים אין קראַנקן־קאַסע פון דער הסתדרות. אַ סך יוגנטלעכע פון דאָרף זיינען אין „הנוער־העובד“.

מזרחדיק פון כּפר־חסידים געפינט זיך כּפר הנוער הדתי, וווּ ס׳דערציט זיך די פריש־אָנגעקומענע יוגנט. ס׳איז אַ דערציערישער אַנ־שטאַלט מיט לאַנדווירטשאַפטלעכע צווייגן, צו דערציען די יוגנט אין חלו־ציש־רעליגיעזן גייסט. דאָס דאָרף איז אַנטשטאַנען אין 1937 י. און די אַביטוריענטן פון דעם אַנשטאַלט האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אין אויפבוי־פּראָגנט פון „הפּועל־המזרחי“, און אין זיין יונגער שוועסטער־באַוועגונג „בני־עקיבא“.

שער העמקים

אַ קיבוץ פון השומר־הצעיר, ליגט ביים שאַסיי אויף די בערגלעך, ביים ראַנד פון די דרומדיקע גליל־בערג, 14 ק"מ פון חיפה. דער נאָמען פון אָרט זאָגט עדות אויף זיין געאָגראַפישער לאַגע — אַ טויער צווישןביידע טאָלן. אויף לינקס פון כביש איז געבויט דער ישוב, אויף רעכטס — די פעלדער.

דער קיבוץ איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1935 ביי די ברעגעס פון קישון. אויף די בערג פון צפון־זייט איז פאַרפלאַנצט דער יער אלכסנדר. דאָ בויט מען דעם לערער־און פּרעבליסטן־סעמינאַר פון דער קיבוצישער באַוועגונג. יאָרן־לאַנג האָבן די קיבוצים באַשעפטיקט לערערס פון דרויסן, וואָס זיינען ניט געווען קיין חברים פון די משקים. דאָס איז געווען אַ חסרון פון פעדאַגאָגישן שטאַנדפונקט. אַ סך חברים און חברות פון די משקים האָבן זיך אויסגעבילדעט אין די לעצטע יאָרן אַלס לערער און פּרעבליסטנס אין דאָזיקן אַנשטאַלט, וועמענס פעדאַגאָגישע טענדענצן אַנטשפּרעכן די באַזונדערע דערציונגס־באַדערפנישן אין די קיבוצים.

מיטן וווקס פון דער צאָל קינדער לאָזט זיך שטאַרקער פילן דער דוחק אין קוואַליפיצירטע פעדאַגאָגישע כוחות. דער סעמינאַר ווערט אויסגעהאַלטן דורך אַלע קבוצישע קערפּערשאַפטן. דערווייל געפינט ער זיך אין צפון־תל־אביב, ביים ירקון, און איז פאַרבונדן מיטן ביאָלאָגיש־פעדאַגאָגישן אינסטיטוט געגרינדעט דורך יהושע מאַרגאָלין ז"ל. אַ טייל פון סעמינאַר געפינט זיך אויך אין יגור. און זיין וועט ער אַ זעלבסשטענדיק דאָרף, מיט אַלע זיינע אינסטיטוציעס, פעדאַגאָגן און מיטאַרבעטער, אין באַדינגונגען וואָס אַנטשפּרעכן זיינע צילן.

די באַן־ליניע שניידט דורך דעם שמאָלן טאָל אונטן. ביי דער ליניע געפינט זיך דער ישוב אלראי, וועמענס איינוווינער זיינען עולה געווען פון קורדיסטאַן. דער דאָרף טראָגט דעם נאָמען פון אָנפירער פון דער משיחישער באַוועגונג אין צוועלפטן יאָרהונדערט, אין וועלכער ס'איז געקומען צום אויסדרוק די גבורה פון יידישע מאַסן, וואָס האָבן מיט געווער אין האַנט געשטרעבט צו באַפרייונג.

אַט דערנענטערן זיך די בערג פון כרמל צו די גליל־בערג און שליסן דעם טאָל. נאָר אַ שמאָלער ערד־פּאַס, דורך וועלכן ס'פליסט דורך דער קישון צום ים, טיילט אָפּ די בערג־קייטן, פון דאַנען ווייטער אויף מזרח עפנט זיך פאַר אונדז דער עמק יזרעאל.

עמק יזרעאל

לאַנדשאַפֿט

גרויסע רחבותדיקע פֿעלדער, ברייטע פֿלאַכלאַנד־שטחים צעשפּרייטן זיך אין אַלע זייטן — ביז די בערג־רוקנס. דאָ און דאָרט דרינגט אַריין דער טאָל מיט שמאָלע צונגען אין צווישן די בערג. מזרח־צו איז ער אָפֿן, און גיסט זיך צונויף מיטן עמק־הירדן. פֿון יענער זייט ירדן פֿונווייטן קוקן אויף אונדז די הערלעכע בערג־קייטן פֿון ג ל ע ד.

גרויסע ערד־שטחים, קאָנצענטרירטע, זיינען אויסגעלייזט געוואָרן דורכן ק. ק. ל. פֿון מערב ביז מזרח, כמעט אין דער גאַנצער לענג, שפּרייטן זיך אויס איינער לעבן אַנדערן יידישע ישובים. ווו נישט ווו נאָר רייסן זיך אַריין שמאָלע שטיקלעך אַראַבישע ערד. אָבער די יידישע ישובים זיינען דאָ געדיכטע. קלעטער אויף איינעם פֿון די נאָענטע בערג, און ס'וועלן זיך אַנטפּלעקן פֿאַר דיינע אויגן ברייטע, גרינע פֿעלדער, אין וועלכע עס זיינען צעזייט די יידישע ישובים — ווייסע הייזער, טונקעלע פֿלעקן פֿון יונגע וועלדער, וויינגערטנער און פּרוכט־ביימער.

געקומען דער ווינטער. עס זיינען שוין געפֿאַלן די ערשטע רעגנס און אָנגעזעטיקט די דורשטיקע ערד, וועלכע האָט צוריקבאַקומען איר פּראַכט נאָך די זומער־היצן. אויפֿגעאַקערט זיינען די פֿעלדער און די באַהאַלטענע קערנדלעך שפּראָצן אויף. די בערג באַדעקן זיך מיט גרינס און אַן אַנגענעמע פֿרישקייט שוועבט איבער אַלעם. עס גייט אויף אַ לעבן פֿון מי און אַרבעט. שיין איז דער עמק מיט זיין פֿילפֿאַרביקייט, צוזיענדיק מיט די אויפֿגעאַקערטע שטחים און שפּראָצנדיקע פֿעלדער. די מענטשן גייען זיך פֿאַמעלעך נאָך די בהמות און אַקערן — דאָס אַקערן יידן. טראַקטאָרן באַוועגן זיך. אין די נעכט הערסטו זייער גערויש און זעסט זייערע ליכטער, וואָס וואַקלען זיך איבער די פֿעלדער. גייסט אויף יידישער ערד און ווייסט, אַז אַלץ וואָס וואַקסט דאָ האָבן פֿאַרזייט די הענט פֿון דיינע ברידער־אַרבעטער. די דאָזיקע פֿעלדער האָבן ז י י געאַקערט; געפֿלאַנצט די וועלדער, סעדער, וויינגערטנער.

ס'בלייבט דער שאָסיי, וואָס שניידט דורך דעם עמק, גלייך און אָנגעצויגן ווי אַ סטרונע ביז די בערג, און אָט קלעטערט ער, שלענגלט זיך

ארויף־ארויף. מיטאמאָל דערזעען מיר פון דערווייטנס אַ באַן און דער רויך קרייזלט זיך אַזוי דייטלעך אויפן פאָן פון בלויעם הימל.

און אַלץ איז אַנטבלויזט, זעט זיך פון דער ווייטנס. דיין אויג כאַפּט אויף אַ געדיכטע נעץ פון ישובים. ווער לעבט דאָ? נאָר ארבעטס־מענטשן. נישאַ קיין קראָמען, האָטעלן, ניטאָ קיין האַנדל־וואַנדל. ביסטו הונגריק — אָט קלינגט דער גלאָק אין דער קבוצה. זעץ זיך אַוועק מיט די חברים ביי איין טיש און עס געזונטערהייט. פאַרבלייבסט אויף ביינאַכט — נעכטיק דאָ! די מענטשלעכע באַציונגען זיינען דאָ אַנדערע. אויך די פּער־נסות אַנדערע. ניטאָ דאָ דאָס צעטומלטע לויפעניש און דאגה פון ארבעט. פאַראַן ארבעט פאַר אַלעמען. אַ געפיל פון פרייהייט. ס׳איז דאָ אַ עמק און ער איז גרויס, און אַ זון איז דאָ, אַ גרויסע און הייסע, — וואָס צעגליט זומער־צייט די האַרטע ערד און זויגט אַרויס כוח און שוויים פון מענ־טשן. יאָ, פאַראַן דאָ יסורים, נאָר אַנדערע. יסורים פון אַ וועלט, וואָס האַלט אין ווערן, יסורים פון ארבעט, וואָס מ׳דערוועובט זי פונסניי. אָפּ־געברענט פון דער זון און פאַרהאַרטעוועט זיינען די מענטשן, וואָס שלעפּן רויק דעם יאָך פון ארבעט און שאַפנדיקן לעבן. דער יידישער אַרבעטער, האָט זיך איינגעקלאַמערט אין דער וויסטקייט און דאָ געשטאַלטעט אַ לעבן, ווי ער האָט געוואָלט: אַ לעבן פון ארבעט, נאַטור, רוים, פרייהייט און מענטשלעכע באַציונגען.

עמק־יזרעאל איז אַן איינגאַרטיקע געגנט — דער גרעסטער טאָל אין לאַנד. ער שפּרייט זיך אויס אין דער סטרעפּע פון בערג, וואָס ציען זיך לענגאויס דעם גאַנצן לאַנד, פון צפון ביז דרום. פון דרום — די כרמל־בערג, הרי־אפרים, גלבוע; פון צפון — די בערג פון גליל, דער תבור, וואָס שטייט איינזאַם און גבעת־המורה. צווישן די דאָזיקע בערג רוט דער עמק־יזרעאל אין פאָרם פון אַ ריזן־דרייעק. דורך זיינע ערד־קלינעס פאַרפלעכט ער זיך מיט עמק־עכו אויף מערב און עמק־הירדן אויף מזרח.

אין דער געשיכטע פון לאַנד און יידישן ישוב פאַרנעמט דער עמק־יזרעאל אַן אָנגעזעען אָרט. אַמאָל איז דאָ געווען אַ געדיכטער, לאַנדווירט־שאַפטלעכער ישוב. די ערד איז געווען אַ גוטע, אַ פרוכטבאַרע, און פון דאַנען שטאַמט דער נאָמען י ז ר ע א ל ד. ה. גאָט אַליין זייט.

ווי דאָס איינציקע פלאַכלאַנד, וואָס ציט זיך אין דער ברייט פון ארץ־ישראל, איז דאָ געווען דער טראַקט פאַר קאַראַוואַנעס, וואָס זיינען געגאַנגען פון צפון אויף דרום. היינט גייט דורכן עמק די באַן־ליניע, וואָס פאַרבינדט סיריע און עגיפּטן, וואָס פאַרבינדט דעם חיפה'ער פּאָרט מיטן הינטערלאַנד: איראַק און שכנותדיקע לענדער. ניט ווייט פון דאַנען ציען זיך די נאַפט־רערן. ניט אומזיסט איז דער עמק געווען אַ שלאַכטפעלד אין פאַרשיידענע תקופות, אָנהויבנדיק פון סיסרא און ברק. אויף די קרייצונגען פון וועגן זיינען געבויט געוואָרן פעסטונגען צו פאַרטיידיקונגס־צוועקן.

מחמת זיבערקייט ווי אויך צוליב די זומפּן און מאַלאַריע זיינען די אַראַבישע ישובים אויפגעבויט ס'רוב צופוסנס פון די בערג אָדער אויף זיי. אפילו היינט געפינען זיך ווייניק אַראַבישע דערפער אין טאָל גופא. דאָס שטעלט אונדז פאַר אַ בולטע דערשיינונג, וואָס מ'קען באַמערקן, קוקנדיק אויף דער קאַרטע פון ארץ־ישראל, אַז דער יידישער ישוב קאָנצענטרירט זיך צומייסטנס אין די טאָלן און אין קאָנצענטרירטע בלאָקן. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די פאַרוואָרלאָזונג, וויסטקייט און אומזיבערקייט אין א"י האָבן אין דער ערשטער ריי געטראָפן די טאָלן און זיי זיינען פאַרלאָזט געוואָרן. דעריבער איז לייכטער געווען די יידן זיך צו באַזעצן אין פאַרלאָזטע ערטער, איידער אין באַוווינטע. פאַרשטייט זיך, אַז די יידן האָבן מיט זיך געבראַכט מיטלען צו באַקעמפן די וויסטקייט און מאַלאַריע, וואָס האָבן געפעלט דעם פּרימיטיוון אַראַבישן ישוב.

לאַנגע דורות איז דער עמק געווען פאַרלאָזן און וויסט. ביז דער ק. ק. ל. האָט אים אויסגעלייזט, איז ער געווען איין גרויסער פליך, אַז אַ בוים, אַן אַ וועלדל צו געפינען דו און שוין קעגן דער ברענענדיקער זון. די וואַסער־קוואַלן, וואָס זיינען אַמאָל געווען אַ ברכה פאַרן לאַנד, האָבן פאַרפלייצט גרויסע שטחים און פאַרשפּרייט די פאַרשאָלטענע מאַלאַריע. פאַרלאָזנקייט, וויסטקייט, שרעק פאַר די בעדואינער האָבן זיך דאָ געטראָגן. אויך די בערג זיינען געווען אַנטבלויזט נאַקעט. די צאָרנדיקע רעגנס פלעגן יאָר נאָך יאָר אַראָפּשווענקען די גוטע שיכטן פעטע ערד און אויפדעקן די פעלזן. און אין די בערג איז ניט געווען קיין בוים, וואָס זיינע וואָרצלען זאָלן אַריינדרינגען אין פעלז און אים צעברעקלען; און קיין וועלדער זיינען ניט געווען צו באַדעקן זייער נאַקעטקייט.

די יידישע אויפבוי־אַרבעט לייזט אויס דעם עמק פון דער דורות־דיקער קללה. נאָך איידער דער עמק איז געוואָרן דאָס אייגנטום פון ק. ק. ל. האָט זיך שוין דער יידישער אַרבעטער געהאַט באַגעגנט מיט אים פנים אל פנים. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער דריטער עליה, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען טויזנטער חלוצים האָבן ווי אַ שטורם־ווינט זיך אַריינגעריסן אין לאַנד. דעמאָלט האָט מען געבויט כבישים און הונדערטער חברים האָבן דאָ אין עמק און ביי זיינע גרענעצן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן. אַלע האָבן געחלומט וועגן ערד־אַרבעט, אָבער דערווייל האָבן זיי געהאַקט אין די בערג, צעשפּליטערט שטיינער, און געפּלאַסטערט וועגן.

אין האַרץ פון די פאַרוואָרלאָזטע און איינזאַמע שטחים, ווייט פון שטאָט־טומל, האָבן אָפּגעשלאָגן מיט זייער ווייסקייט די געצעלטן־לאַגערס. אין וועלכע ס'האָט פולסירט יוגנט־קראַפט. אַ געמיש פון פרייד, פּראַצע און ליידן. דאָ האָט זיך צונויפגעזאַמלט די בעסטע יוגנט, וואָס איז דעמאָלט געקומען פון רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע און ליטע. הונדערטער מענטשן זיינען דאָ געווען, אָרגאַניזירט אין קיבוצים און קבוצות. פון צייט צו צייט ווען מ'האָט אָנגעהויבן אַ נייעם אָפּשניט פון כביש, פלעגן זיי זיך איבערטראָגן פון אָרט צו אָרט.

אין די לאַגערס זיינען אויך געווען מענטשן פון דער צווייטער עליה, די געטרייע שארית, וואָס איז געלייטערט געוואָרן אין די הונגער און מלחמה־יאָרן — זיי האָבן געוואַרט אויף באָדן. אַרום זיי ליגן, אין זייער וויסטקייט, הערלעכע ערד־שטחים: זייערע אויגן זעען, און זייער האַרץ גייט אויס נאָך זיי. נאָר איין סטאַבילער יידישער פונקט איז געווען אין מיטן עמק: מ ר ח ב י ה.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און דער ק. ק. ל. האָט אויסגעלייזט גרויסע שטחים, און אַזוי אַרום האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע קאָלאָניזאַציע, מיט דער הילף פון די פאָלקס־פאָנדן — הקרן־הקימת־לישראל און קרן־היסוד.

ערשטע טעג

די דעראָבערונג פון עמק איז דער שטאַרקסטער חלוציִשער אויסדרוק פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטרשאַפט. אַהער איז געגאַנגען און האָט געקענט ג י י ן

בלויז דער אַרבעטער. ווי צעמענטירטע, געזעלשאַפטלעכע איינסן זיינען די אַרבעטער אַרויף אויפן באָדן, וועלכער איז געווען פון דורות פאַרוואָרלאָזט, זומפּיק און הפקר.

אין יענע יאָרן האָט מען נישט געזאָגט עמק יזרעאל, נאָר עמק, ווייל ס׳איז געווען דער איינציקער צענטער פון חלוצישער התישבות. היינט האָבן מיר אַ סך עמקים, אָבער דער עמק איז געוואָרן אַ סימבאָל, אַן אויסדרוק פאַר אַ נייעם וועג אין ציוניזם און התישבות. ער איז געוואָרן דער דערציערישער סימבאָל פון פאָלק און יוגנט אין אַלע עקן וועלט, ער איז געוואָרן דער פרוווּשטיין פון יידישן אַרבעטער־כבוד. אַ סך אין געזונגען געוואָרן וועגן עמק, דורך ליבשאַפט און ליידן האָבן זיך מענטשן צו אים צוגעבונדן.

גדוד העבודה א. נ. פון יוסף טרומפּעלדאָר האָט זיך באַזעצט אין מזרח־טייל פון עמק, אין גוש נורים און אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן צופוסנס פון גלבוע, ביים קוואַל עין־חרוד און שפּעטער אויף דעם בערגל, וואָס ער האָט אים גערופן תל־יוסף. נאָכדעם איז מען אַרויף קיין עין־טבעון, אַ מושב־עובדים, אויף דעם בערגל אַנטקעגן, און אַ קבוצה — קיין גבע. מיט עטלעכע טעג פריער האָבן מענטשן פון דער צווייטער עליה זיך באַזעצט אין מערב־טייל פון עמק, אין נהלל. נאָך זיי פאַרלייגן דאָ אַ היים נייע ישובים. מען שטעלט אויף געצעלטן און באַראַקן, מען טריקנט זומפּן, מ׳רייניקט אָפּ פון שטיינער פעלדער און בערג־רוקנס; מ׳פלאַנצט ביימער. נאָך די צוגרייטונגס־אַרבעטן הייבט מען אָן פונאַנדערצובויען די משקים מיט זייערע צווייגן. ס׳קומען צו נייע מענטשן, אינווענטאַר, בע־לי־חי. ס׳הייבט זיך אָן אַ מיפּולע, שטענדיקע אַרבעט פון גרעסערע און קלענערע ישובים, טאָג נאָך טאָג, מיט קאָלעקטיווער אָנשטרענגונג. אויך די חברים פון מושב דעראָבערן דאָס אָרט צוזאַמען; ערשט שפּעטער ווערט יעדער פון זיי באַקומען זיין סטאַבילן פּלאַץ. ס׳קומט דער מאָמענט פון איבערגיין אויף די באַשטימטע פּלעצער, וואָס מ׳האָט צוגעטיילט יעדן חבר פון מושב־עובדים. דו זעסט ווי זיי טראָגן, אַלע צוזאַמען, אַ באַראַק פון זייערס אַ חבר, פירן אים אַריבער אויפן אָרט, וווּ ער דאַרף פאַרבלייבן. דו שטוינסט צו זען דעם וווּנדער, ווי אַזוי אַ הויז־באַראַק שפּאַצירט אויף מענטשלעכע אַקסלען.

אָבער אַט קומסטו אַריין אין אַ קיבוץ און דער וווּנדער וואַקסט: אויך דאָ טראָגן הונדערט פּאָר הענט אַ באַראַק און שטעלן אים אַוועק אויף אַ געפּלאַנט אָרט. אַ שיין בילד! אַלע זיינען גערירט פון דער שותפותדיקער איבערלעבונג, קינדער גייען נאָך מיט שמחה־געפילדער. ס׳אַנטפּלעקט זיך דער כוח פון קאָלעקטיוו, דער כוח פון פילע, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן און געוואָרן איינס. דאָס איז אַ סימבאָל און אין אים שטעקט דער שאַפונגס־סוד פון עמק. מיט ד ע ם כוח האָט מען אויפגעהויבן דעם גרויסן לאַסט, דאָס ווערק, וואָס הייסט עמק־יזרעאל. דאָס איז דער סוד פון די פיל צונויפגעפלאָכטענע הענט...

אין די ערשטע טעג איז דאָס לעבן נאָך געווען פּראָוויזאָריש. פּוסט אַרום, בלאָטעס, שטיינער. נישטאָ קיין שוץ פאַר דער זון, קעגן צאָרנדיקע ווינטן און רעגנס. לכתחילה זיינען געווען געצעלטן, שפּעטער באַראַקן — פאַר מענטש און בהמה. אָנגעהויבן האָט מען פון צוגרייטן דעם באָדן און טריקענען די זומפּן. — ס׳איז געווען אַ ריזיקע אַרבעט. מ׳פלעגט יעדן טאָג אַרויסגיין צו די פאַרפלייצטע שטחים, געבראָדזיעט ביז די קני אין בלאָטע און עפענען קאַנאַלן פאַר די וואַסערן. די דאָזיקע זומפּן זיינען געווען אַ מקור פון מאַלאַריע. אין זיי האָבן געשוויבלט קאָמאַרעס און אַנדערע אינזעקטן. אויך דער אַנאָפעלים, וואָס טראָגט איבער מאַלאַריע פון מענטש צו מענטש. דער מענטש כאַפּט זיך אויף אינדערפרי און זעט אויפן פאַרהאַנג פון געצעלט אַ קאָמאַר. זיין בויך איז רויט פון בלוט, וואָס ער האָט אויסגעזאַפּט פון דיר, ווען דו ביסט געשלאָפן. האָט ער פריער אַ ביס געגעבן אַ מאַלאַריע־קראַנקן — ביסטו שוין אויך אָנגעשטעקט. דערפאַר שלאָפט מען אין די סכנותדיקע ערטער אונטער אַ טיול־מאָסקיטאָר, וואָס איז פאַרצויגן איבערן בעט.

אין די ערשטע טעג האָבן אַ סך געפיבערט. אַ הייסער, אַ ברענענדיקער טאָג. מיטאַמאָל כאַפּט דיך אַ סקרוך און ציטערסט פון קעלט. לייגסט זיך אין בעט. אַלץ פלאַמט און גליט, און דו — טרייסלסט זיך. עס העלפן ניט די קאָלדרעס, וואָס מ׳לייגט אויף דיר אַרויף. די טעמפּעראַטור הייבט זיך און פאַלט. נאָך עטלעכע טעג פאַרשווינדט די קרענק. פאַראַן אָבער אַ מאַלאַריע, וואָס טשעפּעט זיך צו צום מענטשן שטענדיק,

עסט זיך אַרײַן אין בלוט און הערט ניט אויף. מען מאַכט אַן אײַנשפּריצונג. ניט איבעריק אָנגענעם צו פֿילן די נאָדל אין קערפּער — אָבער האָסט קיין ברירה ניט. האָסטו דורכגעפֿיבערט — ביסטו אַ בירגער פֿון לאַנד.

נאָכן אויסטריקענען די זומפּן האָט אויפֿגעהערט די מאַלאַריע. דורך בעטאָן־קאַנאַלן פֿליסט היינט דאָס וואַסער, וואָס איז טײַערער ווי אַלץ. מען דאַרף עס האָבן פֿאַר די פֿעלדער און זיי ווערן נישט פֿאַרשווענדט אומזיסט.

אַזוי אויך האָט מען צוגעגרייט גרויסע שטחים דורך באַזײַטיקן די שטיינער. אין די ערשטע יאָרן האָט מען געקענט אָפּט זען קופּעס שטיינער, וואָס מ׳האָט אָנגעקליבן אויפֿן פֿעלד. אין יענע טעג, ווען מ׳האָט אַ סך געאַרבעט ביי שטיינער, האָט אַ גרויס ראָל אין מענטשלעכן לעבן געשפּילט דער סקאָרפּיאָן (עקרב), דאָס קליינע באַשעפֿעניש מיטן לאַנגן עק, וואָס האָט אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף די עולים. מען פֿלעגט אים געפֿינען אונטער די פֿעלזן, אויך אין דער טרוקענער און ברענענדיקער ערד. האָט זיך אַ מענטש ניט ווילנדיק צו אים צוגערירט האָט ער אים אַ שטאָך געגעבן מיט זײַן גיפֿטיקן עק. אַזאַ שטאָך האָט אַרויסגערופֿן אַ ווייטיק און שעהן־לאַנג פֿלעגט אַמאָל אַ מענטש שרײַען פֿון ווייטיק. ביינאַכט פֿלעגן זיך די סקאָרפּיאָנען אפילו אַרײַנדערלאַנגען אין די געצעלטן און באַראַקן. דער שטאָך איז ניט קיין לעבנס־געפֿערלעכער, פֿונדעסטוועגן פֿלעגט מען ניט גערן קומען אין באַרירונג מיט דער דאָזיקער באַשעפֿעניש. האָט מען אָבער געכאַפּט אַ שטאָך, פֿלעגט מען אַרײַנלייגן דעם אָנגעביסענעם אָרט אין הייס וואַסער, כּדי צו שטילן איין ווייטיק דורך אַ צווייטן. היינט גיט מען אײַנשפּריצונגען, וואָס שטילן דעם ווייטיק, און אויך אַ גוט גלעזעלע קאָניאַק צו פֿאַרשיכורן. מיטן אויפֿשטעלן די הײַזער, באַאַרבעטן די שטחים און אָפּרייניקן די פֿעלדער ווערן די עקרבים כּמעט אינגאַנצן פֿאַרשווינדן.

עס זײַנען נאָך דאָ אַ סך באַשעפֿענישן, וואָס האָבן דאָ דורות־לאַנג געלעבט אין ווידסטקייט. זומערצייט שווימלט און גריבלט אין דער לופֿט און אין דער ערד פֿון טויזנטער אינזעקטן און פֿליגן. אויך שלאַנגען טרעפֿט מען אויף די פֿעלדער, אפילו נוצלעכע, ניט גיפֿטיקע. זיי פֿאַרטיליקן די

מייז, וואָס ברענגען גרויס שאָדן. פאַראַן יאָרן, ווען זיי פּרוכפּערן און מערן זיך, צעגריזשען די תבואה און פאַרמינערן די גערעטעניש. די לעצ־טע יאָרן באַקעמפט מען זיי מיט גאַז און גיפּט־שטאָפן.

פון די באַשעפענישן, וואָס האָבן געלעבט דאָ, אין וויסטעניש, אייִ־דער מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו באַזעצן, מוזן דערמאָנט ווערן די ווילדע חזירים. זיי פלעגן טיילמאָל אַראָפּגיין פון די בערג אין טאָל, גריזשען און צעטרעטן די גרינס־פעלדער. ס׳איז אַ ווילדע בריה; אַ שווער באַוועגלעכע, אָנגעגאָסן מיט פלייש. אויף מענטשן פאַלן זיי ניט אָן, אָבער אַז מ׳וויל זיי אָנרירן, ווערן זיי צעווילדעוועט. זייער פעל איז האַרט ווי אייזן און אַ ביקס־קויל וועט זיי ניט דורכלעכערן. ס׳פּאַסירט, אַז אַרויסגייענדיק אינדערפרי צו דער אַרבעט, טרעפט מען אָן אַ גאַנצע סטאַדע, ווי זי גייט זיך באַמעלעך, איינער נאָכן אַנדערן. איצט איז פון זיי שוין קיין זכר ניטאָ.

אַ באַשעפעניש, וואָס לאָזט זיך פילן אויך איצט, הגם נאָר עטלעכע וואָכן אין יאָר איז דער „ברחש”. דאָס זיינען פיצלעך קאָמאַרן, וואָס באַ־ווייזן זיך שניט־צייט, פילן אָן די לופט מיט זייער זשומען. זיי טשעפּען זיך צו צום מענטשן, דערעסן אים און דערגייען אים די יאָרן. זיי דרינ־גען אַריין אין די אויגן, אויערן, מויל. מוזט זיך קראַצן, קעמפן מיט זיי אויף לינקס און רעכטס, רייבסט זיי און טרייבסט זיי — אומזיסט. זיי טוען דאָס זייעריקע — טשעפען זיך און קלעפּן זיך צו דיר. אין אַזעלכע טעג פאַרנעמט דאָס פיצעלע באַשעפעניש די גרעסטע אויפמערק־זאַמקייט פון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן אין פעלד. מען גייט דעמלט אַר־בעטן מיט אַראָפּגעלאָזטע אַרבל, אַרומגעוויקלט דעם קאָפּ מיט אַ קפיה (מין אַראַביש קאַפּטיכל), לאָזנדיק אָפן בלויז די אויגן. אַמאָל צינדט מען אָן אַ קליינעם שייטער, כדי דער רויך זאָל זיי פאַרטרייבן.קומט אַ שטאַרקער ווינט בלייב נישט פון זיי קיין שריד ופליט.

אַזוי האָט געלעבט דער מענטש אין וויסטן עמק אין די ערשטע יאָרן. ווילד־נאַקעטע בערג, גאָלע פעלדער, זומפּן און מאַלאַריע, וויסטע־ניש־באַשעפענישן, דאָס לעבן אין געצעלטן, די בעדואינער מיט זייערע שוואַרצע ביידלעך ביי די גרענעצן — דאָס אַליץ האָט געגעבן די ערשטע מתישבים אַ געשטאַלט פון דעראָבערער. זיי האָבן געקעמפט מיטן מדבר,

מיט דער וויסטקייט, און ס'זיינען אויך געווען צוזאמענשטויסן מיט די בעדואינער, וואס האבן דא געטריבן זייערע סטאדעס שאף. זייט דעמלט האט דער עמק געביטן זיין אויסזען. די געדיכט באוווינטע ישובים, די הויכע, ווייסע הייזער, די טונקעלע וועלדער און גרינע פעלדער — די אלע דערציילן וועגן דאס גרעסטע יידישע ווערק, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אין משך פון יארן אין לאנד.

היינט געפינען זיך אויפן שטח פון קנאפע 200.000 דונאם, צענדליקער יידישע ישובים, וואס ציען זיך פון מערב ביז מזרח. דער עמק איז איינגעטיילט אין דריי טעריטאריאלע בלאקן (גושים): גוש נהלל, עפולה, חרוד מיט א באפעלקערונג פון 20.000 נפשות. ער איז דער הויפט־מקור פון לאנדווירטשאפטלעכע דערנערונגס־פראדוקטן: תבואה, מילך, אייער, גרינווארג. אין יידישן לאנדווירטשאפטלעכן סעקטאר גיט עמק יזרעאל: איבער 40 פראצ. תבואה, א דריטל פון דער מילך־פראדוקציע, און א פערטל פון אלע אייער.

וועגן און ווערטן

צום ערשטן מאל איז דא פארווירקלעכט געווארן אן ארבעטער־קאלאניזאציע אין גרויסן מאסשטאב. די מיינסטע ישובים אין עמק זיינען געבויט לויט א באשטימטן פלאן. דער ארבעטער האט דא געבויט זיין ישוב מיט פאראייניקטע כוחות, מיט א פלאן, וואס האט געהאט פאר זיך א פערספעקטיוו פון א פרייער ארבעטער געזעלשאפט. פון די ערשטע טעג האט געהערשט א טענדענץ פון א געמישטער ווירטשאפט, — ניט ווי אין דער יידישער קאלאניע און ניט ווי אין די ערשטע קבוצות, וועלכע זיינען צו דעם דערגאנגען נאך לאנגע יארן פון זוכענישן. אזוי ארום איז דער משק ניט אפהענגיק פון לוין־ארבעטער, און אין א גרויסער מאס — ווי א פראדוצענט און קאנסומענט — אויך ניט פון מארק. פון די ערשטע טעג אן שטרעבט מען צו האלטן די ווירטשאפט אויפן ניווא פון די העכסטע קולטור־דערגרייכונגען אויף מעכאניזאציע, הויכער אויסגיביקייט פון ארבעט און מאקסימאלער אינטענסיפיקאציע. אמת, ניט אלץ איז אין איין טאג דערגרייכט געווארן. די אומשטענדן האבן געצוווּנגען די מענטשן צו מיפולער פראצע אין שווערע באדינגונגען, ניט באשיצט קעגן שלעכטן קלימאט,

מאַלאַריע, ביי ניט גענוגנדיקער באַפרידיקונג פון די באַדערפענישן. אָבער פון יאָר צו יאָר האָט דער מענטש אַלץ מער דערגרייכט אין ווירטשאַפט און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

עס ווערט געשטרעבט צו געבן אַ פאָרם די ישובים. פאַראַן אַ סטיל אין בויען אַ קאָלעקטיוו, אַ קיבוץ, און אַן אַנדערער אין בויען אַ מושב־עובדים. אין אַ קבוצה איז די בויאונג אַ קאָנצענטרירטע און מיט אַ גרע־סערן פאַרנעם, אין דער אינדיווידועלער און איין־משפחה'דיקער ווירט־שאַפטס־סיסטעם איז די בויאונג אַ מער צעשפּרייטע. אָבער יעדעס הויז איז האַרמאָניש איינגעגלידערט אין בוי פון גאַנצן דאָרף.

דער קיבוצישער משק האָט זיך צעוואַקסן, ער שפּרענגט די ראַמען, וואָס ער האָט זיך פריער געשטעלט, פאַרשפּרייט זיך אויף אַ גרויסן שטח, אָבער דער קאָנצענטרירטער כאַראַקטער פאַרבלייבט אפילו אין די אויס־געברייטערטע ראַמען.

אין קיבוץ טרעפן מיר גרויסע קי־שטאַלן, ווירטשאַפטלעכע בנינים, רחבותדיקע מאַגאַזינען, הינער־שטייגן א. א. וו. ניט נאָר דער מענטש וווינט דאָ צוזאַמען אין קאָלעקטיוו. דער קאָלעקטיווער לעבנס־אַרט באַ־הערשט אויך די בעלי־חי. מיר זעען ווי די קי, עופות, אַרבעט־בהמות, לעבן אין גרויסע סטאַדעס, צענטראַליזירט און בשותפות.

אין אַ קיבוצישן משק אונטערשיידעט מען צווישן דער סטרעפע פון וווין־הייזער און ווירטשאַפטלעכע בנינים פאַר די בעלי־חי און פּראָדוקטן. אין צענטער — דער חדר־האוכל, דאָס איז דאָס פּולסירנדיקע האַרץ פון דער חברה. ווייטער — הייזער־בלאָקן פאַר קינדער אין פאַרשיידענע על־טערס. אַ קולטור־הויז אָדער אַן אַנדערע עפנטלעכע געביידע. און יעדער ישוב האָט זיך עפּעס אייגנס.

אייגנטלעך האַלטן זיך נאָך אַלע ישובים אין בויען: הייזער, באַראַקן און אפילו געצעלטן אין עק הויף. מיט דער צייט וועלן די באַראַקן פאַר־ביטן ווערן מיט הייזער. אָבער פאַראַן אַ סך שיינע באַראַקן מיט בלומען אַרום. אין די געצעלטן געפינען זיך די הכשרה־קבוצות פון דער יוגנט־באַוועגונג אָדער איבונגס־גרופּן.

אַלץ אָטעמט מיט בויאונג. די הייזער, די ביימער, די גראָז־טעפּי־כער. דער ריטם פון אַרבעטס־לעבן, דער טומל פון די קינדער און יוגנט—

אַלע צוזאַמען וועבן דאָס געוועב פון אָרט. ס'האָט זיך סטאַביליזירט דאָס לעבן פון אַ קאָלעקטיוו דאָרף. אויך די לאַנדשאַפט אַרום בייט זיך. די באַוואַסערונגס־פעלדער גרינען אַפילו אין די הייסע זומער־טעג. די פּלאַנ־טאַציעס וואַקסן און בילדן גרינע פלעקן אין דער אַרומיקער נאַקעטקייט. וועלדלעך וואַקסן און דעקן צו גאַלע פעלזן. איין דור איז ניט אומשטאַנד צו בייטן דעם אויסזען פון לאַנד, אָבער דו זעסט דאָך קלאָר, ווי אוראַלטע פּייזאַזשען ענדערן זיך.

די באַפעלקערונג פון די קיבוצים באַשטייט היינט ניט, ווי אין אָנ־הויב, פון איין עלטער, פון יונגע מענטשן. אין יעדן משק זיינען דאָ אַ סך קינדער און יוגנטלעכע — אָרטיקע, שטאַטישע אָדער פון גלות. זעסט שוין עלטערע מענטשן, אַלטיטשקע. די ערשטע בויער פון קיבוץ ווערן שוין אויך אַלט, און ס'וואַקסט שוין אונטער דער ערשטער דור. דער חבר פון דער צווייטער עליה ווערט אַ זיידע. אויך דער פון דער דריטער און פערטער. אויף דעם אופן שאַפט זיך אָרגאַניש דער פּרצוף פון קיבוץ, ווי ס'איז פאַראַן אַ קייט פון עלטערס, פון קינד אין וויג ביזן זיידן, וואָס האָט דער ערשטער זיך דאָ באַזעצט.

אַן אַרבעטס־טאָג

און איצט הער זיך איין און פאַרנעם דעם קלאַנג פון אַ וואָכעדיקן טאָג אין משק, הער זיך צו ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון אַ קבוצה אין פּראָסטן טאָג:

ווען עס הייבט נאָר אָן צו גרויען דער טאָג, ווערט די שטילקייט פון דער נאַטור איבערגעריסן דורך אַ גלאָק, וועמענס קלאַנגען טראָגן זיך ווייט־ווייט איבערן עמק, דרינגען אַריין דורך די אָפענע פענצטער אין די צימערן און רייסן אַרויס די מידע מענטשן פון זייער שלאָף: צו דער אַרבעט!

דער גרויסער הויף פילט זיך אָן בהדרגהדיק מיט לעבן. אַ סך זיינען אויפגעוועקט געוואָרן נאָך פאַרפרי. דער שומר, וואָס דיזשורירט ביינאַכט האָט אָנגעקלאַפּט נאָך פריער אין די טירן פון די חברים, וואָס האָבן באַ־דאַרפט אויפשטיין פאַרן קלונג: די שטאַל־אַרבעטער, טראַקטאָריסטן, די פלעגערינס אין די קינדער־הייזער און די יונגע מאַמעס, וואָס מוזן גיין אָנזייגן זייערע קינדער.

ס׳האָבן זיך געעפנט די טויערן פון משק. אַ גאַנצע נאַכט זיינען זיי געווען פאַרשלאָסן. ביים בלאַסק אויפן טאָג זיינען די וועכטערס צוריקגע־קומען פון זייערע פּאָסטנס, מיטן געווער אריין אין קיך, זיך דערכאַפּט דאָס הארץ און אריין אין זייערע צימערן זיך אָפּרוען נאָך אַ נאַכט שמירה.

אין קיך אַרבעט שוין די ערשטע ישיבט: מען באַזאָרגט דאָס עסן פאַר די, וואָס גייען אַרויס צו דער אַרבעט. אַנדערע גרייטן צו פרישטיק. דער הויף איז פול מיט לעבן און באַוועגונג. מען גייט אַרויס צו דער אַרבעט. די טראַקטאָרס סאַפּען, אַ לאַסט־אויטאָ וואַרט אויף די אַרבעטער, וועלכע ווערן צוגעפירט צו די וויטע פעלדער, ס׳ווערן געשפּאַנט וואָגנס, די באַ־לעגאָלעס גייען אַרום און קנאַקן מיט די בייטשן, פון פאַרגני̇גן וועגן. זיי זוכן דעם הויף־פאַרוואַלטער (חצרן). דאָרט לאָדט מען אויף אַ וואָגן אָדער־אויף אַן אויטאָ שווערע זעק, וויזט אוים כעמישע באַמיסטיקונג. פון מחסן מיט די אַרבעטס־כלים גייען אַרויס בחורים און בחורות און מיט די לאַ־פּעטעס אויף די אַקסלען לאָזן זיי זיך אין די פעלדער, גרינס־גאָרטן אָדער וויינגאָרטן. נאָך אַביסל און דער געמורמל פון אַרויסגאַנג צו אַרבעט ווערט זיך באַרויקן. אין הויף ווערט שטילער. ער אָטעמט מיט אַן איינגעהאַל־טענעם אָטעם פון אומאויפהערלעכער אַרבעט. דאָ בויט זיך אַ הויז; פון די וואַרשטאַטן דערטראָגט זיך דאָס קלאַפּן פון האַמערס; דער וואַסער־מאָ־טאָר האַלט אין איין דישען. האַלב־נאַקעטע און באָרוועסע קינדער גייען אַרום מיט זייער דערציערין. אַ געפּלאַפּל פון זויג־קינדער וואָס פּויזשען אין זייערע „שטייגן״.

מיטאָגצייט. פון ישוב גייט אָפּ אַן אויטאָ אָדער אַ וואָגן און פירט צו עסן פאַר די חברים, וואָס זיינען צעשפּרייט אויפן פעלד. דאָ רוט מען און מען עסט אויף דער ערד אין שאָטן פון וואָגן אָדער אַ בוים, אָדער אפילו ביי אַ טיש אין אַ סוכה אָדער באַראַק. פאַראַן ציינן, ווען מען קערט זיך אום אַהיים און מען רוט זיך אָפּ מיטאָגצייט. דער גלאָק רופט אין חדר האוכל אַלע די, וואָס אַרבעטן אויפן הויף און אין דער סביבה. צו מיטאָג!

עס שטעלן זיך הייסע טעג: די היץ ברענט. די לופט גליט ווי אין אַ געהייצטן אויוון. עס בלאָזט אַ ווינט פון מזרח און יעדער בלאָז איז פייער. ניטאָ קיין אַנטלויפן. די היץ פּרעסט אוים שוויים און כוח. דער דורשט

ברענט און דו גיסט אין זיך אַריין אַ סך וואַסער. ביסטו אויפֿן הויף — שטעל אונטער דעם קאָפּ אונטערן אָפֿענעם קראַן — אַה! אַ שפּריץ קאַלט וואַסער אין אַ הייסן טאָג איז אַ פֿאַרגעניגן. אָדער לויף צום דוש, וואַרף אַראָפּ פֿון זיך די קליידער און שטעל זיך אונטערן שטאַרקן שטראָם פֿון קאַלטע וואַסער: אַלץ איז מאַבטלאָז אין דער גרויסער היץ. און די געוויקסן — זע! — זייערע בלעטער זיינען צונויפֿגעדרייט און איינגעשרומפּן. און די ערד איז דורשטיק און בענקט נאָך אָפּפֿרישנדיקער פֿייכטקייט.

פּאַסטוכער

ס'פֿאַרגייט דער טאָג. דער שאָטן פֿון די בערג לאָזט זיך אַראָפּ נידעריקער און שפּרייט זיך אויס איבערן עמק. איינס נאָכן אַנדערן דעקט איבער דער שאָטן מיט זיין גרויען מאַנטל די פֿעלדער פֿון טאָל. נאָך גלאַנצן די שפּיצן פֿון די הויכע בערג. נאָך רויטלען זיך אין פּורפּור־שקיעה די

ווייטע בערג פון גלעד. פאמעלעך ווערט די וועלט איינגעהילט אין פינצ־טערניש. מען קערט זיך אום פון די פעלדער. פון אלע זייטן קומען אן וואגנס. דער לאסט־אויטא אנגעפאקט מיט חברים, יאגט אהיים. דער טראקטאר מיט זיין ריטמישן רעש שלאגט זיך פאמעלעך דורך א וועג פון פעלד. קינדער לויפן אנטקעגן זייערע עלטערן. זיי זיינען ״עולים לגדולה״ אויפן וואגן, פרייען זיך, ווען מ׳גיט זיי די לייצעס אין דער האנט אדער ווען דער טאטע זעצט איינעם אוועק אויף זיין שויס ביים רודער פון טראקטאר. עס קריצן די רעדער פון די וואגנס מיט גרין־גראז וואס פארן אריין דורך די אפענע, ברייטע טויערן, גלייך אין שטאל אריין. פון שטאט קומט דער לעצטער אויטא. די קינדער לויפן א שטיק וועג אנט־קעגן און ווי גליקלעך זיינען זיי צו פארן א ביסל ביזן צענטער פון קיבוץ. די סטאדע שאף קערט זיך צוריק. זייער מעקען אנגעזאפט מיט בענק־שאפט, פילט אן די לופט: דאס מעקען די שעפעלעך צו זייערע מוטערס. ס׳איז פארביי אן ארבעטסטאג. ס׳פאלט צו דער אוונט. ס׳קומט די נאכט — צייט פון רו.

דער דוש־צימער ברויזט. די ענגשאפט איז דא א גרויסע. די יוגנט טומלט און שרייט. איינער פארציט א ליד און די איבעריקע האלטן אים אונטער. ס׳שפריצן וואסער און ווערטער. מ׳רעדט וועגן ארבעט, געזעל־שאפטלעכע פראגן און פאליטיק. אן רחמנות ווערט דא געשמיסן מיט דער בייטש פון קריטיק. א סך ענינים, וואס ווערן אויף די פארזאמלונ־גען פארשוויגן, ברעכן דא אויס אן וועלכער עס איז שטערונג. אין די צי־מערן זאמלען זיך צונויף די קינדער מיט זייערע עלטערן. דאס איז די הייליקע שעה פון זייער צוזאמענטרעפן. זומער־צייט ציט מען זיך אוים אויפן גראז פארן הויז אדער אויף דער גרויסער לאנקע אין מיטן ישוב. עס דערטראגן זיך טענער פון מוזיק. א ראדיא־אפאראט לאזט זיך הערן.

ס׳דערנענטערט זיך די צייט פון שלאפן־לייגן און דער טאטע מיט דער מאמען נעמען זייער קינד און גייען מיט אים אין בית־ילדים.

אין קאלטע אדער רעגנדיקע אוונטן וויקלט מען דאס קינד אין א מאנטל, מען נעמט אים רייטנדיק אויף די אקסל, אדער מ׳פירט אים, בא־שיצט מיט א רעגן־מאנטל.

פון חדר האוכל שטראלט ארויס א העלע שיין: ער ווארט אויף די

חברים. דער גלאָק צום אָונט־ברויט האָט שוין געקלונגען. מ׳עסט שיכטנ־ווייז, ווער פריער, ווער שפּעטער. די תורנים (דיזשורנע) אין פאַרטעכער פירן צו אויף וועגעלעך דאָס עסן, דערלאַנגען יעדן איינעם זיין פּאַרציע. אויף דער וועראַנדע שטיפן קינדער, שפּילן זיך אין אַליין צוגעטראַכטע שפּילן: מעפּילים, ענגלענדער, יידן, הגנה א. א. וו.

אַריינקומענדיק אין חדר האוכל שטעלסטו זיך אָפּ ביים לוח־המו־דעות (מעלדונגס־טאָוול): פאַראַן נייעס? אַ פאַרזאַמלונג דעם אָונט צי אַ מועצה? איז דערשינען דער יומן (אינפאָרמאַציע־ביולעטין)? אָנגעקומען אַ בריוו?

אייניקע קאָנען זיך ניט אָפּרייסן פון דער אָונטצייטונג, וואָס די לעצטע פּאַסאַזשירן האָבן מיטגעבראַכט פון שטאָט. אויך נאָכן אָונט־ברויט קלאַפּט דער פּולס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פאַרשיידענע ווינקעלעך. דער חדר האוכל ליידיקט זיך לאַנגזאַם אויס: מ׳גייט צום סי־דור־עבודה (אַרבעטס־פאַרטיילונג), גזברות, מזכירות, לייען־זאַל, פאַר־שיידענע קאָמיסיעס, אָדער צו אַ חוג (לערן־קרייז). די הכשרה־יוגנט טומלט אין איר קלוב. אויפן ראַנד פון ישוב — די שומרים אויף דער וואַך. די נאַכט באַרויקט אַלעמען אין איר שוים און וואַרפט אַן אַ שלאָף אויף די מענטשן, מידע פון אַרבעט. אָבער דאָס האַרץ פון ישוב איז וואַך, זיין פּולס קלאַפּט, זיין ליכט ווערט ניט פאַרלאָשן די גאַנצע נאַכט ביזן פרי־מאָרגן...

ווירטשאַפט־צווייגן

קום איצט און מיר וועלן באַזוכן דעם משק גופא, לויט זיינע צווייגן. דערווייל וועלן מיר עס טאָן נאָר אויבנ־אויפיק. לאָמיר זיך לאָזן אין אָפּטייל פון ווירטשאַפטס־געביידעס און וועסט זען די קו־שטאַלן און הינער־הייפן, פערד־שטאַלן און היי־בודן, סטויגן־שטרוי ווי די טורעמס, תבואה־שפּייכלערס, פּריזשי־דער־הויז, גאַראַזשן פאַר די מאַשינען א. א. וו.

די קו־שטאַלן פון בעטאָן זיינען גרויסע, באַקוועמע, יעדע איינע פאַר 50—60 קי. דער דיל איז אויסגעפלאַסטערט, ריין. דאָס מיסט ווערט יעדן טאָג אַרויסגעטראָגן. אין רפת איז ליכטיק און לופטיק. אַ בהמה דאַרף אויך לופט. די קאָריטעס זיינען געגאָסן פון בעטאָן, איינגעמויערט לענגאויס, אין צוויי רייען. דערנעבן געפינען זיך די וואַסער־קראַנען. ביי

די קאַריטעס שטייען די קי. יעדע האָט זיך איר שטענדיקן פּלאַץ. אַריינ־קומענדיק פון דערבייאיקן, אַרומגעצוימטן הויף, ווייסט יעדע בהמה איר אָרט. יעדע האָט אויך איר העבּרעישן נאָמען.

די קי שטאַמען פון אַ יחוסדיקער ראַסע, ס'רוב האָלענדישע אָדער געמישטע. די געמישטע זיינען אויך פאַרפיינערט דורכן האָלענדישן אָקס. אָט שטייט ער דאָ אַליין אין אַ קעמערל נעבן קו־שטאַל. איינגעקלאַמערט אין אַן אייזערנער קייט ליגט ער אָדער באַוועגט זיך אין זיינע ד' אמות. זיין גרייס דערוועקט צו אים אַ דרך־ארץ. זיינע אייגנשאַפטן גיט ער דאָ איבער בירושה דער גאַנצער היגער קי־משפּחה — דעם נייעם דור.

די מילך־פּראָדוקציע אין די משקים איז אַ גרויסע. יעדער משק פייערט דעם „חג האלף" ד. ה. דעם טאָג, ווען דער קו־שטאַל דערגרייכט צום ערשטן מאָל — 1000 ליטער מילך אַ טאָג. פאַראַן משקים, וואָס האָבן שוין דערגרייכט צו עטלעכע טויזנט ליטער אַ טאָג. די דורכשניטלעכע אַרויסגיביקייט פון אַ קו איז פון 4000 ליטר אַ יאָר און מער.

אַ פּערמאַנענטע סעלעקציע באַזייטיקט פון רפת יעדע קו, וואָס איר אַרויסגיביקייט איז אַ קלענערע. די פּראָדוקטיוויטעט פון אַ יידישער רפת איז אַ הויכע און ס'צאָלט זיך ניט אָפּ צו האַלטן קי, וואָס גיבן ווייניקער מילך. אַ טייל פון די מילך בלייבט אין משק פאַר קינדער, קראַנקע און אויך דערוואַקסענע, דער גרעסטער טייל ווערט אָבער יעדן טאָג אָפּגעפירט אין „תנובה".

און אין די הינער־הייפן — טויזנטער שטיק געפליגל. אַלע זיינען ווייס — פון זייער אַ גוטער ראַסע. די שטייגן זיינען אָפּגעקאַלכט: ליכט און ווייסקייט. דאָ ווערט מען דיר אויפקלערן, ווי אַזוי מען גיט זיך אָפּ צו דער „באַפליגלטער וועלט". פאַראַן דאָ אַן אינקובאַטאָר — אָט זעסטו אים. מען ליגט אין אים אַריין טויזנטער אייער און ער וואַרעמט אויס די אייער ביז פון זיי פּיקן זיך אויס עופעלעך. אָט האָט איר פאַר זיך דעם אינקובאַטאָר פון אַ גרויסן קיבוץ. ער נעמט אַריין פאַראַמאָל צוואַנציק טויזנט אייער. אין אים קומען אויף דער וועלט טויזנטער הינדעלעך אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. זיי פאַרמאָגן ניט די משפחה־וואַרעמקייט און זיינען אויפגעצווונגען צו לעבן אין גרויסע קאָלעקטיוון. אָט האָסטו די קינסטלעכע „ניאַניע", אונטער וועמענס פליגל זיי פּרעסן זיך צונויף.

כדי זיך אָנצוּוואַרעמען. דאָ זעען מיר די אַרומגעצוימטע הינער־הייפן. חברות גיבן זיך אָפּ מיט זיי, דערנערן גוט און ראַציאָנעל די עופות, כדי צו פאַרמערן דאָס לייגן אייער. די נייסטע מעטאָדן ווערן כסדר אָנגע־וואַנדן אין פאַרפּולקאָמען די אַרבעט, כדי צו הייבן די פּרודוקטיוויטעט און פאַרפיינערן די ראַסע. איצט ווערן געבויט אין די משקים גרויסע הינער־שטייגן צו צענדליקער מעטער די לענג, פאַר טויזנטער עופות אין יעדער איינער. עס זיינען דאָ משקים, וווּ דו קענסט זען, ווי מען טוט אָן די הי־נער פאַרנאַכטיקע ברילן. די „תנובה" וואַרפט אַרויס אויפן יידישן מאַרק מיליאָנען אייער יעדן חודש.

טרעט אָפּ אין סטאַדאָלע, וווּ עס שטייען די פערד און מולן. ווייניק אַרבעטס־בהמות געפינען זיך יעצט אין יידישן משק. דער טראַקטאָר האָט זיי אַרויסגעשטויסן און צוגענומען ביי זיי די בכורה. אָבער דאָך דאַרף מען זיי האָבן. אָן זיי קען מען זיך ניט באַגיין. אויך זיי האָבן העברעיִשע נעמען פון מערסטנטייל געפינען זיי זיך אין רשות פון דער הכשרה־יוגנט אָדער פון די אָרטיקע קינדער אַליין.

די קיל־הויז דערפילט אַ וויכטיקע פונקציע ביים קאָנסערווירן גרינ־וואַרג, פּרוכטן א. א. וו. זייער פרישקייט ווערט איינגעהיט און ווען ס'קומט די פּאַסיקע צייט פירט מען זיי אַרויס אויפן מאַרק. פריש זיינען זיי, ווי מען וואָלט זיי ערשט איצט אַרויסגעריסן פון דער ערד אָדער אָפּ־געפּליקט פון די ביימער. דאָ ווערן זיי פאַרהיטן פון קאַליע ווערן צוליב דער ברענענדיקער היץ. אין דער קיל־געביידע ווערט אויך געמאַכט אייז — פון דערנעבנדיקן קראַן פליסט אייז־קאַלטע וואַסער און דו שלוק און זיי זיך מחיה אין די ברענענדיקע היצן.

וואַרשטאַטן זיינען דאָ פאַרשיידענע — שלאָסעריי, סטאָלעריי, שוס־טעריי, גאַראַזש א. א. וו. מען רעפּאַרירט די מאַשינען צום סעזאָן, אָדער מ'פירט דורך אַ רעמאָנט נאָך אַ צייט שווערער אַרבעט. אויב מען קאָן זיך דאָ ניט קיין עצה געבן — פירט מען די מאַשין אין שטאָט אַריין אָדער אין אַ נאָענטן ישוב, וואָס פאַרמאָגט אַ בעסערן וואַרשטאַט צו רע־פּאַרירן די דעפעקטן.

ניט ווייט פון הויף — רייען פון בינשטאָקן. אָט איז דער בינען־צוכטלער אַליין. אויפן קאָפּ אַ מין נעץ־היטל צו באַשיצן פון די בינען־

שטעך. אין די הענט האָט ער שוין באַקומען ניט איין שטאָך, נאָר ער פילט עס אפילו ניט. אָבער דו גיב אַכטונג זאָלסט ניט פאַלן אַ קרבן פון די בינען. אין די זונען־טעג זענען זיי אויפגערעגט. האָט אַ בין זיך גע־וואָרפן אויף דיר — רעג זיך ניט אויף און לאָז אויך זי צורו, ריר זי ניט אָן, וועט זי דיר ניט טשעפען. אין ערגסטן פאַל אַנטלויף אין שאָטן, דאָס וועט זיין דיין שוץ קעגן איר רוגז.

שיין און גלאַנצנדיק פון ריינקייט איז דער האָניג. די בינען צע־שפּרייטן זיך דאָ אין דער סביבה און זאַמלען אָן דעם האָניג פון פעלד און גאָרטן־בלומען. די משקים פון הייסערע געגנטן, טראָגן איבער די בינשטאָקן צו אַ ווייטערן, אַ מער קילערן אָרט. ווען ס'ענדיקט זיך די בליאונג אויפן ערשטן אָרט, דויערט זי נאָך אויפן צווייטן און די בינען געפינען דאָרט גענוג נאַרונג אויף צו פאַרמערן זייער האָניג.

לאָמיר אַרויסגיין פון הויף אין די פעלדער. מיר זעען די יידישע



דער קאָמביין אַרבעט

לאנדווירטשאפט און אירע גרויסע דערגרייכונגען. אז דער ניווא פון דער יידישער לאנדווירטשאפט איז א הויכער מערקט זיך גלייך צוליב דער קולטור, מעכאניזאציע און נייסטע מעטאדן. פלאנצונגען, וואס מ׳האט קיינמאל אין לאנד ניט קולטיווירט זיינען אקלימאטיזירט געווארן. נייע פרוכט־ביימער זיינען דא פארזעצט געווארן, פרישע וועלדלעך זיינען אויסגעוואקסן דא און דארט. די הייסע ערד נויטיקט זיך אין שאטן און די איינוווינער פלאנצן, באריכערן די ערד מיט שאטן, באפרוכפערן דעם פארוואָרלאזטן באדן, הויבן די גערעטעניש. פארמערן די וואסער־קוואלן.

אויף די פעלדער באוועגן זיך די טראקטארן און צעאקערן גרויסע שטחים ערד. מיט א טראקטאר ווערט געאקערט און אויך געזייט. אין שניט־צייט באוועגט זיך דורך די פעלדער דער קאמביין, וועלכער שניידט און דרעשט גלייכצייטיק. פון דער מאשין שיטן זיך אין די אפענע זעק קערנדלעך און די זעק ווערן צוגעפגעבונדן און ארויסגעווארפן. די מעכאניזירונג האט אן א שיעור געהויבן די פראדוקטיוויטעט פון דער ערד־ארבעט. נאר די מורא פאר א טריקעניש פארשטערט אמאל די שמחה פון די שניטערס.

גיי אריבער צו די באוואסערונגס־פעלדער. א סך וואסער איז ארויס־געצויבערט געווארן פון די ערד־טיפענישן. אויך פון די קוואלן אין עמק פירט מען וואסער צו די פעלדער. די באוואסערונגס־נעץ באשטייט פון בעטאנירטע קאנאלן, אין וועלכע ס׳פליסט דאס וואסער, וווהין מען דארף, ניט ווערנדיק פארלארן אויפן וועג. אייזערנע רערן און רעגנווארפערס צעגיסן זייערע וואסערן. ווי פרעכטיק ס׳איז צו זען די רעגנווארפערס, וואס דרייען זיך, רייען נאך רייען, ווי אין א טאנץ און שפריצן ארום ריטמיש די וואסערן פון זייערע מיילער. שיין איז אויך אנצוקוקן די לאנגע רערן, וואס באוועגן זיך אהין און צוריק און פון זייערע עפנונגען הויבט זיך אויף אין דער הייך א שטראם וואסער, צעגיסט זיך אין א גלייכער ווירע און שטילט דעם דורשט פון דער ערד פוןביידע זייטן אין א גלייכער מאס. אזוי קענסטו זען דעם גרינס־גארטן מיט זיינע פארשיי־דענע פלאנצן, די היי־פעלדער, די וויינגערטנער און כל מיני פרוכט־ביימער. דא און דארטן א פרדס פון גרייפ־פרוכטן, און ס׳שניידן דורך אלייען פון ציפרוסביימער (ברושים).

שיין איז ווען די אַרבעט ברענט. אין סאַמע „ברען" אין כרם, בעתן טרויבן־שניט, טרעפסטו דאָ „מאַסן", די שול־קינדער און די חברה־יוגנט. אַ סך מענטשן האָט מען מאָביליזירט צו דער אַרבעט. ביסטו דאָ, מעגסטו זיך נעמען אַ הענגל ווייַנטרויבן פון קוסט און זאָל דיר ווויל באַקומען. שיין איז צו זען צענדליקער חברים אין דער צייט פון היי־שניט, ווי זיי באַוועגן מיט זייערע ווידלעס און וואַרפן אָן קופעס היי נאָך היי.



קינסטלעכע באַוואַסערונג

שיין זעען אויס די פּראַקערטע פעלדער אין אָנהויב ווינטער נאָכן ערשטן רעגן. שיין איז דאָס שפּראָצן פון תבואה מיט די אָן־סוף גרינענ־דיקע פונקטן, און שיין איז די צייטיקע תבואה, וואָס איז באַלאָדן מיט שווערע זאַנגען. שיינקייט איז אויך פאַראַן אין די נאָך־שניט־פעלדער, און אין די היי־קופּעס אויף זיי. די פרעס־מאַשין געפינט זיך שוין אין פעלד: זי פרעסט צונויף דאָס היי בינטלעכווייז.

דאָס וואַקסן הערט נישט אויף. די אַרבעט רייסט זיך נישט איבער. לעבן ווערט אַריינגעוועבט אין דער אַרבעט, אין הגנה, אין אַפּרו, אינם יום־טוב און אין דער בענקשאַפט צו גאולה פון יחיד און פון פאָלק.

גוש נהלל

נהלל אריינקומענדיק אין עמק יזרעאל זיינען מיר צוערשט אין גוש נהלל, לויטן נאמען פון ישוב, וואס איז דא אויפגעבויט געווארן צום ערשטן. מיר וועלן אפגעבן כבוד נהלל אליין און מאכן דא דעם ערשטן באזוך, כאטש מיר מוזן דא איבערהיפערן עטלעכע נקודות צו וועלכע מיר קומען פריער אן. מיר וועלן זיך צו זיי אויך אומקערן. א גרויסער שטח איינגעהילט אין גרינע ביימער זעט זיך אן פון וויטנס. דורך א שיינער ביימער־אליי, וואס צווייגט זיך אפ פון הויפט־שאסיי, קומסטו אריין אינעווייניק.

נ ה ל ל איז די מוטער פון די ישובים אין מעריבדיקן גוש פון עמק. באלד נאכן אויסלייזן די ערד, אין יאר תרפ״א (1921) זיינען אהער געקומען די ערשטע מתישבים. זיי זיינען ארויף אויף וויסטע, פארלאזענע שטחים, איינגעטונקטע אין בלאטעס און דורכגעפרעסן דורך מאלאריע. היינט שטייט דא א גרויס ארבעטער־דארף מיט א סך איינוווינער, איינס פון די גרעסטע דערפער אין לאנד.

נהלל וועלכע איז געבויט אויפן יסוד פון אינדיווידועלער קאלאניזאציע פון אן ארבעטנדיקער משפחה, סימבאליזירט מיט איר בוי־סטיל אן אינטערעסאנטע, אריגינעלע פארם. אלע הייזער פון מושב בילדן צוזאמען איין גרויסן, געשלאסענעם קרייז אין אומפאנג פון עטלעכע קילאמעטער. צווישן איין הויז און צווייטן א ברייטער צווישנרוים. ביי יעדן הויז — א הויף און א שטיקל ערד פאר גרינס און פרוכטביימער. הינטער די הייזער זיינען אויפגעבויט שטאלן פון בעטאן. אויך זיי בילדן א קרייז, א צווייטן. הינטער די שטאלן — גערטנער מיט גרינווארג; זיי רינגלען ארום דאס גאנצע דארף מיט א ריזן־קרייז. ווייטער קומט א גארטל פון ווייגערטנער. איידער מען האט זיי פארפלאנצט, איז דער גאנצער שטח טיף צעאקערט געווארן מיט א טראקטאר בשותפות דורכן גאנצן דארף. דער טראקטאר האט געאקערט דעם שטח, מאכנדיק הקפות ארום מושב, איין הקפה נאך דער אנדערער. דעם קרייז פון ווייגערטנער רינגלט ארום א ציפרוסן־אליי, אויך פון א גרויסן קרייז, וואס נעמט ארום דאס גאנצע דארף. אינמיטן דארף איז אויסגעפלאסטערט א שאסיי, וועלכער גייט פארביי אלע הייזער און שליסט זיך אין



נהלל

אַ קרייז. אינמיטן קרייז שטייען די בשותפותדיקע אינסטיטוציעס — ווי די שולע, בית־העם (פאָלקס־הויז), בית הועד, די מעלקעריי. קוקנדיק פון אַן אעראָפּלאַן זעען מיר דאָס דאָרף ווי אַ סך רינגען, וואָס איינער נעמט אַרום דעם צווייטן.

די גרינדער פון נהלל זיינען אַלטע חברים פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, פון דער צווייטער עליה, פון די בעסטע חברים פון „הפועל הצעיר". צווישן זיי געפינען זיך אַזעלכע, וואָס זיינען די ערשטע געגאַנגען אויף כיבוש־עבודה אין די יידישע מושבות. זיי האָבן דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים אין לאַנד. דורכגעליטן די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער זיי האָבן זיך פאַרהאַרטעוועט און איינגעוואָרצלט געוואָרן אין דער אַרבעט, אין דער לאַנדווירטשאַפט. פיל פון זיי געפינען זיך שוין איבער דריי צענדליק יאָר אין ארץ־ישראל, אַ סך — קנאַפּע פערציק יאָר. די חברים פון נהלל זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט מיטן ציל אויפצושטעלן אַ מושב־עובדים.

א סך פון זיי זיינען געווען אין לאנדווירטשאפטלעכע קבוצות. זיינען אבער שפעטער געקומען צום געדאנק פון אינדיווידועלער התישבות, יעדע משפחה באזונדער אין איר אייגענער ווירטשאפט, און דירעקטער פאראנטווארטלעכקייט. צווישן זיי האט זיך אויך געפונען א קערן פון דגניה, וואס האט זיך פון איר אפגעטיילט און פארבונדן זיין גורל מיטן מושב. די מתישבים האבן מיטגעבראכט א לאנגע דערפארונג אין לאנדווירטשאפט, וועלכע זיי האבן דערווארבן אין פערמעס און קבוצות.

דאס זיינען די גרונט־פרינציפן פון מושב־עובדים לויט ווי זיי זיינען פארמולירט אין סטאטוט:

א) פריוואט־אייגנטום אויף ערד ווערט נישט אנערקענט. זי געהערט צום פאלק.
ב) זעלבסט־ארבעט.
ג) צוגעהעריקייט פון מושב צו „חברת העובדים".
ד) קעגנזייטיקער הילף און פאראנטווארטלעכקייט אין דער פולער מאס.
ה) שותפותדיקער און איינהייטלעכער קויף און פארקויף דורך דער פארמיטלונג פון די אינסטיטוציעס פון „חברת העובדים".
ו) איינארדנונג פון באזיק־רעכט לויט די געזעצן פון „חברת העובדים"
ז) זעלבסטפארוואלטונג פון מושב אין אלע ענינים, מיט דער מיטבאטייליקונג און גלייכע רעכט פון אלע חברים און חברות.
ח) פערזענלעכע פרייהייט אין פאליטישע, רעליגיעזע און פארטייאישע ענינים.
ט) זעלבסט־אויסוואל פון די חברים אין מושב.
י) רעגולירונג פון סכסוכים אין ראמען פון „חברת העובדים".

די דאזיקע פרינציפן זיינען באשטימט געווארן מיטן ציל אפצוהיטן דעם קלאסן־כאראקטער פון מושב און זיין צוגעהעריקייט צו דער ארבעטער־באוועגונג.

איינער פון די בויער און טעארעטיקער פון מושב־געדאנק, וועלכן ס'האט באהויכט מיט זיין פערזענלעכקייט, איז געווען א ל י ע ז ר

יפה, פון דער צווייטער עליה, אַן אַרבעטסמענטש און וויסנשאַפטלער אויפן געביט פון אַגריקולטור. ער האָט באַגרינדעט דעם געדאַנק פון מושב אין זיין בוך „ליסוד מושבי עובדים". איינע פון די שענסטע און איידלסטע געשטאַלטן אין דער צווייטער עליה.

נהלל, אַן איינגעזעסן און איינגעבירגערט דאָרף אין א"י־דיקער לאַנדווירטשאַפט, איז אויסגעוואַקסן, רייף געוואָרן, האָט זיך פאַרפעס־טיקט און פאַרמאָגט פון אַלדאָס גוטס. די קינדער פון נהלל זיינען גרויס געוואָרן און אַ סך פון זיי זיינען פאַרבליבן אין משק פון זייערע עלטערן אָדער האָבן זיך באַזעצט אין די גרענעצן פון קרייז, וואָס רינגלט אַרום דאָס דאָרף. אַ טייל האָבן פאַרלאָזט דעם מושב. אין מלחמה־צייט זיינען ניט ווייניק זין און טעכטער פון נהלל געגאַנגען פרייוויליק אין די יידי־שע גדודים. אַ סך האָבן זיך באַטייליקט אין די שוץ־גרופּן. נאָך פאַר דער מלחמה האָט זיך פון זיי אָרגאַניזירט אַ גרעין, וואָס האָט זיך באַ־זעצט אין דעם נאָענטן שימרון קעגנאיבער, געגרינדעט אַ קבוצה, האָבן אויפגענומען חברים פון גולה און צוזאַמען אַרויף קיין חניתה. אָבער די נהללער אַליין זיינען ס'רוב דאָרט נישט פאַרבליבן, זיי האָבן זיך צו־ריקגעקערט צו זייער אָפּשטאַם־אָרט. אַ טייל פון דער נהלל־יוגנט זיינען אַריבער אין קיבוצישע משקים.

גרופּעס יוגנטלעכע פון גלות האָבן דורכגעמאַכט זייער הכשרה אין נהלל. זיי האָבן געאַרבעט צו האַלבע טעג און זיך אויפגעהאַלטן יעדער איינער ביי אַ באַזונדערן מושבניק, און דעם צווייטן האַלבן טאָג גע־לערנט צוזאַמען. אזוי האָבן זיך געשאַפן קערנדלעך פאַר נייע מושבים. אַרבעטנדיק אין נהלל זיינען אַ סך אָרגונים באַאיינפלוסט געוואָרן דורך אים. דאָ האָט זיך אויך קאָנצענטרירט די הויפּט־גרופּע פון כפר־יהושע, פאַר זייער התישבות.

אַ סך אינסטיטוציעס אין נהלל זיינען שותפותדיקע. „ענוה", איז דער אַלגעמיינער קאָנסום פון דאָרף. דער גרויסער בית־העם האָט אַ לענגערע צייט באַדינט די גאַנצע סביבה און איז היינט דער צענטער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דאָרף. דאָ קומען פאַר די אויפפירונגען פון „הבימה", „אהל" אא"וו.

די איינוווינער פון נהלל זיינען אין די ראַמען פון דער אַרץ־

ישראל אַרבעטערשאַפט געבליבן טריי דעם גייסט פון „הפּועל הצעיר". פון וועלכן די מערהייט, אויב ניט אַלע, זיינען געווען זיינע עלטסטע מיטגלידער. אַ שטאַרקע, אינטימע פאַרבינדונג איז פאַראַן צווישן ד"ר חיים ווייצמאַן און דעם דאָרף. יעדעס מאָל ווען ער באַזוכט דאָס לאַנד, טרעט ער אויך דאָ אָפּ און דאָס גאַנצע דאָרף נעמט אים אויף מיט ליבע און אַכטונג.

תנועת־המושבים

נהלל איז דער מרכז פון „תנועת המושבים וה־ארגונים". די דאָזיקע קערפּערשאַפט נעמט אַרום ניט נאָר די פאַראַנענע מושבים, נאָר אויך די ארגונים (צוגרייטונגס־גרופּן צו מושבים). זי דערפילט אַ וויכטיקע אויפגאַבע אין לעבן פון די מושבים, היטנדיק און פאַרטיפנדיק די צוגע־העריקייט פון יעדן פּונקט צו דער באַוועגונג, דערציט דעם מענטש און דעם דאָרף אין גייסט פון מושב, שאַפנדיק אַ רעאַלע באַזע פאַר קעגנזייטיקער הילף: שאַפנדיק נייע קאַדערן פאַר דער תנועה, דורך שליחות אין גלות און אין לאַנד, דורך לייזן לעבנס־פראַגן, וואָס שווימען אויף אין די מושבים. און פּראָבלעמען זיינען פאַראַן אַ סך, און ניט שטענדיק איז לייכט צו געפינען פאַר זיי אַ לייזונג. צום ביישפּיל, פראַגן פון גלייכהייט און קעגנזייטיקער הילף אין דאָרף, דאָס פּראָבלעם פון צווייטן דור און זיין התישבות, פראַגן פון פאַבליט וואָס פאַרנעמען זיך ניט מיט ערד־אַרבעט און זייער לעבנס־ניוואָ, דערציונגס־פראַגן, דער אויפנעם פון נייע מענטשן און נאָך פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר דער גאַנצער אַר־בעטער קאָלאָניזאַציע.

קאָנפערענצן פון די מושבים בילדן וויכטיקע עטאַפּן אין לעבן פון דער באַוועגונג. איר אָרגאַן איז די חודש־שריפט „תלמים". לויט איר איני־ציאַטיוו זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן סעמינאַרן פאַר די דערוואַקסענע זין און טעכטער פון די מושבים אין ירושלים. אַלע קינדער פון די מושבים געהערן צום „הנוער העובד". די חברים פון מושבים אַליין געהערן ס׳רוב צו מפלגת פּועלי ארץ ישראל.

די געשיכטע פון נהלל איז הויפּטזעכלעך אָנגעשריבן געוואָרן דורך ש. דיין, אַליין אַ חבר פון מושב, און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן

ק. ק. ל. צום 25־טן יובל האָט תנועת המושבים געווידמעט נהלל א גרויסן אַלמאַנאַך.

תנועת המושבים נעמט אַרום איבער 50 דערפער, אַ פּאָר צענדליק אַרגונים, מיט אַ צאָל פון 17.000 נפשות. אין אירע ראַמען גייען אויך אַריין „מושבים־ שיתופיים", וואָס זייער צאָל איז אויסגעוואַקסן בפרט נאָך דער לעצטער מלחמה. זיי באַשטייען פון באַפרייטע זעלנער, וואָס האָבן אויסגעוויילט ליבער אַזאַ פאָרם פון לעבן.

און איצט קערן מיר זיך צוריק צו די ישובים, וואָס מיר האָבן דורכ־געלאָזט קומענדיק קיין נהלל.

קרית-עמל

נאָך שער־העמקים, אויף איינעם פון די בערגלעך, שטייט ק ר י ת ־ ע מ ל , אַן אַרבעטער־קוואַרטאַל. און דער שיינער קראַנץ פון זיינע הייזער קוקט אַראָפּ פון די בערגלעך, און די דעכער רויט־לען זיך דורך די גרינע קוסטעס און דעמבעס. די קריה שטייט אויף ק.ק.ל.־באָדן אַלס איינע פון די חיפהער אַרבעטער־קוואַרטאַלן. לכתחילה איז דאָס בויען געקומען דורך אייגענע איניציאַטיוו פון די אַרבעטער, וועלכע איז שפּעטער אונטערשטיצט געוואָרן דורך דער הסתדרות. אין איר 10 יאָריקער עקזיסטענץ האָט זיך קרית־עמל שיין צעוואַקסן, און איז באַפעלקערט מיט איבער 1000 נפשות. אַרום — פּולסירט מיט בוי־אַרבעט. אויף צפון פון דער שכונה בויט איצט די חברה „קרת" מיט דער הילף פון ענגלישע ייִדן אַ שיינע גאָרטן־שטאָט.

גבעות-זייד

נאָענט פון דאַנען איז „שיך־אבריק", ווו ס'האָט געלעבט פיל יאָרן א ל כ ס נ ד ר ז י י ד מיט זיין הויזגעזינד. היינט איז דאָ אויפגעבויט „ג ב ע ת ז י י ד", — אַ קבוצה פון הנוער־העובד אויפן נאָמען פון זייד, וואָס איז דאָ געפאַלן בעת די געשעענישן, אין 1938. לאַנגע יאָרן האָט דאָ געלעבט אלכסנדר זייד, ווי אַ שומר פון די ק.ק.ל.־וועלדער און פעלדער בלויז מיט זיין משפּחה. זייד איז געווען איינער פון די ערשטע פון דער צווייטער עליה, אַ חבר פון דער ערשטער קערן־גרופּע פון הגנה און שמירה, פון די גרינדער פון „השומר" און פון זיינע טרייסטע חברים אין משך פון זיין עקזיסטענץ. ווי אַ מענטש פון

אַרבעט און הגנה איז ער געווען געבענטשט מיט כוח פון באַשיידענער גבורה. איינער אַליין איז ער דאָ געווען אין דער ווילדער געגנט. אין דער צייט פון די אַב־געשעעניש אין יאָר 1929, ווען דאָס גאַנצע לאַנד האָט געשטורמט, ווען ס'האָבן זיך געמערט די אָנפאַלן אויף די ישובים, ווען די אַראַבער האָבן געלויערט פון אַלע זייטן און די שפּייכלערס האָבן גע־ברענט אַרום און אַרום, איז ער דאָ געשטאַנען איינער אַליין מיט זיין משפּחה. ער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, געהיט דעם שפּייכ־לער מיט תבואה, און זיך איינגעקלאַמערט אין אָרט און אים ניט פאַר־לאָזט.

נאָך פאַר דעם האָט זיך גרופּירט אַרום אים אַ קבוצה פאַסטעכער פון דער יינגערער שיכט פון „השומר", וואָס האָט געחלומט וועגן אַ התישבות אַ פאַרבונדענער מיט פי־צוכט. אָט דער חלום איז אייגנטלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן אין אַ באַשטימטער מאָס אין פילע משקים, וואָס האָבן איינגעפירט שאָף־סטאַדעס אין זייער ווירטשאַפט. דאָ געפינט זיך דער בית־הקברות פון שומרים־פאַרבאַנד; דאָ רוען חברים וואָס זיינען גע־פאַלן אויף דער וואַך.

גבעות־זייד (אָנגעשלאָסן אין חבר הקבוצות) איז געגרינדעט געוואָרן אין 1943 דורך חברים פון עלית־הנוער און הנוער העובד פון לאַנד. צפורה זייד, אויך פון די ערשטע אין „השומר", און אירע זין גע־הערן צו דער קבוצה. דער מאָנומענט פון זייד רייטנדיק אויף זיין פערד זעט זיך אויפן בערגל.

אויפן בערגל און צופוסנס פון אים האָט מען אַנטדעקט בית־שערים, אַ גרויסער יידישער צענטער נאָכן חורבן. דאָ איז געווען דער זיץ־אָרט פון סנהדרין. די אויסגראָבונגען, וואָס ס'האָט געפירט „החברה העברית לחקירת א"י (יידישער אינסטיטוט פאַר לאַנד־פאָרשונג) האָבן אַנטפּלעקט אונטער די בערגלעך אַ סך איבערבלייבונגען און הויפּטזעכ־לעך פאַרצווייגטע קאַטאַקומבן. גרויסע זאַלן, און אין זיי טרומנעס־לע־כער מיט הונדערטער גריכישע און העברעישע אויפשריפטן, צייכענונגען און פאַרשיידענע אָרנאַמענטן. אויפן בערגל גופא — רעשטלעך פון אַ גרויסער בית־הכנסת, 35 מ' לענג און 15 די ברייט. דער דיל איז געווען פון מאַרמאָר. דערנעבן ווייטערדיקע עפנטלעכע בנינים.

אלונים

קענגאיבער, אויף יענעם זייט שאסיי, אויפן רוקן פון פעל־זיקן בארג, באדעקט מיט דעמבעס, איז געבויט א ל ו נ י ם. די קבוצה האט זיך דא באזעצט בעת די געשעעניש אין יאר תרצ״ח (1938). לכתחילה אינערהאלב א מויער, וועלכן זיי האבן אויסגעבויט פון די שטיינער — רעשטלעך פון אמאליקע בנינים אין דער סביבה. נאך א יאר זיינען זיי ארויסגעגאנגען פון זייער פעסטונג און ארויף אויפן שטענדיקן וווינפונקט. אין יענע טעג איז די סביבה געווען א ווילדע, די אראבישע איינוווינער אונטערגעהעצט, און הינטער די שטיינער און קוסטעם האבן זיי געלויערט אויף די מתישבים. אין איינעם א טאג זיינען אומגעקומען עטלעכע חברים, פון די ערשטע אין דער קבוצה, אנטרעטנדיק אויף א מינע, גייענדיק צו דער ארבעט. אין א מרחק פון עטלעכע הונדערט מעטער פון ישוב, אויבן אויף די בערגלעך, שטארט ארויס א זיכערהייטס־טורעם, 14 מעטער זיין הויך. פון אים זעט מען די גאנצע סביבה.

עליית־הנוער

אלונים איז די ערשטע קבוצה פון עלית־הנוער אין לאנד, וואס איז אויפגעבויט געווארן געמיינזאם מיט דער ארץ־ישראלדיקער יוגנט פון הנוער העובד. אלס ערשטע איז זי דער הויפט־רינג אין דער גאלדענער קייט, וואס האט נאך זיך געצויגן טויזנטער, און פארפלאנצט קערנדלעך פאר התישבות אין אלע טיילן פון לאנד. מען האט שטארק געציטערט איבער דעם עקספערימענט, און פיל אנשטרענגונגען און ליבע איז ארייגעלייגט געווארן דורך דער לשכה לעלית הנוער און אויך דורך עין־חרוד, דער ערשטער ישוב, וואס האט זיי אויפגענומען. עין־חרוד האט אויסגעהאלטן דעם פרווו, און דורך דעם געלייגט דעם וועג פאר א מאסנהאפטער יוגנט־עליה פון גלות. מיט א גרויסער יידישער הארץ און טיפער מוטערלעכער ליבע האט זיך צו דעם ווערק אפגעגעבן ה ע נ ר י ע ט ע ס א ל ד. זי האט אים אנגעפילט מיט מענטשלעכן און נאציאנאלן באפרייערישן אינהאלט, האט אים ארויסגעפירט אויף א ברייטן שליאך, און אים פארוואנדלט פארן ווערק פון איר לעבן און פארן ערנווערק פון דער יידישער פרייהייטס־באוועגונג. זייט דעמאלט האבן עולה געווען איבער צוואנציק טויזנט יונגטלעכע, זיינען אויפגענומען געווארן דורך ארבעטער־ישובים, דערציונגס־אנשטאלטן און

קינדער־דערפער, און זיי האָבן באַפּרוכפּערט דאָס יידישע קאָלאָניזאַציע ווערק אין לאַנד. צענדליקער קבוצות האָבן זיך אויסגעבילדעט אין דער צייט פון זייער הכשרה, אויסגעפורעמט דאָ זייער יידישן און חלוצישן געשטאַלט, זיך פאַרייניקט שפּעטער מיט ארץ־ישראל־יוגנט און אויפגעבויט שטאַרקע און מונטערע התישבות־פּונקטן פון עסלוג׳ אין נגב ביז מאַנאַרה און מאַצובה ביי דער צפון־גרענעץ.

היינט ווערט געבויט אויפן באָדן פון אלונים אַ גרויסער אויפנאַמס־ווערק פאַר יוגנט פון גלות.

לאָמיר מאַכן אַ קורצן באַזוך אין די ישובים פון גוש נהלל. אַ טייל זיינען אויפגעקומען אין ענדע פון דער פערטער עליה אין די טעג פון קריזיס און דעפּרעסיע פאַרן ישוב און אַרבעטערשאַפט. די הסתדרות האָט דעמאָלט געוואָרפן די לאָזונג פון נייער התישבות ווי אַ ווערק פון דערמונטערונג און רעטונג (אין יאָר 1927).

אין דער סביבה זיינען אַנטשטאַנען כפר־יהושע, גבת, רמת־דוד און אַנדערע.

כפר יהושע

איז אַ גרויסער מושב־עובדים אויפן נאָמען פון יהושע חנקין ז״ל, דעם אויסלייזער פון דער עמק־ערד, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דעם באָדן־אויסלייז. כפר־יהושע געפינט זיך אַ שעה גאַנג דרום פון נהלל, נישט ווייט פון דער באַן־סטאַציע תל שמאַם. נאָך מיט 56 יאָר צוריק, איידער ס׳איז געווען דער ק.ק.ל., האָט יהושע חנקין אויסגעלייזט די ערד פון רחובות. זייט דעמאָלט האָט ער זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דער דאָזיקער אַרבעט. ערשט פאַר אַ פּאָר יאָר איז ער געשטאָרבן אין טיפן עלטער, און זיין קבר איז אויפן שיפּוע פון גלבוע, ביים קוואַל עין־חרוד. נאָך ביים לעבן האָט ער זיך אויסגעהאַקט דאָ אַ קבר, אויפן אָרט, פון וואַנען מ׳האָט אַן אויסבליק אויפן גאַנצן עמק, וועמענס אויסלייזונג איז געווען זיין עיקרדיק לעבנסווערק. צוזאַמען מיט אים האָט דאָ געפונען אייביקע רו זיין פרוי אָלגאַ, איינע פון די ביל״ו־חברות, אַן אַקטיווע און ענערגישע פרוי, וואָס האָט מיטגעמאַכט זיין גאַנצן לעבנסוועג פון סאַמע אָנהויב אין ישוב. אין זייערע ערשטע־טעג אין לאַנד זיינען זיי געווען אין ראשון־לציון, אָבער פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן פאַר אַ „בונט" קעגן די בעאַמטע פון באַראָן.

איצט פייערט דאָס דאָרף זיין 20־יאָריקן יובל. די גרינדער זיינען ס'רוב מענטשן פון דער דריטער עליה. אונטער דער השפעה פון נהלל, וו א סך פון זיי האָבן געאַרבעט אַלס גרופּע, האָבן זיי באַשלאָסן אויפֿצושטעלן אַ מושב־עובדים. היינט איז דאָס אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער דאָרף אויף פעסטע און געזונטע יסודות. פאַר דער צייט האָט ער אויסגעצאָלט אַ גרויסן חלק פון זיין חוב פאַרן קרן היסוד. אין זיין רשות געפינט זיך אַ גרויסער שטח פלאַכלאַנד פון 8000 דונאַם. וואַסער ווערט צוגעפירט דורך „מקורות". אַ סך פּראָדוקטן פון גוטע און פאַרפיינערטע סאָרטן ווערן אין אַ גרויסער צאָל אַרויסגעפירט אויפן מאַרק.

דאָס דאָרף פירט אַ וואַכזאַם לעבן אין די ראַמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און תנועת המושבים. ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ באַלערנדיקער עקספּערימענט פון שותפות וואָס האָט אַרומגענומען איבער 20 משפחות. אַ סך מושבים האָבן געזוכט דעם וועג צו שותפות אין באַשטימטע ווירטשאַפטס־צווייגן ווי פלחה און אאַ"וו, און געמיינזאַמע אַרבעט־אָרגאַניזאַציע. אָבער כל זמן דאָס גאַנצע דאָרף פאַראייניקט זיך ניט צו דעם פּרייוויליק קען די טיילווייזע שותפות שעדיקן זיין אינערלעכע גאַנצקייט פון לעבן, און אַזאַ עקספּערימענט איז ניט שטענדיק דויערהאַפטיק.

כפר־יהושע איז געבויט אין פאָרם פון אַ ברייטן פּירעק. ער איז ענלעך צו אַ ריזיקן „י". לויטן ערשטן אות פון יהושע (חנקין). די אַלגעמיינע אינסטיטוציעס און די שול זיינען אין צענטער פון דאָרף. אַהער האָט מען אויפגענומען חברות־נוער פון גלות, וואָס האָבן זיך דאָ קאָנסאָלידירט און שפּעטער אויפגעשטעלט זעלבשטענדיקע ווערק אין התישבות ווי קבוצת „זרעים", וואָס באַזעצט זיך איצט אין דברת אויפן וועג צום תבור, ווי ארגון „היוגב", וואָס בויט בית־אשל אין נגב.

שדה־יעקב

פון ביידע זייטן כפר־יהושע — צוויי מושבי־עובדים. איינער אַ מושב פון הפועל־המזרחי שדה־יעקב אויפן וועג צו גבעות־זייד, אויפן נאָמען פון אָנפירער פון דער מזרחי־באַוועגונג רב יעקב ריינעס ז"ל, און כפר ברוך. נישט ווייט פון דאַנען איז אויך גבת (ניט די קבוצה גבת), די אַמאָליקע עקספּערימענטן־סטאַציע פון דער סוכנות איידער זי איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין רחובות. אַ באַ־

שטימטע צייט האָט זי געדינט אַלס אַכסניה פאַר כ פ ר ־ ע ב ו ד ה ווו מ׳האָט קאָנצענטרירט שוועך דערציִרבאַרע קינדער. נאָך היינט געפינט זיך דאָ אַ פאָרש־אָפּטיילונג פאַר תבואות פון דער עקספּערימענטן־סטאַציע פון דער יידישער אַגענץ.

שדה־יעקב פאַרנעמט אַ שטח פון 6500 דונאַם. וואַסער ווערט אַהער דערלאַנגט פון „מקורות". ס׳איז איינער פון די ערשטע רעליגיעזע ישובים. ער האָט זיך גענוג אַנגעליטן, ביז ער האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג אין התישבות — פאַרפעסטיקט אַ שטייגער פון אַ רעליגיעז־דאָרף, און געוויזן אַ וועג אַנדערע דערפער פון „הפועל המזרחי". ביים דאָרף איז פאַראַן אַ וועלדל פון 350 דונאַם אויפן נאָמען פון ש. לאַנדאו ז״ל, אַ פירענדיקע פערזאָן אין „הפועל המזרחי".

אויפן וועג פון אלונים קיין נהלל האָבן מיר איבערגעלאָזט עטלעכע פונקטן: ג׳דה, אויף העברעיש ר מ ת ־ י ש י, ווו ס׳איז פאַראַן אַ לייוונט־פאַבריק „נול": ח ו ו ת ־ ש ט ו ק, געפאַכטעט פון אַ פריוואַטער פערזאָן, ווו ס׳געפינט זיך אַן ארגון מושבי, וואָס וואַרט אויף התישבות אין עמק בית־שאן.

בית־שערים

א מושב־עובדים, וואָס באַשטייט פון די ערשטע עמק־יזרעאלער אַרבעטער־יוגנטלעכע. ביז צו זיין התישבות האָט דער ארגון געהייסן א ר ג ו ן ־ א פ ר י ם , אויפן נאָמען פון אפרים צ׳יזיק, וואָס איז געשטאַנען אין דער שפיץ פון הגנת־חולדה אין די אַבגעשעענישן פון 1929 און האָט דאָרט געפונען דעם טויט. זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט ה׳ ניסן, בעת ס׳זיינען אויסגעבראָכן די געשעענישן פון 1936. דער ווירטשאַפטלעכער פלאַן באַזירט זיך אויף באַוואַסערונגס־באָדן און תבואה־פעלדער, און דעריבער איז דער ערד־שטח פאַר יעדער משפחה רעדוצירט געוואָרן. אויך זיי באַקומען וואַסער פון „מקורות".

רמת־דוד

לענגוויס דעם כביש וואָס פירט פון נהלל צום עמק זיינען צעזייט קבוצות איינע נאָך דער אַנדערער. אַ פערטל שעה פון נהלל געפינען זיך אין נאָענטער שכנות די קבוצות „עינות" און „השרון". איינע לעבן דער אַנדערער, כמעט אין איין הויף, איין הויז לעבן צווייטן, האָבן זיי אַ בשותפותדיקן נאָמען ר מ ת ־ ד ו ד , אויפן

נאָמען פון לויד זשאָרזש, געוועזענער ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער און פריינד פון ציוניזם. ביידע קבוצות זיינען שוין דאָ אַ צוואַנציק יאָר. די מענטשן שטאַמען פון דער דריטער עליה. זיי האָבן געוואַנדערט און געאַרבעט ביי פאַרשיידענע כבישים און עפנטלעכע אַרבעטן, געוואַנדערט לאַנג ביז זיי זיינען צוגעקומען צו אַ ברעג. די קבוצות זיינען זיך צע־וואַקסן און אַריינגענומען נייע חברים, דער עיקר פון דער „גורדוניה"־באַוועגונג. זיי געהערן צו חבר־הקבוצות. „השרון" האָט יאָרנלאַנג גע־חלומט וועגן באַזעצן זיך אין חורן, אָבער ווען די האָפענונגען זיינען צע־רונען געוואָרן — איז זי געקומען אַהער. די קבוצה האָט זיך צעמענטירט צום שלום פון דער דריטער עליה דורך אַ גרופּע חברים איבערגעבליבענע פון פאַרשיידענע צעפאַלענע קבוצות, האָט זיך אינערלעך פאַרפעסטיקט מיט גרויסער אָנשטרענגונג, כדי צו הייבן דעם לעבנסניוואָ און די קעגנ־זייטיקע באַציונגען. נאָך לאַנגע וואַגלענישן זיינען זיי אַרויף אויף דער ערד י"ז כסלו תרפ"ז (אָנפאַנג 1927).

ביידע קבוצות האַלטן אויס אַ געמיינזאַמע שול.

נישט ווייט פון רמת־דוד געפינט זיך אויף דער ערד פון ק.ק.ל. אַ מיליטערישער פלי־פּלאַץ, וווּ ס'האָבן זיך אין דער צייט פון דער מלחמה געאיבט די פּאַראַשוטיסטן. דאָ האָבן דורכגעמאַכט זייער שול אונדזערע פּאַראַשוטיסטן־שליחים. דאָ האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופטן חנה סנש, אנצו סירני און אַנדערע, וואָס זיינען געפאַלן ביים אויס־פירן זייער שליחות אין די נאַצי־לענדער, ווי אויך, צו לאַנגע יאָרן די שליחים, וואָס האָבן ריזיקירנדיק מיטן לעבן דערפילט זייער אויפגאַבע און געקומען בשלום אַהיים. זיי האָבן געשוועבט אין דער לופט איבערן עמק און דאָ געהאַט די ערשטע, אויפטרייסלנדיקע איבערלעבונגען פון פּאַראַשוטיסטן.

גבת

אויפן נאָמען פון די פינסקער קדושים, נאָענט פון רמת־דוד ביים באַרג־אַרויף פון כביש. דער נאָמען איז אַ העברעישער אויסדרוק פאַרן אַראַבישן ג'בתה, אַ דאָרף, וועמענס חורבות מ'דערקענט נאָך אויפן שכנותדיקן בערגל. גלייך פון פאָרנט זעט זיך אַן אַ גרויס הויז א. נ. פון הרשל פינסקי, פון די ערשטע טרעגער און בויער פון

דער קבוצה, וועלכער איז טראגיש אומגעקומען: ער איז אין א רעגנטאג פארשלעפט געווארן דורכן וואסער־שטראם פון א וואדי.

די קבוצה איז געגרינדעט געווארן דורך א חלוצישער גרופע פון פינסק (פאלעסיע), און זיך א נאמען געגעבן צום אנדענק פון די בעסטע חברים פון צעירי־ציון, וואס זיינען צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה דערמארדעט געווארן דורך צעווילדעוועטע פאליאקן. ס'רוב חברים שטאמט פון דער פערטער עליה. זיי האבן געוואנדערט איבערן לאנד ארבעטנדיק ביי פארשיידענע ארבעטן, זיינען געווען אין גדוד־העבודה, אבער ניט לאנג, און האבן בעת זייער נע־ונד־זיין געחלומט וועגן אויפשטעלן א גרויסע קבוצישעווירטשאפט.

גבת האט אויפגעבויט א לאנווירטשאפטלעכן משק — איינעם פון די מוסטערהאפטסטע אין לאנד. היינט ציילט ער 700 נפשות, פון די גרעסטע ישובים אין עמק. לאנגע יארן איז גבת נישט געווען אנגעשלאסן אין קיין לאנד־ארגאניזאציע פון די קבוצים, ווארטנדיק זיי זאלן זיך פאראייניקן. און זייט זייער פארבינדן זיך מיטן קיבוץ־המאוחד האט גבת צעשפרייט אירע פליגל, אריינגענומען א כך מענטשן, גרעינים פון גלות, קבוצות הכשרה, איבונגס־גרופן, און איינצלנע משפחות פון שטאט. זי האט אנטוויקלט אלע צווייגן פון משק, אקטיוויזירט חברים אין דער באוועגונג און קיבוץ־לעבן. פאראיארן איז פון דארט ארויס אויף זעלב־שטענדיקע התישבות דער מיצרישער גרעין א. נ. „סנה". די ערשטע ארגענטינער גרופע פון „דרור" מאכט דא דורך די הכשרה.

דער הויף זעט אויס שיין מיט זיינע הייזער, גראזן, פאלמעס. א מוס־טער־משק, א פארצווייגטער, און יעדער צווייג זעט ברכה אין זיין ארבעט. 6500 דונאם, פון זיי א גרויסער טייל פאר תבואות. די הינערצוכט האט דא זייער פראספערירט. פלאנטאציעס פארנעמען 350 דונאם. דער אייגענער קאפיטאל באטרעפט איבער 40.000 לא"י און זייער ביודזשעט פון קרן־היסוד באטרעפט סך־הכל 16.000 לא"י (דער באטרעף פון דער ווירט־שאפט אליין איז א סך מאל מער).

ס'איז כדאי אונטערצושטרייכן די הויכע מעכאניזאציע און דער־פינדערישקייט אויפן לאנווירטשאפטלעכן געביט אין גבת. דא איז קאנ־סטרואירט געווארן א שנייד־ און דרעש־מאשין פאר קוקורודזע, וועלכע

פארשפארט הונדערטער ארבעט־טעג יערלעך. לעצטנס האבן זיי פארריי־ניקט די בינד־מאשין פאר שטרוי מיטן קאמביין, וועלכע ארבעטן איינ־צייטיק. אזוי ארום ווערט די תבואה געשניטן, געדראשן, אנגעפילט אין זעק, און די שטרוי — ווערט גלייכצייטיק געפרעסט און געבונדן אין פעקלעך. אזעלכע דערפינדונגען פארשפרייטן זיך גיך אין אלע משקים.

נישט ווייט פון גבת געפינט זיך א גרויסער וואסער־רעזערוואר פון „מקורות" פאר די באדערפענישן פון די ארומיקע ישובים.

שריד

ביים כביש, וואס פירט צו די בערג פון נצרת געפינט זיך דער קבוץ פון השומר־הצעיר שריד. א געמישטע ווירט־שאפט, שיין אנטוויקלט, האט 4500 דונאב אין זיין רשות.

אין אנהויב, אין 1926, האט זיך דא באזעצט „אחווה", א חלוצישע קבוצה פון ליטע, וואס האט געהערט צום „גדוד עבודה", זיך אפגעטיילט פון אים און פאראייניקט מיט א קבוצה פון טשעכאסלאוואקיע. צומיינסט זיינען פארבליבן אין משק די לעצטע, האבן אים אנטוויקלט און זיך אנגעשלאסן אן קיבוץ־ארצי פון השומר־הצעיר, אריינגענומען דערגענ־צונגען פון דער באוועגונג אין גלות. ביים משק — דער מאסאריק־וואלד, ווי א צייכן פון אנערקענונג פאר דעם פרעזידענט פון דער טשעכאסלא־וואקישער רעפובליק, דעם באפרייער פון זיין פאלק און פריינד פון ציוניזם.

גייסט ווייטער, בארג־ארויף מיטן כביש, און פאר דיר שפרייט זיך אויס אלץ ברייטער דער עמק און די האריזאנטן. אין שוים פון די בערג שטויסטו זיך אן אויף דער קבוצה גניגר. זי געהערט שוין אבער צו גוש־עפולה. מיר וועלן זיך איצט ניט אפשטעלן דא, נאר זיך אומקערן און ארויפשטייגן אויף די אפרים־בערג. אהער וועלן מיר נאך קומען און באזוכן דעם גוש און זיינע ישובים.

חבל מנשה

ביים שייד־וועג פאר שער העמקים לאמיר זיך ריכטן מיטן שאסיי, וואס באגלייט די באן ליניע אין שמאלן טאל צווישן די בערג. אין אים פליסט אויך דורך דער קישון.

די באן־ליניע ווענדעט זיך שפעטער ווידער צום צענטער פון עמק און באגעגנט זיך פונדאסניי מיטן הויפט־שאסיי. דער שאסיי ציט זיך די גאנצע צייט צופוסנס פון די בערג אין דרום־טייל פון עמק, קומט ביזן ארייננגאנג פון וואדי־מילח, וואס טיילט אפ דעם כרמל פון די שומר־רון־בערג. אין דעם וואדי ציט זיך א שאסיי וואס פארייניקט דעם עמק מיטן שרון און תל־אביב. נאענט פון שאסיי גייען מיר פארביי יקנעם, דעם קיבוץ „הזורע" און קומען צו משמר־העמק.

יקנעם

א נייע און גרויסע מושבה, וואס איז באזעצט בעיקר דורך דער דייטשער עליה. זי פארמאגט גרויסע באדן־שטחים — קרוב צוואנציק טויזנט דונאם. ניט ווייט — א פארצייטיק בערגל, דאס איז יקנעם פון תנ"ך. פון די כרמל־שפיצן זעט זיך די מוחראקה. לויט דער אראבישער לעגענדע, האט זיך דא אליהו הנביא באגעגנט מיט די פאלשע נביאים פון בעל און זיי בייגעקומען. היינט קוקט אראפ פון אט דעם בארג־נאקן א קריסטלעכער מאנאסטיר — איינער פון די שענסטע אנבליקן אויפן כרמל, וואס פארכאפט דאס אויג.

הזורע

ניט ווייט פון יקנעם — דער קיבוץ ה ז ו ר ע, וואס האט זיך דא באזעצט אין יאר 1936. ער איז געשאפן געווארן דורך די רעשטלעך פון דער יוגנט־באוועגונג „ווערקלויטע" אין דייטשלאנד. אט די באוועגונג איז אנטשטאנען אויף די חורבות פון „קאמעראדן" — אן אריגינעלע יוגנט־ארגאניזאציע אין דייטשן יידנטום, וואס האט ארייננגענומען א בלאנדזשענדיקע און וועג־זוכנדיקע יוגנט פון די פארמעגלעכע אסימילירטע שיכטן. טיילן פון איר זענען נאך לאנגע ראנגלענישן געקומען צום חלוציזם. אין יאר 1934 זיינען זיי עולה געווען, באזעצט זיך אויפן באדן און נאך אן אינערלעכע דיסקוסיע אנ־

געשלאָסן זיך אָן קיבוץ־ארצי. איבער 3000 דונאַם שטייט אין זייער רשות, דער גרעסטער טייל אין טאָל און אַביסל אויף באַרג־רוקנס.

משמר־העמק

מזרחדיק פון הזורע, צופוסנס פון די שומרון־בערג ליגט משמר־העמק. לאַנגע יאָרן איז דער פּונקט געשטאַנען פאַראייניזאַמט, דערוויטערט און אָפּגעריסן. די יידישע ישובים זענען דאָס רוב אויסגעבויט געוואָרן ווי אַ לאַנגער קראַנץ אין הארץ פון עמק און ער, ווידער, האָט פאַרלייגט זיין צעלט דאָ אין דרום־טייל. אַ לאַנגער און שמאָלער ערד־פּאַס — אַרום 5000 דונאַם, וואָס געהערט צום ק. ק. ל. — ציט זיך, ווי אַן אָפּצווייג פון גוש־נהלל, צום ישוב וואָס געפינט זיך ביים באַרג־רוקן.

משמר־העמק — פון די ערשטע השומר־הצעיר־קיבוצים אין לאַנד. זיין ערשטער קערן שטאַמט פון דער דריטער עליה און האָט זיינער צייט געהייסן קיבוץ ב׳ (קיבוץ א׳ האָט זיך באַזעצט אין בית־אלפא). ער האָט אַדורכגעמאַכט פיל גלגולים ביי די כבישים און אַנדערע עפנט־לעכע אַרבעטן; געלאַגערט אויך אין עפולה און נהלל, ביז ער איז געקומען אַהער. ס׳איז געווען אין די יאָרן פון דער פערטער עליה. קיין נייע קאָלאָניזאַציע איז ניט געמאַכט געוואָרן, און אָן התישבות האָבן זיך פיל קיבוצים צעפאַלן. דער קיבוץ האָט אין אַלע וואַנדערונגען אָפּגעהיט זיין גאַנצקייט, אַריינגענומען נייע שומרישע גופים, וואָס זענען עולה געווען שפּעטער פון אים; געווען צווישן די בויער פון קיבוץ־ארצי און סוף־כל־סוף זיך באַזעצט דאָ. „דער וואַלד פון השומר־הצעיר", וואָס איז דאָ געפלאַנצט געוואָרן אויפן באַרג דורכן ק. ק. ל. — מיט דער הילף פון דער באַוועגונג אין גלות — איז געווען אַ וויכטיקע שטיצע פאַרן קיבוץ און פאַר־שנעלערט זיין התישבות אויפן באָדן.

אַ לאַנגע צייט איז אָט דער קיבוץ געווען אַ מין צענטראַלער ישוב פאַרן קיבוץ־ארצי. דאָ איז אַנטשטאַנען די צענטראַלע דערציונגס־אינס־טיטוציע פאַר די ישובים פון השומר־הצעיר. אַן אויפטו, וואָס די באַוועגונג שטאַלצירט מיט אים. די אינסטיטוציע איז געוואַקסן און זיך אַנט־וויקלט — אויפגענומען קינדער פון די השומר־הצעיר־משקים אין עמק, קינדער פון גלות און יוגנט פון לאַנד. דאָ זיינען אויסגעטראָטן געוואָרן

יוגנן פאר בשותפותדיקער דערציונג, פאר פארמירן דאס געשטאלט פון א זעלבסשטענדיקע קינדער־געזעלשאפט. באזונדערע לערן און דערציונגס־שיטות, וואס באזירן זיך בעיקר אויף זעלבסשטענדיקייט פון קינד און



דערציונגס-אנשטאלט אין משמר-העמק

זעלבסטארבעט — זיינען איינגעפירט געווארן. מיטן פארמערן זיך פון די השוה"צ־משקים — אנטשטייען איצט ענלעכע, בשותפותדיקע דערציונגס־אינסטיטוציעס אין די ראיאנען. פיל דארפן זיי לערנען פון דער פראקטיק, וואס איז דא געזאמלט געווארן.

דער קיבוץ פארמאגט א שיין קולטור־הויז. ספעציעל איז דא אויפגעטון געווארן אויפן געביט פון אלגעמיינער און בעיקר בינע־קונסט.

די ווירטשאפט — א געמישטע. פיל פלאנטאציעס, א גרויסע תבוּאה־צוכט. דער פונקט איז שיין געבויט — מיט זיינע געביידעס און פעלדער. דער וואלד באדעקט א שטח פון 1000 דונאם בערך. פיל גרעינים האבן דא דורכגעמאכט זייער הכשרה; אזוי אויך יוגנט און איבונגס־גרופן.

די ערשטע קינדער זיינען שוין דערוואקסן און זיך איינגעגליד־פאריייניקט געווארן חברים פון זעלבן עלטער, פון דער השוה"צ־באוועגונג אין לאנד.

אויפן בארג

נאענט פון קיבוץ „הזורע“ קלעטערט דער שאסיי דרומדיק אויפן בארג — צו חבל מנשה.

דער בארג־פלאך איז רעגנדיק ווינטער־צייט, טויאיק אין זומער, אפן צו

די ים־ווינטן אויך אין די הייסע טעג. טראָץ די פֿאַרוואַרלאָזטקייט פֿון דורות — איז פֿעט און פֿרוכטבאַר די ערד, וואָס איז באַדעקט מיט פֿיל שטיינער און פֿערזן. אַרום דרייסיק טויזנט דונאַם זיינען דאָ אויסגע־לייזט געוואָרן דורכן קרן־קימת לישראל. אַרום צען טויזנט דונאַם זיינען אָפּגערייניקט פֿון שטיינער.

תחילת וועלן מיר פֿון רעכטס זען קדם, אַ דאָרף פֿון קורדיסטאַ־נער, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1934. אַ גרויסע אַפּרוי־מונגס־אַרבעט האָבן זיי דאָ געמאַכט. מ'זעט די צענויפֿגעלייגטע רייען שטיינער, וואָס זיי האָבן אָפּגערוימט פֿון די פֿעלדער. זיי האָבן אויך באַוויזן אויסלייגן שיינע טעראַסן. אין רמת השנים שלאַנקט אַרויף אַן אָבסערוואַציע־טורעם, אַרום אים שפּרייטן זיך פּלאַנטאַציע־שטחים. דאָ האָבן געפֿונען דעם טויט צוויי חברים וואָס האָבן אַליין געוואַכט אויף דער סביבה בעת די געשעענישן. לויט זיי רופֿט זיך דאָס אָרט.

עין־השופט

אַ קיבוץ פֿון השוה"צ, דער ערשטער וואָס האָט זיך פֿאַרוואָרצלט אין דער באַרגיקער געגנט. זיי האָבן זיך באַזעצט אין די טעג פֿון געשעענישן — כ"ו תמוז תרצ"ז. תחילת זיך באַפֿעסטיקט אין דזשוארא, אין אַלטן אַראַ־בישן בנין, וועלכן זיי האָבן דערווארבן צוזאַמען מיטן באָדן. אַראַבישע באַנדעס האָבן זיי ניט געלאָזט צורו און אַדורכגעפֿירט אָפֿטע בלוטיקע אָנפֿאַלן. נאָך אַ יאָר איז דער קיבוץ אַריבער און אויסגעבויט זיין פּיי־נעם ישוב אויף אַ הויכן באַרג־פּלאַך קעגנאיבער. אַ גרויסע אָפּרוימונגס־אַרבעט איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין די אַרומיקע שטחים און איצט באַוועגט זיך איבער זיי מיט זיכערקייט דער טראַקטאָר. שיין איז דער הויף פֿון ישוב מיט זיינע בנינים און גערטלעך. אַ חן פֿון די בערג רוט אויף אים. פֿיין איז דער משק מיט זיינע פֿעלדער וואָס צעשפּרייטן זיך ווייט, מיט זיינע פּלאַנטאַציעס, באַרג־טעראַסן און קליינעם באַוואַסע־רונגס־שטח אויפֿן באַרג־אַראָפּ. אַ ברייטע לאַנדשאַפֿט זעט זיך דאָ פֿון עמק.

דער קיבוץ האָט זיך אָנגעהויבן פֿון צוויי — אַ קיבוץ השוה"צ פֿון פּוילן און אַ קיבוץ פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. זיי האָבן געלאַגערט

אין שכנות ביי חדרה און זעענדיק אז ס'קלעבט זיך — זיינען זיי טאַקע צוזאַמען אַרויף און אויסגעבויט אַט דעם ישוב.

דליה

אַ ישוב פון השוה"צ, וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט צוויי יאָר נאָך עין־השופט, י"ג אייר תרצ"ט (1939). ער האָט זיך לכתחילה באַפעסטיקט אין אַ הויכן טורעם אַרומגערינגלט מיט אַ שטעכל־פּלויט. די חברים האָבן אַדורכגעפירט אַן אַפּרוּימונגס־אַרבעט אויף ברייטע פעלדער־שטחים. אַ וויכטיקע שטיצע איז געווען פאַר זיי די באַוואַלדונג־אַרבעט פון קק"ל. עס שטייט אין זייער רשות איבער 4000 דונאַם, זייער מערהייט באַשטימט פאַר תבואות. אַ גרויסע סטאַדע שאָף געפינט דאָ גוטע פּאַשע אין דער דאַזיקער באַרגיקער געגנט. זיי האָבן אויך אויפגעבויט (בשותפות מיט פּריוואַט־קאַפּיטאַל) אַן ערנסטע אינדוסטריי־ווערק — אַ שלאָסעריי פאַר פּרעציזיע מעכאַניק. די סביבה איז רעגנדיק און טויאיק, אָפן פאַר די ים־ווינטן פון מערב־זייט. לאָמיר דאָ באַצייכענען דעם „גן־ההורים" — צום אָנדענק פון די עלטערן וואָס זיינען אומגעקומען אין גלות.

אין די לעצטע יאָרן האָט זיך דליה געמאַכט אַ נאָמען אין לאַנד יאָ דאַנק די צוזאַמענפליען פאַר פאָלקס־טענץ, וואָס קומען זיך צענויף יאָר־יערלעך אין איר תחום. די אויפטריטן ווערן איינגעאָרדנט פאַר מאַסן־מענטשן אונטערן פרייען הימל. אין יאָר 1947 זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַרום דרייסיק טויזנט מענטשן אָנקוקן די טענץ. די טענצער־גרופּן אַליין האָבן אַרומגענומען 500 מענטשן, בעיקר פון דער יוגנט. די טענדענץ פון די צוזאַמענפליען, איז צו דעמאָנסטרירן די דערגרייכונגען פון ארץ ישראל ביים שאַפן דעם נייעם פאָלקס־טאַנץ אין לאַנד, פלעגן דעם נייעם פאָלקס־טאַנץ און אים פאַרוואַנדלען אין אַן אייגנטום פון פאָלק.

אָנפאַנג צוויטער עליה האָט זיך איינגעבירגערט אין לאַנד דער הורה און געוואָרן דער אייגנטום פון אַרבעטער, פון דער יוגנט און קינדער. דער קרייז פון הורה האָט סימבאָליזירט איינפאַכקייט, חברשאַפט און גלייכהייט. דאָס איז געווען אַ קאָלעקטיווער אויסדרוק פון לעבן אין דער באַוועגונג. פון דאַן האָבן זיך אַנטוויקלט און אויסגעאיידלט נייע

פאָלקס־טענץ. די צוזאַמענפליען אין דליה האָבן דעמאָנסטרירט פון איין זייט פאָלקס־טענץ, און פון דער צווייטער זייט — יום־טוב־טענץ, וואָס שטרעבן געבן אַן אָריגינעלן אויסדרוק מיט באַוועגונגען פון קערפּער די פילע אינהאַלטן פון אונדזערע יום־טובים, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט אַ לעבן פון נאַטור און אַרבעט. מיט דער טעטיקייט צו פלעגן דעם פאָלקס־טאַנץ אין לאַנד דיריזשירט גערט קויפמאַן.

צפונדיק פון דליה — דער קיבוץ ר מ ת ה ש ו פ ט, אויפן נאָמען פון ריכטער יוליאַן מאַק, פון די פירער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. ער האָט זיך דאָ באַזעצט אין יאָר 1940. אין זיין רשות — קרוב 5000 דונאַם. דרומדיק פון דליה — ג ל ־ ע ד. אַ ישוב פון קיבוץ המאוחד, וועלכער האָט זיך אין מערץ 1945 באַזעצט אין כובייזאַ. פריער האָט זיך דער קיבוץ געפונען אין רעננה, געאַרבעט אין מושבה און דאָרט אויפגעשטעלט אייגענע וואַרשטאַטן, וועלכע ער האָט אַריבערגעפירט צו זיין התישבות־אָרט. דאָ האָט ער אָפּגערוימט די שטיינער פון גרויסע שטחים ערד און זיי צוגעגרייט צום באַאַרבעטן. די חברים שטאַמען פון דער דייטשער און האָלענדישער עליה.

דער געביט וואָס איז אַמאָל געווען אין באַזיץ פון שבט מנשה, ווערט דינען אַלס בריק צווישן די ישובים אין עמק יזרעאל מיטן שרון און שומרון. פון גל־עד ביז גבעת־עדה און כפר־גליקסון, וואָס אין צפונדיקן שרון איז נאָר אַ קליינער מרחק. פוןביידע זייטן באַרג־פלאַך שניידן דורך אין וואַדיס צוויי שאָסייען — איינער דורך וואַדי מילח, דער צווייטער דורך וואַדי ערה — וואָס פאַרבינדן דעם עמק־יזרעאל מיטן פלאַך־לאַנד פון ים־ברעג.

גוש-עפולה

צום גוש־עפולה קומט מען מיטן הויפט־שאסיי וואס שניידט דורך דעם עמק. מיר זיינען שוין געשטאנען אויף דער שוועל פון גוש, ווען מיר האבן זיך געלאזט פון שריד קיין גניגר. אבער ס'זיינען געווען צייטן, ווען ס'איז קיין זכר פון דעם כביש נית געווען, און קיין עפולה פלעגט מען פארן מיט א שאסיי, וואס האט זיך געצויגן אין די נצרת־בערג און פון דארט זיך אראפ־געלאזט צום עמק.

אויפן בארג געפינען מיר זיך אויסער דעם יידישן תחום. מיר באגעגנען אראבער פון שכנהדיקע דערפער. ביים דארף איז א ברונעם און אראבישע פרויען שעפן וואסער און גייען ארויף צום דארף, שלאנקע, מיט א גרויסן קרוג וואסער אויפן קאפ גיט צוגעהאלטן מיט די הענט. רעכטס פון וועג — דער באלפור־וואלד. ער ציט זיך פון רוקן פון די בערג ביז צופוסנס. מיר וועלן נאך ארומבלאנדזשען אין אים ווען מיר וועלן קומען קיין גניגר. מיר וועלן אנטרעפן אן אראביש דארף יאפא, וואס ווערט דערמאנט אין תנ'ך ווי יפיע; אין זיין בוך „יידישע מלחמות" דערציילט פלאוויוס, אז דא איז אויסגעבראכן א שרעקלעכע און פארצווייפלטע שלאכט צווישן די יידישע איינוווינער פון דארף און די רוימער, וואס האבן עס באלאגערט. אין דער דאזיקער שלאכט זיינען אויפן שוועל פון די מויער־טויערן אומגעבראכט געווארן טויזנטער קעמפער.

נצרת מיר גייען ווייטער ביז צו די בערג־שפיצן — צו דער שטאט נ צ ר ת, וואס איז פארהייליקט ביי אלע קריסטן. ס'איז אן אראביש־קריסטלעכע שטאט, א בארגיקע, די הייזער און די גאסן צעשפרייט אין שויס פון די בערג און זייערע אפשטייגן. דער בארג באשטימט דאס אויסזען פון דער שטאט און פון אירע פארדרייטע גאסן. ס'מערקט זיך אז די שטאט טראגט א כאראקטער פון רעליגיעזער הייליקייט. פאראן דא א פולע קלויסטערס און געבעט־הייזער. די מערהייט פון די 9000 איינוווינער זיינען קריסטן־אראבער. מיט יארן צוריק איז נצרת געווען א מין צענטער פאר די ישובים פון עמק, היינט פארנעמט דעם ארט עפולה.

פֿון די שפּיץ נצרת־בערג עפֿנט זיך פֿאַר אונדז אַן אויסבליק אויף דער גאַנצער ברייט פֿון עמק, אויף די בערג־קייטן, וואָס רינגלען אים אַרום פֿון צפֿון און דרום. פֿון דאַנען זעט מען אַ פּאַס פֿון עמק, וואָס ציט זיך מזרח־צו ביז עמק הירדן און די קייט פֿון גלעד־בערג פֿון עבר־הירדן. צו־פֿוסנס פֿון די נצרת־בערג געפֿינט זיך גוש עפּולה, וועלכער איז געדיכט פֿאַרזייט מיט יידישע ישובים. זיי ווייסן צווישן די גרינע ביימער און פֿעלדער. דער ווייסער שאָסיי אין האַרץ פֿון עמק איז אָנגעצויגן ווי אַ פּייל־בויגן. פֿון לינקס — דער באַרג תבור, אין געשטאַלט פֿון אַ קופּאָל שטייט איינזאַם און באַטראַכט דעם עמק פֿון צפֿון־זייט. אויך דער תבור איז הייליק פֿאַר די קריסטן און אויף זיין שפּיץ זיינען אויפֿגעבויט קלויסטערס. ס׳וועט קומען אַ טאָג און מיר וועלן נאָך מאַכן אַן אויספֿלוג צום תבור און אַרויף אויף זיין שפּיץ. נאָכן תבור — גבעת המורה, אָדער ווי מען רופֿט עס „החרמון הקטן". דער באַרג האָט אויפֿן שפּיץ אַ וווּלקאַנישע פֿאָרם און אפֿשר דעריבער רופֿט מען אים „המורה" (דער שיסער). אויפֿן סאַמע שפּיץ זעט מען אַ קבר, הייליק פֿאַר די אַראַבער, דער קבר פֿון נבי־דהי, און אַזוי הייסט דער באַרג אויף אַראַביש.

ווי שטאַרק שלענגלט זיך די סערפּענטין פֿון שאָסיי ווען מען גייט אַראָפּ פֿון נצרת. פֿון איין זייט אַ באַרג, פֿון דער צווייטער — אַן אָפּ־גרונט. אַ געפֿערלעכער וועג פֿאַר וואָגנס און אויטאָס. מ׳קאָן זיך אַראָפּ־קייקלען און צעברעכן די ביינער. זייט אַלזאָ פֿאָרזיכטיק שאָפֿערן און באַלעגאָלעס! פֿון אויבן זעט מען די ספּיראַל פֿון שאָסיי, ווי ער שלענגלט זיך אין די בערג ביזן עמק.

אויפֿן דאָזיקן כביש, עפּולה־נצרת, האָבן אַמאָל געאַרבעט הונדערטער יידישע אַרבעטער. אין דער תקופֿה פֿון כבישים, בעת דער דריטער עליה, איידער דער עמק איז באַזעצט געוואָרן, זיינען דאָ אויפֿגעשטעלט געוואָרן ביים פֿוס פֿון באַרג און אויך אין די בערג גופֿא, גרויסע מחנות מיט געלטן. מ׳האָט געבויערט פֿעלזן, געשפּרענגט מיט דינאַמיט. די אויפֿ־רייסן האָבן אָפּגעהילכט ווייט־ווייט און די פֿעלזן האָבן צעקלאַפּטע זיך אַראָפּגעקייקלט אונטן. אויף קופּעס שטיינער זיינען געזעסן ייִנגלעך און מיידלעך און מיט העמערלעך צעברעקלט די שטיינער. געאַרבעט האָט מען דאָ קבוצותווייז, פֿון וועלכע ס׳האָבן זיך שפּעטער אויסגעבילדעט התיש־

בות־איינסן. דאָ איז געשאַפן געוואָרן חבורת־העמק, וואָס האָט זיך דערנאָך צונויפגעגאָסן מיטן משק עין־חרוד. דאָ האָט אַ געווויסע צייט געלאַגערט „קבוצת־ווילנה", וועלכע האָט זיך שפּעטער איינגעגלי־דערט אין קבוצת כנרת. דאָ האָבן אויך אויפגעשלאָגן זייערע געצעלטן קבו־צים פון השומר הצעיר פון דער דריטער עליה.

גניגר

לענגאויס דעם כביש, אין דער ריכטונג פון עפולה, גע־פינען זיך עטלעכע יידישע פּונקטן. פריער ווען מיר אָפּטרעטן אין גניגר, וועלכע מיר האָבן פריער איבערגעהיפּערט. ער געפינט זיך אויף דער גרענעץ פון ביידע גושים: נהלל און עפולה. די קבוצה איז צופוסנס פון באַרג. אויף די באַרג־ריפּן שפּרייט זיך אויס דער יער־בלפור, פון די גרעסטע וועלדער אין לאַנד, איבער 1500 דונאַם. קומסטו קיין גניגר, לאָז זיך אין וואַלד אַריין. פאַרבלאָנדזשענדיק צווישן זיינע שטעגן ועסטו בלייבן שטיין פאַרוואונדערט פון דער שיינקייט פון וואַלד און זיין גערויש. אַזוינס האָסטו ניט געזען אין אונדזער נאַקעטער און וואַלד־אָרעמער לאַנד.

דאָ געפינסטו פּרעכטיקע ווינקלען פאַר יחידים, ווי פאַר גרופּעס. די באַרג־פאַלדן גיבן צו שיינקייט דעם וואַלד. דו זעסט באַשיינפּערלעך, ווי שיין ס'וועט אויסזען דאָס לאַנד, ווען אַלע נאַקעטע, פעלזיקע בערג, וואָס טויגן נאָך נישט פאַר קיין תבואה און אויבסט, וועלן באַדעקט ווערן מיט וואַלד, געבן פיל שאָטן, און מילדער מאַכן די היצן פון לאַנד. עס איז דעריבער אַ גרויסער אויפטו פון ק.ק.ל., וואָס האָט אין זין געהאַט ניט נאָר דעם באָדן־אויסלייז, נאָר אויך די פאַרבעסערונג פון דער ערד און פאַרפלאַנצט וועלדער אויף אַלע די שטחים פון בלאָטעס, זאַמד און שטיי־נער, וואָס נאָר וואַלד קען זיי נוצלעך מאַכן. די באַוואַלדונג וועט אין דער צוקונפט ניט נאָר צוריקגעבן דאָס לאַנד איר אַמאָליקע שיינקייט, נאָר אויך זי באַרייכערן מיט נייע פּייזאַזשן. דער אָרטיקער אַראַבישער ישוב האָט ניט אָפּגעהיט און ניט געפלעגט די פלאַנצונגען אין לאַנד. דור־אויס דור־איין פלעגן זיי פאַרניכטן די רעשטלעך פון די אַמאָליקע וועלדער. זיי פלעגן אויסהאַקן דיביימער אויף צו הייצן און פאַרברענען אויף קוילן. די טערקישע רעגירונג איז געווען צו שוואַך אויף צו באַשיצן די ביימער

קעגן די מענטשן און מיט דער צייט זיינען פיל וועלדער אויסגעשניטן גע־וואָרן. די ענגלענדער האָבן אַרויסגעגעבן געזעצן וועגן וואַלד־שוץ, וועלכ־דיק ראַטעווען די רעשטלעך פון די אַלטע וועלדער.

דער דאָזיקער עמק איז געווען אינגאַנצן נאַקעט, אָן אַ בוים, זיינע אַרומיקע בערג — פּליכיקע און אַנטבלויזטע. דער יידישער ישוב פלאַנצט אומעטום, וווּהין ער קומט — וועלדער, אַ שאָטן פאַרן מענטש און בעלי־חי, און דעקט צו די באַרג־נאַקעטקייט. איבער 4 מיליאָן ביימער האָט ביז איצט געפלאַנצט דער קק״ל.

דער נאָמען ג נ י ג ר געפינט זיך שוין אין תלמוד; די אַראַבער רופן עס דזשינדזשאַר. די קבוצה האָט זיך אָרגאַניזירט בעת דער דריטער עליה אין די מושבות פון גליל־התחתון. אַ געוויסע צייט איז זי געווען אויפן באָדן פון דגניה מיטן נאָמען דגניה ג׳ (דגניה ב׳ האָט שוין עקזיסטירט). ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אינטענסיווע ווירטשאַפט האָט מען באַ־שלאָסן צו פאַרמערן די צאָל קבוצות, אַנשטאָט אַריינצונעמען אין יעדער איינער נייע חברים. שפּעטער, אַז ס׳איז געוואָרן ענג איז דגניה ג׳ אַרי־בער אין עמק יזרעאל.

די קבוצה האָט אַריינגענומען חברים פון דער רוסישער חלוצישער קבוצה „משמר הוולגה״, שפּעטער אויך פון „גורדוניה״ און אַנדערע. דער משק איז גוט אַנטוויקלט. די זיי־פעלדער געפינען זיך אין עמק, דער פּונקט אַליין צופוסנס פון באַרג. העכער — דער וואַלד און אַ טייל פלאַנצונגען. לכתחילה האָבן זיי געהאַט ווייניק וואַסער פון אַן אַראַבישן ברונעם, אָבער היינט זיינען אַנטדעקט געוואָרן, דורך בויערן, אַ סך וואַסערן, און חברת „מקורות״ באַזאָרגט מיט וואַסער אויך אַנדערע ישובים פון גוש. דער ישוב אַליין איז שיין פאַרבויט, דער וואַלד, ווי אַ גרויסער קראַנץ איבערן קאָפּ, גיט צו הערלעכקייט. די קינדער־גרופּע איז אַ גרויסע. אַ סך קינדער פון אויסער דער קבוצה דערציִען זיך דאָ. די קבוצה געהערט צו חבר־הקבוצות.

צו עפולה

צווישן גניגר און עפולה געפינט זיך דער מושב־עובדים ת ל ־ ע ד ש י ם. ס׳רוב חברים פון דער צווייטער עליה. אויף דער ערד פון תל־עדשים האָט זיך באַזעצט אין דער צייט פון דער צווייטער עליה און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ קבוצה פון „השומר״. דאָס איז געווען די צווייטע קבוצה

אין עמק נאָך מרחביה, נאָך דעם ווי זי איז געווען אייניקע יאָרן אַ בת־יחידה אין גאַנצן עמק. אין יאָר 1925 איז דאָ אויפגעקומען אַ מושב, דער ערשטער, וואָס האָט איינגעפירט שותפותדיקע תבואה־צוכט, און שפּעטער אויך שותפותדיקע פּלאַנטאַציעס, אַנערקענענדיק די מעלה פון געמיינזאַמער און ראַציאָנעלער באַאַרבעטונג פון גרויסע שטחים. זיי האָבן דעם מעטאָד באַגרינדעט מיט לאָגישע אַרגומענטן און האָבן באַרייכערט מיט נייע ניואַנסן דעם דאָזיקן טיפּ פון התישבות. די שותפותדיקע ראַם פון דאָרף הייסט „אלומה". עס האָבן זיי נאָכגעטון אַנדערע מושבים, אָבער ניט מיט אַזאַ אויסדויער ווי דאָ.

דרומדיק פון שאַסיי, אַנטקעגן תל־עדשים — איז דער קבוץ השומר־הצעיר מזרע. די ערשטע קערנגרופּע — פון דער דריטער עליה — האָט זיך דאָ באַזעצט אין יאָר 1924. מחמת דוחק אין מענטשן און איינזאַמקייט האָט דער קיבוץ ווייטער ניט געקאָנט אַזוי פאַרזעצן, און האָט זיך פאַראייניקט מיט אַ אַ קיבוץ פון השומר־הצעיר, וואָס איז פאַר דעם געווען אין נס־ציונה. זיי געהערן היינט צום קיבוץ ארצי.

אַ געמישטע ווירטשאַפט. אַ גרויס רעפּעראַטור־ווערקשאַפט פאַר אַגראַר־מאַשינען איז דאָ אויפגעשטעלט געוואָרן בשותפות מיט אַרומיקע קיבוצים.

אין די ערשטע טעג האָט זיך דאָ אויך אָפּגעשטעלט די קבוצה מאַר־קענהאָף פון דער דריטער עליה. ס'איז אָבער געוואָרן ענג פאַר צוויי גרופּעס, איז די צווייטע אַריבער אין עמק־הירדן אין איצטיקן בית־זרע.

אויפן וועג קיין עפולה זעט מען כפר־גדעון. געגרינדעט דורך טראַנסילוואַנישע יידן, וועלכע האָבן זיך דאָ ביי ערד־אַרבעט ניט געקאָנט איינוואָרצלען און פאַרלאָזן דעם פּונקט. דאָס דאָרף איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן דורכן ארגון „הפועל המזרחי".

צפונדיק פון כביש ליגט בלפוריה, אַ מושב־עובדים, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון דער „קהילת־ציון". די דאָזיקע אַמעריקאַנער געזעלשאַפט האָט דאָ אין דער סביבה אויסגעלייזט גרויסע שטחים ערד בעת דער דריטער און פערטער עליה און האָט זיך געגרייט צו אַ ברייטער קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט. זי האָט אויך איניצירט אויסצולייזן מפּרץ חיפה. צום סוף איז אין דער געזעלשאַפט געקומען אַ קריזיס און דער ק. ק. ל. האָט ביי איר איבערגענומען ס'רוב פון איר ערד.

עפולה

איז א קליין שטעטל פון א פּאָר טויזנט יידישע איינוואוינער, אויפן קרייצוועג פון חיפה, טבריה, ירושלים און גליל. בויען האָט זי זיך אָנגעהויבן בעת דער פערטער עליה, אין צייטן פון פּראָספּעריטי און ברייט־צוגיקע פּלענער פון בויען שטעט. אויך דאָ האָט מען צוגעגרייט א פּלאַן אויפצובויען אַ גרויסע יידישע שטאָט — אַ הויפּט־שטאָט פון עמק. די איניציאַטאָרין איז אויך דאָ געווען „קהילת ציון". די פּלענער זיינען צערונען געוואָרן און דורכגעפאַלן. מ'האָט איר אַ נאָמען געגעבן יזרעאל, הגם די ביבלישע שטאָט מיט דעם נאָמען געפינט זיך אַ ביסל ווייטער. און דער נאָמען האָט זיך טאַקע צו איר ניט געקלעפּט. היינט פאַרמאָגט עפולה איבער 3.500 נפשות. זי איז אַ קאָמוניקאַציע־צענטער, ווייל דאָ קרייצן זיך אַ סך וועגן. דאָ איז אויך אַ באַן־סטאַציע. אַ טייל איינוואוינער פאַרנעמט זיך מיט לאַנדווירטשאַפט. אין אַ גרויסער מאָס איז היינט עפולה אַ שטאָטישער און מלוכהשער צענטער פאַר די אַרומיקע ישובים. איצט ווערן דאָרט געבויט נייע שטאָט־קוואַרטאַלן פאַר איינוואוינער, בפרט פאַר אַרבעטער.

אַן איינשלאָפנדיקע שטילקייט שפּאַצירט דורך די צעוואָרפענע גאַסן, ווי אין אַ גרויס שטעטעלע. נאָר ביי דער אויטאָ־סטראַדע פון „אגד" איז אַ באַוועגונג. אויטאָס קומען און פאָרן אָפּ. שטענדיק טרעפט מען דאָ מענטשן, וואָס וואַרטן אויף אַן אויטאָ אַהיימצופאָרן. מיט דער דאָפּלטער הויפּט־גאַס, וואָס האָט אינמיטן בוימער־אַלייען דערגייסטו צום משק־הפועלות (אַרבעטערין־ווירטשאַפט), ער געפינט זיך אויפן דרום־ראַנד פון עפולה..

מרחביה

די יידישע התישבות איז געקומען אין באַרירונג מיט אָט דעם אָרט נאָך בעת דער צווייטער עליה, ווען ס'איז פאַרלייגט געוואָרן מרחביה. די ערד האָט מען אָפּגעקויפט ביים נעבעכדיקן, אַראַבישן דאָרף, וואָס איז דאָ געשטאַנען. אָפּגעקויפט דאָס דאָרף, האָט מען אויף זיין בערגל אַנטדעקט אוצרות מיסט, וועלכע מ'האָט יאָרנלאַנג מיט גרויס מי געפירט און באַמיסטיקט די אַרומיקע פעלדער פון די ישובים.

נישט ווייט פון עפולה, מיטן זעלבן שאָסיי, וואָס פירט צום עמק, קומען מיר קיין מרחביה, אַ קיבוץ פון השומר־הצעיר. מרחביה איז גע־

ווען דער ערשטער ישוב אין עמק. געגרינדעט אין 1911, דעמזעלבן יאָר, וואָס דגניה. ווי אַן איינזאַמער יידישער פּונקט אין האַרץ פון וויסטן עמק האָט זי דורכגעמאַכט די ערשטע צייטן אַ תקופה, וואָס איז דורכגעוועבט מיט יסורים פון דעראָבערונג, הגנה, און גבורה. דאָ איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פּרווו צו באַזעצן זיך גלייך נאָכן קויפן די ערד און ניט, ווי ס׳האָט זיך ביז דעמאָלט געפירט, איבערצוגעבן זי אַראַבער צו היטן ביז מ׳וועט איר באַזעצן. יהושע חנקין האָט זיך פאַרנומען מיטן דער־ווערבן די ערד פון אַראַבישן דאָרף פולע, און לויט זיין אויפטראָג זיינען אַהער געקומען חברים פון „השומר” זיך צו באַזעצן, באַאַרבעטן און היטן די אויסגעלייזטע שטחים. די אַרויסגעוויזענע דרייסטקייט פון אַ הייפל יידן האָט אַרויסגערופן אַ כעס און פאַרוווּנדערונג צווישן די אַרומיקע אַראַבער, און פון די ערשטע טעג זיינען זיי דערגאַנגען די יאָרן און זיך באַמיט צו דערנידעריקן דעם כבוד פון די יידן. די חברים פון „השומר” האָבן מיט ווירדע איינגעהאַלטן זייערע פּאָזיציעס, ניט געבויגן דעם קאָפּ. דאָס האָט נאָך מער דערצערנט די אַראַבער. דער אָנפאַל פון אַ גרופּע אַראַבער אויף אַן איינזאַמען חבר אין פעלד האָט זיך געענדיקט מיטן טויט פון איינעם פון די אָנפאַלער, אַן אָנגעזעענעם אַראַבער פון דער סביבה, עטלעכע דערפער האָבן זיך צונויפגענומען און געגאַנגען אויף מרחביה נקמה נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט. באַוואָפנטע האָבן זיי זיך צעשפּרייט איבער די פעלדער און באַלאַגערט מרחביה. די באַלאַגערטע, אַ קליין חייפעלע, האָבן זיך געווערט. די אַנטיסעמיטישע טערקישע אַד־מיניסטראַציע האָט זיך אַריינגעמישט אין ענין און אַ סך פון די פּאַרטיי־דיקער אַרעסטירט. דאָס איז נאָך ניט אַלץ. מרחביה קען נאָך דערציילן וועגן אַ סך צוזאַמענשטויסן און פיינטלעכע שפּיצלעך פון דער סביבה. און זי האָט באַצאָלט מיט אַ סך קרבנות פאַר איר עקזיסטענץ. דאָ זיינען געפאַלן די בעסטע מענטשן פון „השומר”: יחזקאל ניסאַנאָוו פון קאַווקאַז, אַן אומדערשראָקענער און דרייסטער, מאירקע כאַזאַנאָוויטש פון אוק־ראַינע, באַשאָנקען מיט אַ צאַרטער נשמה און געוואַגטקייט גלייכצייטיק. ער האָט ליב געהאַט די נאַכט, די געפאַר און דאָס רייטן. ער האָט דער־צויגן אַ סך שומרים און זיי אויסגעלערנט זיך באַגיין מיט געווער. ווו אַ געפאַר איז ער געווען דער ערשטער.

דער „השומר" האָט דעראָבערט דעם פּונקט, אָבער אים איבערגעגעבן צו אַ קבוצה. מרחביה איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ נייעם קאָלאָניזאַטאָרישן עקספּערימענט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „די קאָאָפּעראַציע פון אָפּענהיימער", אַ צווישן־פאָרם פון אַ קאָמונע און מושב־עובדים. די אַרבעט איז געווען אַ שותפותדיקע, די לוין־פאַרטיילונג איז באַשטימט געוואָרן אינדיווידועל לויטן פליס, ספּעציאַליטעט און אַרבעטס־צייט. יעדע משפחה האָט געדאַרפט באַקומען ערד פאַר אַ קליינער אינדיווידועלערווירטשאַפט. ד"ר אָפּענהיימער, אַ באַרימטער וויסנשאַפטלער, איז אַדאַנק הערצלען געוואָרן אַ ציוניסט. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן דורכצופירן לויט זיינע אָנווייזונגען דעם עקספּערימענט. נאָך עטלעכע יאָר דערפאַרונג האָט די אַרבעטערשאַפט אין לאַנד דעם עקספּערימענט אָפּגעוואָרפן און די פּולע פּראָדוציר־ און קאָנסום־קאָמונע איז געוואָרן דער וועג פון דער קאָלעקטיווער התישבות.

מרחביה האָט דורכגעמאַכט אַ סך גלגולים און האָט ניט געהאַט קיין מזל צו שטענדיקע חברים. ערשט מיטן קומען פון קבוץ השומר־הצעיר אין 1929 האָט זיך די לאַגע געביטן. ער איז געווען איינער פון די עלטסטע שומרישע קיבוצים אין לאַנד. זיין קערן בילדן מענטשן פון דער דריטער עליה.

מרחביה איז פון אָנהויב געבויט געוואָרן ווי אַ פאָרם — אַ גרויסער פּירעקיקער הויף אַרומגעצוימט מיט אַ שטיינערנעם מויער. פון איין זייט — די וווינהייזער, פון דער צווייטער — ווירטשאַפט־בנינים. אינמיטן הויף אַ וואַסער־טורם. ביים כסדרדיקן וווקס פון קיבוץ איז ער אַרויס פון די מויערן און ס'רוב בנינים אויפגעשטעלט אויסער זיי. דער חדר־האוכל איז איינער פון די שענסטע אין לאַנד. מרחביה, ווי ס'רוב משקים פון דער סביבה, האָט ביז די לעצטע יאָרן אַנטוויקלט לאַנווירטשאַפטלעכע צווייגן אָן באַוואַסערונג. ערשט איצט, נאָכן באַקומען וואַסער פון „מקורות", וועט זיך דער אויסזען פון משק אינגאַנצן ענדערן.

מרחביה איז דער צענטער פון קיבוץ הארצי. אין וועלדל נאָענט פון הויף שטייט דאָס צענטראַלע הויז פאַר די אינסטאַנצן פון קבוץ־ארצי, דערנעבן די דרוקעריי, דער צענטראַלער ביכער־פאַרלאַג „ספרית הפועלים", דער אַרכיוו פון דער באַוועגונג א. א. וו.

די דרוקעריי איז מאָדערן איינגעאָרדנט. פאַראַן אַ לינאָטיפּ, וואָס גיסט אויס בלייערנע אותיות און וואַרפט זיי אַרויס היטערהייט איין שורה נאָך דער אַנדערער, פון וועלכע מ׳שטעלן זיך צונויף קאָלאָנעס. דאָ דרוקט מען ביכער פון פאַרלאַג. די דרוקערס זיינען חברים פון די אַרומיקע שומרישע קיבוצים.

הקבוץ הארצי

אין יאָר 1927, אין דער שווערער קריזיס־צייט, נאָך אַ סך יאָרן זיין באַזונדער, ווערט אויסגע־בויט די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם פון די שומרישע קבוצים אין ארץ־ישראל: הקבוץ הארצי. עס ווערן באַשטימט די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע יסודות פון דער באַוועגונג; עס ווערט פאַרשטאַרקט די פאַרבינדונג מיט דער תנועה אין גלות און אַזוי אַרום ווערט באַשטימט איר אַנטוויקלונגס־וועג צום חלוציזם. השוה״צ אין גלות וואַקסט און פאַרשפּרייט זיך, נעמט אַרום צענדליקער טויזנטער יידישע יוגנט אין פאַרשידענע לענדער, בילדעט זייט דעמלט אַ שטענדיקן צופלוס, וואָס האַלט אין איין וואַקסן. בעת דער פינפטער חלוצישער עליה שטאַרקט זיך די עליה פון די „שומרים״ צום „קבוץ הארצי״ אין אָרגאַניזירטע קבו־צים, וועלכע האָבן זיך נאָך געהאַט געשאַפן אין גלות אין דער תנועה און הכשרה.

דער „קבוץ ארצי״ פון השומר הצעיר איז אַ זעלבסטשטענדיקער, פּאָ־ליטישער אָרגאַניזם אין דער א״י־דיקער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט זיין באַציונג צו דער מאַרקסיסטישער וועלט־אַנשויאונג, מיט זיין באַציונג צו אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען אין ציוניזם און אין דער אַר־בעטער־באַוועגונג. דער אידעישער קאָלעקטיוויזם בילדעט ביי זיי איינע פון די גרונט־יסודות אין דער קיבוצישער געזעלשאַפט.

דער וועד־הפועל, וואָס האָט זיין זיצאָרט אין מרחביה און תל־אביב, פירט אָן אויפן געביט פוןווירטשאַפט, געזעלשאַפט, קינדער־ און יוגנט־דערציונג, טיילט אויס קאָמיסיעס פאַר די פאַרצווייגטע באַדערפענישן פון זיינע קיבוצים. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו אין ווירט־שאַפטלעכער טעטיקייט, אין אַריינציען פּריוואַטן קאַפּיטאַל אין זיין אינ־דוסטריע, אין שאַפן אַ צענטראַלן פאָנד „קרן השומר הצעיר״, פאַר וויר־טשאַפטס־הילף, אין בויען געמיינזאַמע דערציונגס־אַנשטאַלטן, אין הויבן

דעם ניוואָ פון דער שותפותער קינדער־דערציונג, אין אַ פּאַרצווייגטער ליטעראַרישער און דערציערישער טעטיקייט. דער ביכער־פאַרלאַג „ספרית הפועלים" האָט אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו אין אַרויסגעבן איבער־זעצטע און אָריגינעלע ווערק.

„הקבוץ הארצי" האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן, אומאויפהערלעכן אַנט־וויקלונגס־וועג. ביי דער גרינדונג זיינען געווען 250 מאַן, און זייט דעמאָלט — אַרום צוואַנציק יאָר — נעמט ער אַריין אָרגאַניזירטע איינסן פון גלות און, נאָכן גרינדן די תנועה אין לאַנד, אויך פון דאָרטן. היינט צו טאָג ציילט ער איבער 12.000 נפשות, אין דעם 7000 חברים; איבער 55 קיבוצים, פון וועלכע 44 האָבן זיך שוין באַזעצט אויפן באָדן.

פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט „השומר הצעיר" אַרומגענומען אין גלות צענער־טויזנטער חברים. דאָס רוב פון זיי זיינען אומגעקומען אין דער צייט פון אומגליק. איצט איז אויסגעוואַקסן אַ נייע באַוועגונג אויף די אַש־בערגלעך, אין די לענדער פון חורבן און אין אַנדערע לענ־דער פון אונדזער צעשפּרייטונג. די פּאַרטיי „השומר הצעיר" איז היינט די שותפותדיקע פּאָליטישע ראַם פאַרן „קיבוץ ארצי" און חברים פון אויסער אים, וואָס אייניקן זיך מיט אים אין איין פּאָליטישן פראָנט אין ציוניזם און אַרבעטער־באַוועגונג. „משמר", די טאָג־צייטונג, איז דער אָר־גאַן פון דער פּאַרטיי אויפן פּאָליטישן און דערציערישן פעלד.

צו מזרח פון קיבוץ מרחביה איז אַ מושב־עובדים „מרחביה", און ווייטער — אַ קליינע קאָלאָניע אויך מיטן זעלבן נאָמען.

צענטראַלער שפּיטאָל

ניט ווייט פון עפולה, אויפן וועג צו גבעת־המורה, שטייט דער צענטראַלער שפּיטאָל פון „קופת־חולים" (קראַנקן־קאַסע) אַן אָפּגעזונדערטער ישוב אין עמק, מיט בנינים פאַר קראַנקע, פאַר די קראַנקן־שוועסטער, דאָקטוירים און אַרבעטער. אַלץ אַרומגערינגלט מיט בלומען־גערטנער. דער שפּיטאָל איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דער קופת־חולים פון הסתדרות און באַדינט אַלע משקים אין עמק. אַ באַזונדערער לעבנס־שטייגער — אַן אַרבעטער־שפּיטאָל. אַהער ברענגט מען קראַנקע פון אַלע משקים אין עמק, אַהער ברענגט מען אַלע שוואַנגערנדיקע חברות פאַרן געבורט. כמעט אַלע קינ־דער פון עמק זיינען דאָ געבוירן. די איינגעהאַלטנקייט און ריינקייט, די

דערוווייטערונג פון שטאט, דער ארבעטער־גייסט, די איבערגעגעבנקייט צום קראנקן, די נאטור־פאנאראמע ארום — דאס אלץ שאפט א באזונ־דערע אטמאספערע, וואס געפינסט ניט אין די שטאטישע קראנקן־הייזער. שבת און יום־טוב זיינען דא א סך באזוכן, יעדער קומט צו „זיין" קראנקן, ווער צו זיין חברה, וואס איז געווארן א מאמע, און ווער צו א חבר, וואס ווארט אויף אן אפעראציע. דער שפיטאל עקזיסטירט שוין איבער 25 יאר, אבער אין אנפאנג האט ער זיך געגעסט אין א באראק אין עין־חרוד, לעבן קוואל. היינט — פרעכטיקע בנינים. אלץ זאגט עדות וועגן זארג און ציטער איבערן מענטשן. א גוט אויג און געטרייע האנט.

כפר־ילדים

נאענט פונדאנען — כ פ ר ־ י ל ד י ם. אמאל האבן זיך דא דערצויגן יתומים פון אוקראינע, און געבילדעט א קינדער־געזעלשאפט. זיי זיינען שפעטער אריינגענומען גע־ווארן דורך פארשיידענע ישובים אין לאנד. דער אנשטאלט האט זיך ליק־ווידירט. עטלעכע יאר איז דא געווען א שול פאר ארבעטער־קינדער פון דער סביבה. היינט דינט דער פונקט פאר א פלי־שול. פון צייט צו צייט הייבט זיך אויף אין דער לופט א אן־מאטאריקער אעראפלאן און א יידי־שער יונגטלעכער שוועבט מיט אים אלץ העכער, צוגרייטנדיק זיך צו זיין א פליער ביי זיך אין היימלאנד.

דברת

דער וועג פירט ווייטער צופוסנס פון גבעת־המורה. ניט ווייט ליגט אין זיין גאנצער שווערקייט דער ת ב ו ר. וועגן רינגלען אים ארום און פירן צו די יידישע ישובים אין גליל התחתון. דער שאסיי פירט פארביי דברת — א יונגער פונקט, וואס איז פארנומען געווארן(31. 10. 45) דורך קבוצת „זרעים", וועלכע וווינט שוין יארנלאנג צופוסנס פון גלבוע, ביים קוואל עין־חרוד. דברת איז אן אל־טער, תנכישער נאמען, וואס איז אפגעהיט געווארן אין נאמען פון ארא־בישן דארף דאבוריע, ביים אנפאנג פון תבור.

דברת וועט דינען אלס פארבינדונגס־פונקט צווישן גליל התחתון און עמק יזרעאל. די חברים פון דער קבוצה שטאמען פון עלית־הנוער, „המכבי הצעיר" און „הנוער העובד". נאך דער מלחמה איז צוגעקומען א גרופע באפרייטע זעלנער. אינגיכן וועט דברת אנהויבן צו באקומען וואסער פון „מקורות". זי האט פאר זיך ברייטע מעגלעכקייטן.

גוש עין-חרוד

דער מזרחדיקער טייל פון עמק־יזרעאל איז גוש עין־חרוד (אראביש: גוש־נורים). פוןברייטן מרחב, וואס ס׳פארמאגט גוש־עפולה גייען מיר אריין אין א לאנגן און שמאלן טאל. ער איז צונויפגעפרעסט צווישן בערג: פון איין זייט הר הגלבוע, פון דער צווייטער — פאר־בערגלעך פון גבעת־המורה. נאר מזרח־צו איז ער אפן און ציט זיך ביזן טאל בית־שאן און עמק־הירדן. איבער זיי, אויפן עק האריזאנט, הייבט זיך אויף די קייט פון גלעד־בערג מיט אירע טויזנטער קופאלן און קנייטשן, איינגעקלאמערט איינס אין צווייטן און אנגעווארפן איינער אויפן אנדערן.

פארצייטנס

פון דעם אלטן פארצייטנס שווימען ארויס זכרונות. דא, דורך דעם שמאלן טאל, פלעגן אמאל, אין די אלטע צייטן, דורכגיין קאראוואנעס פון די צפון־לענדער צום ים און קיין מצרים. דא פלעגט דער ישוב זיך צוזאמענשטויסן מיטן מדבר. אהער פלעגן זיך אריינרייסן פארשיידענע שבטים און בעדואינער, כדי צו בארויבן און פארוויסטן דאס לאנד. עס לעבן אויף גאנצע קאפיטלעך פון תנ״ך. אט זעסטו דעם קוואל עין־חרוד, צו וועלכן ס׳האט זיך אנגעבויגן גדעון מיט זיינע לייט פארן ארויסגיין צו דער שלאכט. דא האבן געקעמפט די יידן מיט די פלשתים און אויף די גלבוע־בערג זענען געפאלן שאול און יהונתן. זיי שטייען נאקעטע, אן א בוים און שאטן, מיט זייערע הוילע פעלזן. דודס קללה: „אל טל ואל מטר עליכם״ איז אויסגעגאסן איבער זיי.

אין דער תקופה

ניט נאר זכרונות פון אמאל זיינען פארבונדן מיטן עמק. ער האט אויך א יונגע און א נייע געשיכטע. עס איז דא א סך צו דערציילן וועגן אויפטוען, וואס זיינען רעאליזירט געווארן אין אונדזערע אויגן, וועגן לייד און פרייד, וועגן שאפונגס־ווייען און אויפבוי־פרייד.

איידער ס׳זיינען אהער געקומען די יידישע דערא‍בערער איז דער עמק געווען פארלאזן און הפקר. אויף די זומפיקע פעלדער איז געוואקסן איער און ווילדע געוויקסן; אין דער לופט האבן געזשומעט מחנות פון

קאַמאַרעס. די מאַלאַריע איז געווען די אַלמעכטיקע הערשערין. פון די בערג פלעגן זיך אַראָפּקייקלען שטיקער פעלזן און שטיינער זיינען דורכן רעגן מיטגעריסן געוואָרן און זיך צעשפּרייט איבער די פעלדער. קיין זכר איז ניט געווען פון אַ שטענדיקן ישוב. אָפּגעזונדערטע, זיינען דאָ און דאָרט געשטאַנען נעבעכדיקע, ליימענע הייזלעך. דערפלעד פון פּאַכטערס. וואָס האָבן זיך דאָ ניט לאַנג באַזעצט. קאָמוניקאַציע־וועגן זיינען אין עמק ניט געווען, נאָר די באַן־ליניע חיפה־דמשק האָט דורכגעשניטן די וויסטעניש. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געוווּנדערט אויף דער אַרומיקער אָפּגעלאָזנקייט. יאָ, בעדואינער־שבטים האָבן דאָ געלאַגערט, און זייער שאָף האָט געהאַט גוט פּאַשע אויף די גרינע בלאָטעס.

היינט אַנטפּלעקן זיך פאַר די אויגן פון פאַרבייפאָרער יידישע ישובים פון ביידע זייטן, צופוסנס פון גלבוע און אויף די בערגלעך אַנטקעגן. דער עמק איז אויסגעלייזט געוואָרן פון זיין פּאַרוויסטקייט, פון זיין פאַרוואָר־לאָזטקייט. פון די בלאָטעס — פאַרשאָלטענע נעסטן — קיין זכר. וואַ־סער פליסט דורך געבויטע קאַנאַלן און רערן צו די ישובים פאַר די פּלאַנטאַציעס און באַוואַסערונגס־פעלדער. אַ סך וועלדלעך, וויינגערטנער, פרוכט־סעדער און פאַרשידנאַרטיקע קולטיווירטע פלאַנצן. איבער 30.000 דונאַם זיינען אויסגעלייזט געוואָרן. טויזנטער מענטשן לעבן דאָ. דאָס איז אַ גרויסער צענטער פאַר ערד־אַרבעטער. דאָס געוואַגטע שאַפונגס־ווערק פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג בעת דער דריטער עליה.

די דריטע עליה

די דריטע עליה — דער ברויזנדיקער שטראָם פון דער יידישער יוגנט צו ארץ־ישראל — איז אויסגע־פאַלן אין היסטאָרישע טעג פאַרן פאָלק און פאַר דער וועלט. די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, אָבער די צעשטערטע און פאַרווונדעטע וועלט ניכטערט זיך אויס פון מלחמה־שיכרות. די ליידן און יסורים פון קריג, דער הונגער און חורבן, רופן אַרויס אַ כוואַליע פון בונט. מאַסן רייסן זיך, ברעכן אויס, פאָדערן פאַר־גיטיקונג פאַר זייער דערנידעריקונג, פאַרלאַנגען פרייהייט. ס'איז געקו־מען די צייט גרינטלעך איבערצובויען די מענטשלעכע געזעלשאַפט. דער טרעגער פון פרייהייטס־ און רעוואָלט־געדאַנק איז דער אַרבעטער. ער וויל זיך באַפרייען, ווערן דער האַר איבער זיין גורל, איבערן גורל פון

דער וועלט. ס'ברעכן אויס רעוואָלוציעס. די ערשטע — אין רוסלאַנד, שפּעטער אין דייטשלאַנד, עסטרייך א. א. וו.

ביים יידישן פאָלק — אַ דאָפּלטער חורבן. אונטערדריקטע פעלקער באַפרייען זיך — אויך זיין שעה האָט געשלאָגן. דער ציוניזם ווערט אַ ברייטע פאָלקס־באַוועגונג. אַ געשפּאַנטע דערוואַרטונג אויף „קומענדי־קע טעג". די באַלפור־דעקלאַראַציע. ס'עפענען זיך ברייטע פּערספּעקטיוון פאַר עליה און אויפבוי.

אַ סך כוחות, וואָס זיינען אין דער מלחמה־צייט געווען אונטערדריקט און געפּענטעט, רייסן זיך אַרויס, באַפרייען זיך. טויזנטער יוגנטלעכע לאָזן זיך אויף כלערליי וועגן אין א"י, ניט וואַרטנדיק אויף קיין סיג־נאַלן. אין פאַרשידענע לענדער אַנטשטייט דער „החלוץ". איידער מ'האָט נאָך אין לאַנד עפּעס צוגעגרייט וואַנדערן שוין הונדערטער און טויזנטער, צופוס, מיט באַנען, מיט זעגל־שיפן — שפּרייזן דורך גרענעצן. דער דאָזיקער שטורמישער אויסברוך טראָגט אין זיך סימנים פון העפּלה און גבורה. די דריטע עליה איז אַן אויסדרוק פון פאַרלאַנגען, מיט וועלכע ס'איז געווען דורכגעדרונגען דאָס פאָלק און די וועלט. זיי — די מענטשן פון דער דאָזיקער עליה — האָבן מיט זייערע אויגן געזען דעם מלחמה־חורבן, די סאָציאַלע רעוואָלוציעס און געטראָגן אין זיך פערמענטן, וועלכע האָבן באַהערשט די אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער וועלט. דער גרונט־געדאַנק איז געווען, אַז דער חלוצישער אַרבעטס־מענטש איז באַ־רופן צו זיין דער, וואָס טראָגט און פאַרווירקלעכט די אידיי פון נאַציאָ־נאַלן אויפבוי.

פאַרשיידענע פאַקטאָרן פאַרייניקן און באַשטימען דעם מהות פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען אין דער דערמאָנטער תקופה. די באַדערפנישן פון גרויס־ציוניזם, דער מוז צו רע־אַליזירן אַ גרויסע זאַך מיטן כוח פון אַן אָרגאַניזירטן פאָלק און אָרגאַני־זירטער עליה. דער חלוצישער כאַראַקטער פון א"י־אויפבוי, די אויפ־גאַבן פון כיבוש, התישבות, הגנה און שמידן אַ נייעם מענטשן — דאָס אַלץ האָט באַשטימט דעם ברייטן קאָלעקטיוון כאַראַקטער פון דער עליה. אמת, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט דאַן גאָר ווייניק געטאָן אין לאַנד, כדי אויפצונעמען אַ מאַסן־עליה, אָבער די אַרבעטערשאַפט — דער דור פון דער צווייטער עליה, וואָס האָט געגאַרט נאָך אַ ממשותדיקער,

גרויסער טאַט — איז געווען די, וואָס האָט אויפגענומען די עולים, גע־
זאָרגט זיי זאָלן זיך איינלעבן און אָרגאַניזירן. די התישבות־טעטיקייט
האָט זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעהויבן. מ'האָט געוואַרט אויף מיטלען פון
פאָלק. און דערווייל — לאַגערן פון געצעלטן אויסער די שטעט, כבישים,
אַן עקזיסטענץ פון דעראַבערונג דורכגעדרונגען מיט אַ רעוואָלוציאָנערן
גאַנצן, אַרבעטס־אַרמייען, וואַגלענישן און גרויסע סאָלידאַרישקייט, וואָס
קומט פון אַ געמיינזאַם אויפבוי־ווערק.

דאָס אַלץ איז סימבאָליש פאַר דעם וואָס וועט קומען: דער אַרבע־
טער־קלאַס וועט זיין דער, וואָס וועט אַ דאַנק זיין אָרגאַניזירטן און צו־
זאַמענגעשלאָסענעם כוח, רעאַליזירן דאָס גרויסע ווערק.

גדוד העבודה

די צומיינסט בולטע און סימבאָלישע דערשיינונג פון דער דאַזיקער עליה איז גדוד־העבודה אויפן נאָ־
מען פון יוסף טרומפּעלדאָר. אַן אויסדרוק פון רעוואָלוציע אין דער ווירק־
לעכקייט. דער ערשטער גרויסער אַרבעטס־קיבוץ וואָס איז געשאַפן גע־
וואָרן אויפן פאָן פון יענער תקופה. די אויסערלעכע פאָרם איז באַ־
שטימט געוואָרן דורך די נויטן פון אַ קלאַס, וואָס שאַפט זיך אין פּראָ־
צעס פון כבוש און עליה. דער גדוד האָט זיך אין גאַנצן געשטעלט אין
דינסט פון ווידעראויפבוי. ער איז געווען דער ערשטער — דער ערשטער
ניט נאָר אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג — וואָס האָט באַשטימט
דעם ברייטן קלאַסן־כאַראַקטער פון דער קאָמונע; וואָס האָט געזען דעם
פּאַראַנענעם און זיך שאַפנדיקן אַרבעטער־קלאַס אין לאַנד — אַ דאַנק
דעם כוח פון זיין היסטאָרישער שליחות — ווי איין גרויסע קאָמונע. דער
מיין איז געווען: „אויפבויען דאָס לאַנד דורך אַן אַלגעמיינער קאָמונע פון
די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל".

י"א אלול תר"פ (1920), אַ האַלב יאָר נאָכן טויט פון יוסף טרומ־
פּעלדאָר, איז אויפן כביש טבריה־צמח, געלייגט געוואָרן דער גרונדשטיין
פאַרן „גדוד לעבודה והגנה" אויף זיין נאָמען, דורך חברים פון דער דריי־
טער און אויך צווייטער עליה. אין אַ קורצער צייט האָט דער גדוד גע־
ציילט הונדערטער חברים אין אַלע עקן לאַנד, ער האָט אויפגעשטעלט
אַרבעטס־פּלוגות, געלייגט שאָסייען, געהאַקט שטיינער, געבויט בנינים
אין שטאָט, בריקן און באַן־ליניעס. דער גדוד האָט צוזאַמען מיט חברים

פון „השומר" אויפגעבויט די חורבות פון כפר־גלעדי און תל־חי, געשיקט זיינע חברים אין ארבעטער־בריגאדעס פון דער רעגירונג אין שלעכטע באדינגונגען, כדי דורכצוזעצן א וועג פאר יידישער ארבעט אין רעגירונגס אונטערנעמונגען; הונדערטער חברים פון גדוד זיינען געגאנגען אין עמק יזרעאל צו דערארבערן די ערד און אויסצוטריקענען די זומפן פאר דער התישבות. דער גדוד האט געווארפן אן אויג אויף די פרייע שטחים ערד פון חורן (עבר־הירדן). אין זיינע ערשטע יארן איז דער גדוד געווען דאס לעבעדיקע, וואכעדיקע הארץ פון דער ארבעטערשאפט אין א"י. די ער־שטע צו יעדן כבוש, פיאנערן פון יעדן אויפטו. א דאנק דעם קאלעקטיוון כוח האט ער דערארבערט נייע פאזיציעס, אריינגעדרונגען אין נייע פאכן, וואס זיינען ביז דעמאלט געווען פרעמד דעם יידישן ארבעטער. ער האט אויסספעציאליזירט הונדערטער חברים ווי שטיינהעקער, בוי־ארבעטער אא"וו, האט אבסארבירט פיל נייע עולים און זיי פארלייכטערט דעם אי־בערגאנג צו ארבעט און צו אקלימאטיזירן זיך אין לאנד, און געשלאגן ווארצלען פאר ברייטער קאלאניזאציע צופוסנס פון גלבוע. אין די מחנות פון גדוד האט זיך געשפירט דער גייסט פון אויפגייענדיקן מעפילישן חלוציזם און יוגנטלעכן ברען.

בראשית־טעג

י"ט אלול תרפ"א (1921) — א יאר נאך דער גרינ־דונג פון „גדוד־העבודה" — קומט זיין ערשטע פלוגת־כיבוש אין עמק. די חברים זיינען מאביליזירט געווארן פון די גדוד־אפ־טיילונגען ראש־אל־עין און מגדל. וועגן טאג פון עליה דערציילט יהודה קאפילעוויטש מיט פאלגנדיקע ווערטער:

„אינדערפרי זיינען מיר אנגעקומען מיטן אויטא קיין מרחביה. נאך עטלעכע חברים, וואס האבן דערפארונג אין כיבוש, דארפן אהער קומען, און מיטאגצייט וועט זיך די מחנה לאזן אין וועג אריין. צו דער באשטימ־טער צייט איז אנגעקומען חנקין. מיר זיינען אוועק פארויס, הינטער אונדז די וואגנס, אנגעלאדענע מיט געצעלטן, כלים און פראוויאנט. אויפן וועג איז אונדז אנטקעגנגעקומען דער חבר צ. נ. אויף א פערד. זיין פנים האט געלויכטן ביים אנבליק פון דער גייענדיקער גרופע.

— וווהין, חלוצים?

— קיין נורים.

קיין וועג און קיין שטעג אין די זומפן. צווישן די שטייענדיקע

וואַסערן און בלאָטיקע קאַלוזשעס פאַרן מיר אים נאָך ביז מיר זיינען צוגעקומען צום גלבוע, צו דער הייל, וואָס פון איר פליסט אַרויס דער קוואַל עין־חרוד. ס'איז שוין האַלב פינף נאָכמיטאָג. אַזוי ווי די אַמאָליקע יידישע קעמפער אין דער צייט פון די שופטים וואָס זיינען געגאַנגען מיט גדעונען צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד, אַזוי האָבן מיר געקניט ביים קוואַל ווי זיי און מיט שמחה „געלעקט" זיינע וואַסערן.

אויף מזרח פון קוואַל — אַ קליין דאָרף דזשאַלוד. אונדזער לאַגער האָבן מיר אויפגעבויט אויף מערב־זייט פון קוואַל, ניט ווייט פון אים. מיר האָבן אויפגעשטעלט 35 געצעלטן. מיר האָבן אַריינגעשלאָגן אייזערנע זיילן און אומגערינגלט דעם לאַגער מיט אַ צאַם פון שטעכיקע דראָט. מיר האָבן זיך געשטעלט גראָבן שוץ־גראָבנס. אין משך פון עטלעכע שעה איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער לאַגער לויט אַלע פאַרשריפטן. מיר האָבן סטאַציאָנירט ווי אַ מיליטערישער, וואַנדערנדיקער פאָלק. און, ווי ס'פאַדערט זיך אויפן פראָנט, אַלע אַרבעטס־ און געברויך־כלים געהאַט מיט זיך. ס'איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פעלד־קיך און אַרום די קעסלען האָבן זיך געפאַרעט די חברות און צוגעגרייט דאָס עסן. מיטן זונ־אונטערגאַנג האָבן מיר געענדיקט דעם ערשטן אַרבעטס־טאָג אין עין־חרוד און זיך אונטערגעלענט דאָס הארץ. מיר האָבן באַנייט דעם עמק מיט אַ חלוצישער הורא.

די נאַכט האָט אָנגערוקט. מיר האָבן אויסגעשטעלט אַ שטאַרקע שמירה און יעדע צוויי שעה זיך געביטן. צומאָרגנס זיינען מיר געגאַנגען אַנטקעגן אונדזערע חברים פון מגדל. מיר זיינען צוגעשטאַנען צום לייטער פון דער באַן־סטאַציע ער זאָל אָפּשטעלן דעם צוג אויף דעם אָרט, וווּ ס'געפינט זיך איצט עין־חרוד, און מיר האָבן באַגעגנט אונדזערע חברים.

דרייסיק זיינען זיי געקומען, צוזאַמען מיט אונדז, די פלוגת כובשי העמק, זיבעציק נפשות. די מגדלער האָבן מיטגעבראַכט אַ פירעקן געצעלט ספּעציעל פאַר אַ שפּיטאָל. און די קראַנקן־שוועסטער האָט געבראַכט אַ שענקל מעדיקאַמענטן. מיר האָבן געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט אונדז: מי און ווייטיק, אָבער מיר האָבן געקוקט דעם אמת אין די אויגן.

אַזוי זיינען מיר צוגעטרעטן צו דער אַרבעט באַוואָפנטע מיט דערפאַרונג און דיסציפּלין, געדולד און ענערגיע".

דער עמק האָט אין יענע טעג גערוישט, ניט געקוקט אויף די ליידן, מאַלאַריע און אָרעמקייט. ס'טומלט די יונגוואַרג פול לעבנס־לוסט, אָנגעפּילט מיט פרייד פון אַרבעט און געזאַנג. דאָס איז געווען לויטן אויסדרוק פון אַ יידישן דיכטער „די פייערלעכע אָרעמקייט". די געצעלטן זיינען געשטאַנען אין רייען לעבן קוואַל. שפּעטער איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ צווייטער לאַגער פון גדוד־עבודה אויף אַ בערגל מער צו מזרח, אויך ביים גלבוע, מיטן נאָמען ת ל י ו ס ף (טרומפּעלדאָר).

יעדן פרימאָרגן איז מען אַרויס טריקענען זומפּן, אָפּרייניקן פעלדער פון שטיינער. מ'האָט גענומען באַאַרבעטן די ערד, פלאַנצן ביימער, שאַפן פאַרשיידענע ווירטשאַפט־צווייגן. לכתחילה האָבן זיי געוווינט אין געצעלטן, מיט דער צייט האָט מען אויפגעשטעלט באַראַקן פאַר מענטשן און בהמות. אין די צוויי פונקטן האָט געזשומעט דאָס לעבן ווי אין אַ בינשטאָק — 350 חברים האָבן זיך דאָ קאָנצענטרירט און געבילדעט אַן איינס פון גדוד־העבודה. און ביידע זיינען געווען ווי אַ געשפּאַנט־וואַכזאַם האָרץ פאַר אַלע צעשפּרייטע פלוגות אין לאַנד, ביז ס'איז געקומען דער ביטערער טאָג פון אינערלעכער שפּאַלטונג, און ווי אַ רעזולטאַט אַ צעטיילונג אין צוויי באַזונדערע אָפּגעריסענע משקים: עין־חרוד און תל־יוסף.

דער ריס ביים אָנהויב פון התישבות־טעטיקייט האָבן זיך אַנטפּלעקט אינערלעכע פּרינציפּיעלע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן בעיקר מיט דער אָפּשאַצונג פון ראָל וואָס די התישבות דאַרף שפּילן אין לאַנד און אין דער קאָמונע. ס'האָט זיך אַלץ מער פאַרברייטערט דער ריס צווישן די עלטערע חברים פון דער צווייטער עליה, די טרעגער פון געדאַנק צו פאַרווירקלעכן דורכן גדוד אַ גרויסע קיבוצישע ווירטשאַפט, און צווישן די גדוד־לייט פון דער דריטער עליה. די עלטערע חברים האָבן געקעמפט פאַר דער איבערוואָג פון דער לאַנווירטשאַפט, ווי אַ באַזע פאַר אַ קאָמונע, די אַנדערע האָבן געזען אין דער קאָמונע אַ ציל פאַר זיך. דער אינערלעכער ויכוח, דער אידעאָלאָגישער קאַמף וועגן מהות פון אַ קאָמונע אין לאַנד האָט זיך צעפלאַקערט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ ברידער־קריג. העראצער האָבן זיך דערווייטערט און ס'איז שווער געווען צו לעבן צוזאַמען און אַזוי האָבן זיך חברים אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן. דאָס אַלץ האָט דערבראַכט צו דעם, אַז דער

משק איז צוטיילט געוואָרן אויף צוויייען. אונטן, אין עין־חרוד, האָבן זיך קאָנצענטרירט איבער 100 חברים (פון דער צווייטער עליה און אַ סך, פון דער דריטער) וואָס זיינען געבליבן אויסערן גדוד־העבודה. צו זיי איז שפּעטער צוגעשטאַנען די חבורת־העמק און צוזאַמען האָבן זיי געבויט דיווירטשאַפט.

תל־יוסף ווידער, איז געבליבן אין רשות פון גדוד־העבודה. ס׳איז אָבער געווען דער ערשטער קלאַפּ, וואָס דער גדוד האָט באַקומען און ער האָט אים געשטויסן אויפן וועג פון יסורים, קאָנפליקטן און בלאָנדזשע־נישן, ווי מיר וועלן זיך נאָך שפּעטער איבערצייגן.

עין־חרוד און תל־יוסף זיינען זייט דעמאָלט אוועקגעשטעלט גע־וואָרן, ווי צוויי באַזונדערע משקים. נאָך לאַנגע יאָרן האָבן זיי זיך ווי־דער באַגעגנט אין די ראַמען פון הקיבוץ־המאוחד און אין שכנות אויף איין בערגל אַנטקעגן.

דער קוואַל

עין־חרוד שפּרודלט אַרויס פון אַ הייל צופוסנס פון באַרג. פריער פלעגן זיך זיינע וואַסערן צעגיסן אויף די אַרומיקע שטחים פון עמק, אָבער נאָכן אויסטרוקענען גייט ער אין זיין גערלעג, דאָס איז דאָס טייכל חרוד וואָס פליסט צום ירדן. בעת מ׳האָט גענומען באַוואַסערן די פעלדער האָט מען לענגויס דעם געבעט פון טייכל אויפגעשטעלט פּרימיטיווע שליוזעס און אַזוי אַרום באַוואַסערט די טרו־קענע פעלדער לויט אַן אַראַבישן סיסטעם. היינט איז שוין אוועקגעשטעלט אַ מאָדערנע און אָרגאַניזירטע באַוואַסערונגס־נעץ, וואָס דערלויבט צו־צופירן די וואַסערן, וווּ ס׳איז נויטיק.

און ניט נאָר זכרונות פון אַלטערטום זיינען פאַרבונדן מיטן קוואַל. ער איז אויך געווען אַן עדות פון אַ ברוטאַליק און פרייליכן לעבן ביי זיינע ברעגעס. ניין יאָר לאַנג האָבן דאָ געוווינט די מענטשן פון משק עין־חרוד ביז זיי האָבן זיך אויפגעבויט זייער ישוב אין קומי. נאָך זיי זיינען דאָ געווען חברים פון קבוצת „החוגים” („המחנות העולים”), וואָס האָבן זיך שפּעטער באַזעצט אין בית־השיטה. ניט ווייט פון קוואַל זיצט היינט די קבוצת „זרעים”, וואָס גייט אַריבער קיין „דברת”, אויפן וועג צום תבור. און וועלכע יונגע קבוצה וועט נאָך איר קומען?

אין ליב געהאַט האָבן אַלע דעם קוואַל. זיינע קאַלטע וואַסערן פלעגן מחיה זיין מענטשן אין זוניקע טעג בפרט אין די גרויסע היצן. אַהער

איז מען זיך געקומען טובלען דעם קערפער אין א קליינעם באסיין, וואס מ'האט צוגעפאסט פאר דעם. און שוין נאכדעם, ווי עין־חרוד איז אריבער אויפן בערגל קומי, האבן זיך די קינדער ניט געוואלט שיידן מיטן קוואל, און פון צייט צו צייט געלאפן באזוכן, אים און די ארומיקע וועלדלעך. הויכע עקאליפטוס־ביימער באשיצן מיט זייער שאטן דעם קוואל מיט זיין סביבה, און קאנסט זיך אויסשטרעקן און געפינען א באַהעלטעניש פון דער דערדריקנדיקער היץ. איבערן קוואל, אויפן בארג־רוקן, געפינט זיך דער קבר פון יהושע חנקין — קעגנאיבער דעם עמק. דא האט געפונען זיין רו דער אויסלייזער פון עמק, ער און זיין פרוי אלגא. מיר האבן שוין וועגן זיי דערציילט בעתן באזוך פון דארף אויף זיין נאמען, — כפר־יהושע.

נאענט צום קוואל, מזרחדיק, שניידט אדורך דעם בארג א ברייטער וואדי. דא געפינט זיך די שטיינהאקעריי פון „סולל־בונה". אין די ערשטע יארן פון עין־חרוד פלעגט מען זיך דא צוזאמענקומען בעת פייערונגען און יום־טובים. אויף די בערג־שיפועס פון ביידע זייטן וואדי איז געווען אן ארט פאר טויזנטער מענטשן און די פעלזן אין מיטן האבן געדינט אלס א נאטירלעכע סצענע באלויכטן מיט פאקלען.

כפר יחזקאל

אנטקעגן דעם קוואל אויפן ארויפגאנג פון בערגל ליגט כפר־יחזקאל. א מושב־עובדים, וועלכער איז אויך אנטשטאנען אין די ערשטע טעג פון כיבוש־העמק. דער מושב איז געבויט אין א געשטאלט פון אן עליפסע מיט צוויי גרויסע ארעמס־גאסן אויף ארויס. דורך איין ארעם אזא קומסטו אריין אינעווייניק, דורך אן אינערלעכן שאסיי, וואס איז באקרוינט מיט ביימער־אלייען — ברענער־אליי. דער אומפאנג פון די הייזער איז א גרויסער און נאך דעם קומט א קרייז פון שטאלן און גערטענער. אין קרייז — שותפותדיקע, עפנטלעכע אנשטאלטן: א שול, א בית־עם, די מעלקעריי, דער קאנסום מיט נאמען „שפע" או"וו.

„ס'רוב חברים זיינען פון דער צווייטער עליה, און האבן דורכגעמאכט אלע גלגולים פון ארבעט־לעבן אין לאנד". זיי זיינען געווען שומרים, אין דער הגנה און אין די יידיש־מיליטערישע פארמאציעס אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. כמעט אלע זיינען געווען חברים אין „אחדות־

העבודה" (נהלל דאקעגן איז געווען דער מושב פון „הפועל הצעיר"). די ערשטע יאָרן זיינען געווען יאָרן פון כבוש, מ'האָט געלעבט אין באַראַקן און געצעלטן, אָן וואַסער און הייזער. היינט — אַ פּאַרפעסטיקט דאָרף מיט אינדיווידועלע ווירטשאַפטן, אַלגעמ. אינסטיטוציעס. דער צווייטער דור איז שוין אונטערגעוואַקסן און שטעלט אונטער אַ פּלייצע. אַ סך פון זיי האָבן געדינט אין דער בריגאַדע און אין די שוץ־אָפּטיילונגען. אין אָנהויב האָט דאָס דאָרף געהייסן כפר־טבעון, דער אַלט־היסטאָרישער נאָמען, — אויך אַ קוואַל אין שכנות טראָגט דעם זעלבן נאָמען. היינט הייסט דאָס דאָרף נאָך יחזקאל ששון פון איראַק, וועלכער האָט פיל געשפּענדעט פאַרן ק.ק.ל.

דער אויטאָ, וואָס גייט אין אָוונט פון חיפה קיין עין־חרוד טרעט אָפּ פריער אין כפר־יחזקאל. דער אויטאָ פאָרט דורך די אַליי און שטעלט זיך אָפּ ביים קאָנסום. דאָ טרעפסטו צונויפגעזאַמלט אַ סך מענטשן פון מושב, יוגנט, קינדער. קרוגן מילך און גרינס־קאַסטנס זיינען דאָרט אָנגעוואָרפן. די פּאַסאַזשירן זיינען אַראָפּ פון אויטאָ, אַראָפּגעוואָרפן דעם באַגאַזש פון אינעווייניק און פונעם דאַך, און דער אויטאָ פאָרט ווייטער. אויפן וועג באַגעגנסטו וועגענער צוריקערנדיק זיך לאַנגזאַם פון פעלד, אויף איניקע ליגט אַ ביסל היי פאַר די קי. אַ יינגל אָדער מיידל פון דעם מושב ליגט אויסגעצויגן אויפן היי, האַלט נאָכלעסיק די לייצעס. דעמערונג באַדעקט די פעלדער. פון דרום שיינט פאַרטונקלט דער גרויסער ווינטערדיקער באַסיין־רעזערוואַר, וואָס זאַמלט אין זיך די קוואַל־וואַסער פאַרן זומער.

גבע

אויף אַן אָפּגעזונדערט בערגל, אין אַ קליינעם מרחק פון כביש צפונדיק, שטייט די קבוצה ג ב ע. זי איז דאָ איינגעפונדעוועט פעסט מיט אירע הייזער און איינגעאָרדנטער ווירטשאַפט. אַ שיינע ציפּרוסן־אַליי הייבט זיך באַרג־אַרויף און פירט אין אירע הויפן. דאָס איז איינע פון די מוסטער־קבוצות מיט איר משק און אָרגאַניזאַציע. אויך זי איז דאָ געשאַפן געוואָרן אין די טעג פון דער דריטער עליה. דער ערשטער קערן שטאַמט פון דער צווייטער עליה און זיינע חברים האָבן געוואָגלט ווי אַ קבוצה אין פאַרשיידענע ערטער, געאַרבעט אין פאַרמעס, ביי די כבישים, זיינען זיך צעפאַלן און ווידער צונויפגעקומען, ביז

זיי זיינען געקומען אהער מיט א גרויסער לאנדווירטשאפטלעכער דער־פארונג. אין משך פון דער צייט האבן זיי אויפגענומען חברים פון שפע־טערע עליות, חברים פון „גורדוניה" און רעשטלעך פון גרופן, ביז זי איז געווארן דאס, וואס זי איז — א שטאנדהאפטיקער משק פון 400 נפשות.

א קליינע גרופע איז אהער געקומען און האט אויפגעשטעלט 7 געצעלטן אויף אן אפגעזונדערט בערגל. און אין די געצעלטן — זיי און זייער גאנצער אינווענטאר. אנטקעגן — עין־חרוד, דער לאגער פון גדוד־העבודה, שפרודלט מיט יוגנט און לעבנס־פרייד. זייער ווידערקול דער־קייקלט זיך צום בערגל, און דער גדוד לאדט זיי איין זיך צו באהעפטן מיט דער גרויסער מחנה. און זיי — געציילטע יחידים זיינען איינגע־שלאסן אין זיך און אין זייער ארבעט. וויצלער פון יענער צייט האבן געזאגט: „דער גדוד איז פארביי מיט זיין לאגער געצעלטן — האט ער פארלארן אויפן בערגל אייניקע פון זיי". צום אנהויב האבן די מענטשן געטראכט וועגן א קבוצה פון צוועלף משפחות. אבער דאס לעבן האט געטון דאס זייניקע. דער משק איז זיך צעוואקסן און אויסגעברייטערט, די גרענעצן אויסגעצויגן, חברים צוגעקומען, דער עיקר יוגנט. היינט פאר־ענדיקט די קבוצה דעם בוי פון א שיינעם חדר־אוכל, וואס פארמאגט זיץ־פלעצער פאר אלע חברים. אין משק איז פאראן א באטאנישער גארטן פאר אלע וואלד־ביימער און ווילדע געוויקסן אין לאנד. אפילו צעדער־ביימער וועסטו דארט געפינען. ס'איז אויך פאראן א נאטור־הויז אויפן נאמען פון אהרון עטקין, איינער פון די ערשטע און אקטיווע חברים, וואס איז אומגעקומען בעת די געשעענישן פון 1938 (י"ח אלול) צוזא־מען מיט חיים שטורמאן און דוד מאסינזאן, וואס זיינען ארויף אויף א מינע פארנדיק אין עמק בית שאן.

עין־חרוד

דער כביש שניידט דא דורך דעם עמק, גייט פארביי לעבן די צפונדיקע ישובים: כפר־יחזקאל, גבע, עין־חרוד און תל־יוסף, ווייטער בית־השיטה און שדה־נחום און נאך דעם דרינגט ער אריין אין עמק בית־שאן. אפצווייגן פון כביש פירן איינער צום קוואל און דערנעבנדיקער שטיינהאקעריי, דער צווייטער פון דער סטאציע שטה קיין בית־אלפא און חפצי־בה. אויך די באן שניידט דא דורך דעם עמק אויפן

וועג קיין מזרח. פון ביידע זייטן זיינען צעשפּרייט די פעלדער, באוואַ־סערונג־שטחים. ביי די ברעגעס פון טייך חרוד זעט מען דאָ און דאָרט וועלדלעך. צופוסנס פון די בערג און בערגלעך — פּלאַנטאַציעס.

פון בערגל קומי קוקן אַראָפּ צוויי גרויסע ישובים: עין־חרוד און תל־יוסף. אַמאָל זיינען זיי ביידע געווען מער דרומדיק, ביים גלבוע. זיי האָבן דאָן געבילדעט איין משק פון גדוד־העבודה אָבער זיינען געווען דערווייטערט איינער פון צווייטן אויף עטלעכע קילאָמעטער. שפּע־טער ווידער, זייענדיק אָפּגעטיילט, האָבן זיי אויפגעבויט זייערע ישו־בים אין שכנות אויף איין בערגל. די ישובים זיינען געבויט ניט ווייט פון צענטראַלן שאָסיי און אַ געפּלאַסטערטער וועג פירט צו זיי. דו גייסט אַרויף מיטן וועג וואָס ציט זיך צווישן ביידע משקים. רעכטס — די בשותפותדיקע בנינים פאַר ביידע משקים, ווי אויך איינציקע פאַרן גאַנצן גוש. אויפן ברייטן שטח וואָס צווישן ביידע משקים זעסטו דעם הויף מיט די גרויסע בנינים פון „תנובה"; דאָ איז די הויכע סצענע און דער אַרומגעצאַמטער הויף מיט די רייען בענק פאַר די צושויער אונטערן פרייען הימל; אָט זעסטו די קראַנקן־אַמבולאַטאָריע, און עטוואָס העכער דעם שול־קוואַרטאַל מיט די גרויסע, נייע און שיינע געביידעס, לעבן זיי — בית שטורמאַן, און אַראָפּצו דעם שיינעם און ריינעם שול־גאָרטן וואָס ווערט געפּלעגט מיט פיל ליבע דורך די שילער און לערער. דער דאָזיקער וועג ציט זיך אויף דער אויבערפלאַך פון בערגל ביז צום אַראַבישן דערפל קומי. אויפן וועג טרעפסטו אַראַבישע ייִנגלעך רייטנ־דיק אויף אייזלען, אָדער אונטערטרייבנדיק זיי פון הינטן. אַראַ־בישע פרויען נידערן אַראָפּ שעפּן וואַסער, ניט צום קוואַל, נאָר צו דעם באַוואַסערונג־קאַנאַל. פון דעם וועג ציען זיך אָפּצווייגן: רעכטס קיין תל־יוסף און שפּעטער לינקס קיין עין־חרוד.

איידער מיר וועלן באַזוכן דעם גרויסן הויף פון עין־חרוד, לאָמיר דערווייל דערמאָנען געוויסע שטריכן פון איר געשיכטע.

עין־חרוד איז דער ערשטער גרויסער קאָלעקטיווער ישוב, די מו־טער פון די ישובים פון „קיבוץ המאוחד". דער ערשטער וואָס האָט אויסגעטראָטן אַ וועג פאַר לעבנס־ווערטן און שאַפונג פון דער גרויסער קאָמונע; האָט זיך פיל געראַנגלט און זיין אויפבוי איז באַגלייט גע־

ווארן מיט גרויסע לײדן און קרבנות. זײן ערשטיקייט איז געווען א ברכה פאר דער באוועגונג, הגם ער אליין האט טייער באצאלט ביז ער האט אויסגעטראטן דעם וועג פאר זיך און פאר דער באוועגונג.

עין־חרוד איז דער ערשטער משק, וואס איז ארויס פון די ענגע און שמאלע ראמען פון דער קליינער קבוצה און האט געשטרעבט צו געזעלשאפטלעכער און ווירטשאפטלעכער ברייטקייט. צווישן זיינע גרינדער און שפעטער געפינען זיך אלטע ארבעטער, וואס האבן דורכגעמאכט די ווייען פון דער קאמונע פון דער צווייטער עליה, חברים פון כנרת, וואס האבן נאך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך ארומגעטראגן מיטן געדאנק פון גרויסע און אפענע קאמונעס, פעיקע אויפצונעמען א גרויסע עליה, ס'זאל אין זיי זיין א ברייטע אטעם־מעגלעכקייט פאר א סך מענטשן.

דער איינגעשרומפטער פארנעם פון א קליינער און געשלאסענער געזעלשאפט, אפגעריסן פון דער באוועגונג; באגרענעצטע ווירטשאפטלעכע און קולטורעלע מעגלעכקייטן וואס די קליינע קבוצה האט דאן פארמאגט — דאס אלץ האט באוועגט א גרופע מענטשן צו זוכן נייע וועגן און פארמען. דער קערנדל פון אט דעם געדאנק איז שוין פארזייט געווארן אין לאנד בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. די רעוואלוציאנערע אטמאספער ביי אלע פעלקער און אויך ביי יידן, דער באוואוסטזיין פון א באזונדערער שליחות פון יידישן ארבעטער אין פאלק, אין אנבליק פון קומענדיקע טעג — דאס אלץ האט געשפייזט דעם קערנדל און ער האט אויפגעבליט אין די הערצער פון טויזנטער חלוצים, וואס זיינען געקומען אין לאנד אריין. דער גדוד־העבודה איז געווען דער הויפט־טרעגער פון דעם געדאנק. ער האט דערזען אין עמק דעם ערשטן אויפנאמספעיקן באדן און געשטרעבט אויפצושטעלן א קאלעקטיווע טעריטאריע אויפן באדן פון גאנצן גוש. אבער די שפאלטונג אין גדוד וואס איז גאר פרי געקומען האט אוועקגעשטעלט עין־חרוד אויסער זיינע ראמען, און ער האט איצט געשטרעבט צו פארווירקלעכן מיט אייגענע כוחות דעם גרויסן קיבוצישן ישוב.

ניין יאר כסדר איז עין־חרוד געזעסן אונטן, ביים קוואל, און ניט געהאט קיין מעגלעכקייט אויפצובויען א שטענדיקן ישוב. א סך קינדער זיינען געקומען אויף דער וועלט, די פלאנצונגען זיינען אויסגעוואקסן און

געגעבן פּרוכט, די פעלדער האָט מען פּאַרזייט און געשניטן, אָבער די באַדינגונגען זיינען געווען שווערע. אין די ציוניסטישע אינסטיטוציעס האָט מען ניט שטאַרק געהאַלטן פון דעם וועג, און אפילו אין דער הסתד־רות האָבן ניט אַלע אַזוי שטאַרק געגלויבט אין אים. מ׳האָט מורא גע־האַט פאַרן צו גרויסן פאַרנעם, פאַר אַ צוזאַמענברוך. אמת, „אחדות העבודה" האָט געזען אין גרויסן קאָלעקטיוון ישוב דעם קייזער־וועג פאַר דער אַרבעטער־התישבות אין לאַנד. אָבער די ווירקלעכקייט האָט אַנט־טוישט, אָפּגעהאַקט די פליגל. דער ביודזשעט פאַר דער התישבות איז געגעבן געוואָרן ניט גערן. די געשעענישן פון אָב תרפ״ט (1929) האָבן צוגעאײַלט דעם איבערגאַנג צו אַ סטאַבילן פונקט און צו דעם אויפבוי פון משק מיט אַלע זיינע צווייגן.

די קאָלאָניזאַציע־ווייען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אינערלעכן לעבן. נאָכן ערשטן רים אין גדוד שליסט זיך אָן צו עין־חרוד חבורת־העמק. ס׳אַנטשטייען דאָ און דאָרט פלוגות און זיי בילדן, צוזאַמען מיטן משק, דעם קיבוץ עין־חרוד, שטרעבנדיק צו ווערן אַ לאַנד־קער־פּערשאַפט. נאָך אַ קורצער צייט איז דער משק ווידער געוואָרן אַ קרבן פאַר אַן אינערלעכן סכסוך. ס׳איז אויסגעוואַקסן אַן אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך קעגנגעשטעלט דעם לאַנדעס־כאַראַקטער פון קיבוץ עין־חרוד און האָט געפאָדערט מ׳זאָל זיך קאָנצענטרירן אויפן בויען בלויז דעם איין משק. טייל אָפּאָזיציאָנערן האָבן שפּעטער פאַרלאָזט דעם משק, זיך אָפּגעזאָגט פון דער קיבוצישער אידיי און געגרינדעט צוזאַמען מיט אַנדערע כפר־וויתקין. זיי האָבן מיטגעבראַכט אין מושב אַריין די טענדענץ צו רחבות און דעם פאַרמעסט פון צוזאַמענאַרבעט. דאָס זיינען אַלץ געווען סיבות פון געזעלשאַפטלעכע אויפטרייסלונגען אין משק.

עין־חרוד איז דער גרעסטער לאַנדווירטשאַפטלעכער משק אין לאַנד. היינט ציילט ער איבער 1100 נפשות. ער איז צונויפגעשטעלט פון אַ סך שיכטן: מיר געפונען דאָ אַלע עליות — די צווייטע, דריטע און שפּע־טערדיקע, הונדערטער קינדער און אַ 140 פון דאָ־געבוירענע זיינען שוין אויסגעוואַקסן, געוואָרן חברים אין משק און טראָגן מיט זיינע אַלע לאַסטן. אַ סך הכשרה־קבוצות זיינען געווען און געפינען זיך דאָ, יוגנט, גרעינים פון גלות, וואָס האָבן שוין אַליין אויפגעבויט זייערע משקים, און דערציען שוין אין זיי יוגנט און אייגענע קינדער. עלטערן מיט קינ־

דער טרעפן זיך אין עין־חרוד ביי דער אַרבעט, שמירה, אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונגען, האָבן זיך אַפילו צוזאַמענגעטראָפן אין דער יידישער בריגאַדע, ווי זעלנער. דאָ זיינען פאַראַן עטלעכע משפחות צו פיר דורות וועלכע לעבן אַלע צוזאַמען: אוראייניקלעך, וועמענס עלטערן זיינען גע־בוירן אין משק, די עלטערנס עלטערן מיט זייערע טאַטע־מאַמע צוזאַמען.

עין־חרוד פאַרנעמט אַ שטח פון 13 טויזנט דונאַם. אָט זיינען די שטחים וואָס צושפרייטן זיך פון איין באַרג צום צווייטן אין דער ברייט פון עמק. די גרויסע פלאַנטאַציעס, אַרום 1000 דונאַם, זיינען ס׳רוב ביי די פיס פון גלבוע. עין־חרוד איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געוואַגט צו פאַרפלאַנצן אין עמק אראנזשען־ביימער. דער עקספּערימענט, צוליב וועלכן די ספּעציאַליסטן האָבן פון זיי אָפּגעחוזקט, האָט זיך איינגעגעבן און אַנדערע אַרומיקע משקים האָבן זיי נאָכגעטון. אויף דער שווערער ערד האָט מען געפלאַנצט גרייפּ־פרוכט־ביימער. גרויס זיינען די הויף־צווייגן: קי־שטאַלן, הינער־שטייגן, שעפּסן־צוכט, בינשטאָקן אא״וו.

עין־חרוד איז געווען די ערשטע וואָס האָט פאַרייניקט וואַרשטאַטן מיט לאַנדווירטשאַפט. די גרויסע שלאָסעריי אַרבעט אויס מאַשינען, און ס׳איז כדאי צו דערמאָנען דעם פרווו אויפצושטעלן אַ קאָמביין. זי פּראָ־דוצירט אויך מילך־קאַנען. די גרויסע סטאָלעריי באַדינט דעם משק, די בוי־אַרבעט און גלייכצייטיק מאַכט זי קעסטלעך צום פּאַקן, בינשטאָקן אא״וו. ביי דער סטאָלעריי איז אויך פאַראַן אַ סטעלמאַכעריי. נאָך מיט פיל יאָרן צוריק האָט עין־חרוד געוואָגט זיך באַנוצן אין דער ווירטשאַפט מיט אַן אויטאָ. שכנים פון אַ קליינער קבוצה האָבן זיך געוווּנדערט און אין שפּאַס געפרעגט: און ווען וועט קומען די אַטשערעד פון אַעראָפּלאַן? מיט יאָרן צוריק איז דאָ געווען אַ מיל וועלכע האָט באַדינט אַלע שכנישע ישובים. זי האָט זיך לאַנג ניט געהאַלטן, אָבער איצט וועט זי באַנייט. אין צייט פון דער מלחמה האָט עין־חרוד געגעבן די איניציאַ־טיוו אויפצושטעלן אַ צוקער־פאַבריק, ווי אַן אויפטו פון גאַנצן גוש. ס׳זיי־נען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען, אינוועסטיציעס, אָבער מחמת שווע־ריקייטן, בפרט מצד דער רעגירונג, איז דער ענין דערווייל ניט צושטאַנד געקומען.

שווער האָט זיך געראַנגלט עין־חרוד מיט די יידישע קאָלאָניזאַציע־אינסטאַנצן איבער דער צאָל פון לאַנדווירטשאַפטלעכע איינסן אין משק,

וועגן שנעלערן איבערגיין אויפן סטאבילן פונקט. ניט געקוקט אויף אלץ, אויף די יארן פון כיבוש און לאנגיאריקער פראוויזארישקייט, ניט געקוקט אויף די ספקות פון אייגענע און דרויסנדיקע, איז עין־חרוד ארויס אויפן ברייטן שליאך. היינט איז ער איינגעפונדעוועט און א סך משקים גייען נאך זיין ביישפיל.

דער הויף פון עין־חרוד איז גרויס און ברייט, מיט קווארטאלן פון באראקן, געצעלטן, הייזער, אפטיילונג פון שול און קינדער־היימען. אין צענטער פון הויף — דער חדר־האוכל, און לעבן אים צוויי קינדער־גערט־נער, גרויסע בנינים, וואס בילדן מיט אים א „סגול" אין מיטן הויף. דער חדר־האוכל אן איינפאכער אבער מאסיווער, דער ערשטער פון די גרויסע קיבוצישע עס־צימערן. די קיך איז אויפן אונטערשטן עטאזש און די שפייזן ווערן ארויפגעבראכט מיט א ווינדע. עין־חרוד האט די ערשטע איינגעפירט די דאמף־קראפט אין אלע געהילף־צווייגן, ווי אין קיך, וועשעריי א"ו, און הייסע וואסער שטייען תמיד צו דיין רשות. אין חדר־האוכל איז דא א מאשינקע צו שניידן ברויט: א לאבן ברויט ווערט אין איר ארייגערוקט און קומט ארויס „גאנץ" — א צושניטענער אויף דינע און גלייכע רייפטלעך. מען מיידט דורך דעם אויס דאס פארשווענדן ברויט. פאראן א באזונדערע קאבינע צו וואשן די כלים — די מאשין נעמט ארייַן די כלים, רייניקט זיי מיטן כוח פון א דרוק פון קאלטע און הייסע וואסערן.

עין־חרוד האט זיך אונטערגענומען צו לייזן לעבנס־פראבלעמען פון א גרויסן קאלעקטיוון ישוב. אין זיינע גרענעצן זיינען געשאפן געווארן נייע ווערטן. מ'האט זיך פיל באמיט צו שאפן אן אייגנארטיקן לעבנס־שטייגער, אויספארמירן א געשטאלט פון דער גרויסער געזעלשאפט, פון א יום־טוב און א שבת, פון קינדער־דערציונג, און אנדערע פארמען וואס זאלן דינען א גרויסע און פרייע קאמונע.

עין־חרוד האט באוויזן, אז אין דער כמות איז פארבארגן אויך אן איכות. דער צוזאמענלעבן פון א סך מענטשן, מיט א שותפותדיקן גורל איז פארוואנדלט געווארן אין א שעפערישן כוח. א דאנק דעם געזעל־שאפטלעכן פארנעם און מאסשטאב האט עין־חרוד באלד דערגרייכט אן אייגענע שול און אויף אזא אופן באפרייט אירע זין און טעכטער פון דער איינזאמקייט, וואס האט געלויערט אויף די קינדער פון די ערשטע

קבוצות, ווײַל צוליב זײער קלײנעם צאָל האָבן זײ ניט געקאָנט שאַפן קײן געזעלשאַפט און אַפילו ניט קײן שול־קלאַסן. אין אַ יום־טוב־טאָג פרײט זיך דאָס הארץ זעענדיק צוזאַמען הונדערטער קינדער, צי איז דאָס ל״ג בעומר, ווען זײ נעמען זיך אַרום און טאַנצן אַרום שײַטער, אָדער בײם פלאַנצן בײמער ט״ו שבט. דו זעסט דאָ מיט דײַנע אױגן די קײט פון דורות פון אַ זװיג־קינד אין װיג ביז צום זײדן. אמת, הײַנט קאָן מען דאָס זען אין אַ סך משקים, אָבער עין־חרוד, ווי אַן אַלטער משק מיט אַ פאַרנעם, איז אין דעם פרט געװען דער ערשטער. די גרױסע צאָל יוגנט האָט אָפּגעפרישט עין־חרוד און ס׳איז ניט קײן גוזמא, ווען מ׳זאָגט, אַז עין־חרוד איז ייִנגער פון אַ סך יוגנט־קבוצות, וואָס האָבן דאָרט דורכ־געמאַכט זײער הכשרה. און פון דער צװײטער זײַט זעסטו דאָ אַ גרופּע אַלטיטשקע, עלטערן פון די אָרטיקע חברים, וואָס דער גורל האָט זײ אױף דער עלטער געטריבן פון גלות צו זײערע קינדער אין דער גרױסער קאָ־מונע אין עמק. זײ בילדן דאָ אַ גרופּע, וואָס לעבט זיך איר ספּעציפיש לעבן: זײ האָבן זיך זײער חדר־אוכל און בית־הכנסת. זײ האָבן שלום געמאַכט מיט זײער גורל, ווען װעלכן זײ האָבן קײנמאָל ניט געחלומט, אָבער ניט אַלע פון גאַנצן הארצן. אַ טײל אַרבעט נאָך אין װירטשאַפט־צװײַגן און אין אינערלעכע אינסטיטוציעס.

די עין־חרודער געזעלשאַפט צײכנט זיך אױס מיט איר פאָלקס־צו־זאַמענשטעל, מיט דער פשטות פון באַציונגען, און איז באַפרײט אין אַ גרױסער מאָס פון די קאָמפּליצירטע און אָנגעשטרענגטע באַציונגען, וואָס הערשן אין אַן ענגער ראָם. דאָ געפינט זיך אַ גרױסער אַקטיװ וואָס האָט געפונען אַ ברײט פעלד פאַר טעטיקײט. אײניקע פון אירע חברים זײַנען אױך טעטיק אין ועד־הפּועל פון דער הסתדרות, אין מזכירות הקיבוץ, אין צענטראַלע אַפּאַראַטן פון פּאַרטײען, אין הסתדרות־אינסטי־טוציעס, אין דערציונגס־װעזן, אין שליחותן אין גלות. טײל חברים האָבן בײגעטראָגן אַ גרױסן צושטײער צו דער אַרבעטס־ליטעראַטור.

ווי דער גרעסטער ישוב אין דער סביבה שפּילט עין־חרוד די ראָל פון אַ צענטער פאַרן גוש. מיר זעען דאָ בעשײַנפּערלעך דעם פּלאַץ און די אױפגאַבע פון אַ גרױסן ישוב אין זײַן סביבה. אין עין־חרוד און תל־יוסף זײַנען אױפגעבױט געװאָרן מאַגאַזינען פון „תנובה“ און די ישובים פירן אַהער יעדן טאָג זײער מילך, גרינס, פרוכטן. דאָ איז די צענטראַלע סצע־

נע, און ווען ס'קומט אהער די „הבימה" אָדער „אוהל" — שטראָמען מענטשן פון דער סביבה, פאַרנדיק און גייענדיק, צו זען די פאָרשטעלונג. ביי דער שול איז דאָס שטורמאַן־הויז, א מוזיי פאַר לאַנדקענטעניש פון דער סביבה, זאָאָלאָגישע און באָטאַנישע עקספּאָנאַטן, אַרכעאָלאָגישע קעגנשטאַנדן און אַן אַרכיוו פון די אַרומיקע ישובים. אין הויף פון משק — דער „משכן לאמנות" (קונסט־מוזיי), דערוויייל אַ געוויינלעכער באַראַק, אָבער קומסט אַריין אינעווייניק און באַלד נעמט דיך אַרום אַ מין ציטער פון העכערער קונסט. עס ווערן געזאַמלט אוצרות פון יידישער און אויך וועלטלעכער קונסט, און דער מאָלער, אַ חבר פון משק, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם געביט, באַמיט זיך מיט אַ באַזונדערע פּיעטעט צו זאַמלען און אָפּצוראַטעווען רעשטלעך יידישע קונסט פון דורות. פון צייט צו צייט, אין אַ יום־טוב אָדער אַנדענק־טאָג, זעט מען אין חדר־האוכל אַ קליינע אויסשטעלונג וואָס באַלערנט מיט איר אַקטועלן אינהאַלט.

אין עין־חרוד איז דער בנין פון מזכירות הקיבוץ־המאוחד, די צענטראַלע דרוקעריי, באַראַקן פון סעמינאַר פאַר אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט און משק. און נאָך העכער, ביי קומי, שטייט דער ערשטער גאַסט־הויז פון דער הסתדרות, וואָס איז באַשטימט פאַר פּערזענלעכקייטן פון גלות, וועלכע קומען באַזוכן און זיך באַקענען מיטן עמק פון דער נאָענט.

דער משק פאַרמאָגט אַ סך ליכטזייטן, אָבער אויך שאָטנס. די שפּורן פון די ערשטע שטורם־טעג זיינען נאָך ניט געגנצלעך פאַרשוווּנדן. די שפּאַלטונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד פילט זיך דאָ אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, הגם ניט יעדן טאָג. ס'טרעפט, אַז דו ווערסט מיט באַדויערן זען עלטערן און קינדער וואָס יעדער פון זיי געהערט צו אַ קעגנערישער פּאַרטיי. אין טעג פון וואַלן לאָזט זיך די קללה פון שפּאַלטונג נאָך מער פילן.

און דאָך, זעענדיק ווי עין־חרוד פייערט שבועות, דעם חג־הבכורים, און דאָס פאָלק זעצט זיך אויס אויפן גרויסן גראָז־טעפּיך, ווו די פאָרשטייער פון פאַרשיידענעווירטשאַפטס־צווייגן דערשיינען, איינע נאָך די אַנדערע, מיט זייערע ערשטע פּרוכטן, ווי אַלע זינגען און פרייען זיך, אַלט און יונג, ווי די אומיטלבאַרע שאַפונגס־פרייד פון האָרעפּאַשניקעס גיסט זיך אַריבער די ברעגן, דעמאָלט פאַרשטייסטו, אַז דער מענטש האָט שוין געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין זיין ערד, אין זיין ווירטשאַפט, אין זיין

געזעלשאַפט, און קיין שטורעם פון דרויסן אָדער פון אינעווייניק וועט אים ניט אויסוואָרצלען.

הקיבוץ-המאוחד

דער קיבוץ המאוחד איז היינט־צו־טאָג דער גרעסטער התישבות־אָרגאַניזם אין לאַנד. ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1927 און איז ממשיך דעם וועג פון קיבוץ עין־חרוד און גדוד־העבודה. זיין אויפגאַבע: „בויען גרויסע און אָפענע קאָמונים־טישע ישובים, אויפן יסוד פון פאַרייניקן זעלבסט־אַרבעט מיט לוין־אַרבעט; אייניקייט פון לאַנדווירטשאַפט, מלאכה און אינדוסטריע — אויפן יסוד פון געמישטע ישובים דורך פאַרייניקונג פון אַלע גלות־לענדער און צענויפפלעכטונג פון דורות־עליה אין די ראַמען פון יעדן ישוב".

זיין וועג איז געווען אַ ספּעציפישער צוליב זיין אַלגעמיינקייט, קאָלאָניזאַטאָרישן און געזעלשאַפטלעכן מאַקסימאַליזם, דורכן אַרויסגיין פון דער ענגער ראַם, דורכן אויסברייטערן די גרענעצן פון כיבוש, ווירטשאַפט און געזעלשאַפט, דורך פּערמאַנענטן אויפנעמען עליה אין יעדן פונקט, דורך פאַרשיידנפאַרביקן די ווירטשאַפט און געזעלשאַפט. דער קיבוץ־המאוחד שעפּט זיינע רעזערוון פון אַ סך מקורות — ניט נאָר פון איין יוגנט־באַוועגונג; ער האָט אויפגענומען חברים פון „החלוץ", אויך אַזעלכע וואָס זענען ניט דורכגעגאַנגען אַ יוגנט־באַוועגונג, פון צ.ס., „פרייהייט", „החלוץ־הצעיר", „השומר הצעיר" פון סססר און אַנדערע לענדער, „הבונים", און פון ארץ ישראל גופא (הנוער העובד, המחנות העולים, „הבחרות הסוציאליסטית" אא"וו). חוץ די אַלע שעפּט ער היינט פון תנועת „הצופים", „התנועה המאוחדת" אין לאַנד, און פון גלות — „דרור", באָראָכאָוו־יוגנט, נוחם אא"וו.

דער קיבוץ המאוחד האָט אין די טעג פון דער פערטער און דער פינפטער עליה אויסגעלייגט אַ וועג אין דער התישבות דורך פאַרייניקן זי מיט לוין־אַרבעט. אויף אַזאַ אופן אויפגעשטעלט אַ נעץ פון ישובים ביי די קאָלאָניעס נאָך איידער זיי האָבן באַקומען דעם ביודזשעט (גבעת־השלושה, רמת־הכובש, גבעת־ברנר, נען, שפיים אא"וו). ער האָט פאַרייניקט אַגריקולטור מיט אינדוסטריע און דאָס איז געווען דער באַוועג־כוח אויפצושטעלן אשדות־יעקב און אפיקים. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער פיק"א אין גליל העליון און אין „גשר" און איז געווען דער פּיאָנער פון דעראָבערן אַרבעטס־פּלעצער אין די פּאָרטן, אויפן ים, ביי פישפאַנג און

האָט פאַרבונדן עטלעכע פון זיינע פונקטן מיט אַ דער אַרבעט; דער קיבוץ האָט זיך איינגעקלאַמערט אויף צפון און דרום פון ים המלח און טויזנטער מענטשן האָט ער במשך פון די יאָרן באַשעפטיקט אין סדום, האָט פאַרברייטערט די ווערק פון מלאכה און אינדוסטריע, האָט געפלעגט אין זיינע משקים דאָס אויפנעמען יוגנט־עליה. און די ווידער האָבן אין זיינע ראַמען געשאַפן נייע יונגע קערפערשאַפטן — פון עסלוג׳ אין נגב ביז מנרה אין צפון. דער קיבוץ האָט זיך געריסן צו שליחות נאָך אין די מלחמה־טעג, איז אַריינגעדרונגען אין נייע לענדער, וועלכע האָבן שוין געגעבן זייערע ערשטע פרוכטן — קערנער פאַר הכשרה און התישבות.

דער קבוץ ווירקט ווי אַן אָרגאַניזם, וואָס ריכטעט דאָס אויפבויען זיינע ישובים. די געמיינזאַמע פאַרצווייגטע, ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויף פאַרשיידענע געביטן שטאַרקט די קעגנזייטיקע צוגעבונדנקייט. די מזכירות פון קיבוץ ווירקט אין די ראַמען פון אַלע ישובים דורך אירע פאַרשיידענע קאָמיסיעס: ווירטשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלעכע, דערציערישע א. א. וו. דער פאָנד פון קיבוץ, וואָס באַטרעפט 150 טויזנט פונט דינט ווי אַ ווירטשאַפטלעכער רעגולאַטאָר פאַר די ישובים, בפרט פאַר די יונגע. די הכנסה־קוואַלן זיינען פון פּראָגרעסיוון שטייער, וואָס ליגט אויף יעדן חבר פון קיבוץ. דער פאָנד סטימולירט דער עיקר אַזעלכע אויפטוען, פאַר וועלכע דער נאָרמאַלער בודזשעט ווערט ניט אָנגעווענדעט. די אויסדרוק־אָרגאַנען פון קבוץ זיינען: „מבפנים“, „צרור מכתבים“. אַ גרויסער ביכער־פאַרלאַג פאַר אָריגינעלע און איבערגעזעצטע שאַפונגען מיט אַ ספּעציעלן טראָפּ אויפן דערציערישן וואָרט פון דער באַוועגונג. קאָנפערענצן קומען פאָר איינמאָל אין צוויי יאָר, פאַרזאַמלען הונדערטער דעלעגאַטן און טויזנטער חברים פון די ישובים און בילדן וויכטיקע עטאַפּן אין דער אַנטוויקלונג און לעבן פון דער גאַנצער באַוועגונג.

דער קיבוץ נעמט היינט צו טאָג אַרום אין זיינע 56 ישובים איבער 22 טויזנט נפשות, אין דעם 11.000 חברים, אַ 7000 קינדער, אַ 2000 יוגנט.

אין עין־חרוד איז אויפגעבויט דאָס הויז פון מזכירות הקיבוץ. אויפן ערשטן עטאַזש — די דרוקעריי. אויבן זעסטו אַ קאַרטאָטעק, וואָס נעמט אַרום אַלע חברים פון קיבוץ לויט די ישובים, און זי רעזומירט יעדן

חודש סטאטיסטיש די ענדערונגען אין זיי. דעם אויפנאם און דאס פאר־לאזן, געבורטיקייט א״או.

תל־יוסף

תל־יוסף שטייט אויף דעם זעלבן בערגל, וואס עין־חרוד. איר געשיכטע איז געקניפט און געבונדן מיטן גדוד העבודה אין עמק. נאכן אפרייסן זיך פון עין־חרוד איז תל־יוסף געבליבן זיין צענטער. אין די ערשטע יארן זיינען די חברים געזעסן אויפן באפעסטיקטן בערגל צופוסנס פון גלבוע, שפעטער, אין 1926, זיינען זיי ארויף קיין קומי, נאך פאר עין־חרוד. א וואכזאם געזעלשאפטלעך לעבן האט דארט גענומען קלאפן. אויפן ארט פון די פלאנטאציעס, וואס זיינען געווען נאענט צו עין־חרוד און געווארן איר אייגנטום, האבן זיי פונדאסניי גענומען פלאנצן ביימער אויף דעם בארג־רוקן פון גלבוע און שיפוע פון קומי. מיט אייגענע כוחות האט תל־יוסף נאך אויפן ערשטן ארט, אויפגעשטעלט אויף א בערגל א קליינע קראפט־סטאציע און עלעקטריש ליכט האט ווייט געלויכטן אין די נעכט. ס׳איז געווען נאך איידער רוטנבערג האט אויפגעשטעלט זיין עלעקטראסטאנציע ביים ירדן.

די פערטע עליה, וואס האט זיך געענדיקט מיט א קריזיס און א פארצווייפלונג אין לאנד, האט אויך שווער געטראפן די קיבוצישע באוועגונג, און קודם־כל דעם גדוד־העבודה. דעפרעסיע־טעג פאר דער באוועגונג. ס׳זיינען אפגעהאקט געווארן די פליגל פון גאלדענעם טרוים וועגן פרייער ארבעטער־געזעלשאפט, וואס די דריטע עליה האט אויסגעחלומט. אין די הערצער האט זיך ארייגעגנבעט פארצווייפלונג און אנטוישונג און אנזעעוודיקע טיילן פון גדוד דערגייען צו נעגאציע פון ציוניזם און חלוציזם. דער גדוד, וואס האט שטענדיק גערוישט און געזשומעט ווי א בינשטאק מיט פרייד, האט זיך איצט אנגעפילט מיט א שטורעם פון לאנגדויערנדיקע ברידער־קאמפן פון רעכטן, לינקן און אנדערע בלאקן, וואס האט אפגעשוואכט די כוחות און זיך פארענדיקט מיט א טראגישן ריס. דער גדוד איז זיך צעפאלן אויף רעכטע און לינקע. די לינקע האבן זיך אלץ מער דערווייטערט- אין זייער באציונג צום לאנד און ציוניזם. די „רעכטע״ האבן איבערגענומען דעם משק, א סך פון די „לינקע״ זיינען אוועק. א געוויסע צייט האט עקזיסטירט דער לינקער גדוד, אבער ניט האבנדיק די חלוצישע גרונט־אידיי איז ער זיך צעפאלן, און ס׳איז אפילו פון אים קיין זכר ניט פארבליבן אלס באוועגונגס־ארגאניזם, אין דער

שאַפֿנדיקער ווירקלעכקייט פֿון לאַנד. אַ טייל חברים האָבן פֿאַרלאָזט דאָס לאַנד, אַוועק קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד, אויפֿגעשטעלט דאָרט אַ קאָמונע און אַריינגעלייגט אין איר די בעסטע ארץ־ישראל־דערפֿאַרונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט דערוואָרבן. אָבער אויך דאָרט האָבן זיי זיך צעבראָקלט אָן אַ זכר, אָן אַ שפּור.

נאָך דעם דאָזיקן ריס האָט זיך תל־יוסף ניט באַרויקט. אָן אינער־לעכער קאַמף האָט אויסגעריסן פֿון דאָרט נאָך אַ גרופּע חברים, וועלכע האָט אויסגעוויילט די פֿאָרם פֿון מושב. זי האָט זיך באַזעצט אין כפר־וויתקין צוזאַמען מיט אַ גרופּע, וואָס האָט פֿאַרלאָזן עין־חרוד צוליב דעם זעלבן צוועק.

זייט דעמלט ווערט אַריינגעלייגט אַ סך כּוח און אָנשטרענגונג אויפֿ־צובויען אַ סטאַבילן פּונקט, צו פֿאַרפֿעסטיקן די צווייגן. די אויפֿטריים־לונגען האָבן אין אַ גרויסער מאָס פּאַראַליזירט די אַקטיווקייט פֿון תל־יוסף אינערהאַלב דער אַרבעטערשאַפֿט אין לאַנד. ערשט נאָכן אָנשליסן זיך אין קבוץ המאוחד, נאָכן פֿאַרהיילן זיך פֿון די וווּנדן, נאָכן אויפֿנעמען עליה, פֿלעכט זיך תל־יוסף ווידער אַריין אין לעבן פֿון דער באַוועגונג.

תל־יוסף איז איינער פֿון די גרויסע משקים אין לאַנד. ער איז פֿאַר־בליבן כּמעט אַ ריין אַגראַרער. ביז היינט איז פֿון די נעבנצווייגן כּדאַי צו דערמאָנען די פֿיש־באַסיינען און היי־גראָזן. עס לעבן דאָ 900 נפשות, אין דעם איבער 300 קינדער. דער צוזאַמענשטעל איז אַ פֿילפֿאַרביקער: פֿון די ערשטע „השומר"־לייט, „החלוץ" פֿון רוסלאַנד, „החלוץ" און „פּרייהייט" פֿון פּוילן, גאַליציע, אונגאַרן אא"וו.

דער הויף איז גרויס און שיין. דער חדר־האוכל אויפֿן העכסטן פּונקט, אויפֿגעשטעלט אויף זיילן, קוקט אויס ווי אַ שיף, מיטן נאָז־שפּיץ צום הויף און עמק, צו די לאַנקעס און פּאַלמען־אַלייען, צו די איין־עטאַזשיקע וווין־הייזער, און פֿון דאַנען אַראָפּ צו דיווירטשאַפֿטלעכע געביידעס. אַ גרויסן פֿאַרנעם האָט די ווירטשאַפֿט מיט אירע באַוואַסערונגס־פֿעלדער און הויף־צווייגן. די זון שלאָגט אָפּ מיט אַ גלאַנץ פֿון די פֿיש־באַסיינען אין טאָל. תל־יוסף איז געווען די ערשטע, וואָס האָט קאָנצענטרירט אין די נאַכט־שעהן די קוואַל־וואַסערן, אין אַ ספּעציעל געמאַכטער אָזיערע, כּדי די וואַסערן זאָלן אין די נאַכט־שעהן ניט פֿאַרפֿאַלן גיין, פֿליסנדיק

צום ירדן. דאָס זעלבע טוען איצט אַנדערע משקים אין דער סביבה.

אַ סך יוגנט האָט דאָ דורכגעמאַכט די הכשרה. אויך צענדליקער דאָ געבוירענע קינדער זיינען שוין חברים אין משק. פון זיי האָבן זיך מאָ־



דער חדר־האוכל אין תל־יוסף

ביליזירט אין דער בריגאַדע און איבונגס־גרופּן. פון קולטור־אויפטוען איז כדאי צו דערמאָנען דעם בלאָז־אָרקעסטער, וואָס פירט זיין טעטיקייט זינט דעם גדוד־העבודה אין עמק.

קינדער פון גלות

אומעטום זעסטו דאָס יונגע פאָלק — דעם ערשטן דור, געבוירענע אין א״י. פרישע, שטאַלצע, מוטיקע. פילסט גלייך, אַז זיי האָבן אַ פאָטערלאַנד. אומעטום לעבן צווישן זיי אויך קינדער פון גלות, ניט לאַנג געקומענע. כמעט אין יעדן שול־קלאַס וועסטו זיי געפינען און צייטנווייז איז שווער צו דערקענען, אַז דאָס זיינען געראַטעוועטע גלות־קינדער. ס׳איז איינע פון די שענסטע מענטשלעכע אַנטפּלעקונגען אין די ישובים פון דער אַר־בעטער־קאָלאָניזאַציע, וועלכע האָבן באַוויזן צו פלעגן אין קינדס הארץ אַ טיפע באַציונג צום קינד פון גלות, אַ ציטער פון ליבע און פאַראַנט־

וואַרטלעבקייט־געפיל. דורך דעם איז פאַרמינערט געוואָרן די נאַטירלעכע פרעמדקייט צווישן צוויי ווייטע וועלטן. דאָס ארץ־ישראל קינד האָט אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס דאָס געראַטעוועטע קינד; האָט אים אויפגענומען, ווי אַ געליבטן ברודער, געוואַרט אויף אים מיט ציטער. ער איז גרייט געווען מוותר צו זיין אויף שפּילצייג, אויף זיסוואַרג, אַר־בעטן און זיך מיען אַבי אָפּצושפּאָרן פאַר די קינדער פון גלות. דער טאָג פון צוזאַמענטרעף איז טיילמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טיפער רירנ־דיקער איבערלעבעניש. און די גלות־קינדער, וואָס האָבן ניט געקענט קיין העברעיש, געווען פרעמד דעם א״י־דיקן לעבנס־שטייגער — זיינען זיך איינגעגלידערט געוואָרן, געלערנט די שפּראַך, זיך פאַרהאַרטעוועט קערפּערלעך און לאַנגזאַם זיך איינגעפלאָכטן אין לעבנס־קרייז פון די קינדער לויט זייער עלטער. מעגלעך, אַז עפּעס פון די גרויל־טעג האָט זיך איינגעקריצט אין הארצן פון גלות־קינד אויף שטענדיק; מעגלעך, אַז דער פּאַריתומקייט־געפיל — אָן טאַטע־מאַמע — וועט ביי אים קיינמאָל ניט פאַרשווינדן; אָבער גרויסע אָנשטרענגונגען זיינען גע־מאַכט געוואָרן צו איינפלאַנצן גלויבן אין קינדס הארץ, צו געבן אים ליבע און גליק. פאַראַן משפחות, וועלכע האָבן אַדאָפּטירט אַזעלכע קינ־דער. די זאָרג פון דער גרויסער משפחה און קינדער־געזעלשאַפט איז אַ געוויסע אַנטשעדיקונג פאַר דעם, וואָס איז פאַרלאָרן און קומט מער ניט צוריק.

ס׳איז שווער דעם ניי־געקומענעם דערוואַקסענעם מענטש זיך איינצולעבן אין קיבוץ. אָבער די קינדער, וואָס גלידערן זיך איין אין דער פריער יוגנט, וואָס הויבן אָן זייער נייעם לעבן זייענדיק נאָך גאָר יונג — זיי וועבן זיך איין אין ווערק און דער קיבוץ וועט זיי זיין אַ היים און היימלאַנד. מיטן כוח פון דערציונג, פון איבערגעגעבענער באַ־האַנדלונג קען מען נאָך איינפלאַנצן פיל אין דער צאַרטער נשמה פונם קינד.

און די באַציונג פון די א״י־קינדער צום קינד פון גלות איז דורכ־געדרונגען מיט ליבע. זי האָט געפונען אַן אויסדרוק — אין אַלע עלטערס און קלאַסן — אויך אין די בריוו וואָס זיי האָבן געשיקט אין גלות, און אין די קלאַס־אַרבעטן וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אויף דער טעמע אין דער שולע. און אָט זיינען אייניקע אויסצוגן:

— „טייערע קינדער! — שרייבן צוציקלעך פון ערשטן קלאַס — „מיר האָבן אייך זייער און זייער ליב, מיר וואַרטן איר זאָלט קומען צו אונדז. מיר וועלן אייך ווייזן דעם משק און לעבן מיט אייך צו־זאַמען".

נאָך אייניקע בריוו פון קינדער אין זעלבן עלטער:

„שלום אייך קינדער. מיר פרייען זיך אויפצונעמען אייך ביי אונדז. מיר וועלן אייך אויפנעמען מיט פריידיקע פנימער: געבן אייך אַ הויז צום וווינען, אַ בעט צו שלאָפן, אַ קלאַס־צימער צו לערנען, אַ דוש זיך צו וואַשן, ברויט צום עסן — און אַלץ וואָס ס'איז אייך נויטיק. מיר וועלן זיך שפּילן מיט אייך, אַלץ דערקלערן און לעבן אין פרידן און ליבע.

„— — — מיר די א"י־דיקע קינדער וואַרטן אויף אייך מיט אומ־געדולד איר זאָלט קומען פון די גלות־לענדער. איר וועט ביי אונדז לער־נען, עסן מיט אונדז און מיר וועלן אייך זיין טרייע ברידער. מיר גלויבן, אַז איר וועט מער ניט אָפּפילן דאָס שלעכטע לעבן, נאָר איר וועט פילן דאָס גוטע היים־לעבן. מיר וועלן אייך אָפּגעבן אַ העלפט פון אונדזער לעבן".

„אויב מיר וועלן זיי אויפנעמען גוט — שרייבט אַ יאַטל פון אַ יאָר 7—6 — וועלן מיר זיי געבן ברויט צו עסן, אַ בגד אָנצוטאָן און מאַכן פאַרגעסן דעם טרויער פון זייער האַרץ און ס'וועט זיי זיין זייער גוט."

אַ מיידעלע פון דריטן קלאַס דערציילט וועגן איר חלום: „און אָט ווייזט זיך מיר, אַז כ'בין אין גלות — כ'באַגעגן פּליטים־קינדער, כ'נעם זיי אין א"י און פאָר מיט אַ שיף 40 טעג און 40 נעכט... און כ'בין געפאָרן מיט זיי אין מיין יגור, געגעבן זיי מיין בעט, געשטריקט זיי אַ סוועטער, אויסדעקאָרירט זייערע צימערן און זיי גאָר שטאַרק ליב געהאַט."

בעת אַן אויספלוג קיין מוחרקה וואָס אויפן כרמל, פאַרנאָטירט אַ קינד: „דאָס גלעקל אויף דער קו האָט לאַנגזאַם געקלונגען מיט געפיל: די בינען האָבן געזשומעט מיט פרייד. אַ ברייטער שמייכל צעגיסט זיך אויף די ליפּן פון דער סטאַטוע פון אליהו, און דאָס אַלץ פאַר וועמען? צי דען לכבוד דעם פרילינג? ניין. דאָס אַלץ לכבוד אונדזערע קליינע אויסגעלייזטע ברידער, וועלכע האָבן זיך צוריקגעקערט אין זייער היימ־לאַנד".

אַז אַנדער קינד שרייבט: „שלום אייך באַחנטע יינגלעך און מיידלעך! מיר געדענקען אייך. מיר האָבן געהערט וואָס עס האָט מיט אייך פּאַסירט אין וועג. איך טראַכט וועגן אייך און זאָרג פאַר אייך. קומט אין אפיקים, דאָ איז פאַראַן אַלץ — אַ שטאַל, אַ סטאַדאָלע, אַ הינער־שטייג; אַלע וועלן אַרויסגיין אייך באַגעגענען. קומט. דער גאַנצער קלאַס וועט אייך אָפּוואַרטן. מיר האָבן דאָך געהערט וועגן אומגליק וואָס האָט אייך געטראָפן. לאָמיר האָפן, אַז ס'וועט זיין גוט. אמן."

און ווייטער: „— — — אַרום משק זענען הויכע בערג און דער ירדן מיטן ירמוק זיינען אונדזערע טייכן און אַ גאַנץ לאַנד האָבן מיר. דאָס אַלץ וועט זיין אויך פאַר אייך".

דאָס אויפנעמען קינדער און יוגנט אין די אַרבעטער־משקים איז איינער פון די שענסטע בלעטער אין לעבן פון דער אַרבעטער־קאָלאָני־
לעבן, באַפרייענדיקן אינהאַלט.
זאַציע אין לאַנד. ס'איז אַן ערן־פּרווו און אַ מוסטער פון איר מענטש־

בית-השיטה

אַ מזרחדיק רינגעלע איז דער צפונדיקער ישובים־קייט איז בית־השיטה, דאָס ערשטע ווערק פון דער לערן־יוגנט אין לאַנד — „המחנות העולים". די דאָזיקע באַוועגונג איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אויפגעהויבן די חלוצישע פאָן צווישן דער לערן־יוגנט אין ארץ־ישראל. כדי צו פאַרשטיין דייטלעך די דאָזיקע רעוואָלוציע אין לעבן פון דער יוגנט מוזן מיר וויסן, אַז לאַנגע יאָרן זיינען די ארץ־ישראל־קינדער געווען ווייט און פרעמד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָפּגעריסן פון די חלוצישע פאַרלאַנגען. און אין דער צייט ווען פון אַלע עקן גלות האָט געשטראָמט די יוגנט צו בויען דאָס לאַנד, האָט זיך די ארץ־ישראלדיקע יוגנט דערצויגן אין אַ נאַציאָנאַלע פאָלקס־ און מיטל־שול, מיט אַ פרעמדקייט צו דער חלוצישער שאַפונג. האָט זיך ניט אַריינגעצויגן אין איר, און אַ סך אַביטוריענטן זיינען געפאָרן שטודירן קיין אויסלאַנד. אמת, ס'זיינען געווען געציילטע יחידים צווישן די שילער, וואָס זיינען ניט געגאַנגען מיט דעם וועג, און קעגן ווילן פון די עלטערן און אפילו לערערס, זיינען זיי אַוועק צו אַרבעט, צו שמירה און פאַרבונדן זייער גורל מיטן גורל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. מיר וועלן דאָ דערמאָנען דב האָז און אליהו גאָלאָמב ז"ל, וואָס זיינען גלייך פון דער גימנאַזיע־באַנק אין תל־אביב אַוועק צו דער אַרבעט און

שמירה, געווען די מיטבויער פון דער הגנה, און אזוי אויך אנדערע, וואס זיינען ביז היינט איבערגעגעבן דער באוועגונג. אבער דאס איז געווען א קליינער טייל פון צווישן הונדערטער און טויזנטער שילער בעת דער צווייטער, דריטער און פערטער עליה.

צום סוף פון דער פערטער עליה האבן אויפגעשפראצט צום ערשטן מאל חלוצישע קנאספן צווישן דער יוגנט אין לאנד. צו ערשט איז אנט־שטאנען תנועת הנוער־העובד, וואס האט ארייגענומען ארבעטנ־דיקע און עקספלואטירטע יוגנט פון פארשיידענע עדות (אשכנזים, ספר־דים, תימנים או"ו), און איז געווארן א מאסן דערציונגס־באוועגונג, מיטן פנים צו חלוציזם. עטלעכע יאר שפעטער זיינען אויפגעקומען אין פאר־שיידענע מיטלשולן אין לאנד, הויפטזעכלעך אין תל־אביב, דערנאך אויך אין ירושלים און חיפה — די „חוגים". די דאזיקע קרייזלעך פארפעסטיקן זיך און ווערן פארוואנדלט אין אן אלגעמיינע באוועגונג „המחנות העו־לים", וואס האט איבערגעווארפן הונדערטער לערן־יוגנט פון שטאט צו חלוציש־קיבוצישער פארווירקלעכונג. בית־השיטה איז איר ערשטער אויפטו.

די ערשטע קבוצה פון „החוגים" איז געגרינדעט געווארן אין חדרה, כ"ט תשרי תרפ"ט (1929). פון דארט איז זי אריבער צום קוואל עין־חרוד און נאך א פעריאד פון אן אינערלעכן מיינונגס־אויסטויש האט זי זיך אנגעשלאסן אן „הקיבוץ המאוחד". ווי א שול־יוגנט עלעמענט וואס זיינען חברים איז שווער אנגעקומען דער צופאסונגס־פראצעס צו פיזי־שער ארבעט און צום ווילסטן עמק־קלימאט, האבן זיי דורכגעמאכט אי־נערלעכע קריזיסן ביזן פארווארצלען זיך אין ארבעט און ווירטשאפט. זיי האבן אריינגענומען א נייע עליה, חברים פון דער באוועגונג אין לאנד, און האבן אויפגעבויט זייער ישוב אין מזרח־טייל פון עמק, צופוסנס פון די פאדער־בערגלעך פון גליל. דער ישוב ציילט היינט 700 נפשות. זייער ווירטשאפט פארנעמט א שטח פון 11.000 דונאם. זיי האבן אויך אויפ־געבויט אינדוסטרי־צווייגן, פון זיי וועלן מיר דערמאנען: „הסורגים" — א שפינערייי און וועבערייי, וואס עקזיסטירט שוין א סך יארן, באזארגט מיט די נייסטע מאשינען און פראדוצירט וועש, סוועדערס. או"וו. א סך מי איז אריינגעלייגט געווארן, כדי אויסצוהאלטן די קאנקורענץ קעגן דער אומגעשטערטער פארפלייצונג פון לאנד מיט פרעמדע סחורות. מ'דארף

אויך דערמאָנען דעם גאַראַזש צו רעמאָנטירן מאַשינען־טראַקטאָרן און דער עיקר אויטאָמאָבילן — וואָס איז פאַרבונדן מיט די אַרומיקע ישובים און אויך מיט זייער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט.

דאָס געשטאַלט פון בית־השיטה איז באַשטימט געוואָרן דורך איר צוזאַמענשטעל. דער הויפּטקערן, איוסגעווייקט מיטן לאַנד און איר נאַטור, האָט באַהויכט מיט זיין ארץ ישראלדיקייט די פאַרשיידענע כוואַליעס פון עליות — פון דייטשלאַנד, פּוילן, און אַנדערע לענדער, און האָט באַוויזן ביי זיי איינצופלאַנצן די ווערטן פון אונדזער היימלאַנד. דאָ האָבן דורכגעמאַכט, צווישן אַנדערע, זייער הכשרה דער ערשטער חלוציש ער גרעין פון איראַק, אויך פון „הצופים". אין דער קבוצה איז פאַראַן אַ כאָר און אַ מוזיק־אַנסאַמבל וואָס שטייען אויף אַ געהעריקן ניוואָ, און ווערן געפלעגט שוין אַ סך יאָרן. ס'האָט זיך דאָ איינגעבירגערט אַ שיינער מנהג — יאָר־איין יאָר־אויס, אין גרינדונגס־טאָג פון דער קבוצה, גייט זי אַרויס אויף אַ שפּאַציר אין לאַנד — יעדעס מאָל צו אַ נייער אומבאַקאַנטער געגנט. דער מנהג שטאַמט נאָך פון דער דערציונג אין „המחנות העולים", וואָס האָט איינגעוואָרצלט אין אירע דערצויגלינגען אַ טיפע באַציונג צו דער לאַנדשאַפט, און מ'האָט פיל צופוס געוואַנדערט, כדי צו דערקענען אירע פאַרבאָרגענישן און זיי איינקריצן אין האַרצן.

פון דער נאָענטער סטאַציע בית־השיטה פירט אַ שאָסיי צו בית־אלפא. צוויי קיבוצישע אָרגאַניזמען זיינען אויפגעבויט אויף אַ בערגלביים גלבוע — חפצי־בה און בית־אלפא. איבערן ישוב, אויפן באַרג — אַ וואַדי, וואָס אַנטבלויזט זיינע פעלזן און שטיינער. די באַרג־רוקנס פון ביידע זייטן גרינען מיט וויין־גערטנער, וועלדלעך און פרוכט־ביימער און וייטער צו צפון — שטיקער ערד באַאַרבעט דורך ביידע משקים. אויף מזרח — דער עמק בית־שאן. פון עבר־הירדן, לענגאויס דעם האָריזאָנט, קוקן אין זייער גאַנצער שיינקייט די גלעד־בערג.

25 יאָר זיינען שוין פאַרביי, זינט מ'האָט זיך דאָ באַזעצט. ביידע אָרגאַניזמען, חפצי־בה און קיבוץ השומר־הצעיר, זיינען צוזאַמען אַהערגעקומען מחמת נאָענטקייט און ווילן צו אַ געמיינזאַמער קאָלאָניזאַטאָרישער שאַפונג. זייער אָנפאַנג אין לאַנד שטעקט אין דער תקופה פון דריי־

טער עליה, אין דער עליה פון השומר־הצעיר, וואָס האָט זיך דאַן געלאָזט אין לאַנד.

„השומר-הצעיר"

אין פעריאָד פון דער דריטער עליה, האָט זיך אויסגעטיילט — ווי אַן אייגנאַרטיקע כוואַליע, די עליה פון „שומרים". צעברויזט לויטן גייסט פון דער צייט, זיינען עולה געווען דאַסמאָל הונדערטער חברים פון השומר־הצעיר, וואָס האָט זיך געשאַפן אין גלות. זיי זיינען עולה געווען צו אַרבעט, צעזייט איבער די כבישים און זומפן־טרוקענונג. אינערהאַלב דער אַרבעטערשאַפט היטן זיי אָפּ זייערע ספּעציפישע כאַראַקטער־שטריכן.

דער „השומר הצעיר" איז אויפגעקומען פאַרן סוף פון יענער מל־המה אין גאַליציע, פוילן, ווין ווי אַ סקויטישע באַוועגונג, און האָט אַרומ־גענומען יידישע שול־יוגנט, אָפּראַטעווענדיק אַ סך פון אַסימילאַציע. צע־טומלטע און זוכנדיק אַן אויסוועג, האָבן זיי זיך אין יענער האָפנונגס־פולער צייט, אָנגעשטעקט מיט דעם גייסט, וואָס האָט אַרומגענומען גאַנץ מיטל־אייראָפּע, בפרט די אינטעלעקטועלע און יוגנטלעכע קרייזן.

קומענדיק קיין ארץ־ישראל האָט דער דאָזיקער פערמענט באַקומען אַ באַזונדערע, חלוצישע פאָרם מיט אַ צוגאָב פון פאַרנעפּלטע פאַרלאַנגען פון אַן אומרויקער יוגנט, וואָס זוכט אַ וועג. עס ווירקט די ארץ־ישראל־ראָמאַנטיק, וואָס די ווייטקייט גיט איר צו אַ גלאַנץ: ו י ס ט ע נ י ש. ד אָ ר ט וועלן מיר אָנהויבן אויפסניי. די קבוצה. אַ פרישער חלום צינדט זיך אָן אין דער יונגער פאַנטאַזיע. אַ שטרעבונג צו גליק, שיינקייט, פריינדשאַפט; צו ערנסטע באַציונגען צווישן יחידים; צו נייע געזעלשאַפט־לעכע באַציונגען. די געמיינשאַפט.

הונדערטער שומרים זיינען געווען צעשפּרייט קבוצותווייז ביי די כביש־אַרבעטן. די שוועריקייטן פון צופּאַסן זיך צו דער אַרבעט האָבן גע־לייגט אַ באַזונדערן שטעמפּל אויף זייער פערזענלעך און געזעלשאַפטלעך לעבן. די ערשטע יאָרן זיינען געווען אָנגעזעטיקט מיט יוגנט־ראַנגלענישן און זוכענישן. דאָס איז געווען צומיינסטן אַ יוגנט, וואָס האָט ניט גע־קענט דעם שרעקלעכן קאַמף פאַר עקזיסטענץ. די שומרישע קבוצים האָבן געלעבט איינגעשלאָסן אין זיך, איזאָלירט פון דער אַרומיקער געזעלשאַפט. זיי זיינען געווען אַ ספּעציפישער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער פע־נאָמען. אָבער האָבן דערוויל נאָך ניט אויפגעשטעלט קיין אָרגאַניזאַציאָ־

נעלע ראַמען פֿאַר קעגנזייטיקער פֿאַרבינדונג און פֿאַרן קאָנטאַקט מיט זייער באַוועגונג אין גלות. ערשט אין 1927 איז געשאַפֿן געוואָרן דער קיבוץ־הארצי און זייט דעמלט באַנייען זיך די פֿאַרבינדונגען פֿאַר דער־ציערישע איינפֿלוסן, פֿאַר אויספֿורעמען דעם חלוצישן כאַראַקטער פֿון דער באַוועגונג אין גלות, פֿאַר עליה פֿון אָרגאַניזירטע גרופּעס צום קיבוץ הארצי.

די באַרירונג מיט דער א״י־ווירקלעכקייט, די ליידן ביים איבערגיין צו אַרבעט, די גרויזאַמקייט פֿון דער נאַטור און קלימאַט — דאָס אַלץ האָט זיך טיף איינגעקריצט אין לעבן פֿון די שומרים. די יוגנט־נאַאיוויטעט, די „בלויע“ ראָמאַנטיק, די אַטמאָספֿערע פֿון חלומות און וויזיעס, איידלקייט פֿון כאַראַקטער און קערפּער — דאָס אַלץ שטויסט זיך אָן דער שווערער, גרויער ווירקלעכקייט פֿון אַרבעט, שוויים און היץ. פֿונדאַנען נעמען זיך די אינערלעכע ליידן, וואָס רויבן צו די כוחות. די וואָס האָבן אויסגעהאַלטן זוכן פֿאַר שוועריקייטן און ליידן אַ קעגנגעוויכט אין אינטענסיוון גייסטיקן לעבן, כדי אָפּצוהיטן דעם געזעלשאַפֿטלעך־בשותּפֿותדיקן אויפֿטו — דעם קיבוץ.

ס׳גייען פֿאַרביי יאָרן און די ווירקלעכקייט טוט דאָס איריקע: מאַכט קלאָר באַגריפֿן, פֿאַרשטאַרקט די פֿאַרבינדונגען מיט אַרבעט און ווירטשאַפֿט. דאָס צופֿעליקע — אַן אָנוווקס פֿון יונגן עלטער און תּקופֿה — פֿאַלט אָפּ, פֿאַרשווינדט.

בית־אַלפֿא

אין דער געשיכטע פֿון די שומרים אין לאַנד, פֿאַרנעמט אַ באַזונדערן אָרט דער קיבוץ א׳. דער ערשטער קיבוץ. פֿריער האָט ער זיך געוואָגלט פֿון איין עפּנטלעכער אַרבעט צו דער צווייטער, געלעבט אינערלעך דורך גרויסע גייסטיקע אָנשטרענגונגען, ביז ער איז אַריבער אויף שטענדיק קיין בית־אַלפֿא. ווי אַן ערשטער קיבוץ פֿון דער באַוועגונג, ווי איר וועגווייזער, האָט ער געהאַט אויסצושטיין שווערע קריזיסן. דאָס איז דער גורל פֿון די ערשטע. ווען ס׳איז געשאַפֿן געוואָרן דער קיבוץ הארצי איז געווען אומגלעך פֿאַר בית־אַלפֿא זיך אָנצושליסן אין אים; געוויסע טיילן האָבן שוין דאָרט איבערגעריסן די פֿאַרבינדונג מיט זייער מוטער־באַוועגונג.

אַ סך יאָרן איז בית־אַלפֿא געווען דער צומיינסט אויף מזרח אַרויסגערוקטער ישוב — אין עמק בית־שאָן האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָנ־

געהויבן די התישבות — און דאָס האָט באַשטימט איר געשפּאַנטקייט אויפן געביט פון זיכערקייט. אין 1929 זיינען באַפאַלן מחנות באַוואָפנטע בעדואינער, כדי צו רויבן און מאָרדן; דער אָנגריף איז אָבער אָפּגעשלאָגן געוואָרן אָן קרבנות. בלויז די שייערס, וואָס זיינען געשטאַנען אַ ביסל



בית-אלפא

ווייטער פון הויף, זיינען אַוועק מיטן פייער. קריגערייען מיט פּאַסטוכער, וואָס זיינען מיט זייערע שאָף אַרויף אויף די פעלדער און מיט בעדואינער, וואָס האָבן געפּרוּווט גנבענען — זיינען געווען אַ וואָכיקע דערשיינונג.

די פעלדער פון בית־אַלפא ציען זיך פון די בערג ביז צום טייכל חרוד, וואָס שניידט דורך דעם עמק, און אויך איבער אים. גרויסע דערגרייכונגען אויפן געביט פון באַוואַסערונגס־סעקטאָר. גרינסן, היי, שיינע שטחים מיט פלאַנצונגען, בפרט אויף די בערג־רוקנס. דערצו נאָך אַ גרויסע קו־שטאַל און סטאַדעס שאָף. די פעלזיקע בערג־אַראָפּפאַלן, וואָס זיינען געווען פּוסט און נאַקעט, דערקוויקן היינט מיט די פּרעכטיקע סעדער און וויינגערטנער. הויכע ציפּרעסן־אַלייען שניידן זיך דורך דאָ און דאָרט און פירן צו די בערג. אַרום דעם ישוב זיינען אויסגעוואַקסן געדיכטע וועלדלעך. באַוואַסערונג האָט מען געפירט דורך אַן אָפּענעם בעטאָן־קאַנאַל פון אַ קוואַל וואָס שפּרודלט צופוסנס פון אלט־תל־יוסף.

25 יאָר זיינען פאַרביי זינט דער קיבוץ האָט זיך באַזעצט און זייט דעמלט האָט ער דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג פון פאַרפלאָנטערטע יוגנט־איבערלעבונגען ביז צו אַ לעבן פון רייפקייט, שאַפונג און בויונג. אַ סך דאָ געבוירענע זיינען שוין אַריין אין משק, ווי גלייכבאַרעכטיקטע חברים. נאָך איידער בית־אַלפא האָט געהאַט אייגענע קינדער האָט זי צוזאַמען מיטן גדוד העבודה אויפגעשטעלט אַ חברת־ילדים — אַן אַנשטאַלט באַזירט אויף נייע מעטאָדן פון קאָלעקטיווער דערציונג. ווען די קינדער זיינען אונטערגעוואַקסן איז געשאַפן געוואָרן אַ שול פאַר די שכנותדיקע צוויי משקים. איצט געפינט זיך דאָרט אַ דערציונגס־אַנשטאַלט, ענלעך צו דעם פון משמר העמק, און איז באַשטימט אַריינצונעמען די קינדער פון די קבוצי השומר הצעיר אין דער סביבה — ניר־דוד און מסילות און אין דער צוקונפט אויך קינדער פון א״י־קיבוץ ו׳, וואָס באַזעצט זיך אויף די בערג־פלאַכן אַנטקעגן.

די טראַגישסטע פּאַסירונג אין לעבן פון קיבוץ איז געווען דער אינערלעכער ריס, וועלכער האָט גורם געווען, אַז צענדליקער אַלטע חברים, פון די ערשטע, וואָס האָבן געבויט דעם משק במשך פון 18 יאָר האָבן אים פאַרלאָזט. מיר האָבן שוין וועגן דעם דערמאָנט ווען מיר זיינען געווען אין רמת־יוחנן. דאָס איז איינער פון די אָנגעווייטיקסטע קאַפּיטלען אין דער קיבוצים־געשיכטע אין לאַנד. דער קיבוץ, וואָס איז געווען

צעשפּליטערט אויף פּאַרשיידענע פּאַרטייען און גרופּן האָט ניט געקאָנט לעבן ווי אַ גאַנצקייט. עס זיינען געווען חברים פון השומר־הצעיר, פון מפא"י, לינקע פּועלי־ציון און אומפּאַרטייאישע. די קינדער, וואָס זיינען דערוייל אונטערגעוואַקסן זיינען געווען אָפּגעריסן פון דער יוגנט־באַוועגונג אין לאַנד. ס'איז געווען אַן אָפּגעמאַכטער הסכם, אַז די קינדער טאָרן ניט געהערן צו קיינער פון די עקזיסטירנדיקע יוגנט־באַוועגונגען. אָט דער „לאַגישער" אָפּמאַך, מ'שטיינס־געזאָגט, איז געבראָכן געוואָרן.

אין אַ שיינעם טאָג איז קלאָר געוואָרן, אַז די קינדער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין השומר־הצעיר. דער דאָזיקער פאַקט האָט נאָך מער אויפגעטרייסלט דאָס אינערלעכע לעבן אין קיבוץ. לאַנגדויערנדיקע אויפקלערונגען און דיסקוסיעס האָבן זיך פאַרענדיקט מיט דעם, אַז אַ גרויסער טייל פון חברים, וואָס געהערט צו מפא"י און זייערע נאָענטע, זיינען אַוועק קיין רמת־יוחנן, און פון דאָרט זיינען אריבער אהער די חברים פון השומר־הצעיר, אַזוי אַז בית־אלפא איז געבליבן אין רשות פון השומר־הצעיר. די דאָזיקע וווּנד האָט נאָך לאַנגע יאָרן געאייטערט, הגם דער שטורם האָט זיך אין יעדן משק איינגעשטילט. אַזוי איז בית־אלפא צוריקגעקומען אַ היים — צו זיין מוטער־באַוועגונג, אָבער ווי גרויס איז דער פּרייז, וואָס מ'האָט באַצאָלט פאַר אָט דער אידעישער גאַנצקייט.

חפצי־בה

חפצי־בה געפינט זיך אויף דעם זעלבן בערגל. ביידע קיבוצים זיינען גלייכצייטיק אהער געקומען מיטן ווילן צו זיין נאָענט איינער צום אַנדערן. אָבער דער צוזאַמענלעבן אויפן אָרט האָט ניט געשטאַרקט די נאָענטקייט. היינט, נאָך 25 יאָר לעבן בשכנות, געהערן די צוויי קיבוצים, צו צוויי פאַרשיידענע קערפּערשאַפטן. חפצי־בה האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג, און נאָך יאָרן דערווייטערונג פון וועלכער ניט איז באַשטימטער ריכטונג, האָט זי זיך אנגעשלאָסן אָן קיבוץ־המאוחד און דאָרט געפונען איר תיקון.

ביידע משקים בילדן אייגנטלעך איין פּונקט — אַזוי נאָענט זיינען זיי, און די הויפן זיינען ווי צונויפגעוואַקסן. פון איין זייט בערגל זיינען די פּלאַנצונגען פון בית־אלפא, פון דער צווייטער זייט — פון חפצי־בה. ווייטער באַרג־אַראָפּ זיינען די באַוואַסערונגס־פעלדער און נאָך ווייטער די תבואה־שטחים.

די גרינדער פון דער קבוצה זיינען ס׳רוב פון מערב־אייראָפּע — פון דער אַקאַדעמישער יוגנט אין פּראַג און בערלין. אונטער דער השפּעה פון די ווינטן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען זיי עולה געווען אין א״י מיטן דורשט אָנצוהויבן אַ נייַ אַרבעט־ און געזעלשאַפטלעך־לעבן. פריער האָבן זיי געאַרבעט אין חפציבה, ביי חדרה, דער נאָמען איז זיי שטאַרק געפעלן, און האָבן אים מיטגעבראַכט אויפן נייעם אָרט. פרעמד־קייט צום יידישן פאָלקס־שטייגער, צו העברעיש, האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויף זייער לעבן די ערשטע יאָרן. זייער איזאָלירטקייט, דער מאַנגל אין שטאַרקע פאַרבינדונגען מיט דער אַרבעטערשאַפט, האָט באַ־שווערט זייער אַקלימאַטיזירונג, בעיקר אויפן געביט פון העברעישער שפּראַך און קולטור. ערשט ווען די קינדער זיינען אויסגעוואַקסן און אויף זייערע ליפּן האָט געלעבט דאָס העברעישע וואָרט, האָבן זיך אויך געמערקט ערנסטע ענדערונגען צווישן די עלטערן. אין משך פון יאָרן האָבן זיי אַריינגענומען גרעינים פון קבוצות ווי אויך יחידים, און דאָס האָט צוגעגעבן אַ נייַע פאַרב דעם לעבן פון דער קבוצה. אַזוי האָבן זיי אַריינ־גענומען די קבוצה ל״ג, אַ חלוצישע קבוצה פון רומעניע. יאָרן לאַנג האָבן זיי געהערט צו חבר־הקבוצות, נאָר אים פאַרלאָזט ווען דער „חבר״ האָט זיך פאַראייניקט מיט „גורדוניה״. ערשט אין יאָר 1944 האָבן זיי באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין קיבוץ המאוחד.

זייט דעמאָלט זיינען דאָרט פאָרגעקומען פיל ענדערונגען. ס׳האָט זיך פאַרדאָפּלט די צאָל איינוווינער. דער משק האָט אויפגענומען נייַע מענטשן פון גלות, הכשרה־קבוצות, איז אַרויס אויפן קייסער־וועג. די פּער־ספּעקטיוון האָבן זיך פאַרברייטערט. פוןווירטשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז געוואַקסן דער פאַרמעסט צו פאַרמערן און אַנטוויקלען נייַע צווייגן, כדי צו שאַפן אַ באַזיס פאַר נייַע עולים. מ׳האָט גענומען האַקן מאַרמאָר אין דערנעבנדיקן באַרג. דאָס לעבן איז געוואָרן פילפאַרביקער. ווען ס׳איז צוגעקומען די גרופּע פון „המחנות העולים״, וואָס איז אַוועק פון חמדיה נאָך דער שפּאַלטונג, האָט זיך פאַרשטאַרקט דער ארץ־ישראלדיקער און העברעישער עלעמענט.

יאָרנלאַנג האָבן די קינדער פון חפצי־בה געלערנט אין איין שול מיט די קינדער פון בית־אלפא. היינט איז אַנדערש. די קינדער פון חפצי־בה, אָרגאַניזירט אין „הנוער העובד״, לערנען אין אַ זעלבשטענדיקער שול,

און די עלטערע שילער — אין די דערגענצונגס־קלאַסן אין נאָענטן עין־חרוד.

בית־הכנסת

אויפן שטח פון חפצי־בה האָט מען בעתן גראָבן א קאַנאַל, אַנטפּלעקט רעשטלעך פון א בית־הכנסת פון זעקסטן יאָרהונדערט נאָך דער ציילונג, וואָס זאָגט עדות, אַז הונדערטער יאָר נאָכן חורבן איז דאָ געווען אַן איינגעוואָרצלטער און שטאַרקער יידישער ישוב. מ׳האָט אַנטדעקט דעם דיל פון בית־כנסת, אַ שיינעם און פאַרביקן מאָזאַיק, מיט אַ סך אָרנאַמענטן און בילדער, אַ רייכער און באַלערנדיקער מאַטעריאַל, צו פאָרשן דעם אַלט־יידישן שטייגער, און פאַרשטיין די יידישע פאָלקס־קונסט פון יענער צייט. איבער די רואינעם האָט מען ווידער אויפגעבויט אַ בנין, כדי צו קאָנסערווירן דעם דיל. קומענדיק קיין בית־אלפא, טרעט אַפּ אין בית־כנסת, בעט און מ׳וועט דיר עפענען זיין טיר. עס וועט דיך אַרומנעמען אַ סודותדיקע טונקלקייט. וועסט זען דעם שטיינערנעם באַנק וואָס ציט זיך אַרום, דעם אָרט פון ארון קודש געווענדט צו דרום, צו ירושלים. אָבער איבער אַלץ, דעם דיל, די מאָזאַאיק גופא, די צייכנונגען פון די צוועלף מזלות, זייערע סימבאָלן, אין מיטן — דער ביבלישער עקדת־יצחק־מאָטיוו. די העברעישע אותיות, וואָס זיינען אויסגעזעצט אין די זייטן פון די בילדער מיטן אַלט־העברעישן כתב, העלפן צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט. אויף אַזאַ אופן וועסטו זיך אַריבערטראָגן אויף אַ ווײַלע צו די זכרונות פון פאַר העבער טויזנט יאָר, ווען מ׳האָט געבויט, ווי ס׳לויטעט דער אויפשריפט, מיט פרייוויליקער איבערגעגעבנהייט אַט דעם דאָזיקן שיינעם דיל.

אויף מזרח, ביי דער גרענעץ פון ישוב, טונקלט זיך אַ וועלדל, און ווייטער פונדאַנען ציט זיך דער טאָל בית־שאן. יאָרן לאַנג זיינען דאָרט געווען וויסטע פעלדער, די ערד איז געווען באַדעקט ווי מיט אַ ווייסן, פאַרגליווערטן שטויב, און ס׳האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון וויסטקייט. אויפן אָרט פלעגן זיך פאַסטוכער שלעפּן נאָך זייערע שאָף, שפּילנדיק אויף אַ הייזעריקן פייפל. די בעדואינער פלעגן דאָ אויפשטעלן זייערע שוואַרצע געצעלטן, וועלכע האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער וויסטקייט און פון ווייטנס האָבן זיך אָנגעזען ביימער פון דער אַראַבישער ראיאָן־שטאָט בית־שאן. איצט וועסטו זען אַרום יידישע ישובים, וואָס האָבן דאָ פאַרוואָרצלט, געטריקנט זומפּן, אויסגעלייזט באָדן, געאַקערט

און געזייט, און איצט דערשיינט פאר דיר דא, אינגאנצן א נייע לאנדשאפט. ווי אפענע, גנעדיקע אויגן קוקן פון די נאקעטע שטחים פיש־באסיינען, שטילע, בלויע, צארטע. דא איז א נייער און יונגער קאלאניזאציע־צענטער, וואס האט זיך אויפגעהאדעוועט אין שוים פון דער התישבות אין אין עמק יזרעאל, דאס איז — ג ו ש ב י ת ש א ן.

דער דאזיקער גוש — פארבונדן מיטן עמק־יזרעאל און עמק־הירדן — איז היינט א שליסל־פונקט, וואס פאראייניקטביידע עמקים.

רמת-יששכר

איינע פון די פאדער־צווייגן פון דער יידישער קאלאניזאציע אין עמק יזרעאל איז אויף ר מ ת ־ י ש ש כ ר, צפונדיק, אין גליל התחתון. דארט זיינען אויפגעשטעלט געווארן: מולדת, ארגון־הגליל און ארגון־באראכאוו, דער באדן איז דא אין אנהויב באארבעט געווארן דורך די משקים פון עמק. אבער צום סוף האבן זיך דא באזעצט די אויבנדערמאנטע „ארגונים”.

דער שותפות־מושב מ ו ל ד ת , אדער ווי מען רופט אים איצט „ ב נ י ־ ב ר י ת ”, האט זיך באזעצט זיבן קילאמעטער פון עין־חרוד, אין די אומרויקע טעג פון „מויער־ און טורעם”. די חברים שטאמען פון דייטשלאנד, האבן א לאנגע צייט געוואנדערט אין לאנד, דורכגעמאכט לאנדווירטשאפטלעכע הכשרה אין נהלל און באר־טוביה און דארט זיך קאנסאלידירט ארום געדאנק אויפצושטעלן א שותפות־מושב. די ערשטע יארן האבן געפאדערט א סך אנשטרענגונג פון כיבוש און פארפעסטיקונג, ביי אוממעגלעכקייט צו בויען צוליב דעם צעשפליטערטן באדן, אן וואסער צו טרינקען, שוין אפגערעדט פון באוואסערן די פעלדער. וואסער האט מען געמוזט פירן פונווייטן, ווינטער האט מען גענוצט רעגן־וואסער. די פארבינדונג מיט די ישובים פון עמק איז געווען א שלעכטע, די זיכערקייטס־באדינגונגען — שווערע. א שרפה האט מיט אמאל א תל געמאכט פון גאנצן לאגער מיטן אינוועטאר. א טיפוס־עפידעמיע אין 1942 האט געטראפן א סך חברים. און פון זיי זיינען דריי פון ערשטן גרעין געשטארבן. צווישן זיי גבריאל מאצקין, דער לעבעדיקער גייסט פון מושב, א זון פון באקאנטן ציוניסטישן פירער לעא מאצקין ז"ל.

נאך יארן דערוואַרטונג און פראוויזאָרישע לעבן הייבט דער משק אן

זיך פונאַנדערצובויען און אויסצוברייטערן. די וואַסער־פּראַגע איז טייל־ווייז געלייזט געוואָרן דורך ציען רערן פון עין־חרוד־קאַנאַל. מען זוכט אויך אַנדערע קוועלן, כדי צו אַנטוויקלען די ווירטשאַפטס־צווייגן ווי גע־העריק. די אַרבעט אין מושב איז אין גאַנצן אַ בשותפותדיקע, דאָס לעבן פון יעדער משפחה — אינדיווידועל. די אַלגעמיינע קאַסע צאָלט אויס דעם ביודזשעט פון יעדע משפחה, לויטן פּרינציפּ פון גלייכקייט, באַ־שטימט דורך די באַדערפענישן פון דער צאָל נפשות. שטייערן ווערן אויס־געצאָלט פון דער אַלגעמיינער קאַסע. מולדת איז אַן אָפּצווייג פון תנועת־המושבים, ווו זי לאַנסירט דעם געדאַנק פון שותפות־מושבים און וואַרט, אַז אַנדערע זאָלן נאָכטאָן איר ביישפּיל.

אין יאָר 1942 האָט זיך דער ארגון „הגליל" באַזעצט ניט ווייט פון מולדת, אין ת מ ר ה. זיינע חברים — אַרבעטער פון די מושבות אין גליל. פיר יאָר זיינען זיי געווען אין שימרון ביי נהלל און געטראַכט זיך צו באַזעצן אין קדש־נפתלי אין גליל העליון. ווערנדיק מיד פון וואַרטן, האָבן זיי, מיט ווייניק משפחות, זיך באַזעצט דאָ אין ת מ ר ה און אויפגע־שטעלט זייער משק אין שווערע וואַסער־ און קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען. וואַסער צום טרינקען ווערט באַזאָרגט דורך רערן פון עמק. די מתישבים פּלעגן מיט ליבשאַפט די ענפּטלעכע פּלעצער אין דאָרף, געפּלאַנצט שיינע אַלייען א. א. וו. אין יאָר 1944 האָט ארגון־באַראַכאָוו פאַרנומען דעם באָדן אין די נאָענטע טירה, זיך ניט לאַנג געהאַלטן דאָ; אַנשטאָט זיי, האָט זיך דאָ איצט באַזעצט אַ יונגער א"י־דיקער קיבוץ פון השומר־הצעיר וועלכער האָט זיך פאַראייניקט מיט אַן אַמעריקאַנער גרעין. זיי באַאַרבעטן דערווייל ניט קאָנצענטרירטע באָדן־שטחים פון קק"ל און פּיק"א.

אין יולי 1946 איז אַרויף אויף איר באָדן — אַרום 7000 דונאַם — אַ קערפּערשאַפט פון באַפרייטע זעלנער און בויט כ פ ר ־ ק י ש, צום אָנדענקונג פון בריגאַדיר קיש, וואָס האָט זיינערצייט געפירט די פּאָלי־טישע אָפּטיילונג פון דער יידישער אַגענץ.

אָט די ישובים האָבן סוף־סוף אַרויסגענומען מולדת פון איר איינ־זאַמקייט.

די בעדואינער

אויף די סטעזשקעס צווישן פעלדער, אדער אין די בערג — באגעגענען מיר פון צייט צו צייט בעדואינער, וועלכע שלעפן זיך מיט זייערע סטאדעס, אדער גייען סתם דורך די וועגן. פון נאענט און ווייט שווארצן זיך זייערע געצעלטן — אהלי קדר. אט ציט זיך פארביי, רייטנדיק, א בעדואינער אין בעדואינישער קליידונג — זיין קאפ מיטן פנים זיינען איינגעהילט אין א „קפיה“ און נאר די שווארצע אויגן קוקן ארויס פלאמענדיק. עס שוועבט אויף אן אלט פארצייטיק בילד, פון פארגאנגענע דורות, אין דער תקופה פון תנ"ך — א גרוס פון די בני־ישראל אין מדבר.

די בעדואינער בילדן א באזונדערן ראסישן איינס. זיי האלטן זיך פאר דער ריינסטער סעמיטישער ראסע. ניט אומזיסט רופן זיי זיך אליין מיט גאוה: „ערב“. אמת, אויך זיי, די בעדואינער, זיינען היינט ניט פון איין הויט. ס'איז אויך קענטיק ביי זיי אן עקאנאמישע און געזעלשאפטלעכע צעשפליטערונג. די בעדואינישע שבטים, למשל, וואס לעבן אין סאמע מדבר, זיינען נאך טריי דעם פארצייטיקן לעבנס־שטייגער. פון קעמל אליין לעבן זיי. ס'זיינען אבער פאראן שבטים, וואס דערנענטערן זיך מער צו א ישוב־לעבן — דאס זיינען פאסטעכער פון שאף. פאראן אויך אזעלכע, וואס הויבן אן דעם איבערגאנג פון א פאסטעך־לעבן צו ערד־ארבעט. זיי „גייען אויף שלעכטע וועגן“ און דעגענערירן — לויט דער בעדואינישער עטיק. די ענדערונגען אין נאענטן מזרח לאזן זייערע סימנים אויך אין זייער לעבן.

די בעדואינער פלעגן פאראכטן די ארבעט, קוקן פון אויבן אראפ אויפן ארבעטס־מענטש. דער אמתער בעדואינער וועט בעסער גיין צופוס איידער פארן אין א געשפאנטן וואגן. „ס'איז דאך א חרפה פאר גאט איינצושפאנען א קליאטשע — א פריי באשעפעניש — אין א וואגן“. שטאלץ זיינען געווען די בעדואינער מיט זייער פרייהייט, מיט זייער ניט־פאריאכטן לעבן — זיי זיינען ניט פארשקלאפט צו א באשטימטן ארט, צום באדן, צו א שטוב אדער ארבעט.

מיט זייערע סטאדעס וואנדערן זיי איבער טאל און בארג, דורך פלוסן און וואנוואזן. דער לייכטער געצעלט. וואס איז געוועבט פון ציגן־

האַר, איז זייער הויז — מיט זיי גייט זי וווהין זיי גייען: זיי זיינען לייכטע צום וואַנדערן מיטן פּעקל־זעקל.

אין לעבן פון די בעדואינער האָט זיך קאָנסערווירט אַ לעבנס־שטייגער און מנהגים פון אַלטע צייטן, כמעט אָן ענדערונג. פיל דערשיינונגען פון תנ״ך, וואָס זיינען שווער און אומפאַרשטענדלעך פאַר אונדז — ווערן קלאָר מיטן פאָרשן דעם שטייגער־לעבן פון בעדואינער.

דער מנהג פון גאַסטפריינטלעכקייט, וואָס איז געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט נאָך אין אַמאָליקע צייטן, צוליב דער מדבר־ווירקלעכקייט, איז נאָך היינט געשעצט און פאַרהייליקט ביי די בעדואינער. אָט די אייגנשאַפט דריקט אויס די קעגנזייטיקע הילפס־באַציונגען צווישן וואַנדערנדיקע מענטשן אין מדבר, אין אַן אומבאַזעצט לאַנד. אין מאָנאָטאָנעם מדבר־לעבן איז גרויס די באַדייטונג פון אַ מענטשן וואָס קומט פון דער ווייט. ברענגט מיט זיך „נייעס פון דער וועלט“, באַפאַרבט דעם איינטאָניקן, גרויען לעבן.

אַ האַלבער געצעלט פון אַ בעדואינישער משפּחה איז באַשטימט פאַר אויפנעמען געסט. אַז דו וועסט גיין אין וועג און קומען צום לאַגער פון אַ בעדואינישן שבט — טרעט אָפּ אין ערשטן בעסטן געצעלט ווילבן וועסט באַגעגענען. אַנדערש — באַליידיקט און געטראָפן וועלן זיך פילן די געצעלט־וווינער. אָדער — גיי פּאַזע אַרום, ביז וועסט דערגרייכן דעם געצעלט צו וועלכן צו ריכטעסט דיינע טריט.

אָוונט. אין צעכראַסטעטן, ברייט־צעשפּנטן געצעלט, איז דער עולם אויסגעזעצט אויף דער ערד. אַ קליינער שייער־פלעמל באַמבלט אין מיטן — ער לייכט און דערוואַרעמט. אין צענטער פון קרייז זיצט דער אורח; אַרום אים — די מענער פון שבט, אין אַן אַ זייט פינדעריווייטנס זעצן זיך אויס די פרויען. לכבוד דעם גאַסט ווערט ספּעציעל געשאָכטן אַ שעפּס. איז אַ גרויסער שיסל ווערט דערלאַנגט די געקאָכטע אָדער נעבראָטענע פלייש פון שעפּס: גאַנצערהייט טראָגט מען אים צו, בדי דער גאַסט זאָל זיך איבערציינגן. אַז טאַקע לכבוד אים איז ער געקוילעט געוואָרן. מיט רייז־קאַשע איז באַצירט די שעפּסנפלייש. איידער ער הויבט אָן עסן — וועט דער גאַסט אָפּגיסן נעגל־וואַסער. איין האַנט, די רעכטע, וועט ער וואַשן, ווען דער מכניס־אורחים גיסט אים אויף וואַסער פון קרוג. אַזוי וועט דער אויסשטרעקן זיין רעכטע האַנט צום שיסל,

מיט די פינגער אָפּרייסן אַ שטיקל פלייש, אָפּגראַבלען אַביסל רייז־פּאַשע, דאָס אַלץ צוזאַמענקנעטן צווישן די פינגער אין אַ קניידל און ערשט דאַן עס אַריינוואַרפן אין מויל אַריין. אַזוי וועט ער עסן צו זעט. נאָך אים וועלן אַנדערע אָנהויבן די מלאכה. פון האַנט צו האַנט גייט אַריבער די שיסל, ביז זי וועט לסוף אָנקומען צו די לעצטע שורות. געבליבן אין דער שיסל זיינען טאַקע רעשטלעך פון ביינער מיט אַ לעק קאַשע. אָבער די בעדואינער וואָס זיינען זוכה צו עסן פלייש נאָר בזכות אַן אורח — וועלן אויסשמאַקטשען יעדן ביינדעלע און אויסלעקן די גאַנצע שיסל; זי אַזוי ציכטיק מאַכן מיט די פינגער און צינגער, אַז ס׳וועט שוין ניט נויטיק זיין צו אויסשווענקען מיט וואַסער. טייער איז דאָס וואַסער אין מדבר. ס׳טרעפט, אַז בלוט ווערט פאַרגאָסן צוליב וואַסער: „מי מריבה" — שטרייט־וואַסער, פון אַמאָל ביז היינט.

מיט גרויס כבוד באַציט מען זיך צום גאַסט, ווען ער קומט צו אַ שבט בעדואינער. כל־זמן ער איז אין זייער רשות — וועלן זיי אים באַשירעמען פון זיינע אַלע פיינט. זיי וועלן אים ניט אַרויסגעבן אויב אפילו מ׳וועט פאָדערן. דעם לעבן וועלן זיי איינשטעלן כדי אים צו פאַרטיידיקן קעגן די, וואָס ווילן אים הרגענען.

אָפט איז מען מכבד שכנישע געסט מיט שוואַרצן קאַווע. אין פיצלעך טעפּעלעך סערווירט מען עס. ס׳דאַכט זיך אַז מיט איין זופּ וועסטו אים איינגאַנצן אַריינלאַקטשען אין זיך. אָבער ז י י זופּן קאַווע לאַנגזאַם — טראָפּנווייז זייט מען עס דורך די ציין. שוואַרץ איז זי און שטאַרק ווי אַלקאָהאָל. און דו זופּ, ברודערקע, אויב זי איז אפילו ביטער ווי גאַל, אַבי זאָלסט נישט פאַרשעמען די גאַסטפריינטלעכע צעלטן־וווינער.

ס׳איז שווער צו הערן דאָס בעדואינישע געזאַנג מיטן זיך ציענדיקן, איינטאָניקן ריטם, וואָס אָטעמט מיט ברייטער ברוסט פון אומענדלעכן מדבר. און זיצנדיק אַזוי בחברותא, אָדער רייטנדיק אויפן קעמל, פאַרציט דער בעדואינער אַ ניגון.

אַזוי האָט זיך אויך ביזן היינטיקן טאָג אָפּגעהיט אין לעבן פון די בעדואינער דער מנהג פון בלוט־אויסלייזונג — גאולת הדם. דער מענטש פון מדבר לאָזט זיך אין וועג מיט בטחון, ווען ער ווייס, אַז אויב זיין בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן — וועט ניט געשענקט ווערן דעם רוצח. זיין בלוט וועט מען אויסלייזן. ס׳וועלן ניט רוען און ניט שווייגן זיינע

משפחה־לייט ביז זיי וועלן נקמה־נעמען פון רוצח אדער זיינעם א משפחה־מיטגליד. און דער מערדער ווייס, אז מ'וויל אים טויטן, אז ער דארף אפציען — געפינען א שוץ־ארט, א באהעלטעניש פון זיינע פארפאלגער.

ס'טרעפט אז א בלוט־חוב עקזיסטירט צווישן צוויי שבטים לאנגע יארן. אמאל מאכן שבטים שלום צווישן זיך. אין אזא פאל דארף דער רוצח געבן די געליטענע אנטשעדיקונג — קעמלען און שאף. אויב מ'האט אפילו שלום געמאכט, איז מחויב דער שבט פון רוצח איבערגעבן דעם אנדערן שבט א פרוי, וועלכע דארף דארט בלייבן ביז זי וועט געבוירן א זון — אויף אזא אופן באקומט דער שבט צוריק א באשעפעניש וואס וועט אויסוואקסן, מיט דער צייט טראגן געווער און גיין צוזאמען מיט די מענער פון שבט אין שלאכט.

די בעדואינער בילדן דעם פרימיטיווסטן און ווילדסטן עלעמענט אין דער אראבישער וועלט. פיל פון זייערע שבטים האבן זיך אויסגעהאלטן פון רויב, דאס רויבן איז פארהייליקט געווארן, כביכול, מיט א רעליגיעזער קדושה. דאס איז ניט א זאך פון איינצלנעם בעדואינער — דער רויב האט זיינע אלגעמיינע געזעצן.

מיט יארן צוריק, ווען דאס לאנד איז געווען הפקר — האבן די בעדואינער אויסגעפרעסט אויסלייז־געלט פון פיל דערפער. „ברידער־שאפט־אפצאל" — האט מען גערופן דעם סארט שטייער, וואס איז געגעבן געווארן אלס אויסלייזונג פארן „באשיצן" דאס דארף. אין יארן פון טריקעניש פלעגן די בעדואינער־שבטים זיך אריינרייסן אין באזעצטן לאנד — צעלאזן זייערע פי־ און קעמלען־סטאדעס איבער די פעלדער און אנמאכן גרויס שאדן. נאך דער בריטישער אקופאציע האט די רעגירונג אין אזא טריקעניש־יאר אריבערגעפירט די בעדואינישע סטאדעס מיט אן עקסטרא־צוג פון נגב קיין בית שאן, צו שטחים וואס פארמאגן פאשע, כדי זיי זאלן ניט אויסגיין פון הונגער און כדי אויסמיידן רויב.

די אנטוויקלונג פון א"י האט פארשמעלערט דעם וואנדער־שטח פון די בעדואינער. געקניפט און געבונדן מיט לייב און לעבן מיטן ברייטן מדבר און זיין לעבנס־שטייגער — ווערן זיי כסדר אפגעשטויסן פון די וויסטע און זומפיקע שטחים, וועלכע ווערן אויסגעלייזט. פאשע־שטחים ווערן פארוואנדלט אין פארזיי־פעלדער, זומפיקע שטחים — אין באוואסערונגס־באדן, וואס שפייזן א גרויסע באפעלקערונג. אט דער פראצעס

פאַרשנעלערט דעם איבערגאַנג פון געוויסע בעדואינישע שבטים צו ערד־אַרבעט. אויך נאָכן איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט, דינט זיי די פאַשע אַלס וויכטיקער פרנסה־צווייג. ווען אַ בעדואינער־שבט גייט אַריבער צו ערד־אַרבעט, ווערט דער פאַטריאַרד פון שבט אַ פעאָדאַל, וועלכער נוצט אויס די שבט־מיטגלידער. זיי זיינען אים אונטערטעניק און צאָלן שטייערן. אַזוי זעען מיר, ווי ס'אַנטוויקלט זיך די ערד־אַרבעט אויך צווישן די שבטים אין דרום פון לאַנד און נגב, באַזונדער אויף די שטחים פון ים־ברעג. ס'איז ניט קיין נאַווינע היינט צו זען, ווי טראַקטאָרן באַוועגן זיך איבער זייערע פעלדער. שייכן האָבן זיי געדונגען פאַר גוטע געלט.

היינט זעען מיר עדות פון אַ צעשפּליטערונגס־פּראָצעס אין די אַנגענומענע לעבנס־פאָרמען פון די בעדואינער; אַ פּראָצעס וואָס רייסט אַרויס טויזנטער פון דורות־לאַנגן, פאַרצייטיקן שטייגער־לעבן און וואַרפט זיי אַריין אין וויר־וואַר פון שטאָט. זיי וועלן בילדן אַ מחנה אָפּגעריסענע לומפּן־פּראָלעטאַריער, וועלכע קען פאַרפּלייצן דעם אַרבעטס־מאַרק מיט ביליקע הענט — אַן וועלכע ניט איז אָרגאַניזירטער, געזעלשאַפט־לעבער ראַם. דו זעסט שוין היינט ווי הונדערטער און טויזנטער פון זיי שלאָגן אָפּ די טירן פון דער פּאָטאַש־אונטערנעמונג ביים ים־המלח, פּאָרטן אא"וו. פאַר זיי עקזיסטירן ניט פּאָקטיש קיינע עמיגראַציע־באַגרענעצונגען און זיי דרינגען לייכט אַריין פון עבר־הירדן קיין א"י.

די בעדואינער לעבן אויפן גרענעץ פון לאַנד, בעיקר אין נגב און עבר הירדן. די מערהייט פון זיי — אַנאַלפאַבעטן. קיין שולע איז דאָרט אויף אַ רפואה ניטאָ. בשעת דער בריטישער הערשאַפט זיינען געמאַכט געוואָרן פּרוון אויפצושטעלן שולן וואָס זאָלן מיטוואַנדערן מיט די שבטים. קיין גרויס הצלחה האָט עס אָבער ניט געהאַט. די שייכן פון נגב, למשל, שיקן זייערע זין אין דער שטאָטישער שולע. פון דאַנען ווערט אויסוואַקסן די בעדואינישע „אינטעליגענץ".

דער בעדואינישער לעבנס־פאָרם איז דערווייל, לרוב, אַ פאַטריאַרכאַלער. אין דער מאָס, וואָס דער שבט איז מער דערווייטערט פון אַנטוויקלטע ישובים — קאָנסערווירט זיך לענגער זיין לעבנס־שטייגער.

דער שייך איז נאָך דער הערשער אינערהאַלב דעם שבט און זיי טאַנצן אַזוי ווי ער שפּילט. אָבער דער דערוואַכנדיקער מזרח צעטרייסלט ביזן יסוד די בעדואינישע אידילישקייט, צעשטערט אַן אויפהער לעבנס־פאָרמען, וועלכע זיינען פאַרשטיינערט געוואָרן פון דורות־לאַנג.

עמק בית-שאן

דער עמק בית־שאן איז טרוקן און הייס, ליגט אונטער דער אויבערפלאך פון ים, פון 100 מעטער אין מערב ביז 260 מעטער ביים ירדן. רעגנס זיינען דא ווייניק — 250־300 מ"מ א יאר. דאקעגן איז ער רייך אין קוואל־וואסערן, וואס שפרודלען צופוסנס פון די בערג. אמאל זיינען זיי געווען א מקור פון גרויסע זומפן. איצט פליסן זיי צומייסטנס מיט זייער קאריטע צום ירדן און דינען צו באוואסערונג פאר אראבער און יידן.

דער עמק בית־שאן, אמאל א פרוכטבארער, קוואלן־רייכער, אן ארט פון גערטנער און גרינס, איז געווארן א נאקעט פעלד, פארשאלטן דורך דעם גורל. די וואסערן, וואס זיינען בעת דער בליצייט געפלאסן דורך געבויטע קאנאלן, זיינען פולשטענדיק פארניכטעט געווארן בעת דער אראבישער דעראבערונג, האבן פארפלייצט דעם עמק מיט זומפן. ביז היינט קאן מען אנטרעפן אויף רעשטלעך פון צעשטערטע קאנאלן, אויף ערד, וואס איז דערשטיקט געווארן פון צו פיל וואסער, אויף פרימיטיווע ערדקאנאלן, מיט וועלכע די בעדואינער — און אין אנהויב אויך יידן — האבן דערפירט וואסערן צו די פעלדער. ווילדע קוסטעס האבן פארדעקט גרויסע שטחים. האסט געזען דייטלעך, וויאזוי א בליענדיק לאנד איז געווארן א מדבר. פארצייטנס איז דאך בית־שאן געווען א מוסטער פון בליאונג און פרוכטבארקייט. אונדזערע אבות פלעגן זאגן: „אויב דער גן־עדן איז אין ארץ־ישראל, איז בית־שאן זיין טויער".

בעת די געשעענישן פון 1936—1938 זיינען אהער געקומען זיך באזעצן „מויער־ און טורעם"־ ישובים, נאכדעם, ווי דער ק. ק. ל. האט אפגעקויפט גרויסע שטחים, בפרט פון פוסטן דזשיפטליק.

אט די שטחים האבן אמאל געהערט צום טערקישן סולטאן, און זיינען אריבער שפעטער צו דער ענגלישער רעגירונג. הונדערטער טויזנטער דונאם ערד זיינען געלעגן פארווארלאזט. דער יידישער ישוב איז געווען אויסגעהונגערט נאך באדן, און האט געפאדערט פון ענגלאנד, אויפן סמך פון די מאנדאט־פארשריפטן, די דאזיקע ערד פאר קאלאניזאציע־צוועקן. די רעגירונג איז ניט נאכגעקומען אט די פאדערונגען. זי האט ליבער געוואלט די פעלדער זאלן פוסטעווען, איידער ס'זאלן קומען יידן

און אויסטריקענען די זומפּן, פאַרטרייבן די מאַלאַריע און אויפשטעלן אין דער וויסטעניש ישובים. דערפאַר האָט זי אָבער פאַרטיילט די מער־הייט ערד צווישן די איינוווינער פון דער סביבה, צו שייכן, בעדואינער און עפענדים, וואָס האָבן זי ניט באַנוצט. זיי איז ניט אָנגעגאַנגען, אַז אין דער דאָזיקער וואַסער־רייכער סביבה איז גענוג אַ פּאָר צענדליק דונאַם, כדי מפרנס צו זיין אַ משפּחה. די פאַרטיילונג פון דזשיפטליק־ערד, איז איינע פון די נעגאַטיווסטע דערשיינונגען אין דער געשיכטע פון די באַציונגען צווישן דער מאַנדאַט־מאַכט און דעם יידישן ישוב אין לאַנד.

זייט דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין עמק בית־שאן, ווערט דער טאָל אַלץ מער אויפגעלעבט. דער שאָסיי פון עמק־יזרעאל איז פאָרגעזעצט געוואָרן דורך דעם טאָל פון בית־שאן ביז דעם עמק־הירדן. זייטיקע וועגן פירן פון כביש צו די ישובים. אָפּפרישנדיקע באַצירונגען אין דער נאַקעטער לאַנדשאַפט זיינען די פיש־באַסיינען, וואָס כמעט יעדער ישוב פון דער סביבה האָט זיי געמאַכט פאַר אַ וויכטיקן צווייג פון דערווירטשאַפט.

בית-שאן

די שטאָט דינט אַלס צענטער פאַר די בעדואינישע שבטים. זי ציילט אַ 3000 אַראַבישע איינוווינער. בעת דער פינפטער עליה האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן באַזעצן צענדליקער יידן, אָבער ביים אויסברוך פון די געשעענישן, האָבן זיי פאַרלאָזן די שטאָט.

בית־שאן איז איינע פון די עלטסטע שטעט, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ"ך. דער טויטער קערפּער פון שאול המלך, ווערט דערציילט אין תנ"ך, איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין די מויערן פון דער שטאָט, און די קעמפער פון גלעד האָבן דעם קערפּער און די קערפּערס פון זיינע זין אַוועקגעגנבעט פון שטאָט. ס'רוב האָבן דאָ געוווינט פרעמדע, אַפילו אין די צייטן פון יידישער הערשאַפט. דאָ איז געווען אַ גרויסער גריכישער צענטער און האָט געהאַט אַן אַסימילירנדיקע ווירקונג אויף די יידן. אין די רוימישע צייטן איז געוואַקסן דער רום פון בית־שאן. בעת דעם יידישן אויפשטאַנד קעגן די רוימער האָט מען אַלע יידישע איינוווינער דערהרגעט, הגם זיי האָבן זיך אין אויפשטאַנד נישט באַטייליקט. אַ סך יאָרן איז דאָ געווען אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער און אינדוסטריעלער צענטער. אין מיטל־אַלטער איז אין איר געווען אַ יידישע קהילה. נישט ווייט פון שטאָט געפינט זיך אַן אַלטער בערגל — אַלט בית־שאן. דאָס איז דער סטראַטעגי־

שער פונקט, וואס האט געהערשט איבער אלע וויכטיקע וועגן, וועלכע האבן זיך דא געקרייציקט. אויפן בערגל און ארום אים זיינען פאראן וויכטיקע שרידים פון דער מצרישער, גריכישער און רוימישער תקופה. ביי דער שטאט איז דא א באן־סטאציע. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז בית־שאן געווען דער צענטער פון העצע קעגן יידן אין עמק און אין דער סביבה.

א גרויסע צאל קינסטלעכע בערגלעך אין עמק זאגן עדות, אז דא זיינען געווען סטאבילע ישובים אין פארשיידענע בלי־תקופות.

נ י ר ־ ד ו ד און ש ד ה ־ נ ח ו ם זיינען געווען די ערשטע ישובים, וואס זיינען געשאפן געווארן ביים מערב־אריינגאנג צום עמק, פריער ניר־דוד אין דרום, שפעטער שדה־נחום אויף צפון. דאס זיינען די ערשטע „מויער־ און טורעם"־ישובים אין לאנד.

ניר־דוד

נ י ר ־ ד ו ד (אויפן נאמען פון דוד וואלפסאן, דעם פרעזידענט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע נאך הרצלען), אדער ווי מען רופט אים ת ל ־ ע מ ל, איז געגרינדעט געווארן כ'ו כסלו תרצ"ג (ענדע 1936). אין די סמאע בלוטיקע טעג איז דער קיבוץ ארויף אין א ווילדער געגנט, האט זיך פארפעסטיקט אין א מויער, און דורך דעם אויסגעטראטן א וועג פאר „מויער־ און טורעם"־ישובים, געגרינדעט ס'רוב אויף ערטער, וווהין ס'האט ביז דעמאלט נישט אריינגעדרונגען די יידישע קאלאניזאציע.

די יידישע הגנה באגלייט די התישבות פון ערשטן שריט אן, נאך פון דער ערשטער עליה. נישט איינמאל זיינען אויפגעשטעלט געווארן מויערן ארום א ישוב, אבער אין די יארן 1936—1938, ווען דער גאנצער יידישער ישוב איז געווען ווי באלאגערט, טאג און נאכט, האט די התישבות אויסגעקליבן א נייעם, געוואגטן וועג: אין איין איינציקן טאג איז מען ארויף אויפן באדן, אויפגעשטעלט בליץ־שנעל באראקן פאר וווינונגען און ווירטשאפטלעכע צוועקן מיט א מויער ארום און א טורעם אין מיטן. דא האט זיך אנטפלעקט דער כוח פון הגנה, דער צעמענטירטער כוח פון דער ארבעטער־באוועגונג, און די גרויסע מסירת־נפשדיקייט, וואס איז צוגעקומען צו דער לאנגיאריקער ארגאניזאטארישער דערפארונג.

הונדערטער מענטשן זיינען געקומען געשפאנט אויפצושטעלן א נייעם פונקט אין א וויסטן עק. אין איין טאג איז געשטאנען א ישוב.

די צען יאָר זיינען געווען פאַר ניר־דוד יאָרן פון אַנטוויקלונג און דערגרייכונגען, ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע. דער משק איז גע־בויט געוואָרן מיט שוווּנג. גאָר אינגיכן זיינען זיי אַרויס פון דעם מויער



„מויער און טורעם"

און אויפגעבויט זייער פונקט רחבותדיק. וואַסער קוואַלן זיינען דאָ פאַראַן בשפע, און דער משק, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין דעם דאָזיקן טרוקענעם עמק האָט מיט זיי געזעטיקט זיינע פעלדער. דאָ איז אויפגע־קומען און געבליט אַ נייער צווייג אין דער געמישטער לאַנדווירטשאַפט: פיש־צוכט. פיש־באַסיינען זיינען דאָ איינגעאָרדנט געוואָרן (אמת, אין אָנהויב דורך דער איניציאַטיוו פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל), פאַר קינסטלעכער פיש־צוכט. דורך אַן אויסגעגראָבענעם קאַנאַל זיינען אין די באַסיינען אַריינגעפירט געוואָרן די וואַסערן פון נאָענטן קוואַל „אַלעסי". דאָ האָ־דעוועט מען קאַרפּן. די פיש־צוכט האָט זיך אַנטוויקלט אין לאַנד ביי די ישובים, וואָס זייערע וואַסער־מקורות אַנטוישן ניט, און האָבן דערצו פּאַ־סיקע ערד־שטחים. די דאָזיקע באַסיינען באַזאָרגן היינט מיט פיש, וואָס שפּייזן דעם ישוב. די פישעריי־עקספּערימענטן, וואָס זיינען געמאַכט גע־

וואָרן ביים מיטלענדישן ים און אין די אינערלעכע אָזערעס (כנרת און חולה), זיינען פאַרבונדן מיט גרויסע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שוועריקייטן. און דאָ ווידער, אין די קינסטלעכע באַסיינען, וואָס זיינען נאָענט צו יעדן ישוב, זעען די אַרבעטער אַ ברכה אין זייער מי. דער צווייג איז איינער פון די רענטאַבילסטע. דאָ קאָן מען האָדעווען די בעסטע מינים, און דערפאַר האָט מען אויסגעקליבן דעם קאַרפּ. אין אַ באַזונדערן באַסיין ליגן די פיש־מוטערס זייערע אייעלעך און פון דאָרט ווערן די שפּאָגלנייע פישעלעך איבערגעפירט אין די צענדליקער טויזנטער צום גרויסן באַסיין. מען פיטערט זיי גוט, ביז זיי ווערן גרויס און אָרויסגעפירט אויף די מערק אין לאַנד.

תל־עמל, דער ערשטער קיבוץ פונם ארץ־ישראלדיקן השומר־הצעיר, האָט זיך פאַרייניקט מיט אַ קיבוץ, וואָס איז געקומען פון גלות. דאָס זעלבע האָבן נאָכגעטאָן אַנדערע א"י־קיבוצים.

נישט ווייט פון משק — מצפה השלושה, אַן אָבסערוואַציע־טורעם צום אָנדענק פון דריי חברים פון שכנותדיקע קיבוצים, וואָס זיינען געפאַלן בעת דער שמירה און הגנה אין יאָר 1939. דעם 29 יוני 1946, בעתן „שוואַרצן שבת" זיינען געפאַלן צוויי חברים פון תל־עמל, ווען זיי האָבן געאיילט צו הילף עין־חרוד, וואָס איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך בריטיש מיליטער. אויפן וועג קיין בית־אלפא, לעבן קוואַל „סחנה" איז פאַרפלאַנצט אַ וועלדל א. נ. פון חיים ברוק, וועמענס טויטער קערפּער איז דאָ געפונען געוואָרן אין י"א אדר תרצ"ז (1937). דורכגייענדיק דאָ האָט מען אים דערמאָרדעט. אין די לעצטע מינוטן, ראַנגלענדיק זיך מיטן טויט, — האָט ער נאָך אָנגעשריבן מיט זיין בלוט די לעצטע ווערטער: „חברים, ס'איז שרעקלעך צו שטאַרבן אַזוי יונג — אַלץ פאַר אונדזער פרייהייט". ער איז געווען אַ חבר פון בית־השיטה, פון דער דייטשער עליה.

מסילות

אויפן וועג פון תל־עמל קיין בית־שאן שטייט מסילות — אַ קיבוץ פון השומר הצעיר וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט אין יאָר 1939. פאַרן קומען אַהער איז דער קיבוץ געווען אין גבעת־מיכאל (א. נ. פון מיכל הלפּרין) לעבן נס־ציונה. בעת די געשעענישן איז ער, צוזאַמען מיט אַנדערע קיבוצים, אַריין אין פאַרפּעסטיקטן מויער פון

מעוז־חיים, און שפּעטער אַרויף אויף זיין ערד. דער ישוב איז אויפ־געקומען דורכן צונויפגיסן זיך פון קיבוץ „במסלה“ און אַ בולגאַריש־ארץ ישראלדיקן קיבוץ „תל־חי“.

דער פּונקט איז אַרומגערינגלט מיט נעבן־טייכלעך, פלאַך־לאַנד שטחים און איר ווירטשאַפט איז אַ געמישטע, שיין אַנטוויקלט. די פיש־באַסיינען גרויסע — פון די גרעסטע אין לאַנד. זיי ליגן אין אַ נאַטירלעכן זומפּיקן אָרט, טיילווייז אויף אַ געפּאַכטעטן שטח פון דער רעגירונג. די באַסיי־נען העלפן אויסראָטן די מאַלעריע־נעסטן פון דער סביבה. דער קיבוץ אַר־בעט אויס אינדוסטריעלע פּלענער פאַר זיין אַנטוויקלונג, וואָס זיינען אויך פאַרבונדן מיט פישעריי.

לעבן מסילות ציען זיך די פעלדער פון אשרפיה, שטרייט־ערד צווישן די יידישע ישובים און די אַראַבער. די דאָזיקע שטחים — נויטווענדיקע פאַר די משקים, דורך זיי געפּאַכטעט און באַאַרבעט — זיינען מיטאַמאָל איבערגעגעבן געוואָרן די אַראַבער דורך דער רעגירונג. צוליב דעם זיינען זיי געוואָרן אַ סיבה פון אַמפּעריי און נישט איין מאָל זיינען דאָ פאָרגע־קומען צוזאַמענשטויסן צווישן יידן און אַראַבער.

גאָר נאָענט ליגט די שטאָט בית־שאן.

שדה־נחום

לאָמיר קומען אין עמק בית־שאן מיטן הויפּט־כביש, פון וועלכן מיר האָבן זיך אָפּגעווענדט לעבן בית־השיטה.

ביים כביש געפינט זיך שדה־נחום, אויסגעשפּרייט אויף אַ פלאַכן בערגל. זי טראָגט דעם נאָמען פון נחום סאָקאָלאָוו ז״ל. ווי גע־זאָגט איז דער דאָזיקער משק געווען פון די ערשטע מויער־ און טורעם־ישובים. כ״ב טבת תרצ״ז (1936) איז אַהער געקומען די קבוצה און מאַסן חברים פון די אַרומיקע ישובים האָבן מיטגעהאָלפן אין טאָג פון עליה. ס׳איז געווען אַ קאַלטער, רעגנדיקער טבת־טאָג, דער כביש איז נאָך נישט געווען, און דער קאַראַוואַן פון דעראַבערער האָט געבראַדזשעט אין די בלאָטעס אונטערן דאָקוטשענדיקן רעגן. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געאַרבעט ביז מ׳האָט אויפגעשטעלט דעם הויף מיט אַ מויער און טורעם.

פּונקט ווי אין ערשטן טאָג, אַזוי האָט אויך אין די ערשטע יאָרן, דער גורל נישט שטאַרק געשמייכלט דעם קיבוץ. ער איז געווען בעוולט, גע־האַט שווערע באָדן־ און וואַסער־באַדינגונגען. די וואַסער־קוואַלן זיינען אין דרום, און דער קיבוץ האָט זיך באַזעצט אין צפון. ס׳איז אַ צוגאָב־רינ־

געלע אין דער ישובים־קייט פון קיבוץ־המאוחד, וואָס ציט זיך מיט דער צפון גרענעץ פון עמק: עין־חרוד, תל־יוסף, בית־השיטה. שדה־נחום איז דער פּערטער. מיט גרויס מאַטערניש האָט זי גובר געווען די נאַטירלעכע שטערונגען, אַנטוויקלט פאַרשיידענע ווירטשאַפטס־צווייגן, געבראַכט וואַסער פון דזשאַסאַק, אַ קוואַל וואָס געפינט זיך אַנטקעגן אין אַ מרחק פון פיר ק״מ, ביים גלבוע. מיט שווונג האָט זיך אַנטוויקלט די פּישע־ריי און דער שטח פון באַסיינען פאַרנעמט 700 דונאַם. דער קיבוץ פאַר־



אין פיש-באַסיין פון שדה-נחום

מאָגט 7.000 דונאַם, אָבער זיי זיינען צעוואָרפענע. דער קיבוץ רעזומירט זיין 10־יאָריקן עקזיסטענץ מיט גרויסע ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען.

אין אָנהויב — קבוצה „השדה״, אַן ארץ ישראלדיקע גרופּע, אַביטור־ריענטן פון מקוה־ישראל, וועלכע האָט זיך אויסגעוואַלגערט יאָרן אין פאַר־שיידענע מושבות און זיך שטאַרק אָנגעליטן ביז זי האָט דערגרייכט די

התישבות. בעת אירע וואַלגענישן האָט זי זיך פאַרבונדן מיטן קיבוץ־המאוחד, אויפגענומען חלוצישע עליה פון גלות, און שטרעבט נאָך צום וווקס און אויפשטייג.

קבוצות אין גוש

דער שאָסיי צום עמק־הירדן גייט פאַרביי נאָענט פון בית־שאן און נאָך דער שטאָט צווייגן זיך פון אים אָפּ וועגן צו די יידישע ישובים אויפן מזרח־טייל פון עמק: נוה־איתן און מעוז. סטעזשקעס פירן צו די שכנותדיקע ישובים: אבוקה לעבן נוה־איתן, און כפר־רופין דרומדיק פון מעוז. די אָרטיקע באַדינגונגען, דער באָדן און די וויניקע רעגנס באַשטימען זייער אַגראַרן כאַראַקטער — געמישטע משקים, געבויט הויפּטזעכלעך אויף באַוואַסערונג. וואַסער ווערט אָהער געצויגן פון די אַרומיקע קוואַלן דורך אויסגעפּלאַסטערטע קאַנאַלן, אָדער דערוויל דורך פּרימיטיווע ערד־קאַנאַלן. די וואַסער־קוואַלן זיינען אין זייער מערהייט שותפותדיקע מיט די אַראַבער, און די שותפות איז פאַרבונדן מיט קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון היטן די צעטיילונג, פון גנבענען וואַסער, עוולות אא״וו. די וואַסערן וואָס פליסן אין אָפענע ערד־קאַנאַלן ווערן פיל איינגעזאַפּט און אויסגעדאַמפּט און נאָר אַ טייל דערגרייכט צום ציל. זיי פאַרשפּרייטן אויפן וועג זוימען פון ווילד־גראָז און פלעגן די שעדלעכע אַנוויקסן.

נוה־איתן און כפר־רופין זיינען געווען שותפים צו מעוז און מסילות אין זייער עליה — און האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין די גרענעצן פון איין מויער. מעוז־חיים איז געבליבן אויפן אָרט, און די דריי אַנדערע האָבן זיך באַזעצט אין דעם טאָל אַרום. די חברים פון נוה־איתן שטאַמען פון „עקיבא״ אין גאַליציע. די שכנותדיקע קבוצה „אבוקה״ האָט זיך דאָ באַזעצט ערשט אין תש״א (1941), נאָכדעם ווי זי איז יאָרן אָפּגעווען אין דער מושבה „פּרדס־חנה״. ביידע קבוצות, ווי אויך כפר־רופין, געהערן צו חבר־הקבוצות.

מעוז־חיים

אויפן נאָמען פון חיים שטורמאַן, איז פון די ערשטע ישובים פון „המחנות העולים״. דער ערשטער קערן פון אָט דער באַוועגונג, האָט לאַנגע יאָרן אויסגעקוקט אויף התישבות און זיינע צוויי פלוגות, וואָס זיינען פריער געווען פאַרייניקט, האָבן אויפגעשטעלט באַזונדערע משקים. די וואָס איז געווען ביים קוואַל עין־

חרוד, האט אויפגעבויט בית־השיטה און נאך איר, בעת די געשעענישן אין 1937, איז די פלוגה רעננה ארויף אין מעוז. ביז דעמאלט — יארן פון וואנדערונג, קאמף פאר כיבוש־העבודה אין די מושבות, ארבעטסלאזיקייט, קאנצענטרירונג פון חברים אין ווייטן סדום, ביז זיי האבן צום סוף זיך אלע דא באזעצט. צו בויען זייער משק האבן זיי זיך גענומען ערשט דאן, ווען ס'איז קלאר געווארן אז זיי בלייבן דא. דער משק איז אויפגעבויט אויף א ברייטן פלאכלאנד. זיי האבן געהאט א סך צו קעמפן מיט די באדינגונגען פון דער ערד, וואסער און קלימאט. די קוואלן זיינען געווען ווייט, אבער דאס וואסער פלעגט ווערן פארשווענדעט אויפן וועג צו די פעלדער. דער באוואסערונגס־סיסטעם אן אראביש־פרימיטיווער, מען מוז האלטן שמירה ביי די קאנאלן, כדי די אראבישע שכנים זאלן נישט אפציען די וואסערן. דאס וואסער אליין איז גערזאלצן און ס'דראט א געפאר דער באדן זאל נישט דורכגעזאלצן ווערן. ס'קומען כסדר פאר סכסוכים מיט די שכנים, צוזאמענשטויסן מיט די פאסטוכער, ענינים מיט דער רעגירונג.

מעוז האט אנטוויקלט באוואסערונגס־צווייגן אויף דער געפאכטע־טער רעגירונגס־ערד, באגלייט מיט א זארג, טאמער וועט די רעגירונג אין איינעם א טאג צונעמען די ערד. מען איז געווען גרייט זי צו פארטיי־דיקן. די גרויסע פיש־באסיינען בילדן דעם הויפט־טייל אין דער אנט־וויקלונג פון משק. לעבן הויף איז א טייטלען־גארטן, א יינגערער ברו־דער פון גן־רחל אין כנרת. דער שטח פון דער ערד באטרעפט 5500 דו־נאם. מעוז האט אויך ווארשטאטן, א גאראזש אא"וו. ווי אנדערע משקים, ווארט אויך מעוז, אז „מקורות" זאל אויספירן דעם באוואסערונגס־פלאן. דער ירדן פליסט דא נישט ווייט, זיינע וואסערן זיינען בעסער פון די קוואלן, וואס באגיסן איצט די פעלדער פון משק. עס ליגן שוין דא לעבן הויף גרויסע רערן און ווארטן אויפן טאג, ווען מ'וועט זיי אויסלייגן און א שטראם פון ירדן וועט זיי דורכלויפן צו באוואסערן די פעלדער.

דער ישוב איז א גרויסער, 600 נפשות און מער. איבער 200 קינ־דער. די עלטערע קינדער זיינען שוין דורך די עלטערן, אליין דערצויגענע אין „המחנות העולים", איינגעגלידערט געווארן אין „הנוער העובד" — די אלגעמיינע ארגאניזאציע פון דער ארבעטער־יוגנט. קינדער פון גלות

זיינען דאָ אויפגענומען געוואָרן. הכשרה־קבוצות האָבן דאָ דורכגעמאַכט זייער סטאַזש, אויפגעשטעלט נייע ווערק אין לאַנד.

דער ישוב טראָגט דעם נאָמען פון חיים שטורמאַן, אַ חבר פון „השומר", געקומען מיט דער צווייטער עליה, געלערנט אין „הרצליה"־גימנאַזיע אין תל־אביב און געגאַנגען צו אַרבעט און שמירה; פון די ערשטע אין עין־חרוד און דעראָבערער פון עמק, האָט ער געפּלעגט ברידערלעכע באַציונגען מיט דער אַראַבישער סביבה. אַ מענטש פון הגנה, אחריות און יאַד. דאָ, אין דער סביבה איז ער אומגעקומען אַרויספאָרנדיק אויף אַ מינע בעת די געשעענישן.

כפר רופין

האָט פאַרייביקט דעם נאָמען פון ד"ר אַרטור רופין. איינער פון די ערשטע אין דייטשן יידנטום, וואָס האָט פאַרבונדן זיין גורל מיטן ציוניזם, עולה געווען אין א"י און דעם גרעסטן טייל פון זיינע יאָרן דאָ אָפּגעלעבט. ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון יידישן קאָלאָניזאַציע־ווערק. איינער פון די געציילטע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט פאַרשטאַנען די נשמה און דעם חלום פון די מתישבים. ער האָט דער ערשטער באַנומען די וויזיע פון דער קבוצה און מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער באַוועגונג געשאַפן באַדינגונגען זי צו אַנטוויקלען. זיין סיסטעם אין התישבות איז געווען אַ פאַרקערטער ווי דער סיסטעם פון דעם באַראָנס־באַאַמטע, וואָס האָבן דערנידעריקט דעם קאָלאָניסט — אים געמאַכט אָפּהענגיק און אונטערטעניק צו דער אינסטיטוציע, און דערשטיקט זיין פרייע איניציאַטיוו. לויט זיין צוואה איז ער געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין דגניה.

רעליגיעזע קיבוצים

ש ד ה ־ א ל י ה ו און ט י ר ת ־ צ ב י — די דרומדיקע פּונקטן פון עמק בית־שאָן. זיי זיינען נאָענט געאָגראַפיש און אידעאָלאָגיש — ביידע זיינען דאָס קבוצות פון „הפּועל המזרחי". טירת־צבי, ליגט מער אויף דרום, איז דער ערשטער קיבוץ פון אָט דער באַוועגונג אין לאַנד. ער האָט אויסגעפורעמט אַ לעבנסשטייגער פון אַ רעליגיעזן קיבוץ, געוואָרן אַ וועג־ווייזער פאַר אַנדערע רעליגיעזע קיבוצים, וואָס האָבן זיך שפּעטער געגרינדעט. פון ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט האָבן די „הפּועל המזרחי"־ישובים אַ סך אָפּגעלערנט פון די אַרבעטער־משקים וואָס האָבן שוין פריער

עקזיסטירט אין די ראַמען פון דער הסתדרות. אָבער דער רעליגיעזער כאַראַקטער האָט דערוועקט אַ סך פּראָבלעמען, און טירת־צבי איז פּאַקטיש דער ערשטער קאָמוניסטישער דאָרף מיט אַ רעליגיעזער און חלוצישער טענדענץ. די חברים דאָ שטאַמען ס׳רוב פון בח״ד (ברית חלוצים דתיים) פון דייטשלאַנד. זיי זיינען געקומען אַהער בעת דער פּערטער עליה, געלעבט אַלס אַ קיבוץ אין פּתח־תקוה אונטערן נאָמען „קיבוץ־ראָדגעס״. נאָך פּאַר די געשעעניש פון 1936, זיינען זיי אַרויף אין עמק בית־שאן, זייענדיק אַ קליין הייפעלע אין דער גאַנצער וויסטעניש. זיי האָבן צייטווייליק פאַרלאָזט דאָס אָרט, און ווען ס׳האָט זיך דאָ באַנייט די התישבות — אין פּעריאָד פון די אומרוען — האָבן זיי זיך אומגעקערט און פאַרפעסטיקט אין אַן אַראַבישן בנין. די געגנט איז געווען אַ ווילדע — און ניט איינמאָל איז טירת־צבי באַפאַלן געוואָרן דורך אַראַבישע באַנדעס. ס׳איז באַקאַנט דער שטאַרקער אָנגריף אין אָנפאַנג מערץ 1938, ווען די באַנדע פון קאַוקאַדזשי האָט געפּלאַנט אַריינצודרינגען אינערהאַלב דעם ישוב און אים פאַרניכטן. אָבער די מענטשן אין דער פעסטונג האָבן צו נישט געמאַכט זייער טייוולאָנישן פּלאַן — פאַרטריבן די אָנפאַלער, וועלכע האָבן טייער באַצאָלט.

דער רעליגיעזער קיבוץ ווייזט אַרויס אַ טענדענץ צו וואַקסן, ווייל דורך דעם וועט אים לייכער זיין צו לייזן לעבנס־פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט רעליגיעזע באַדערפעניש (אַ שול, אַ בית־מדרש א. א. וו.). די דערפאַרונג, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין טירת־צבי האָט באַפּרוכפּערט די גאַנצע באַוועגונג. דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, די פליכט פון יעדן יחיד צו דאַווענען, דער בית־מדרש, דאָס תורה־לערנען, דאָס אָפּהיטן שבת און יום־טוב — כדי אַלץ אַריינצופּאַסן אין אַרבעטס־רעזשים, דאַרף מען כּלים און פאָרעמס, און אַ נייע טראַדיציע, וואָס זאָל זיין געטריי צו דער רעליגיעזער. זיי שטרעבן אויך צו באַנייען די טראַדיציאָנעלע צערעמאָניס און מנהגים און זיי צוריקגעבן זייער אַמאָליקע פּראַכט דורך דער באַנייטער באַרירונג מיטן ארץ־ישראלדיקן לעבן. איינער פון די אָנגעווייטיקסטע פּראָבלעמען אין לעבן פון אַלע משקים, די אַרבעט שבת, האָט דאָ באַקומען אַ טיילווייזע לייזונג אויף אַזאַ אופן, אַז אַלע חברים, ווי איינער אַרבעטן, אָבער נאָר אַ שעה־צוויי. דורך דעם ווערט דער מענטש

ניט אינגאנצן בארויבט פון שבת־רו, ער איז באפרייט פון ארבעט. נאר דאס נויטיקסטע ווערט געטון, און דאס — דורך אלעמען.

הקיבוץ הדתי

אזוי הייסט די לאנד קערפערשאפט, וואס פאריי־ניקט אלע רעליגיעזע קיבוצים פון „הפועל־המזרחי" — נעמט ארום 13 פונקטן מיט א 2000 נפשות. די טענדענץ איז צו באזעצן זיך אין קאנצענטרירטע בלאקן, און דורך דעם פארלייכ־טערן די לייזונג פון ספעציפישע פראגן. אין דער סביבה געפינען זיך דריי פונקטן: טירת־צבי, שדה־אליהו און עין־הנצי"ב. אנדערע קאנצענ־טראציעס — אין די סביבות פון יבנה און אויפן וועג קיין חברון ארום כפר־עציון.

דורך דער דאזיקער חלוצישער התישבות האט זיך דאס רעליגיעזע יידנטום רעהאביליטירט. א צייט־לאנג, בפרט אין די ערשטע צענדליקער יארן פון ציוניזם, האבן זיי זיך ניט ווי געהעריק באטייליקט אין דער אויפבוי־ארבעט פון לאנד. עס זיינען אפילו געווען טיילן וואס האבן נעג־גירט די חלוצישע באוועגונג. דאס רעליגיעזע יידנטום האט פארשפעטיקט מיט איר אנטיילנעמען אין דער בויאונג, און איר יוגנט האט זיך ארגא־ניזירט ערשט יארן נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דעמלט איז אויפגע־קומען דער „הפועל המזרחי" — אין לאנד האט זי א געוויסע צייט געהערט צו דער הסתדרות־העובדים — און שפעטער „בני עקיבא" פאר די ייגגערע שיכטן. באדייטנדיקע טיילן פון דער באוועגונג שטרעבן צו קעגנזייטיקע גוטע באציונגען מיט דער הסתדרות העובדים אפילו ביז פאראייניקן זיך.

חרמונים

לאמיר זיך אומקערן צום צענטראלן שאסיי אין עמק ביי בית־שאן און זיך לאזן גיין ווייטער צום עמק־הירדן. ניט ווייט פון דאנען געפינט זיך קבוצת חרמונים (חמדיה), וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארן דורך חברים פון „המחנות העולים" פאר איר שפאלטונג. די שפאלטונג אין דער באוועגונג האט זיך אויך אריינגעריסן אין דער יונגער קבוצה און ביידע אפנויגן האבן זיך צע־שיידט. איינער, וואס האט זיך אנגעשלאסן אין קבוץ־המאוחד איז אריבער צו חפצי־בה, און די איבערגעבליבענע אויפן ארט האבן אריינגענומען קבוצת „משעולים" פון „המכבי הצעיר" און צוזאמען זיך פארבונדן מיט „חבר הקבוצות". זיי באארבעטן ארום 3000 דונאם באדן, באוואסערן

דערווייל זייערע פעלדער פון געזאלצענע קוואלן און וואַרטן אויף אַ לייזונג פון וואַסער־פּראָבלעם.

בית-יוסף

גייענדיק ווייטער קומען מיר צום מושב־עובדים בית־יוסף, דעם ווייטסטן צפון־מזרח־פּונקט אין עמק בית־שאן, נאָענט צום ירדן. געגרינדעט איז דער פּונקט בעת די אומרוען (כ״ז ניסן, תרצ״ז — 1937), ווי אַ „מויער־ און טורעם״־ישוב אויפן נאָמען פון יוסף אהרונוביץ ז״ל, איינער פון די ערשטע אין דער צווייטער עליה, אַ דערציערישע געשטאַלט אין דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ דענקער און קעמפער, יאָרנלאַנג רעדאַגירט דעם „הפועל הצעיר״ און שפּעטער — ביז צום טויט — דירעקטאָר פון בנק־הפועלים. די חברים פון בית־יוסף זיינען רעשטלעך פון אירגונים, וואָס האָבן געציילט העכער 200 חברים. זיי האָבן געקליבן גראָשנס צו גראָשנס און געהאָלפן דער געזעלשאַפט „ניר״ צו דערווערבן ערד אין עמק בית־שאן, אין די טעג פון דער פינפטער עליה, ווען דער ערד־קויף איז געווען שטאַרק באַגרענעצט.

די איניציאַטיוו פון די מתישבים האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שווערער ווירקלעכקייט און קאָמפּליצירטע אומשטענדן. דאָס וואַסער אין די געבויערטע ברונעמער איז פלוצים ווינציק געוואָרן, און ביז מ׳האָט אויפגעשטעלט אַ פּאָמפּע, וואָס האָט געשעפּט וואַסער פון ירדן איז דערווייל פאַרפאַלן געוואָרן אַ סך מי פון לאַנגע יאָרן. לאַנג האָט געדויערט ביז די חברים פון דאָרף זיינען געקומען צו זיך, האָבן אויפגעבויט זייערע הייזער און אַנטוויקלט די צווייגן פון דער ווירטשאַפט.



דער מויער אַרום טורעם

אין טעג פון רו און יום-טובים

אקער, אקערער און זיי דו זייער
אינם הארצנס בייט
א קומט איר אלע — פריינט און גייער
צום שנים-יום-טוב וואס גייט

רחל.

א גאנצע וואך ווערט דער מענטש פארשלונגען אין דער ארבעט פון משק. די ווירטשאפט אנטוויקלט זיך און וואקסט. די וועגן פון עליה זיינען פארווארלאזט און דער מאנגל אין ארבעטס־הענט איז גרויס. ס'איז גרויס דעריבער די געשפאנטקייט פון יחיד און פון ציבור. ניט איינמאל בויגט זיך דער משק אונטערן יאך פון ארבעט־איבערפלוס. דער מענטש נויטיקט זיך אין א רו־טאג, אין א שבת. ער דארף אויפלאדן די געשפאנטקייט כדי צו שעפן נייע כוחות. און ס'איז גרויס די בענקשאפט נאך א יום־טוב־געפיל אין געיעג פון לויפנדיקע וואכן־טעג.

געקומען דער שבת. עס שיינט, אז דער ארבעטס־פולס איז אנטשוויגן געווארן. ס'רוען היינט פון זייער פראצע — דער מענטש, די בהמה און די מאשין. דער שבת איז אמת ניט קיין פולשטענדיקער. דאס לעבן שטעלט זיך ניט אפ, דאס וואקסן הערט ניט אויף. דאס לעבן מוז באדינט ווערן — מ'דארף עסן, זיך באשעפטיקן מיט די קינדער, רייניקן. מ'קען ניט מפקיר זיין די קי, די פערד, די הינער, די שאף און די וואך איבער פעלדער. אזוי זעסטו, ווי בערך א דריטל חברים פון קיבוץ זיינען יעדן שבת אויסגעשטעלט צו דער ארבעט — ביי אזעלכע פונקציעס, וואס קענען נישט פארנאכלעסיקט ווערן. און ס'טרעפט א שבת, ווען מ'אלארמירט אלע חברים צו דער ארבעט — די היי אויפן פעלד ווערט „פארברענט", אדער די סכנה פון א רעגן שוועבט אין דער לופט און מ'דארף עפעס ראטעווען פון באשעדיקונג. אין מושב־עובדים ארבעט יעדע משפחה טיילווייז. אין די ערשטע יארן, אין די צייטן פון שווערער מי, פלעגט דער מענטש פון מושב פארשקלאפן צו זיין ארבעט פיל שעהן פון זיין רו און פון זיינע שבתים. איצט ווידער, קען מען פרייער אפאטעמען, בפרט אין די איינגעפונדעוועטע מושבים.

און דאך פילסטו דעם שבת. מ'קוקט אוים דעם טאג און מ'הייליקט זיך צו אים. אין גרעסטן טייל משקים ענדיקט מען פרייטיק אביסל פריי־

ער די אַרבעט. גיי דורך דעם הויף פֿון קיבוץ ערב שבת: די חברים וואָס קומען פֿון דער אַרבעט איילן צום מחסן־בגדים (קליידער־אָפּטיילונג) כּדי צו באַקומען דאָרט זייערע שבתדיקע זאַכן. די מחסנאיות זיינען דאָן פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט. אין דוש־צימער איז דער געפּילדער גרעסער ווי אַלע טאָג.

אַ יום־טובדיקע ווייסקייט שטראַלט פֿון שבתדיקע בלוזקעס און אויסגעהאַפּטענע קליידער. אין די קינדער־גערטנער און אין דער שולע אָרדנט מען איין אַ קבלת־שבת — ליכטיק, בלומען, געזאַנג. פֿיל על־טערן קומען אַריין אָדער קוקן דורכן פֿענצטער, כּדי צו שעפּן שבת־שטי־מונג און נחת פֿון זייערע קינדער. אין גרויסן עס־צימער איז ליכטיקער ווי אַלעמאָל, ס'ווייסן זיך טישטוכער אויף די טישן. גרויס זיינען די עס־צימערן אין די קיבוצים און פֿונדעסטוועגן קענען אַלע חברים ניט עסן צוזאַמען. דער קיבוץ וואַקסט, נעמט אויף נייע חברים; דער עס־צימער, ווידער, בלייבט שטיין ווי ער איז — זינט מ'האָט אים אויפֿגעבויט. דער־ריבער עסט מען אין אים שיכטנווייז. אַ שיכט גייט אַרויס און אַ שיכט קומט אַריין.

דער עיקר: וואָס איז היינטיקן אָוונט? דאָס איז אַ וויכטיקע פֿראַגע ביי יעדן מענטשן. שלעכט איז אויב אַ פּריוויטיקצונאַכט גייט אַריבער אינהאַלטסלאָז. אַ פֿוסטקייט וועט בלייבן אין האַרץ פֿון דער געזעלשאַפֿט און פֿון יעדן יחיד. דאָס איז די קולטור־קאָמיסיע, וואָס זאָרגט באַ־צייטנס פֿאַרן פּרייטיקצונאַכט. אַמאָל קומט אַ קינסטלער פֿון שטאָט, אָדער אַ רעפֿערענט. צייטנווייז אָרדנט מען איין אַ שמועס פֿון קיבוץ אַליין. מאַנכעסמאָל ווייזט מען אַ פֿילם און ס'קומט דער גאַנצער קיבוץ — פֿון קליין ביז גרויס. פֿיל משקים האָבן זיך איינגעקויפֿט אייגענע קי־נאָ־אַפּאַראַטן און זיי געניסן אָפֿט פֿון גוטע פֿילמען.

אַמאָל פֿלעכטן זיך אין חדר־האוכל הורה־קרייזן; ס'גייט אַרויס אין טאַנץ די יוגנט; און די „אַלטוואַרג" — ווען ס'באַהערשט זיי אַ שטי־מונג, אין אַ יום־טוב טאָג אָדער פֿייערונג.

זיינען מיד געוואָרן די טאַנצנדיקע — קומט זיי צו הילף די גאַר־מאָשקע. געפֿלאַכטן פֿאַרלעכווייז לאָזט מען זיך אין אַ געדריי איבערן גרויסן חדר־האוכל — אַ טאַנצנדיקער ווירוואַר פֿון פֿאַרלעד... און אַרום שטייט דאָס פֿאָלק און קוקט, האָט הנאה. ס'איז גוט.

אַ שבת־פּרימאָרגן אין אָנפאַנג ווינטער. אַ העלער און ליכטיקער אינדערפרי. די גרין־באַפּוצטע ברייטקייט שפּרודלט געהיים מיט לעבן. אַלץ איז דורכגעזאַפּט מיט פרייד פון וואַקסן. פון די צעאַקערטע פעלדער, וואָס האָבן זיך אָנגעלאַקטשעט מיט רעגן טראָגט זיך אַ צאַרטע פרייד פון זעט. פון די ערד־באַהעלטנישן ווינקען און גייען אויף פאַרבאָרגענע כוחות — מעכטיקע: נ אָ ך אַ ווי י ל ע ! די נאָך־רעגן בלאָטעס האָבן זיך אויסגעטריקנט, אַלץ שמעקט מיט פרישקייט אין גלעטנדיקער ליכט פון דער פרימאָרגן־זון. קינדער קלעטערן אויפן דערנעבנדיקן באַרג צו רייסן בלומען. חברים גייען אַרויס אויף די פעלדער אָנצוקוקן די שפּראָצנדיקע בליונג. ס'העלן זיך געשטאַלטן אין ליכטיקער ברייטקייט. אַ יוגנט־פרייד צעגיסט זיך ביים ראַנד פון דאָרף און זאָגט אָן: פ ר י ל י נ ג !

אָט איז אָבער אַ הייסער און ברענענדיקער טאָג, אָנהויב־זומער אין אַ יינגן ישוב. ווי אַן אָפענער קראַטער, ווי אַ וווּלקאַן־מויל איז דער שבת. האָסט געאַרבעט, געהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך, די פּראַצע האָט אָנגעפילט דעם רוים, און אַז ס'איז געקומען דער שבת — געפינסטו זיך קיין אָרט ניט. די פּוסטקייט דריקט, אַך ווי זי דריקט. ס'טרעפט, אַז מ'גייט אַרויס צו אַ נאָענטן קוואַל אָדער באַסיין זיך אָפּפרישן, זיך דערקוויקן. די יוגנט שפּאַנט פערד אין וואָגן און לאָזט זיך אין וועג.

שפּאַנסט איבערן הויף אין די נאָכמיטאָג שעהן. ס'הערשט אַ שטילקייט, אַלץ איז איינגעקנוילט אין זיך. ס'רוען די ציגל ביים בנין, עס שווייגן די וואַרשטאַטן. אין קו־שטאַל אַרבעט מען. דאָרט מוז מען אַרבעטן. דער רפתן — דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט די קי — וועט באַקומען זיין „שבת" אין מיטן וואָך. און אפשר וועט אויך דאָסמאָל ניט זיין ווער ס'זאָל אים פאַרטרעטן. אָט האָט זיך שוין ביי איינעם אַ רפתן אָנגעזאַמלט צען „שבתים" — דאָס קומט אים און ער וועט עס אויפמאָנען. ער וועט געפינען אַ פּאַסיקע צייט און אַרויספאָרן אויף אַ וואָך־צוויי מיט אַ מאָל. ער וועט זיך באַפרייען פון דער אַרבעט און אָפּרוען איין לאַנגן שבת... ער וועט דויערן אַ וואָך אָדער מער...

דער שבת גייט אַוועק — ס'איז שבתצונאַכט. מ'קומט זיך צונויף אויף אַ פאַרזאַמלונג. מ'באַהאַנדלט לויפנדיקע ענינים פון ציבור. מ'שפּאַנט זיך ווידער איין אין טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

ס'קומען יום־טוב טעג. די שטאַרקע בענקשאַפט נאָכן יום־טוב ווערט גיט שטענדיק געזעטיקט. די גרויסע געשפּאַנטקייט צו אים ווערט ניט שטענדיק באַפרידיקט. דאָס לעבן האַלט אין ווערן, דאָס לעבט וועבט זיך און אויך דער יום־טוב בליט פון אים לאַנגזאַם אויף, אָבער זיין פרוכט איז נאָך ניט צייטיק. פיל זיינען די פּרוווּן, נאָך ניט פאַרענדיקט די זוכענישן. די רעליגיעזע גלותדיקע טראַדיציע איז ניט בכוח צו באַפרידיקן די באַדערפעענישן פון אַ פאָלק, וואָס פאַרוואָרצלט זיך פונסניי אין באָדן פון זיין היימלאַנד. דאָס לעבן האָט אויסגעטאָן פון זיך די הייליקע צירונג פון דורות און געוואָרן וועלטלעך. דאָס דערהויבענע און שיינע וואָס אין דער שכינה פון אונזער פאָלק וועט באַפרוכפּערן דעם נייעם יום־טוב, אָבער ער נויטיקט זיך אין נייע כלים, אין נייע פאָרמען.

די אַרבעטער - קאָלאָניזאַציע האָט געפאָרמט אַ געשטאַלט פון אַ טאָג־טעגלעכן לעבן און זי באַגערט אויף אַ יום־טוב, וואָס איז טריי איר ווירקלעכקייט, אירע פאַרלאַנגען. אַ יום־טוב, וואָס איז ניט אויסגעבאָרגט און ניט געשעפּט פון קוואַלן וועלכע זיינען זי פרעמד — פון דער ווירקלעכקייט אין דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. אַ יום־טוב באַקומט מען ניט פון גרייטן. ער דאַרף אַרויסדרינגען פון נייעם לעבן און זיינע ווערטן ווערן געשאַפן אין פאַרלויף פון דורות. דאָס פאָדערט אַ גדולת פון דורות און מיר ווידער, זיינען דוחק דעם קץ. אָט דאָס לעבן פון וואַנדלונגען, פון גייסטיקער געשפּאַנטקייט — נויטיקט זיך אין מאָמענטן פון דערהויבונג, שטימונג, אין אַ יום־טוב.

ס'איז געווען אַ צייט ווען די אַרבעטער־באַוועגונג אין א"י האָט נאָך ניט פאַרמאָגט קיין באַשטימטע לעבנס־פאָרמען. ס'איז ניט געווען די זעלבסטשטענדיקע ווירטשאַפט און ס'איז נאָך ניט געווען קיין באָדן ווו ס'זאָל אויפגיין אַ באַשטימטער און פעסטער לעבנס־שטייגער. דאָס לעבן האָט געשטורעמט און דער יום־טוב איז געווען סטיכיש — האָט זיך אַרויסגעריסן פון אינעווייניק. ס'איז געווען דער שטורמישער הורה אין וועלכן דער מענטש פלעגט פאַרשלונגען ווערן, דאָס שטורמיש געזאַנג, און טיילמאָל — ווען דער שטורם איז געצוימט געוואָרן — די שטילע ליד, די איינגעהאַלטענע, וועלכע האָט באַשאַנקען מיט אַ געפיל פון פריינטשאַפט צווישן מענטש און מענטש, וואָס האָט געגעבן אַן אויסדרוק דעם טיפן אינהאַלט פון גרויען לעבן און פאַרלייכטערט די שווערע

ווירקלעכקייט. אָבער פון דאַן זיינען שוין פאַרביי יאָרן. ס׳זיינען אויפ־געבויט געוואָרן משקים, ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער לעבנס־שטייגער, ס׳זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן לעבנס־פאָרמען. ס׳איז געקומען אויף דער וועלט דאָס קינד, וועלכעס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צענטער פונם נייעם לעבן, געשטאַרקט דעם בונד מיטן אָרט — מיט דער צוקונפט. מיט אים האָט זיך פאַרפעסטיקט דער סטאַביליזאַציע־געפיל. זיך פאַרטיפט דער געפיל פון דורות. מיטן קינד האָבן זיך אויך פאַרטיפט די וואָרצלען פון יום־טוב.

און דער יום־טוב אַליין, נויטיקט זיך אין פורעמס. דאָס ליד, די מוזיק, דער טאַנץ דאַרף געפּלעגט ווערן אַלס אייגנטום פון גאַנצן ציבור. אויך אָט די דאַרפן ניט זיין קיין געפונענע אין גאַס — נאָר בני־בית, — געשמידט אויף דער קאַוואַדלע פון אונזער לעבן. צו דעם זיינען ...יטיק קונסט־קעמערלעך: אַ כאָר, אַן אָרקעסטער, מאָלערס, אַן אינער־לעבער דראַמאַטישער קרייז — וועלכע פאַרייניקן צוזאַמען אַלע קונסט־מעגלעכקייטן אין איין געוועב. און ס׳איז שוין דאָ אַן אָנהויב פון אַ צענ־טראַלער קונסט־טעטיקייט, פאַר אויסבילדן און אַרויסברענגען נייע כו־חות. נאָר די שטימונג, מיט וועלכער ס׳באַהויכט די לויטערע קונסט, וועט אומקערן דעם מענטשן דאָס, וואָס ער האָט אָנגעוואָרן מיטן פאַר־לירן זיין רעליגיעזע התלהבות.

דער פּסח האָט זוכה געווען מער ווי אַלע — די קרוין פון יום־טובים ליגט אויף זיין קאָפּ. דאָס האַרץ פון ציבור, פון יחיד, פון די קינ־דער דערוואַרטן אים. קען זיין, אַז נאָך פון דער היים איז פאַרבליבן אין די טיפענישן פון דער נשמה אַ וואַרעמע באַציונג צו אָט דעם יום־טוב. אָדער אפשר האָט ער צו דעם זוכה געווען דערפאַר, וואָס אין אים האָבן זיך צענויפגעגאָסן די בעסטע באַגערן: די שטרעבונג צו פרייהייט וואָס האָט אויפגעוואַכט אַ דאַנק דער ווידער־באַרירונג מיטן היימלאַנד, מיט דער נאַטור, מיטן פרילינג. פּסח איז אַ יום־טוב פון פרילינג און פרייהייט — אַזוי וועט ער געפייערט.

גאָר שטאַרק גרייט מען זיך צום פּ ס ח. מ׳פּאָרעט זיך ביי די צו־גרייטונגען פיל וואָכן. מ׳קאַלכט אויס דעם חדר־האוכל, די חברים ריי־ניקן די צימערן. דער כאָר פאַרזאַמלט זיך אָפט און לערנט לידער צום סדר. מ׳שטעלט צענויף די הגדה. פילפאַכיק זיינען די צוגרייטונגען פון

די שול־קינדער און קינדער־גערטנער. מ'דערוואַרט פיל געסט. חברים שרייבן בריוו צו זייערע קרובים און פריינט כדי פעסטצושטעלן ווער ס'קומט צום סדר, און ווער ניט. פיל שלאָגן זיך אָן מיטצומאַכן די סדר־נאַכט אין אַ קיבוץ.

באַלד הייליקט זיך דער יום־טוב. ס'קלינגט דער גלאָק און דאָס פאָלק — קליין און גרויס — גייען צום נאָענטן תבואה־פעלד. אונטער די קלאַנגען פון געזאַנג און מוזיק באַוועגט זיך די ריי פון שניטער — זיי פאַכען מיט די קאָסעס אין דער תבואה און שניידן דעם ערשטן שניט — דעם עומר. די קינדער בינדן סנאָפּעס. ווייס־געקליידעטע זין און טעכטער לאָזן זיך אין טאַנץ. אויפן פעלד שווייבלט און גריבלט פון הונדערטער חברים. פּיצלעך קינדער רייטן אויף די אַקסלען פון זייערע עלטערן. מיטן פאַרענדיקן די צערעמאָניע שפּאַנט דאָס פאָלק אַהיים באַהויכט מיט דער יום־טוב שכינה. דאָס ליד פון עומר צעגיסט זיך איבער די פעלדער:

עומר, עומר תבואה חדשה,
כאגד אגדים בבר
נאלם אלומות בכר

און דער עס־צימער אין דעם אָוונט — ער פאַרבלענדעט די אויגן און דערקוויקט די נשמה. לאַנגע רייען געגרייטע טישן. בלאַנק־ווייסע טישטוכער, אַ שפע בלומען, אַ שלל פון פאַרמען און פאַרבן, העלע ליכט צעגיסט זיך מיט פראַכט. די ווענט זיינען באַפּוצט מיט סימבאָלן, לאָזונגען און גרינס. וויפיל ליבע איז אין דעם אַלעם אַריינגעלייגט געוואָרן! עס שפּרודלט מיט דערהויבענער יום־טוב שטימונג.

עס זעצט זיך אויס אַרום די טישן דער גאַנצער עולם — חברים, יוגנט, עלטערן און געסט. ווען ס'קומען אַריין די קינדער — צעזונגענע, מיט עומר־בינטלעך אין די הענט, דוכט זיך דיר אַ ווײַלע: אַ גאַנגען־פעלד באַוועגט זיך אין דער לופט. דאָס קליינוואַרג פאַרנעמט זייערע ערטער. ס'פאַלט אַ שטילקייט. מ'לייענט די פסח־הגדה — אַ נייע שאַפונג, וואָס אַנטהאַלט די בעסטע אויסצוגן פון דער טראַדיציאָנעלער הגדה, פון תנ"ך און פון דער נייער ליטעראַטור. אַט דער צוזאַמענשטעל דריקט אויס די געפילן צום אַנקומענדיקן פרילינג און צו דער פרייהייט. אַ קראַנץ פון געזאַנג, מוזיק און רעציטאַציעס. פיל לייענען פאַר — איינער נאָכן צווייטן, פון אַלע ווינקעלעך אין חדר־האוכל; און דאָס פאַרלייענען איז

דורכגעפלאָכטן מיט כאָראַלן געזאַנג, מיט סאָלאָ און מוזיק. ניט צו קינסטלער פון אויסן הערט זיך צו דער עולם — נאָר צו זיין אייגענער שטים. יעדער איינער פירט די אויגן איבער דער הגדה: ער הערט זיך צו און זיינע ליפן שעפטשען אויס וואָס עס שטייט דאָרט געשריבן. און נוען מ׳ענדיקט אַ זייטל — הערט זיך אַ רגע דער גערויש פון איבערמישן די בלעטער אין הונדערטער הגדות. די צייט פון לייענען די הגדה איז אַ הייליקע איבערלעבונג פאַרן מענטש און פאַרן ציבור.

און ש ב ו ע ו ת, חג הבכורים — דער יום־טוב פון נאַטור און לאַנדווירטשאַפט — שטאַמט נאָך פון אַמאָליקע צייטן, ווען דאָס פאָלק איז געזעסן אויף זיין ערד. אין גלות האָט זיך אויסגעליידיקט דער יום־טוב פון זיין אמתן אינהאַלט. נאָר אין א״י, אין לעבן פון אַרבעט און נאַטור קריגט ער זיין תיקון — קערט ער זיך צוריק צו זיין אָפּשטאַם, צו זיין געבורטלאַנד. געווען אַ צייט ווען אין עמק פלעגט מען פייערן אָט דעם יום־טוב געמיינזאַם — אַלע משקים צוזאַמען: מ׳פלעגט זיך צענויפקומען פון דער גאַנצער סביבה — מיט אויטאָס, וועגענער און צופוס. עס פלעגט אָנקומען וואָגן נאָך וואָגן און סימבאָליזירן די ווירטשאַפט מיט אַלע אירע צווייגן: זיי האָבן געבראַכט די ערשטע פרוכט פון פעלד און גאָרטן. אויך בעלי־חיים ווערן געבראַכט — עופות, שעפעלעך, קעלבלעך. אָט דעמאָנסטרירט אַ קיבוץ זיין גרויסן כוח: טראַקטאָרן, אַגראַר־מאַשינען פון אַלע מינים באַוועגן זיך פאָרויס אין אַ לאַנגער ריי — מעכטיק און מאַיעסטעטיש. גרופּנווייז קומען די קינדער, באַלאַדענע — ווער מיט ערשטער תבואה, ווער מיט אַ קליין שעפעלע אויף די הענט, אַ נאָרוואָס געבאָרענע. טויזנטער אַרבעטס־מענטשן שטראָמען. זייערע יום־טובדיקע זומער־בלוזעס בלאַנקען. מאַסן זענען צענויפגעקומען פייערן דעם יום־טוב פון נאַטור און פראַצע. און די בשותפותדיקע מאַסן־פייערונג האָט פאַרמאָגט כוח און פראַכט.

שפּעטער האָט מען אויפגעהערט צו פייערן שבועות אַלס געמיינזאַמען יום־טוב פון אומגעגנט. די רעליגיעזע פאַקטאָרן האָבן געזען אין ד ע ם אמתן און נאַטירלעכן קאָלאָריט פון יום־טוב — אַ לעסטערונג. פון דאַן פייערט אים יעדער ישוב אין זיין תחום. יעדער ישוב האָט זיך פון דאַן פאַרגרעסערט און די פיל קינדער גיבן אָן חן יעדן יום־טוב. געמיינזאַם ווערט געפייערט דער יום־טוב פון אַרבעט — ד ע ר

ע ר ש ט ע ר מ אַ י . ס'איז אַן אַלגעמיינער שטרייק־טאָג פֿון אַרבעטס־מענטש. ס'הערט אויף די אַרבעט אין דער ווירטשאַפֿט. די קינדער זיינען פֿריי פֿון דער שולע. די ישובים פֿון דער סביבה פֿאַרזאַמלען זיך צום מיטינג און אַפּעל. רויטע פֿענער פֿלאַטערן איבער די ישובים — און פֿאַן צו פֿאַן דריקט אויס ברידערשאַפֿט, טראָגט האָפֿנונג פֿון באַפֿרייונג פֿאַר מענטשן און פֿעלקער.

ס'איז פֿאַראַן שוין אַן אָנהויב פֿאַר גרויסע פֿאָלקס־יום־טובים, וועלכע ווערן אַ טראַדיציע. צום ביישפּיל, דער צוזאַמענקונפֿט פֿאַר פֿאָלקס־טענץ אין דליה זאָגט אָן דעם אויפֿקום פֿון אַ גרויסער פֿאָלקס־פֿייערונג

פיל זיינען די זוכעניש, וואָס באַגלייטן יעדן יום־טוב, גרויס זיי־נען די באַמיונגען צו פאַרמירן דאָס געשטאַלט פון יום־טוב און אָנפילן אים מיט זיין אינהאַלט. פיל יום־טובים ווערן געשאַפן פונדאַסניי — דער יום־טוב פון וואַסער, פייערונגען פון נאַטור, פון דער באַוועגונג.

יעדער ישוב פאַרמאָגט אויך זיין אייגענעם יום־טוב, יובל טאָג, דער טאָג פון אַרויפגיין אויפן באָדן; חברישע אָוונטן ווערן איינגעאָרדנט אין יעדן ישוב — פון אויפנעמען נייע עולים. געזעגנונג פאַר די וואָס פאָרן אין אַ וועלכער ניט איז שליחות; פאַר צוריקגעקומענע פון תפיסה צוליב הגנה־טעטיקייט; פייערונגען פון אויפנעמען אייגענע קינדער אַלס חברים פון משק; אָנדענק־טעג פון אַלטע צייטן און טרויער־טעג פאַר געפאַלענע חברים — קעמפער און פאַרטיידיקער. די יידישע געשיכטע, אפילו די נייסטע, איז באַזייט מיט פיל שוואַרצע נעכט. פון דער פינצטערניש שטראַלן אָבער אַרויס אויך העלע ליכטער.

און איצט קום און כ׳וועל דיר אַריינפירן אין סוד פון „קומזיץ״ וואָס ווערט איינגעאָרדנט בחדרי חדרים. ס׳איז אַ מין „שבת אחים גם יחד״ פון חברים־פריינט ווען ס׳נעמט זיי אַרום אַ גוטע שטימונג. אַ מאָל מאַכן דאָס חברים פון אַ באַשטימטן ווירטשאַפט־צווייג, וואָס האָבן אַ בשותפותדיקע שמחה; אָדער סתם חברים וועלכע האָבן ערגעץ דער־שנאַפּט אַביסל נאַשוואַרג, משקה, און — אָט זיצן זיי צוזאַמען, דער־קוויקן דאָס האַרץ מיט זיסוואַרג, מיט אַ וויץ, מיט אַ ליד. אָט דער מנהג איז אויפגעקומען אין דער ארץ ישראל־ווירקלעכקייט נאָך אין די טעג פון „השומר״. ער דריקט אויס די ברייטהאַרציקייט פון אַרבעטס־מענטש אין לאַנד. ס׳איז געזעסן אַ גרופּע גוטע־פריינט, פלעגסט קומען אין שאָטן פון זייער הויז — פלעגט מען דיר מקבל־פּנים זיין מיט אַ ליכטיקן שמייכל און זאָגן: קום און זיץ. און אָט האָסטו אַ שפּאָגל נייעם העב־רעיִשן וואָרט — „קומזיץ״.

קומט צוריק אַ מוטער מיט איר ניי־געבוירן קינד פון געבורטס־הויז — איז דאָס אַ געלעגנהייט פאַר אַ קליין שמחלע. דער אינערלעכער ביולעטין נעמט אויף יעדעס ניי־געבוירענע קינד מיט אַ ברכה פון פרייד (בעַר קיבוץ איז געוואָרן גרויס און פייערט ניט געמיינזאַם דאָס געבורט פון יעדעס קינד). אינאָוונט זאַמלען זיך צענויף די נאָענטע חברים אין

צימער פון פּאָטער־מוטער און טרינקען „לחיים" לכּבוד דאָס עופּהלע. עס זיינען פאַראַן פיל שמחות פון יחיד און משפּחה, וועלכע ווערן געפייערט ניט דורכן גאַנצן ציבור — נאָר אין אַן ענגערער ראַם.

ס'איז אויך אַ יום־טוב ווען „הבימה" אָדער „אהל" באַזוכט דעם ישוב, אָדער דעם גוש. קום אין עין־חרוד ווען ס'טרעט־אויף איינער פון די טעאַטערן אויף דער בשותּפותדיקער סצענע און דו וועסט זען, ווי אַזוי עס שטראָמען די מענטשן פון דער אומגעגנט — אָנגעפּראַפּט אין אויטאָמאָבילן און וועגענער קומען זיי, און אַפּילו צופוס שפּרייזט מען, בפרט די יוגנט. אין אַ פינצטערער נאַכט, אָדער ביי לבנה־שיין — זיצן אונטערן פרייען הימל הונדערטער און אַפּילו טויזנטער מענטשן. פיל זוכן זיך אויס „באַקוועמע" ערטער אויף די אויטאָמאָבילן, וועלכע מ'שטעלט אַוועק פון די זייטן. אַנדערע ווידער, שטיפער, רייטן אויף די שפּיצן פון סלופּעס כּדי אָנצוקוקן די פאָרשטעלונג.

אַמאָל איז אויך אַ קינאָ געווען אַ נייעס אין דאָרף. זעלטן פלעגט מען זוכה זיין צו זען אַ פילם. זומער פלעגט מען זיך אויסזעצן אין דרויסן אויף אַ ברייטן פּלאַץ פון הויף אָדער אויפן גראָז־טעפּיך, פאַרציען דעם וויַיסן זעגל — דעם עקראַן, און אַלע, קינד און קייט, פלעגן נאָכפאָלגן דאָס קינאָ־בילד. אַפּילו שוואַכע און האַלב־קראַנקע פלעגן קומען, זיך אויסציען אויף אָפּרו־שטולן און זיך איינקוקן. היינט איז שוין ניטאָ די געשפּאַנטקייט. דער קינאָ איז געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך און פיל משקים האָבן זיך אַפּילו איינגעקויפט אייגענע קינאָ־אַפּאַראַטן.

ווייל איז דעם משק וואָס זיין חדר־אוכל איז אויסגעבויט רחבות־דיק. זומער אָבער, איז ניט באַקוועם זיך צענויפצושטופּן אין אים. בעת אַ צוזאַמענקונפט אָדער פייערונג איז בעסער זיך צו פאַרזאַמלען אין הויף — אויף אַ ברייטן אָפענעם שטח, אָדער אויפן גראָז. און ניט אַלע־מאָל קען דער חדר־האוכל אַריינעמען דעם גאַנצן עולם. פייערונגען ווערן אויך איינגעאָרדנט אויף די נאָענטע בערג־רוקנס, אָדער וואָדי, וואָס בילדעט מיט די אַרומיקע שיפּועס אַ נאַטירלעכן אַמפיטעאַטער. אַמאָל יאָנטעוועט מען אויפן ברעג ים, אַזערע, אָדער אויפן וואַסער.

ווען ס'ווערט איינגעאָרדנט אין איינעם פון די ישובים אַ צוזאַמענ־קונפט, אָדער קאָנפערענץ — איז דאָס אויך אַ יום־טוב. דער צוזאַמענ־קונפט איז, אמת, באַשטימט צו באַהאַנדלען וויכטיקע לעבנס־פראַגן און

צייטנווייז זיינען די וויכוחים אפילו שטורמישע — אָבער דאָך באַהויכט אַ יום־טוב שטימונג דעם גאַסטפריינטלעכן ישוב און די דעלעגירטע. עס איז אַפּפרישנדיק דער צוזאַמענטרעף פון חברים, וואָס האָבן אַ צייט לאַנג ניט געזען איינער דעם אַנדערן, ווי אַ נייער האָריזאָנט וואָלט זיך פּלוצלונג צעעפנט. און די באַגעגענישן זיינען נישט קיין קלענערע איבערלעבונג ווי דער צוזאַמענקונפט אַליין. דער ישוב וואָס נעמט אויף די געסט, וואָס דינט אַלס אכסניה, באַמיט זיך ווי אַמבעסטן איינצו־אָרדנען די אָנגעקומענע — זיי זאָלן זיך גוט פילן. די חברים פון משק מאַכן זיך ענג, רעזיגנירן פון זייערע צימערן און באַדינען מיט אַ ברייט האַרץ די געקומענע געסט. אויך ביי די קינדער פון דעם משק איז אַ גדו־לה. מיט וואָס פאַרא גרייטקייט זיי באַגלייטן די געסט — באַווייזן זייער ווויז־אָרט און פירן אויס אַנדערע שליחותן. ס'איז אַן אנגענעמער געפיל פון טיפער חברשאַפט וואָס פולסירט אין די הערצער.

פיל מעדים שפּינען זיך צום יום־טוב, אָבער זיי זיינען נאָך ניט פאַרייניקט אין איין געוועב. דאָס לעבן האַלט זיך אין וועבן — דער יום־טוב העפט זיך מיט אים צוזאַמען. דער אינדערוואָכן און דער יום־טוב זיינען איינס, זויגן איינער פון צווייטן, באַפרוכפּערן איינער דעם אַנדערן, צוזאַמען וואַקסן זיי און גייען אויף.

גרויס איז די בענקשאַפט פון ייד נאָך אַ יום־טוב. אין אַ לעבן פון פּראַצע, אין ווייען פון אַן אויפקומענדיקער וועלט — ברענט נאָך פיל־פאַכיק מער דער דורשט נאָך אַ יום־טוב. ניטאָ קיין פאָלק אויף דער וועלט וואָס יום־טוב'ט ווי אונדזער פאָלק און ס'איז ניטאָ קיין יוגנט וואָס זאָל אַזוי זינגען און שאַלן ווי די יידישע חלוצישע יוגנט. די שווע־רע ליידן האָבן פאַרטיפט די ליבע צום לעבן, די בענקשאַפט נאָך אַ יום־טוב. די שרעקלעכע טעג האָבן געפלעגט באַגערן נאָך דערהויבענע מי־נוטן, נאָך שטאַרקע לעבנס־אימפּולסן וואָס דער מענטש דערגרייכט נאָר בעת אַ גרויסן יום־טוב. דאָס איז דער ווילן דורכצוברעכן די גראָע שווע־רע ווירקלעכקייט. דאָס לעבן פון אַרבעט, פון דעראָבערונג — אַנטוויקלט און פאַרהייליקט אַט דעם געבאָט. זאָלסטו זיך דעריבער ניט וווּנדערן, אויב מ'וועט דיר דערציילן, אַז אויך אין די שווערסטע שעהן פאַרן יידישן אַרבעטס־מענטש אין א"י און אירע משקים — ווערט דער יום־

טוב געפייערט. די אסירי־הגנה נעמען זיך צוזאַמען אין זייער תפיסה־קאַמער צו הייליקן דעם יום־טוב; די פאַרשפאַרטע אין רפיח, די דאָר־פישע יוגנטלעכע וועלכע זיינען וואָכן און חדשים געזעסן צווישן שטע־כיקע דראָט־פלויטן האָבן מקבל שבת געווען מיט אַ יום־טוב שטימונג, איינגעאָרדנט מסיבות, געזונגען און געטאַנצט.

דאָס זיינען אַלץ ערשטע פעדים אין געוועב פון זיך באַנייענדיקן יום־טוב. שקעלעטן פון יום־טובים, וואָס זיינען אונדז פאַרבליבן פילן זיך אָן מיט נייעם מאַרך, טוען אָן מוסקולן און הויט. נייע יום־טובים, טרייע דערווירקלעכקייט פון אַרבעטס־מענטש און זיינע לעבנס־ווערטן, שפּראָצן און קומען אויף. האַנט ביי האַנט מיט דער פאַרמערונג פון פאָלק, וואָס פאַרוואָרצלט זיך אין די דערפער, מיטן וווקס פון נייע דורות געבוירענע אין לאַנד, מיטן שלאָגן טיפע וואָרצלען אין אָט דער ערד. פון היימלאַנד — וועט אויפגיין און זיך יצעבליען מיט זיין שפע פאַרבן דער יום־טוב פון יידישן אַרבעטס־מענטש.



אָפּרו-ווינקל אין אַ קיבוץ

הגליל התחתון

גלילה! צום גליל... געווען א צייט, ווען דער נאָמען גליל איז געווען א צויבערוואָרט. מיט א 35-40 יאָר צוריק, בעת דער צווייטער עליה, ווען אין עמק האָט נאָך קיינער ניט געלעבט, איז דאָס דערלאַנגען זיך אין גליל געווען ניט פון די לייכטע זאַכן. קיין באַן איז נאָך ניט געווען, שאָסייען זיינען כמעט ניט געפלאַסטערט געוואָרן, און פון יהודה צו די פאַרוואָרפענע גליל-ישובים האָט דער וועג געדויערט גאַנצע טעג און סכנות האָבן ניט געפעלט. פאַרמעגלעכערע פלעגן פאָרן מיט דיליזשאַנסן אָדער רייטן אויף געדונגענע בהמות. אַרבעטער זיינען ליבערשט געגאַנגען צופוס. גרופּעסווייז איז מען אַוועק פון יהודה, פון פּתח-תקוה, דורכן שרון, וואָס איז אויך געווען אַן יידישע ישובים, און ווייטער מיט ואדי ערה, א ואדי וואָס שניידט דורך די אפרים-בערג, און געקומען אין וויסטן, פאַרלאָזענעם עמק-יזרעאל. פונדאַנען איז מען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון תבור, וואָס מ'זעט פונווייטנס. פול מיט איינדרוקן פון וועג, פון די פילפאַרביקע לאַנדשאַפטס-בילדער אין בערג און טאָלן האָט זיך צוריקגעקערט דער מענטש, און דער אָנדענק פון אַט אַזא שפּאַציר האָט זיך איינגעקריצט אין זיין האַרצן אויף יאָרן-לאַנג.

היינט וואַנדערט מען שוין ווייניקער צופוס, און פיל סטעזשקעס זיינען פאַרוואַקסן. געפלאַסטערטע שאָסייען שניידן דורך אויך דעם גליל התחתון. מ'קאָן אַהער קומען עטלעכע מאָל א טאָג פון עפולה מיט אויטאָבוסן, וואָס באַדינען די ליניע טבריה-חיפה. און דאָך איז דער גליל געבליבן פאַרשטויסן, ווי געווען. די עמקים פון דרום און מזרח האָבן זיך אַנטוויקלט און פולסירן מיט לעבן און שאַפונג און דער גליל התחתון, וווּ ס'איז געווען דאָס וויגעלע פון אַרבעטער-וועלטן, איז נאָך ביז היינט ניט אַרויס אויפן ברייטן שליאַך.

אַמאָל גליל. צוויי זיינען זיי — הגליל התחתון און הגליל העליון. דער עמק, וואָס איז אַמאָל גערעכנט געוואָרן צום גליל איז היינט א באַזונדערער ראַיאָן. ס'זיינען פאַראַן אָנמערקעוודיקע אונטערשיידן צווישן ביידע טיילן גליל: אין דער הויכקייט פון זייערע בערג, געבוי פון באָדן, קלימאַט און געוויקסן. יעדער פון זיי באַזונדער איז אויך ניט קיין גאַנצקייט, נאָר איז צעשפּליטערט דורך בערג, וואָס

צווישן זיי ציען זיך שמאָלע טאָלן, און דאָס גיט אַן אַ ווילדן און פּרעכ־טיקן אויסזען דעם טייל לאַנדשאַפט.

דער געבוי פון גליל האָט באַשטימט דעם באַרגיק־דאָרפישן כאַראַק־טער פון זיינע ישובים. דאָס איז געווען אַ פעט, רייך לאַנד, געבענטשט מיט רעגנס און אַ שפע פון תבואה און פירות. רייך מיטביימער און פּאַשע. אַ דרייסט פאָלק האָט דאָ אַמאָל געוווינט, פעסט געזעסן אין זיי־נע בערג, צוגעבונדן צו דער ערד און פלייסיק אין דער אַרבעט. ווי עס דערציילט יוסף פלאַוויוס איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען באַזעצט און עס איז נישט געווען קיין שטיקל באָדן, וואָס זאָל ניט זיין באַאַרבעט, פאַר־זייט. די נעץ פון דערפער איז געווען געדיכט — ס׳האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון איין גרויסע שטאָט. די דערפער האָבן געריישט פון דער גרויסער מאַסע איינוווינער.

אויך אויפן סמך פון תלמוד קאָן מען דרינגען, אַז דער ישוב איז געווען אַ דאָרפישער, אַ פּראָסטער און שטאַרקער, אין קעגנזאַץ צו יהודה, וווּ דאָס לייִדיקגיין אין די שטעט און יאָגן זיך נאָך לוקסוס האָבן דער־פירט צו אַ מאָראַלישער און נאַציאָנאַלער פאַרוועלקונג. דאָ איז דער ישוב פאַרפונדעוועט, איינגעוואָרצלט אין באָדן, און דאָס פאָלק — טריי די נאַציאָנאַלע ווערטן. הונדערטער יאָרן נאָכן חורבן איז אין גליל געווען אַ יידישער ישוב, וואָס האָט געלעבט פון ערד־אַרבעט און איז געווען איינגעוואָרצלט אין די בערג. בעת דער רוימישער אונטערדריקונג אין יהודה זיינען אַ סך אַריבערגעוואַנדערט אַהער. אויך דער סנהדרין האָט זיך אַהער אַריבערגעטראָגן. דער גליל איז געווען דער צענטער פאַר דער שארית פון פאָלק. די אויפשטאַנדן און די מלחמות נאָכן חורבן האָבן פאַראָרעמט דעם ישוב און אים צעשטערט. פיל רעשטלעך און חורבות זאָגן עדות וועגן דעם יידישן ישוב ביז צו זיין שפּעטסטער תקופה.

די קאָלאָניעס

דער נייער יידישער ישוב הייבט זיך אָן אין גליל התחתוןביים סוף פון דער ערשטער עליה. אין גליל העליון האָט זיך די התישבות אָנגעהויבן פריער. די יי.ק.א. האָט דאָ איינגעקויפט גרויסע באָדן־שטחים און מיט איר הילף זיינען אויפגעבויט געוואָרן די קאָלאָניעס: יבנאל, סעדזשערא, מעסכא אא״וו. די דאָזיקע מושבות האָבן אַריינגענומען, אין אָנהויב פון דער צווייטער עליה, יידי־

שע אַרבעטער און זייט דעמאָלט איז דער גליל געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער אין לעבן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין קעגנזאַץ צו די מושבות אין יהודה, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען ס׳רוב מיט אַראַנזשן־פּלאַנטאַציעס, ווייַנגערטנער אא״וו און דורך דעם פאַרלאָרן זייער דאָרפישן כאַראַקטער, זיינען די מושבות אין גליל באַזירט אויף תבואה־צוכט (פלחה). די קאָלאָניסטן האָבן באַאַרבעט גרויסע שטחים באָדן און הויפּטזעכלעך פּאַרזייט תבואה. בעת די ווירטשאַפט אין יהודה האָט זיך געשטיצט אויף לוין־אַרבעטער און דער אייגנטימער אַליין האָט אויפגעהערט אַרבעטן, שטיצט זיך אין גליל די ווירטשאַפט אויף דער אַרבעט פון יידישן פויער. די ווירטשאַפט איז געווען אַ פּרימיטיווע, אַזוי ווי פון אַראַבישן פלח, דעם שכן. מיטן אַקער פלעגט ער דורכשניידן די ערד און נאָכן שניט פלעגט ער דרעשן די תבואה מיט אַ רייב־פּלאַטע (מורג), ווי ס׳האָט אים געוויזן זיין אַראַבישער שכן. דער איין־פאַרביקער כאַראַקטער פון דער ווירטשאַפט האָט זי געמאַכט אויך דאָ אָפּהענגיק פון ביליגער אַראַבישער אַרבעט, און די הויפן פון דער מושבה זיינען געווען פאַרפלייצט פון פרעמדע אַרבעטער — אַראַבער פון שכנישע דערפער, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט מיט זייערע משפחות, וווינענדיק אין די שטאַלן. דער יידישער פויער, וואָס האָט אַליין אויך געאַרבעט, איז געווען אָפּגעברענט פון דער זון, פאַרהאַרטעוועט פון די בערג־ווינטן, און געפירט אַן אָרעם לעבן — אָנגעוויזן אויף דעם חסד פון די יי. ק. א. אָנגעשטעלטע, אָפּגעריסן פון קולטור און ווייט פון אַ ישוב. די קאָלאָניזאַציע אין גליל איז פאַרגליווערט געוואָרן און ניט געווען ביכולת אויסצוואַקסן, צו הייבן דעם לעבנס־ניוואָ. אַפילו די אַנטוויקלונג פון די אַרבעטער־ישובים אין עמק האָט זיי ניט סטימולירט צו אַ נייַלעבן.

גרויסע שטחים ערד פון די ישובים אין דער סביבה זיינען באַאַרבעט געוואָרן דורך אַראַבער, בפרט די שטחים פון פיק״א, וועלכע מ׳האָט אַרענדירט אַראַבישע פּאַכטער. בעת די אומרועז אין די יאָרן 36—1938 איז דורכגעבראָכן געוואָרן די וואַנט פון פאַרפרעמדונג מצד די פיק״א אָנגעשטעלטע און עטלעכע קערפערשאַפטן זיינען אין דער סביבה אַרויף אויף דער ערד און פאַרלייגט אַרבעטער־ישובים.

דער יידישער ארבעטער

אין דער ארבעטער־באוועגונג פארנעמט דער קאפיטל „גליל“ א באזונדערן ארט. בעת דער צווייטער עליה איז יהודה געווען די ערשטע אויפנעמסטאציע פון די יידישע ארבעטער־עולים. ס'רוב פלעגט מען אויסשטייגן אין יפו, דער פארט שטאט, און זיך לאזן אין די נאענטע מושבות, בפרט קיין פתח־תקוה. דא האט זיך אנגעהויבן דער קאמף פאר ארבעט, דא האט מען זיך אנגעשטויסן אויף דער אפענער פיינדשאפט און שטענדיקן חרם מצד די יידישע קאלאניסטן. דא, אין יהודה, האט פערמענטירט און פולסירט א געזעלשאפטלעך לעבן. דער גליל איז געלעגן ווי אויף א וויטן אינזל, אפגעזונדערט און אפגעריסן. ס'האט אבער ניט לאנג געדויערט און דער גליל האט אנגעהויבן צו פארנעמען אן אנגעזעענעם פלאץ אין לעבן פון יידישן ארבעטער און דער ארבעטער־באוועגונג. הונדערטער האבן זיך ארומגעדרייט אין יהודה ארבעטסלאז, געוואגלט פון איין מושבה צו דער צווייטער, צעפרעסן פון מאלאריע און פארביטערונג, פול שנאה צו דעם פארפרעמדטן יידישן ארבעטסגעבער. די פארצווייפלונג האט גורם געווען, אז א סך זאלן פארלאזן א"י. דער דראנג צו ארבעט, צו בויען דאס לאנד — האט זיך צעקלאפט אן דער וואנט פון פרעמדקייט און גלייכגילטיקייט מצד די קאלאניסטן, וואס האבן אליין ניט געארבעט, עקספלואטירט דעם אראבישן ארבעטער און מיט פאראכטונג זיך באצויגן צו דער פרישער כוואליע עולים.

דעמאלט איז דער גליל געווארן א מקום־מקלט פאר די בעסטע עלעמענטן פון די ארבעטער. פרדסים און וויינגערטנער זיינען דארט כמעט ווי ניט געווען. ווייט פון טומל איז דער גליל געווארן פאר א סך פון די מענטשן א מין ארץ ישראל, בעת פתח־תקוה מיט אירע פרדסים און אנדערע מושבות זיינען פאר זיי געווען א גלות אין אן ארץ ישראלדיקער אויסגאבע. אין גליל הייבן זיך ווידער אן זאמלען ארבעטער, פארנעמען ארבעט־פלעצער און אטעמען פונדאסניי ארץ־ישראל־לופט.

פארבייגייענדיק היינט אין גליל, וועלן מיר ניט געפינען א סך ענדערונגען. די בארגיקע מושבה מיט אירע גאסן און הייזער זיינען געבליבן כמעט ווי געווען. דער כביש, וואס פארבינדט היינט יעדן ישוב אין גליל מיט די איבעריקע טיילן פון לאנד לייזט אויס יעדן איינעם פון

לאנג־יאריקער איינזאמקייט. אבער צו קיין שווונק און אויפלעבונג האט נאך דער גליל ניט דערגרייכט.

תבור

דער וועג צום יידישן גליל פירט היינט פון צענטער עמק מיטן כביש, וואס ציט זיך צו די פיס פון בארג תבור. פון איין זייט — גבעת־המורה און די ישובים ארום איר, און פון צווייטן — ברייטע פעלדער וואס ציען זיך ביז די נצרת־בערג. אנטקעגן שטייט איינזאם דער תבור און פארמאכט דעם עמק. לינקס — דער באדן פון „מחנה־ישראל", דער איינציקער פרוו פון א ישוב וואס איז אמאל גע־מאכט געווארן דורך „אגודת ישראל", און האט זיך ניט איינגעגעבן. איצט בויט זיך ניט ווייט פון דאנען די קבוצה דברת. דער תנכישער נאמען האט זיך קאנסערווירט דורות־לאנג אין שכנישן אראבישן דארף אויפן תבור־רוקן דאבוריע.

רעכטס פון כביש — דאס אראבישע דארף „דאר", לויטן תנ"ך עין־דור, וואס רופט ארויס טראגישע דערמאנערונגען וועגן קעניג שאול וועלכער איז געגאנגען צו דער טרעפערין פון עין־דור. א סך אראבישע דערפער טראגן ביז היינטיקן טאג די אלט־העברעישע נעמען פון תנ"ך־צייט.

מיטן תבור זיינען פארבונדן זכרונות פון הערלעכע גבורה־טאטן אין דער אמאליקער געשיכטע, פון דבורה די נביאה און באפרייונג פון יידי־שע שבטים פון כנענישן יאך. דא אויפן בארג האבן זיך צונויפגעזאמלט טויזנטער יידישע קעמפער. וועגן דער מלחמה זינגט דבורה א ליד פון זיג און קראפט, איינס פון די דערהויבנסטע לידער, וואס זיינען איבער־געבליבן פון אמאל.

כפר־תבור

צפונדיק פון בארג תבור געפינט זיך כפר־תבור, אדער מסחה. זי איז געגרינדעט געווארן דורך דער יי.ק.א. ביים סוף פון דער ערשטער עליה, אין יאר 1902. ס'איז א טיפי־שע גליל־מושבה מיט איר ריי הייזער און הויפן, וואס האט זיך ניט געענדערט און אין משך פון צענדליקער יארן כמעט ניט אויפגענומען קיין נייע מתישבים. די פלחה, — דער גרונד־צווייג פון משק — איז פריער געווען באארבעט אויפן פרימיטיוון אראבישן אופן. און איצט מעכאניזירט אזוי ווי אין די ארבעטער־משקים פון דער סביבה. די מושבה

פאַרמאָגט גרויסע שטחים ערד און ס'פירן זיך אונטערהאַנדלונגען וועגן אויסטיילן באָדן פאַר נייער קאָלאָניזאַציע.

נאָענט, אויפן וועג קיין סעדזשערא, געפינט זיך אַ לאַנדווירטשאַפט־לעכע שול אויפן נאָמען פון קאַדורי. מען דערלאַנגט זיך אַהין מיט אַ וועג, וואָס צווייגט זיך אָפּ פון כביש. דער אַנשטאַלט האָט שיינע געביי־דעס און אַ גוטע ווירטשאַפט. אַ רייכער ייד אין כינע האָט אין זיין צוואה פאַרשריבן אַ גרויסע סומע געלט פאַרן יידישן ישוב אין לאַנד, אָבער די בריטישע רעגירונג האָט פאַר דער סומע אויפגעבויט צוויי שולן, אַן אַראַבישע אין טול־כרם און די — פאַר יידן. די שול בילדעט אַ באַ־זונדערן ישוב. עס הערשט דאָרט אַ גוטע אַטמאָספערע. די שילער לערנען און אַרבעטן און נאָכן ענדיקן די שול שליסן זיך אַ סך פון זיי אָן אין נייע יוגנט־קערנער פאַר התישבות. לויט דער איניציאַטיוו פון דער שול האָט זיך ניט ווייט פונדאַנען, אויף דער פיק"א־ערד, באַזעצט די קבוצה בית־קשת, וואָס איר קערנדל איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון „המחנות העולים" צוזאַמען מיט אַבסאָלווענטן פון אַט דער שול.

בית-קשת

— דער נאָמען איז אַן אויסדרוק פון הגנה, וואָס איז לעצטנס געוואָרן דער צענטראַלער ווערט אין לעבן פון ישוב. די מערהייט פון תנועת „המחנות העולים" האָבן דורכ־געמאַכט הכשרה אַלס איבונגס־גרופּן. זייער איניציאַטיוו איז נאָך דאָ גע־פּענטעט, פונקט ווי אַנדערע קערפּערשאַפטן, וואָס זיינען אָפּהענגיק פון פיק"א. נאָך דריי יאָר זיצן אויפן באָדן האָט מען זיי נאָך ניט אָנערקענט ווי אַ שטענדיקע קערפּערשאַפט; מ'האָט ניט קאָנצענטרירט די באָדן־שטחים און ניט געגעבן קיין בודזשעט פאַר אויסבויען דעם סטאַביליזן פונקט. אויף אַ דערבייאיקן ברייטן און פעלזיקן בערגל ווילן זיי אויפ־בויען זייער שטענדיקע היים, אָבער דערווייל לעבן זיי אין צייטווייליקן פונקט, בויען־פונאַנדער ווירטשאַפט־צווייגן, זייען תבואות, פאַשען שאָף, גרייטן צו דעם באָדן פאַר פלאַנצונגען און גייען אויך אויף לוין־אַרבעט.

די פאַרגאַנגענהייט אין די איבונגס־גרופּן לאָזט זיך ביז איצט ביי זיי מערקן אין מנהגים, שטייגער, שפּראַך און באַגריפן. זיי האַלטן נאָך אָן פאַרבינדונגען מיט זייער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט דורך מאָביליזיר־טע חברים, וואָס פירן ווייטער זייער אַרבעט, און קומען פון מאָל צו מאָל

באזוכן זייער קומענדיקע היים, ברענגען נייעס פון פארבארגענע לעבנס־ווינקלען אין לאנד.

בית־קשת איז די איינציקע קבוצה אין דער דאזיקער סביבה פון מושבים און מושבות. פיק״א איילט זיך ניט באזעצן אויף איר ערד קיבו־צים און בית־קשת איז דא א בת יחידה. ניט לאנג נאך איר קומען אהער, האט זיך בית־קשת אנגעשלאסן אן קיבוץ־המאוחד.

כפר־החורש

אפגעזונדערט פון יעטווידן גוש, אויף די בערג צו נצרת ליגט אט דער ישוב. איינע פון די ערשטע „גורדוניה״־קבוצות אין א״י. געקומען אין לאנד (1930) און זיך גלייך איינגעשפאנט אין יאך פון כיבוש־עבודה אין די מושבות. אהער איז די קבוצה געקומען אין יאר 1933. זיך געראנגלט מיט שטערונגען. ערשט איצט שניידן די מענטשן פון כפר־החורש די פרוכטן פון זייער מי.

די ווירטשאפט פון כפר החורש איז א טיפיש בארגיקע און האט אלס צוגאב־צווייגן: מארגארין־פראדוקציע און אן אפרו־הויז.

סעדזשערא

די מושבה רופט ארויס זכרונות פון די ערשטע טעג פון דער ארבעטער־באוועגונג אין לאנד. סעדזשערא איז גע־ווען דער שמעלץ־קעסל פאר דער גלילער ארבעטערשאפט און דא זיינען פארבארגן ווארצלען פון אירע פיל וויכטיקע דערשיינונגען. די מושבה איז געגרינדעט דורך דער ייק״א אין יאר 1900. דאס דארף האט געהאט א ריין־יידישן כאראקטער, פון די איינציקע אין לאנד: די מענטשן האבן געארבעט ממש, זיי און זייער הויזגעזינד, באגייענדיק זיך אן לוין־אר־בעטער.

ביי דער מושבה — די פ ע ר מ ע (חוות סדזשרה), ווו ס׳זיינען געווען באשעפטיקט אין די ערשטע יארן בלויז יידישע ארבעטער. דא האט זיך קאנצענטרירט א גרופע חברים פון רוסלאנד, וואס האט גע־שפילט א וויכטיקע ראל אין דער ארבעטער־באוועגונג, און אויך געשטא־נען אין דער שפיץ פון געוואגטע אויפטוען. דא איז געמאכט געווארן דער ערשטער עקספערימענט פון קאלעקטיוון לעבן, די ערשטע פרווון פון אר־גאניזירן די ארבעטערשאפט. דא האבן זיך צוערשט געוועבט גע־דאנקען וועגן שמירה, און די היגע מענטשן זיינען געשטאנען אין דער שפיץ פון „השומר״.

דורכן גיין קיין „גליל" האָט דער יידישער אַרבעטער געמאַכט אַ וויכטיקן שריט צו זעלבסטשטענדיקער קאָלאָניזאַציע און געזעלשאַפטלעכן אַרבעטער־לעבן. די אַרבעט אין גליל האָט געשאַפן אַ נייע באַרירונג צווישן מענטש און אַרבעט, האָט אים מער אַריינגעצויגן אין דער ווירט־שאַפט, האָט אין אים דערוועקט אַ לעבעדיקן און אינטימען אינטערעס צו דער אַרבעט; ס'האָט זיך דערוועקט אַ באַדערפעניש אין פרייער שאַ־פונג אין אַ זעלבסטשטענדיקער אַרבעטער־ווירטשאַפט. די אַרבעטער־ווירקלעכקייט אין גליל באַוועגט אַ גרופּע חברים אין סעדזשערא צו נע־מען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אַ טייל פון דער פערמע־ווירטשאַפט — די תבואה־צוכט און קו־שטאַל. זיי האָבן אָנגענומען די אַרבעט אויפן גרונד פון קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכגייט. זיי האָבן געלעבט און געאַרבעט צוזאַמען. אין סעדזשערער קאָלעקטיוו האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַרקערפּערט דער קיבוץ אין לאַנד. דער אַנדערטהאַלבן־יאָריקער עקספּערימענט האָט זיך איינגעגעבן. ס'איז געווען די ערשטע זעלבסטשטענדיקע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון אַרבעטער. ס'האָט געפעלט נאָך איין שריט צו זעלבסטשטענדיקער התישבות, צו קאָלעק־טיוויזם. און דער שריט איז געמאַכט געוואָרן.

אמת, ניט דאָ הויבט זיך אָן די קבוצה. די קבוצה איז אויסגעהאַקט פון דער שווערער אַרבעטער־ווירקלעכקייט אין די יידישע מושבות, דורך פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען פון אַרבעטער זיך אַנקלאַמערן אין לויף־אַרבעט; די קבוצה איז געקומען ווי אַן ענטפער אויף דער אַנטוישונג און יאוש פון פאַרפרעמדעטן קאָלאָניסט. דאָס זיינען געווען די מאָטיוון וואָס האָבן געשטויסן דעם אַרבעטער צו זוכן נייע וועגן פון צובינדן זיך צום לאַנד. און אַזוי ציט זיך דער פאָדעם פון אַן אַקאָרד־קבוצה אין אַ מושבה פאַר כיבוש־עבודה, דורך געמיינזאַמער אַרבעט אין פּריוואַטע און נאַציאָנאַלע פערמעס, ווי דער קאָלעקטיוו אין סעדזשערא, ווי די קבוצה, וואָס האָט זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין דגניה, ביז צום ברייטן שליאַך פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער התישבות און קיבוץ.

די ערשטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „החורש" איז אַנט־שטאַנען אין סעדזשערא. דער גליל האָט געלייגט אַ שטעמפּל אויפן אינ־האַלט און וועזן פון דער ערשטער לאַנדווירטשאַפטלעכער קערפּערשאַפט

אין לאַנד. אין קעגנזאַץ צום סוחריש־קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער פון מענטש און משק אין יהודה, אַקצענטירט דער „החורש" זיין „שטרעבונג אויפצושטעלן אַ דור פון פּויערים, געזונטע פיזיש און גייסטיק". אין דאָר־פישן גליל, אין דער פלחה־אַרבעט האָבן זיי געזען דעם דערציערישן מאָ־מענט, וואָס וועט שאַפן דעם ארץ ישראלדיקן אַרבעטס־מענטש. דער „החורש" האָט לאַנג ניט עקזיסטירט, אָבער דאָס איז געווען דער ער־שטער שריט צו דער הייננטיקער הסתדרות חקלאית.

דאָ, אין סעדזשערא קומט אויך צום אויסדרוק די וויכטיקייט און דער ווערט פון דער פרוי אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָ דערשיינט זי צוערשט, אַקסל ביי אַקסל מיטן חבר, אין אַלע פּאָזיציעס פון דער אַר־בעט און געזעלשאַפט. זיי האָבן געאַקערט די פעלדער, געאַרבעט ווי עס האָט זיך געלאָזט, ווי די חברים, זיך באַטייליקט אין אויפשטעלן דעם „השומר" און ס'זיינען געווען פון זיי וואָס האָבן געוואָגט זיך באַ־טייליקן אין דער שמירה ממש.

„השומר" אין סעדזשערא האָבן די יידן דעראָבערט צום ערשטן מאָל די שמירה. דאָ זיינען געפאַלן אירע ערשטע קרבנות.

און דער יידישער ישוב איז פון סאַמע אָנהויב געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נויטווענדיקייט צו באַשיצן דאָס לעבן, דאָס פאַרמעגן, דאָס ווערק. די ערשטע עליה אין איר חלוצישן פּעריאָד האָט נאָך אַנטפּלעקט אין זיך אַ כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן די אָנפאַלן פון די וואַנדערנדיקע שבטים, ווען זי האָט אָנגעהויבן פאַרוועלקן, ווען ס'האָט זיך אויסגעשעפּט איר שאַפונגס־קראַפט — איז אויך געשטרויכלט געוואָרן איר זעלבסט־ווירדע. צוזאַמען מיט דער אַרבעט איז אויך די שמירה און הגנה אַריבער צו די אַראַבער. דער יידישער ישוב, זיין פאַרמעגן און כבוד איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אין פרעמדע, ביליגע און פיינטלעכע הענט. זיי האָט מען אויך אָנגעטרויט יעדעס שטיקל ניי־אויסגעלייזטע ערד.

די אַראַבער האָבן אָנגעהויבן צו גרינגשעצן דעם יידישן כבוד.

און ווער ווייסט, וואָס ס'וואָלט געשען מיט די יידישע מושבות, וועלכע זיינען געווען באַאַרבעט און „באַשיצט" דורך פרעמדע, ווען ניט די א ר ב ע ט ע ר פון דער צווייטער עליה, וואָס האָבן דערקלערט אַ קריג דער פרעמדער אַרבעט און „באַשיצונג".

דעם „השומר" ווי אַן אָרגאַניזירטן כוח איז אויסגעפאַלן די אויפ־גאַבע פון דעראָבערן אַרבעט, הגנה און שמירה. פאַר דעם זיינען געווען איינצלנע פּרווון. אין יאָר 1908 איז געשאַפן געוואָרן „בר־גיורא". דער נאָמען דערקלערט דעם אינהאַלט און גייסטיקע איינשטעלונג פון די חברים. בר־גיורא, איינער פון די פאַרביסענע יידישע פירער אין אויפ־שטאַנד קעגן די רוימער, האָט זיי געדינט אַלס סימבאָל. די דאָזיקע גרו־פּע חברים האָט געבילדעט דעם קאָלעקטיוו אין סעדזשערא און שפּעטער אין די טעג פון „השומר" — דעם אַרבעטס־לעגיאָן („לגיון־העבודה"), וואָס איז געווען צעטיילט אין קיבוצישע פלוגות.

די שמירה איז ניט געווען קיין באַזונדערע פונקציע פון אַ יחיד. דאָס איז געווען די אויפגאַבע פון כלל און פון יעדן אַרבעטער אין לאַנד באַזונדער. דאָס לעבן איז געווען אין סכנה ניט נאָר בעת דער שמירה. די געפאַר האָט געלויערט ביים אַקערן אין פעלד אויסער דער מושבה, ביים גיין ברענגען אַ דאָקטאָר פון אַ צווייטן ישוב, ביים פירן וואַסער פון אַ נאָענטן קוואַל, ביי אַ שפּאַציר. די נויטווענדיקייט זיך צו פאַרטיי־דיקן איז אַרויסגעדרונגען פון די לעבנס־אומשטענדן, פון דעם פאַקט, וואָס דער ישוב איז געבויט געוואָרן אין אַ ווילדער געגנט. די שמירה איז דעריבער געוואָרן די אויפגאַבע פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט. נאָכן ס'האָט געדראָט איין ישוב אַ געפאַר זיינען געקומען צוהילף חברים פון אַ צווייטן. און די שמירה איז געוואָרן אַ פאַקטאָר פאַר באַפעסטיקן די פּאָזיציעס פון יידישער אַרבעט אין לאַנד.

צוערשט איז דער „השומר" אַנטשטאַנען אין סעדזשערא. דאָ, אין גליל, אין אַ באַרגיקער סביבה, אין שווערע פאַרטיידיקונגס־באַדינגונגען, ביי געפערלעכע וועגן האָט די יידישע שמירה אויסגעהאַלטן מיט כבוד איר ערשטן עקזאַמען. דאָ איז געווען דער אָנהויב פון שאַפן אַ יידישע, אָרגאַניזירטע שוץ־קראַפט.

סעדזשערא וואָס איז אַזוי רייך אין זכרונות, פירט אַליין אַן נעבעכ־דיקן לעבן שוין אַ פופציק יאָר. די דערבייאיקע פערמע איז געווען יאָרנ־לאַנג פאַרלאָזן, די געביידעס האָבן געפּוסטעוועט. ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט זיך דאָ באַזעצט אַן אָרגון פון „הפועל המזרחי", וועלכער קוקט אויס פון לאַנג זיך צו באַזעצן אין דער סביבה. די מושבה פירט

א פארגליווערט דארפיש לעבן, כמעט אן ענדערונגען. נאר אין דער לעצ־טער צייט האט זיך עפעס א ריר געטון. מען פירט אונטערהאנדלונגען צו באפרייען א טייל פון דער ערד פאר א נייער התישבות.

שדמות דבורה

אין דעם גוש האט די פיק״א אויפגעשטעלט עט־לעכע מושבי־עובדים. צו מזרח פון כפר תבור בויט זיך דער מושב ש ד מ ו ת ־ ד ב ו ר ה דורכן ארגון „עומר״. ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האט זיך דא באזעצט דער „אירגון״. זיינע חברים זיינען פריער געווען אין מ ו ל ד ת און זיך אפגעטיילט נאכן אננעמען דעם באשלוס וועגן פרינציפ פון שותפות אין דארף.

דער מושב איז איינער פון די לעצטע „מויער־ און טורעם״־ישו־בים, וועלכע זיינען אנטשטאנען ווי א רעאקציע פון יידישן ישוב אין א״י קעגן די באדן־גזרות פון „ווייסבוך״.

די געשיכטע פון דעם דארף אין די ערשטע צייטן איז דורכגעצ־זאפט מיט צער און ליידן ניט צוליב נאטור־אומגליקן אדער אנשיקע־נישן, נאר צוליב די צרות מצד דער געזעלשאפט, צו וועלכער די ערד געהערט. דאס איז א רינגעלע אין דער קייט פון פלאגן, וואס פיק״י איז גורם ניט רעכנענדיק זיך מיט די לעבנס־וויכטיקע אינטערעסן פון דער התישבות. די קערפערשאפטן, וואס האבן זיך באזעצט אויפן באדן פון פיק״א אין פארשיידענע ערטער אין גליל התחתון, האבן אפ־געראטעוועט ערד־שטחים, וואס אראבער האבן יארנלאנג באארבעט. און דאך זיינען זיי ניט גערן באשטעטיקט געווארן צו התישבות דורך פיק״א, וועלכע האט זיי באטראכט פאר צייטווייליקע מתישבים. נאך א יאר צייט האט די פיק״א געפאדערט פון ארגון „עומר״ ער זאל פאר־לאזן דאס ארט. די חברים האבן זיך צוגעבונדן צו דער ערד און ניט געוואלט אפטרעטן. אן בוי־מעגלעכקייטן און אן א בודזשעט האבן די חברים ווייטער געוווינט אין די גרענעצן פון מויער אין ענגשאפט. פינף יאר האט געדויערט דער קאמף ביז זיי האבן דורכגעבראכן די טויבע וואנט. די ערשטע, וויכטיקסטע יארן, זיינען צעטרענצלט גע־ווארן, און איצט נאכן ארויסגיין פון מויער, וויל מען אניאגן דאס פאר־לארענע. דיווירטשאפט איז דערווייל באזירט, כל זמן ס'איז ניטא קיין וואסער, אויף תבואה־צוכט. ניטא נאך קיין מעגלעכקייט פון

קינסטלעכער באַוואַסערונג. מ׳קוקט אויס אויף אַ לייזונג פון דער וואַסער־פּראַגע, וועלכע וועט אודאי קומען ניט נאָר פאַר „שדמות דבורה" אַליין, נאָר אויך פאַר דעם גאַנצן גוש.

מסחה געפינט זיך אויפן שיידוועג פון כבישים. דער כביש אויף מזרח פירט קיין כנרת און טבריה, און פונדאַנען פאַרצווייגט זיך דער נייער שאָסיי דורך שרונה קיין יבנאל, און פון דאָרט ציט ער זיך צום עבר הירדן, דרומדיק פון כנרת.

לאָמיר אַלזאָ גיין מיטן הויפּט־כביש אויפן וועג קיין טבריה. מיר גייען פאַרביי ניט ווייט פון ס ר ו נ ג י ה — אַ מושב־עובדים פון „הפועל המזרחי" אויף דער פּיק״א־ערד. פריער האָט דער ארגון געהייסן „הזורעים". האָט זיך דאָ באַזעצט אין יאָר 1939, ווי אַ „מויער־און טורעם"־ישוב. בהדרגהדיק נידערט אַראָפּ דער כביש פון די באַרג־הייכן קיין טבריה. פּלוצלינג פאַרכאַפּט דיין בליק דער ים כנרת, וואָס אַנטפּלעקט זיך אונטן — אַ בלויער, רואיקער — פאַרחלומט אין שויס פון די אַרומיקע בערג. דער כביש פירט דורכן ארבאל־טאָל, וואָס איז באַקאַנט פון אַמאָליקע צייטן מיט זיין פּרוכטבאַרקייט און מיט די גאולה־לעגענדעס וואָס האָבן זיך געשנירלט אין אומגעגנט. דערנעבן — ק ר ן ־ ח ט י ן, אַ באַרג־שפּיץ, 500 מעטער איבערן כנרת. אונטן די קליינע ייק״א־מושבה מ צ פ ה געגרינדעט אין יאָר 1908. יאָרן האָט זיך דאָ גאָרניט געענדערט: איינגעשרומפּן, שטיינערנע הייזער, ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע פאַרגליווערטקייט. קעגנאיבער ניט ווייט, — דער שותפותדיקער מושב כ פ ר ח ט י ן. צווישן ביידע ישובים איז אַ טאָל־שויס. דו גייסט אַראָפּ און אַרויף און ביסט שוין אין כ פ ר ־ ח ט י ן.

כפר-חטין*

די מענטשן האָבן זיך דאָ באַזעצט אין יאָר 1937, אָבער דאָס אָרט האָט אַן עלטערע געשיכטע. נאָך פאַר מער ווי הונדערט יאָר זיינען שוין געווען יידישע גערטענער אין כפר־חטין. קק״ל האָט די ערד אויסגעלייזט ערשט אין יאָר 1905, אָנפאַנג צווייטער עליה. דאָס איז געווען דער ערשטער באָדן־שטח, וואָס דער קק״ל האָט דערוואָרבן. דער באָדן איז געווען צעשפּליטערט, צעזייטע און צעשפּרייטע לאַטעס. קיין וואַסער איז ניט געווען. אַלע פּרוון צו

באזעצן זיך זיינען געווען פארבונדן מיט כיבוש־ווייען, גרויסע אנ־שטרענגונגען און — נעבעכדיקע רעזולטאטן. אין יאר 1923 האט זיך באזעצט דא א מושב־עובדים פון „המזרחי". מען האט ארויפגעבראכט וואסער פון כנרת, 250 מעטער ארויף. אבער דער ישוב איז ווידער פארלאזט געווארן. אין יאר 1932 האט מען זיך צוריקגעקערט אהער, און ווידער אן דערפאלג.

ערשט אין 1937 איז אהער געקומען דער ארגון „הקוצר", ס'רוב חברים פון בולגאריע, מיטן ציל צו שאפן א שותפות־מושב. דאסמאל איז די ארבעט ניט געווען ארויסגעווארפן. זיי האבן בייגעקומען די שווערע באדינגונגען, דערגרייכט האבן דאס ארט. היינט אנטוויקלט ער זיך און בליט. מ'האט דא געבוירעט 400 מעטער טיף, כדי ארויסצובאקו־מען וואסער — אן דערפאלג. מ'האט זיך אומגעקערט צום כנרת און מיט גרויסע פאמפעס שעפט מען פון דארט וואסער.

כפר־חטין געהערט צו דער תנועת־המושבים. פון אנפאנג אן שטרעבט ער פארווירקלעכן אינערהאלב דעם מושב די יסודות פון שותפות און וויל צוציען א סך דערפער — ברידער אין וועג. דאס פארמעגן געהערט צום גאנצן דארף. דער משק איז געבויט ווי אין קי־בוץ, אויף שותפותדיקער ארבעט. דאס פאמיליע־לעבן און הויז ווירט־שאפט פירט זיך אינדיווידועל. יעדע משפחה באקומט איר ביודזשעט לויט אירע באדערפענישן. אין א געוויסער מאס איז דאס אן איבער־גאנגס־פארם צווישן קיבוץ און מושב, אבער ביז ניט לאנג האט זי געהאט ווייניק אנהענגער. ערשט צווישן די דעמאביליזירטע זעלנער האט די דאזיקע פארם געפונען אן אפקלאנג, און הונדערטער פון זיי האבן זיך אויסגעקליבן דעם לעבנס־וועג. דאס איז א נייער קלאריט אין פיל־פארביקן רעגנבויגן פון דער ארבעטער־התישבות וואס האט זיין צו־קונפט. די געמיינזאמע און באזונדערע לעבנס־פראבלעמען פון די שותפות־מושבים וועלן געווים שטארקן דעם קעגנזייטיקן בונד און פאראנטווארטלעכקייט. ביי 13 איינסן זיינען היינט ארגאניזירט ארום דער אידיי פון דער דאזיקער התישבות־פארם.

דער כביש לאזט זיך אראפ פון דאנען אין פיל שלענגלונגען ביזן ברעג פון כנרת, און דער פארבייפארער זעטיקט זיין בליק מיט דער

שיינקייט פון אַרום. מען פאָרט פאַרביי חורשת צבי, וואָס איז געפלאַנצט אויף דער באַרג־זייט, ביי דעם יידישן קוואַרטאַל קרית־שמואל, און מ׳קומט אָן קיין טבריה, די שטאָט וואָס ליגט ביים ברעג פון כנרת.

קיין יבנאל קאָן מען אָנקומען מיטן בּיש פון מסחה אָדער מיטן שאָסיי, וואָס גייט באַרג אַראָפּ פון דער פּערמע כנרת. אַמאָל, איידער ס׳זיינען געווען די וועגן, פלעגט מען גיין אַהער צופוס דורך באַרג־סטעזשקעס אָדער מיט פורן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער אויסמאַטערנדיקע וועגן.

אַרויפקומענדיק אויפן שפּיץ באַרג האָט זיך פאַר דיר אַנטפּלעקט אַ בלויער, בלאַנקנדיקער פּאַס וואַסער. פאַרוווּנדערט פלעגסטו זיך אָפּשטעלן: כנרת! און אונטן, פון דער אַנדערער זייט — ווי אַ ברייטער מערזער אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט בערג. פון שמאָלן לאַנגן טאָל זעט זיך אַ יידיש דאָרף: זעסט הייזער־רייען, געדרייטלטע דעכער, ווי זיי וואָלטן געלעגן אויף דיין דלאָניע. דער ישוב איז זיין גאַנצער פּראַכט צווישן די בערג זעט אויס ווי אַ געצייכנטער, פילפאַרביקער פּלאַן. דאָס איז יבנאל. לעבן איר געפינט זיך דער נייער מושב משמר־השלשה און די אַלטע מושבה בית־גן.

שטראַמע זיינען די באַרג־רוגנס, און מען קאָן זיך לייכט אַראָפּקייקלען אין טאָל. האַלט זיך אַלזאָ פעסט אָן די קוסטעס אָדער אָן די פעלזן, קריך אַפילו אויף אַלע פיר באַרג אַראָפּ ביז דער שיפּוע וועט מילדער ווערן און דאָ ערשט לאָז אין גאַנג דיינע פיס מיט געלויף — ביסט אין יבנאל. דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן ווען דו בלאַנקעסט דאָ אַרום צופוס, פאַר פאַרגאַנגען וועגן.

יבנאל איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דער ייק״א אין יאָר 1902. די הייזער זיינען פון געטעסעטע באַזאַלט־שטיינער, אַזוי אויך די שטאַלן און ווירטשאַפט־געביידעס. דאָרפישער לעבנס־שטייגער, אין איר רואיקייט, פייזאַזש, אַרבעטס־לעבן. יבנאל איז געווען די גרעסטע מושבה אין גליל, דער צענטער פון פויערים־פאַרבאַנד (התאחדות האכרים) אין גליל. אויך דאָ האָבן יאָרנלאַנג געלעבט און געאַרבעט אַראַבישע אַרבעטער, אָבער למען האמת מוז געזאָגט ווערן, אַז אַן

אָנזעעוודיקער טייל פון די אכרים האָט פאַנאַטיש זיך געהאַלטן ביי יידישער אַרבעט, האָט אַליין געאַרבעט און אָפּגעהיט דעם יידישן און מענטשלעכן כאַראַקטער פונם דאָרפס-לעבן.

יבנאל האָט אַ סך דורכגעמאַכט. מען האָט דורך בויערן אַרויסבאַקומען וואַסער פון די ערדטיפענישן, און היינט ווערן פּלאַנטאַציעס און באַוואַסערונגס - שטחים באַאַרבעט אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן. יבנאל פאַרבאָרגט אין זיך אַ צוקונפט, די אַנטוויקלונג איז אָבער אַ פּאַמעלעכע.

אויף אַ העכער אָרט פון דער גאַס, ביים באַרג שט,ייט דער שיינער בית־עם, דער צענטער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דאָרף. אַ טייל פון דער יוגנט איז אין קיבוצים און שטעט, די מערהייט איז געבליבן אויפן אָרט. דאָ האָבן געמאַכט זייער הכשרה פאַרשיידענע קיבוצים און ארגונים, וואָס זיינען שפּעטער אַריבער צו התישבות.

בית-גן

אַ קליינע מושבה ביי יבנאל. אויך דאָ האָט זיך ווייניק וואָס געענדערט. די איינוווינערשאַפט איז אַ קליינע, דער שטייגער — אַ דאָרפישער. בעת דער צווייטער עליה איז בית־גן, ווי יבנאל געווען אַ וויכטיקער צענטער פון גליל־אַרבעטער אין „השומר“־לייט. צווישןביידע מושבות איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 1937 אַ מושב־עובדים משמר־השלשה, אַ. נ. פון דריי חברים, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן בעת די אומרועז פון אַ לויער.

*אין דער סביבה שפּרייטן זיך אויס גרויסע שטחים פון דער פיק“א, וואָס זיינען געווען פאַרפאַכטעט יאָרנלאַנג צו אַראַבער, און ערשט אין די טעג פון די געשעענישן (1939־1936) האָט זיך איינגעגעבן אויסצולייזן די מערהייט באָדן און באַזעצן אויף אים יידישע אַרבעטער־גרופּים. איינער פון די ארגונים האָט אויפסניי באַזעצט שרונה, וואָס איז אַ סך יאָרן געווען פאַרלאָזן. אין יאָר 1939 האָט זיך דאָ באַזעצט אַן ארגון א.נ. פון א. ד. גאָרדאָן. דער באָדן פון שרונה איז נאָך געקויפט געוואָרן בעת דער צווייטער עליה און ווי אַ פערמע האָט זי באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן דאָ געוווינט אין אַ געמויערטן הויף. אַ געוויסע צייט זיינען דאָ געווען חברים פון „השומר“. אַ סך יאָרן איז זי געווען פאַרלאָזט, און איר באָדן איז געווען באַאַרבעט דורך אַראַבער.

שרונה געפינט זיך העכער, באַרג־אַרויף, און דער צוטריט צו

איר פון יבנאל איז געווען אַ שווערער. אַ וועג פאַר פורן איז געווען אויסגעהאַקט אין באַרג. לעצטנס גייט דאָ פאַרביי דער כביש, וואָס פאַרייניקט יבנאל מיט כפר־תבור. לענגאויס דעם כביש שפּרודלען דאָ און דאָרט וואַסער־קוואַלן. ביסטו דורשטיק, ברודער, קני צום קוואַל און לעש דעם דורשט מיטן קאַלטן וואַסער. לענגויס דעם וועג ציט זיך דער ואדי שרונה, און לינקס, באַרג־אַרויף זעט מען אַן אַראַביש דאָרף, וואָס איז געווען חרב, און די אַראַבישע פאַכטער פון פיק"א האָבן עס אויפגעשטעלט פונסניי אויף יידישער ערד.

• אלומות

פונדאַנען ציט זיך דער כביש קיין כפר־תבור, שניידט דורך אַ ברייטן באַרג־פלאַך, גייט פאַרביי כפר־קמה, אַ טשערקעסיש־מוסולמעניש דאָרף, וואָס עקזיסטירט אַ פאָר צענדליק יאָר און איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון יידישן גליל און פון „השומר".

אין די טעג פון דער צווייטער עליה, זיינען די אַלע וועגן געווען באַדראָט. הינטער די פעלזן פון באַרג פלעגט עמיצער זיצן און לויערן אויף רויב. לעבן בית־גן, אויפן וועג וואָס פירט קיין שרונה, אָדער אויף די סטעזשקעס קיין כנרת זיינען געפאַלן חברים. אין די וואַדי־לאַבירינטן זיינען פאַראַן היילן, ווו ס'האָבן געפונען באַהעלטענישן רויבערבאַנדעס, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דער גאַנצער סביבה. אַ באַזונדערן שם האָט זיך דערוואָרבן דער וואַדי־פעדזשאַס, אויפן וועג קיין מנחמיה.

נאָענט צו בית־גן אויפן וועג קיין שרונה איז געפאַלן יחזקאל ניסאַנאוו פון קאַווקאַז, איינער פון די ערשטע שומרים. נאָך זיין טויט האָט די מוטער געשיקט אַהער זיין ברודער צבי, ער זאָל פאַרזעצן די שמירה. אויך דער וועג פון יבנאל קיין כנרת און דגניה איז דורכגעזאַפּט מיט יידיש בלוט פון די, וואָס זיינען דאָרט געגאַנגען צופוס. די קאָמוניקאַציע איז געווען אַ שווערע און די אַרבעטער האָבן געמוזט וואַנדערן פון מושבה צו מושבה צופוס און ניט איינמאָל האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף מערדער, וואָס האָבן געלויערט פון באַרג־באַהעלטענישן.

צווישן יבנאל וואָס ליגט אין טאָל און דעם עמק הירדן — שניידט דורך אַ באַרג, אויף וועלכן ס'געפינט זיך פוריה.

פוריה — אַן אַלטע פערמע פון דער צווייטער עליה — אַן אונטערנעמונג פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל — וואָס איז פאַרלאָזן און חרוב געוואָרן. נאָר אין די לעצטע יאָרן איז זי זוכה־געווען צו אַ געוויסער גאולה דורך קבוצת הנוער־העובד **אלומות**. זיי האָבן געהאַפּט זיך דאָ איינצוואָרצלען אויפן באַרג און אויפשטעלן אַ פאַרבינדונגס־ישוב — אַ בריק צווישן יבנאל־טאָל און עמק הירדן. אָבער די שווערע באַדינגונגען האָבן צונישט געמאַכט זייער פּלאַן און היינט ווילן זען דיינע אויגן פון שפּיץ־באַרג אָט די קבוצה, וואָס איז אויסגעשפּרייט מיט אירע הייזער און גערטלעך דאָרט אונטן אין מעלה־ביתניה. אַזוי ווערט אויסגעלייזט אָט דאָס אָרט, פון דעם זייט ירדן, וואָס האָט גרויסע מעגלעכקייטן און איז פאַרגליווערט געוואָרן.

ביתניה עקזיסטירט שוין פיל יאָרן. פיל אַרבעטער האָבן דאָרט געאַרבעט, פאַרשיידענע קערפּערשאַפטן האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף איר, אָבער נאָר איצט געפינט זי איר תיקון דורך קבוצת **אלומות**. דער פּונקט איז כמעט גענצלעך אויסגעבויט געוואָרן אויפן בערגל־פלאַך: וווין־הייזער, ווירטשאַפט־בנינים א״ו. די קבוצה איז אַראָפּ אַהער פון באַרג מיט קינד און קייט, כדי צו באַאַרבעטן זייער נחלה.

אלומות — אַן אויפטו פון א״י־דיקן הנוער־העובד. אירע ערשטע חברים זיינען דערצויגלינגען פון בן־שמן. זיי האָבן אַלס קבוצה געלעבט אין זכרון־יעקב און דאָרט געפּרווט דעראָבערן אַרבעט אין דער מושבה, וואָס איז באַקאַנט מיט איר פאַרפרעמדונג צום יידישן אַרבעטער. דאָ האָט זיך קריסטאַליזירט די גרופּע, אָנגעשלאָסן אַן חבר־הקבוצות און זיך קאָנסאָלידירט אַלס קבוצה פאַר קאָלאָניזאַציע. איצט חלומען זיי אויפצושטעלן אין ביתניה אַ גרויסן קיבוצישן משק.

דרומדיק פון ביתניה — קעגנאיבער אשדות־יעקב — רוט אין פאַרגליווערטקייט די אַלטע מושבה **מנחמיה**. נאָך צענדליקער שווערע יאָרן פון פּרימיטיווער ווירטשאַפט, אָפּהענגיקייט פון פאַרשיידענע אַפּוטרופּסים — וועט זי אפשר איצט געפינען איר תיקון דורכן מושב־גרעין „יעל״ וועלכער גייט זיך דאָ באַזעצן. די חברים — באַפרייטע זעלנער פון יידישע מיליטערישע פאָרמאַציעס.

עמק הירדן

פון יבנאל, וואס ליגט אין טאל גייסטו בארג־ארויף און קומענדיק אויבן ווערסטו פארפלעפט פון א נייער וועלט מיט איינדרוקן, וואס פארכאפן דיינע אויגן: א נייע לאנדשאפט מיט א שפע פון בילדער און פארמען. צופוסנס פון די בערג אנטפלעקט זיך ווידער דער ים־כנרת, דער עמק־הירדן, פון זיי ווייטער ציען־זיך לענגוויס דעם האריזאנט די בערג פון גולן און גלעד.

ווי א גרויס אויג, א בלויע און צעעפנטע, רוט דער ים כנרת אין שויס פון די ארומיקע ווילדע בערג — צארט און פארחלומט. פון דער זייט — די רויע, נאקעטע און מיט פעלזן פארזייטע, טבריה־בערג און פון מזרח — די בערג פון גולן, וואס שימערן מיט זייערע טויזנטער טונקעלע פאלדן, וועלכע שפיגלען זיך אפ אין ים מיט א זייד־צארטקייט. און אט שלענגלט זיך דורך דער ירדן מיט זיינע גלאנצנדיקע וואסערן.

פארמאכט און איינגעשלאסן איז כנרת פון אלע זייטן, נאר פון

ים כנרת

צפון און דרום ביים אריינ־ און ארויס־גוס פון טייך איז ער צעעפנט צום עמק הירדן.

פון שטענדיק אן איז דער ברעג פון כנרת געווען באזייט מיט ישו־בים. דער עמק גינוסר איז פון תמיד געווען באַרימט אלס איינער פון די שענסטע טאלן אין לאנד. ער איז היים און פרוכטבאר. „גן־עדן" האט מען אים גערופן. „זיינע פירות זיינען זיס, ווי דער קלאנג פון א פידל" — פלעגט זאגן דאס פאלק, און פונדאנען נעמט זיך דער נאמען כ נ ר ת (כנור — א פידל).

געווען א צייט, די בליטעג פארן חורבן, און אין די שטעט און דער־פער פון דער כנרת־סביבה האט געוווינט ארום א האלבער מיליאן נפשות. אזוי גיבן איבער די היסטארישע מקורות. דא האבן זיך געהויבן אין זייער פראכט די סעדער פון די פירשטן און דערפאר האט מען דאס ארט גערופן (גן — סאד, שר — פירשט).

אויפן מערב ברעג פון כנרת זיינען געווען עלף שטעט און אלע זיינען חרוב געווארן. אפילו קיין זכר איז פון זיי ניט געבליבן. נאר איין שטאט איז פארבליבן, אבער אן איר אמאליקער פראכט, דאס איז ט ב ר י ה. ווען ס'האט זיך אנגעהויבן דאס יידישע אויפבוי־ווערק זיינען אויך דא אנטשטאנען יידישע ישובים, איינער לעבן אנדערן — דער גוש עמק הירדן והכנרת.

כנרת — די היימלאנד פון חלום און פארווירקלעכונג. ביים כנרת זיינען געוועבט געווארן די ערשטע באגערן פון דער יידישער ארבעטער־באוועגונג. דא איז די וויגעלע פון דער קבוצה, דא איז זי צוערשט פאר־פלאנצט געווארן, איז געוועבט און געפורמט געווארן דער געדאנק פון דער גרויסער קבוצה — דא איז אנטשטאנען, פולסירט און געברויזט מיט לעבן דער „גדוד העבודה" מיט זיינע הונדערטער חברים, און דא ניט ווייט, אנטקעגן כנרת אויף א בערגל, האט געלאגערט דער ערשטער קיבוץ פון „השומר הצעיר".

דער ווייטער כנרת איז געווען דער א נ ה ו י ב פון א גרויסער וויזיע.

בקעת הירדן

אין הארץ פון לאנד, פון סאמע צפון ביז ווייטסטן דרום, ציט זיך א גרויסער, טיפער טאל — ב ק ע ת ה י ר ד ן. אינמיטן פליסט דער ירדן, וואס פירט זיינע וואסערן פון

הויכן אייביק באַשנייטן חרמון ביז ים המלח — צום אייביקן זומער; פֿון העכסטן באַרג אין לאַנד, ביז צו דער טיפֿסטער דעפּרעסיע אויף דער וועלט: פֿון דורך גאָט געבענטשטן לאַנד מיט וואַסער רייכקייט ביז צום ים פֿון טויט און קללה. צוויי פּאָלוסן — לעבן און טויט.

דער חרמון שפּייזט דעם ירדן מיט וואַסער אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. פּלוסן פֿון פֿאַרשיידענע קוואַלן פֿאַרייניקן זיך און בילדן דעם ירדן, וואָס גייט באַרג־אַראָפּ, שניידט דורך דעם ים־החולה — 70 מ׳ איבערן ים־פּלאַך, פֿאַלט אַריין אין כנרת — 200 מ׳ אונטערן ים־פּלאַך — און פֿון דאַנען יאָגט ער זיינע וואַסערן צום ים־המלח, וואָס געפֿינט זיך 400 מ׳ אונטערן ים־פּלאַך. דער גאַנצער שטח פֿון כנרת ביז ים־המלח איז אַ דעפּרעסיע און דעריבער איז דער קלימאַט אַ הייסער, די לופֿט אַ ברענענדיקע און די לאַנדשאַפֿט אַ גרויזאַמע. די בערג פֿון ביידע זייטן פֿאַרשטעלן די קילע ים־ווינטן.

טויזנטער יאָרן גיסט דער ירדן אַריין זיינע וואַסערן אין אָפּגעשלאָסענעם ים־המלח און ער פֿאַרפּלייצט קיינמאָל ניט דעם אָרום. דאָס איז אַ ספּעציפֿישע דערשיינונג. די גאַנצע שפּע וואַסער, וואָס קומט אָן זומער און ווינטער, טאָג און נאַכט; די גאַנצע רעגנוואַסער וואָס רינט אַראָפּ פֿון די בערג אין מזרח און מערב — אַלץ זאַמלט זיך אין ים־המלח, און ער גייט קיינמאָל ניט אַרויס פֿון די ברעגן. צוליב דער גרויסער היץ פֿאַרוואַנדלט זיך דער עודף פֿון וואַסער אין דאַמף. די נאַטור האָט געשאַפֿן אַ גלייכגעוויכט צווישן דער מאָס וואַסער וואָס קומט צו און וואָס פֿאַרשווינדט. דעריבער איז דאָ פֿאַראַן אַ אוצר פֿון מינעראַלן — וואָס דאַמפֿן זיך ניט אויס — און האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט אין משך פֿון דורות. די גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג אויף צפֿון און דרום פֿון ים־המלח עקספּלואַטירט אָט די רייכטימער, און הונדערטער מענטשן אַרבעטן דאָ. אויך אין האַרץ פֿון דעם דאָזיקן מדבר ווערן געבויט ישובים.

דער עמק אַליין צעשפּרייט זיך פֿון ביידע זייטן טייך ביזן צופֿוסן פֿון די בערג. לענגזויס די ברעגעס געפֿינט זיך אַ גרינער פּאַס־ערד — גאון־הירדן, אויף אַראַביש אַל־זאָר. איבער אים — אַ ברייטער טרעפּ, דער טאָל גופֿא — אלראר.

און זע: דער מיט וואַסער געבענטשטער עמק ליגט מערסטנטייל פאַרוויסטעט. נאָר דאָרט, וווּ ס'האָט געטראָטן אַ יידישע פוס, האָבן אויפגעבליט ישובים. די יידן האָבן זיך ביז היינט באַזעצט נאָר אין נגב־כנרות, אַזוי רופט מען דעם צפון־פּאַס פון עמק הירדן, דרומדיק פון כנרת. אין גאַנצן עמק־הירדן ביזן ים־המלח זעט מען כמעט ניט קיין אַראַביש דאָרף. אַ וויסטער, ברענענדיקער אומבאַזעצטער סטעפּ, און ברייטע שטחים אין אים זיינען פאַרזאַלצט געוואָרן. מ'זייט ניט און מען אַקערט ניט. אויך די שטחים קוקן אויס אויף יידישער אויסלייזונג.

דער קלימאַט

צפון־טייל פון ירדן און דעם געגנט פון ים־המלח. ווי פאַרשידן איז דער קלימאַט צווישן רעגנרייכן אָבער אַזאַ קאָנטראַסט איז ניט נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַרן עמק הירדן. ארץ ישראל, אַזוי קליין אין שטח, ווי פילפאַרביק איז זי אָבער אין דער נאַטור, קלימאַט און ישוב! דאָס לאַנד ליגט צווישן צוויי פאַרשיידענע קלימאַטישע סטרעפּעס. פון איין זייט דער מיטללענדישער ים און רעגנרייכע צפון־געגנטן, פון דער צווייטער — דער גרויסער מדבר מיט טרוקענע און וויסטע לענדער. דאָס באַשטימט די פאַרשיידנאַרטיקייט. פון איין זייט טריקעניש, מזרח־ווינטן, היץ, הייזעריקן און פון דער צווייטער — קילע ים־ווינטן, פייכטקייט, רעגן. די דורכשניטלעכע יערלעכע טעמפּעראַטור אין לאַנד באַטרעפט אַרום 20 גראַד. אָבער אין די העכערע אָרטשאַפטן — נאָר 16 גראַד, בעת אין נידעריקע ערטער דערגייט זי ביז 24 גראַד. פאַראַן פונקטן, וווּ די דורכשניטלעכע זומער־טעמפּעראַטור (טאָג און נאַכט) באַטרעפט 30 גראַד אין שאָטן. אין ארץ ישראל רעגנט ניט זומער. דער הימל איז קלאָר און בלוי. די ים־ווינטן פאַרמילדערן די היץ; אָבער פון זיי גענیסן בעיקר בערגיקע געגנטן און דער טאָל לענגאויס דעם ים. אָבער דער עמק־הירדן איז פאַרשטעלט; קילע ים־ווינטן דערגייען ניט אַהער. די וואָלקנס, וואָס ווערן געטריבן דורכן ווינט פון די בערג אין טאָל, וואַרעמען זיך אין אים אָן און פאַרוואַנדלען זיך נישט אין רעגן, ווייל וואַרעמע לופט אבסאָרבירט מער פייכטקייט ווי קאַלטע. דער עמק־הירדן איז די הייסטע סטרעפּע אין לאַנד.

און ווי פאַרשיידן איז דער כמות פון רעגן־פאַלן! פון מינימום אין טרוקענעם נגב (50־200 מ"מ) שטייגערט עס צפון צו, מיטן ים־ברעג

(400‑750), און נאָך מער אין גליל העליון; און דערנעבן — ליגט אויף די שפּיצן פון חרמון און לבנון אַן אייביקער שניי! דער עמק־הירדן, וואָס ליידט פון מאַנגל אין טוי און רעגן, גענישט פון זיין הייסן קלימאַט און נאָענטקייט צו די ירדן־וואַסערן: די פּרוכטן פון סאַד און גאָרטן ווערן דאָ פריער רייף, זיינען זוכה צו קומען אויך די ערשטע אויפן געבראויד־מאַרק.

ס'גליט און ברענט די לופט אין עמק. גוט, וואָס דער ירדן און כנרת זיינען דאָ ניט ווייט און מ'קאָן זיך אין זיי אַ ביסל אָפּקילן און אָפּפרישן. קומסטו אין אַ הייסן דושנעם זומער־טאָג, וואַרף שנעל אַראָפּ די לייכטע זאַכן מיט די סאַנדאַלן, שפּרינג אַריין אין ירדן. אָבער — היט ברודער־לעבן דיינע ביינער, אויב דו קאָנסט ניט גוט שווימען.

ווי גוט איז זיך אָפּצוטובלען אין ירדן, אָדער אין כנרת. דו פילסט זיך וואונדערבאַר אין קאַלטן וואַסער ווען אַלץ אַרום פלאַמט. אין אַ ווייל אַרום פרעסן דיך ווידער די פלאַמיקע זון־שטראַלן. און וווהין וועסטו זיך אַפּטראָגן?

קבוצה כנרת

לאָמיר פריער אַריינקומען אין דער קבוצה כ נ ר ת, דעם צפונדיקער ישוב אין גוש און דערנאָך וועלן מיר גיין צו דרום צו קיין ד ג נ י ה, דער עלטסטער קבוצה און נאָכדעם צו אירע יינגערע שוועסטער.

אַן אַ זייט פון וועג, אויף אַ בערגל, ליגט קבוצת כ נ ר ת. זי קוקט אַראָפּ אויפן עמק מיט אירע הויכע הייזער, פלאַכע דעכער און ברייטע טעראַסן, אָפענע פאַר די ווינטן אין דער מלוכה פון היץ. כנרת איז די מוטער פון אַלע ישובים אין דער סביבה און דורך איר אַנטשטיין איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער אַרבעטער־התישבות אין גאַנצן לאַנד. און דאָך שטייט זי ווי אַן אַ זייט, אַריינגעטון אין זיך. אָבער אין איר איז איינגעראָלט אַ רייכער קאַפּיטל־געשיכטע פון אַרבעטער־לעבן אין לאַנד, וואָס זיינע שפּורן זיינען נאָך מערקבאַר עד היום.

יאָ, עפּעס טייערס און האַרץ־רירנדס נעמט דיך אַרום ווען דו עפנסט און בלעטערסט די געשיכטע פון כנרת אין יענע טעג. דאָ זענען געש־פּינט געוואָרן די ערשטע, וואונדערבאַרע פעדעם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. רייכע זיינען די דערינערונגען — „זכרונות כנרת”. דאָ האָבן

געאַרבעט, געחלומט די בעסטע חברים פון דער באַוועגונג. דאָ האָט געלעבט די דיכטערין ר ח ל און באַזונגען כנרת; דאָ אין קבוצה האָט געלעבט צ ב י ש ץ, וועלכער האָט איבערגעגעבן איר אַטמאָספער אין זיינע נאָוועלן; פונדאַנען האָט זיך אין די טעג פון תל־חי געלאָזט קיין גליל העליון א ה ר ן ש ע ר, און איז דאָרט געפאַלן. דאָ האָבן אויך געלעבט ב ע ר ל קאַ צ ע נ ע ל ס אָ ן און א. ד. ג אָ ר ד אָ ן און אַנדערע, זיי צו לאַנגע יאָר. טיפע פריינדשאַפט און בענקשאַפט צו ברייטקייט איז דאָ געפלעגט געוואָרן. דאָ האָט מען זיך געלערנט פאַר־שטיין, וואָס באַדייט דאָס לאַנד פאַרן אַרבעטס־מענטש און דאָ האָבן זיך געוועבט פעדים פון ליבע און צוגעבונדנקייט צו דער העברעאישער שפּראַך. און דער הייפל אַרבעטער פון כנרת האָט מיט זיין אידייען־גאַנג אויסגעטראָטן אַ וועג פון די ענגע ד׳ אמות פאַר ברייטערע האָרי־זאָנטן פון קיבוץ־לעבן.

אַז ארעאָל פון בראשית באַדעקט כנרת אין אירע ערשטע טעג:

„אויף אַ בערגל קעגן ים האָט מען אַנטדעקט אַ חורבה. מ׳רופט זי „האַן״. אַרום דעם אָרט האָט מען געפונען סימנים פון אַמאָליקע חור־בות, רעשטלעך פון פעסטונגען און מען מאַכט דעם אויספיר, אַז דער בערגל איז געווען אַמאָל באַפעסטיקט. אין דעם האַן איז אונדזער מחנה.

— — — מיט לאָפּאַטעס און העק זיינען זיי געקומען קיין „דליקה״, דאָס איז די פערמע צו וועלכער ס׳האָט זיך אומגעקערט די יידישע יוגנט.

...ברעטער האָט מען געבראַכט פון טבריה, איינעם פון די חברים אַוועקגעשטעלט ווי אַ סטאָליאַר. ער האָט געמאַכט אַ טיש, צוויי לאַנגע בענק, אויך אַ שאַפע האָט ער מיט שכל צוגעטראַכט, קיך־כלים האָט מען געבראַכט פון טבריה און מיטן קומען פון דער חברטע מ. האָט אויפ־געהערט די מאַלאַריע און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַן איינגעאָרדנט לעבן.

...ווען ס׳פאַלט צו די נאַכט ברענט אַ לאָמפּ אויפן טיש. אייניקע פון אונדז קוקן אַריין אין אַ געדרוקט וואָרט און מיר אַלע לייגן זיך אויס אויף ראָגאָזשעס — דאָס איז אונדזער געלעגער. איך ווייס, אַז מיר געפינען זיך ווייט פון שטאָט און מענטש, אַרומגערינגלט מיט ים און בערג. און אַז איך קוק אין אַזאַ מינוט אויפן סופיט, וואָס שפּאַרט

זיך אַן אויף צוויי פעסטע האַלב־קרייזן, און אויף מיינע חברים־אַרבעטער, וואָס זיינען אַזוי שטאַרק און פעסט ווי ד י זיילן, דעמאָלט דוכט מיר, אַז כ׳געפין זיך אין דער הייל פון ראָבינזאָן קרוזאָ, אָדער אין אויסלאַנד, צווישן אַ באַנדע רויבערס און לאַנד־באַצווינגער און הער לעגענדעס וועגן די פאַרצייטיקע ריזן־געטער און זייער פמליה...

און אַזוי איז עס".

כנרת די פאַרמע איז געווען דער ערשטער פונקט אין דער סביבה, אַ ווינקל־שטיין פאַר אַ נעץ ישובים אין דער געגנט. אייגנטלעך איז דאָס געווען דער ערשטער אויפטו פון ק. ק. ל. אָן דערפאַרונג און טראַדיציע האָט דער נאַציאָנאַל־פאָנד אָנגעהויבן דאָס התישבות־ווערק, דעם איינקויף פון באָדן און ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. ס׳איז אָבער נאָך נישט געווען קיין אויסגעטראָטענער וועג. דער אויסגעלייזער באָדן איז אין די ערשטע יאָרן געווען פוסט, נישט באַאַרבעט אָדער געווען פאַרפאַכטעט צו אַראַבער און מ׳האָט אפילו נישט אויסגעמיטן צו באַשעפטיקן ביליקע אַרבעטס־הענט. ווער ווייסט, וווהין ס׳וואָלט דערגאַנגען דער ק. ק. ל. ווען נישט דער יידישער אַרבעטער, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די פערמעס ווי אַ לויז־אַרבעטער, און געוויזן דער ציוניסטישער באַוועגונג דעם וועג פון התישבות. דער דורכפאַל אין דער שאַפונג פון די מושבות אין דער ערשטער עליה איז געווען אַ גוטע לערע פאַרן יידישן אַרבעטער.

די נאַציאָנאַלע פערמע האָט באַשעפטיקט יידישע אַרבעטער, אָבער ניט זיי זיינען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן משק. צו דעם צוועק איז געווען אַ באַאַמטער. די לעבנס־באַדינגונגען זיינען געווען שווערע, די ענגשאַפט אַ שרעקלעכע, די באַציונגען צווישן באַאַמטן און די אַרבעטער — אָנגעשטרענגטע און קאָמפּליצירטע. נישט איינמאָל איז געקומען צו קאָנפליקטן און שטרייקן. אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער באַוועגונג איז באַקאַנט דער שטרייק אין כנרת אונטער דער אָנפירונג פון בערל קאַצענעלסאָן, וואָס האָט דאָרט דאַן געאַרבעט. דער דאָזיקער שטרייק האָט צעשמעטערט די הערשאַפט פון אַפּוטרופסות, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן באַוווסטע נעגאַטיווע שטריכן באַקאַנט פון באַראָנס אָנגעשטעלטע. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם שטרייק איז באַשלאָסן געוואָרן אײ־

בערצוגעבן א טייל באדן פון דער פערמע די ארבעטער אויף זייער אייגענער פאראנטווארטלעכקייט, אן אויפזייער. א דאנק דעם עקספערימענט איז אנטשטאנען ד ג נ י ה.

אויף פארשיידענע וועגן און פון פארשיידענע פאזיציעס איז דער יידישער ארבעטער דערגאנגען צו דער קבוצה, צום קאלעקטיוון לעבן, צום זעלבסשטענדיקן קיבוצישן ווירטשאפט. דאס געפיל פון היסטארישער שליחות וואס האט פולסירט באוווסטזיניק, אדער אינסטינקטיוו האט באוועגט און געצוווּנגען זיך צוזאמענשמידן, זיך צונויפנעמען, שאפן א געזעלשאפט: ווייל ס'איז אוממעגלעך אויפצושטעלן א יידישן ארבעטער־קלאס, א יידישע ווירטשאפט, אויסצוהאלטן אין דער ווילדער, ווייסטער סביבה, אויב מיר וועלן נישט פירן א געמיינזאם לעבן פון שותפותדיקן גורל. עס שאפן זיך די ערשטע אקארד־קבוצות אין דער מושבה, די קבוצות פאר שמירה, הגנה און צום סוף פאר קאלאניזאציע.

די נאציאנאלע פערמעס, וואס האבן קאנצענטרירט יידישע ארבעטער, זיינען געווען א וויכטיקער איבערגאנג צו דער קבוצה. דאס צוזאמענלעבן, די שותפותדיקע באשפייזונג און ארבעט האבן געשמידט צו איר דעם וועג. פון דער פערמע כנרת, וואס האט געקעמפט קעגן באאמטנטום, ביז דער לאנדווירטשאפטלעכער קבוצה — איז נאר איין שריט.

בעת דער צווייטער עליה האט כנרת דורכגעמאכט א סך גלגולים. חברים זיינען געקומען און אוועק, ביז ס'האט זיך דארט אפגעשטעלט א גרופע חברים פון כפר־אוריה ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. כנרת האט פארמאגט עפעס אזוינס, וואס האט איר געמאכט מער צוטריטלעך ווי אנדערע קבוצות און מער צוגעבונדן צו דער גאנצער באוועגונג. דא איז געווען די ערשטע לערן־פארמע פאר מיידלעך, דער יסוד פאר משקי־הפועלות. בעת דער ארבעטסלאזיקייט און נויט אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה האבן זיך דא קאנצענטרירט לויז־ארבעטער צו טריקענען דעם זומפ. דא איז געבוירן געווארן דער געדאנק פון "המשביר", וואס האט אפגעראטעוועט די ארבעטערשאפט פון דער הונגער־חרפה א דאנק סאלידאריטעט און ארגאניזירער קעגנזייטיקער הילף. דא האט פולסירט א וואכזאם לעבן און דא האט מען דורכגעפירט שמועסן וועגן גורל פון דער קבוצה און פון דער ארבעטער־באוועגונג.

אין כנרת האָט געלעבט די גרופּע חברים, וואָס האָט געוואַגט אַרויסגיין פון די שמאָלע קבוצה־ראַמען פון יענער צייט און געזוכט וועגן צום מרחב. די ערשטע אַנטפּלעקונגען האָבן זיך שוין געלאָזט מערקן, ווען ס׳האָבן דאָרט נישט ווייט געאַרבעט די חברים ביים זומפּ. זייער אָפּגעזונדערט שווער לעבן האָט געמאַכט אַ פּײַנלעכן איינדרוק אויף טייל חברים פון משק און גערירט זייער קיבוצישן געוויסן, דאָס האָט דערוועקט פּראָבלעמען פון וועג אין וועלכן ס׳דאַרף גיין די קבוצה. ס׳איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון עקאָנאָמישער איינדקייט צווישן אַרבעטער אין דער זעלבסט־ווירטשאַפט און לוין־אַרבעטער, וועגן פּאַר־ברייטערן די געזעלשאַפטלעכע ראַם פון דער קבוצה. דאָן איז אויפגע־קומען די אידיי וועגן אַ „גרויסער קבוצה". באַלד נאָך דער מלך־חמה איז אין דער ריכטונג געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו און כנרת איז אויסעוואַקסן ביז 60 מאַן. לויט די באַגריפן פון יענער צייט איז דאָס געווען אַ גרויסע רעוואָלוציע.

מיטן אָנקומען פון דער דריטער עליה, ווען ס׳האָבן זיך געעפנט ברייטע האָריזאָנטן פאַר דער התישבות, איז פון כנרת אַרויס אַ גרופּע חברים, וואָס איז געגאַנגען צום „גדוד העבודה", כדי צוזאַמען אויפצו־שטעלן די גרויסע קבוצה אין עמק יזרעאל. היסטאָריש דאַרף מען זען אין כנרת איינעם פון די מקורות פון קבוץ המאוחד. כנרת איז אייגנטלעך די מוטער פון דער קיבוצישער באַוועגונג. אין איר שוים זיינען געפלעגט געוואָרן די קבוצה און דער קיבוץ גלייכצייטיק.

בעת דער דריטער עליה האָט זיך אָנגעשלאָסן צו כנרת „קבוצת ווילנה", וואָס האָט פריער געאַרבעט אויף די כבישים. דער משק האָט זיך גענומען סטאַביליזירן, בויען, פאַרצווייגן. אמת, די באָדן־נויט פּענ־טעט דערווייל די אַנטוויקלונג. געווען צייטן, ווען די פּיק"א האָט פאַר־געלייגט דער קבוצה אַריבערצוגיין אויף די פעלדער פון דלהמיה (היינ־טיקע אשדות־יעקב), דאָס איז אָבער נישט צושטאַנד געקומען. איינע פון די סיבות — די צוגעבונדנקייט צום אָרט, מיט וועלכן ס׳זיינען פאַרבונדן טייערע זכרונות.

ענדלעך איז געקומען דער דעצידירנדיקער מאָמענט אין דער אַנט־וויקלונג פון דער קבוצה: דאָס פאַרלאָזן די מויערן פון דער פערמע און

אריבערגיין אויפן בערגל אנטקעגן, וווּ ס׳שטייט היינט דער ישוב. די פערמע האט געירשנט א יונגער קיבוץ און כנרת האט אנגעהויבן אלץ פון דאס ניי.

כנרת האט גרויסע דערגרייכונגען אויפן ווירטשאפטלעכן געביט. גרויס זיינען אירע פארדינסטן אין קולטיווירן גרינס־גערטנער. די ער־שטע אין גוש איז זי געווען, וואס האט געפלאנצט באנאנען, די ערשטע אין לאנד — טייטלען. דער טייטלען־גארטן, וואס שפרייט זיך אויס ביים קראַק, לעבן כנרת, איז פארבונדן מיטן אנדענק פון דער דיכטערין רחל און טראגט איר נאמען — גן־רחל. דער באַרימטער זומפּ, פּאַק־טיש אן אלטער, אויסגעטריקנטער אָרעם פון ירדן, איז פארוואנדלט גע־ווארן אין א קינסטלעכע פיש־אָזערע. קום אהער צום באסיין וואס רוט אין שויס פון די אַרומיקע בערגעלך, אין שאטן פון די עקאליפּטוס־ביי־מער, און וועסט פילן עפּעס פון דער געהיימניספולער אטמאספער פון ביאַליקס „הבריכה”.

יארן איז כנרת געווען פארבונדן מיט „חבר הקבוצות”, אבער נאך דער פאראייניקונג מיט „גורדוניה”, האט זי זיך פארבונדן מיטן „הקבוץ המ־אוחד”. זי האט אויך אריינגענומען א יונגן קבוץ פון ליטווישן און לעטישן השומר־הצעיר נצ״ח, וועלכער האט פארדאפלט די קבוצה, פארצווייגט און פילפארביק געמאכט דאס געזעלשאפטלעכע לעבן, און אריינגעשטראמט פריש בלוט אין אירע אדערן. כנרת פארהיט נאך היינט עפּעס וואס פון איר יוגנט־חן.

לאמיר דערמאנען די יוגנט־יארן פון כנרת, קום אין הויף אריין מיט מיר אין הויף פון דער פערמע, און באַ־ העפט זיך מיט די זכרונות פון אירע ערשטע טעג.

מ׳האט שוין ווי נישט וווּ אַרויסגעשפּאַרט פון דעם אלטן מויער, ס׳זיי־נען צוגעקומען פלאנקען און נייע הייזער — און דאך פילט זיך נאך דער ריח פון אלטן הויף פון פאר פערציק יאר. אט זעסטו דעם הויף, דא איז די מויער פון נאקעטן שטיין און דארט ווידער דער לייען־זאל מיטן אויסגעוועלבטן סופיט — די אלע פארבארגן אין זיך עפּעס וואס פון די פארגאנגענע טעג. היינט געפינט זיך דא „מעגן”, א פלוגה פון קיבוץ־המאוחד.

יאַרן זיצט זי דאָ און וואַרט אומגעדולדיק זיך צו באַזעצן אויף דער ערד, נעבן עין־גב — מזרחדיק פון כנרת, ביי די פיס פון גולן. די חברים זיינען פון דער אונגאַרישער תנועה „דרור הבונים”. אַ טייל איז עולה געווען אין מלחמה־צייט, אַנדערע שפּעטער. די קבוצה האָט געשיקט עטלעכע חברים צו אַ געוואַגטער שליחות, ווי פּאַראַשוטיסטן אין די אָקופּירטע לענדער פון שונא בעת דער מלחמה. פון דריי איז איינער אומגעקומען — פּרץ, ווען די נאַציס האָבן געכאַפּט און פאַרפּייניקט צום טויט. די שליחות פון איינעם פון די חברים איז באַשריבן אין זיינס אַ בוך „און ס'איז אַ גרויסער שטורם געקומען”, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג פון הקבוץ המאוחד.

דער הויף פון דער פערמע האָט געדינט ווי אַן אכסניה פאַר אַ סך קיבוצים ביז זייער התישבות. נאָכן פאַרלאָזן די פערמע דורך דער קבוצת־כנרת האָט זיך דאָ באַזעצט דער קיבוץ השומר הצעיר פון ס. ס. ר., וועלכער האָט געבויט אפיקים. שפּעטער איז דאָ געווען די קבוצה „בתלם”, וועלכע האָט זיך באַזעצט אין עין־גב. דאָס איצטיקע רינגעלע אין דער קייט איז דערווייל „מעגן” און אויך זי איז נישט די לעצטע. ניט ווייט איז דער טאָג ווען אויך זי וועט זיך איינוואָרצלען אין איר באָדן. ס'וועט ווידער קומען אַ פרישער, יונגער קיבוץ און וועט ווייטער וועבן דעם פאָדעם, וואָס ציט זיך פון דער אַנטשטייאונג פון דער פערמע.

דער הויף גרענעצט מיטן כביש, וואָס פירט פון איין זייט לענגאויס די בערג קיין טבריה און פון דער צווייטער זייט באַרג־אַרויף און שפּעטער אַראָפּ קיין יבנאל. ניט ווייט איז דער קעראַק, אַ וויים בערגל ביים כנרת. דאָ האָבן געפונען זייער אייביקע רו אַ סך אַרבעטער פון דער צווייטער עליה, פון שפּעטערדיקע עליות — ביז איצט.

אַרבעטער-קברים

די אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד האָט אַ סך בית־עלמינס. פון סאַמע אָנהויב האָט די אַרבעטערשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון יונגע מענטשן, זיך באַקענט מיטן טויט און אויסגעהאַק קברים פאַר יונגע חברים. אַ טראַגישע דערשיינונג, דאָס איינציקע אפשר אויף דער וועלט, איז דער אַרבעטער בית־

עולם אין לאַנד: קבֿרים פֿון יונגע חברים, וואָס זײַנען אומגעקומען מיט אַ נישט נאַטירלעכן טויט. פּריצײַטיק איז אויסגערונען דער זאַפט פֿון זייער לעבן אויף אייביק. דער טויט איז געקומען נישט בײַם סוף פֿון לעבן, נאָר אין סאַמע וווקס פֿון שאַפֿונג, אויפֿן שוועל. דער טויט איז פֿאַרבונדן מיטן חלוצישן גורל פֿון מענטשן — ער איז פֿאַרבונדן מיטן אומגליק, וואָס איז אַ פּראָדוקט פֿון דעם באַזונדערן גורל פֿון אַרבעטס־מענטש אין אַ וויסט און ווילד לאַנד. דאָ רוען חברים, וואָס אַ קויל פֿון אַ לויערנדיקן שונא האָט זיי אַוועקגעלייגט, וואָס זײַנען געפֿאַלן אין אָפּגענעם קאַמף בעת דער שמירה, הגנה אָדער אַרבעט. דאָ ליגן חברים וואָס האָבן זייערע כּוחות פֿאַרלוירן אין קאַמף מיט קראַנקהייטן און מאַ־לאַריע, אָדער וואָס נישט קענענדיק אויסהאַלטן די קלעפּ פֿון גורל — האָבן זיך גענומען דאָס לעבן. דאָ רוען אויך חברים, וואָס זײַנען דער־טרונקען געוואָרן אין כּנרת. ס׳איז געוואָרן אַ משפּחה־קבר פֿאַר דער אַר־בעטערשאַפֿט. דאָ ליגן נישט נאָר חברים וואָס זײַנען געשטאָרבן אין כּנרת. אַרבעטער פֿון מושבֿות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שטענדיקן פּלאַץ, זײַנען אַהער געבראַכט געוואָרן צו קבֿורה. אָן מצבֿות און מאָנו־מענטן שטייען קבֿרים־בערגלעך פֿון אומבאַקאַנטע אַרבעטער: מענטשן פֿון דער צווייטער עליה, דריטער, פֿון די כּבֿישים. דאָ ליגט ממשי פֿון דער צווייטער עליה, אַ גײַסטרײַכער מענטש מיט אַן אינערלעך פֿײַער, וואָס האָט מיט אַ קראַנק האַרץ און מיט די לעצטע כּוחות געאַרבעט ביזן טויט.

„און זייערע ביידנס ביינער, ווי פֿון די איבעריקע ברידער, וואָס זײַנען מיט זיי, ליגן אין דעם קליינעם שטיקל ערד, וואָס מיר פֿאַר־מאָגן אין גליל (כּנרת). איז דען די ערד פֿון גליל נישט הייליק?״ — אַזוי האָט געשריבן י. ח. ברענער וועגן ממ״שי און דעם שומר באַראַל.

דאָ איז אויסגעהאַקט דער קבֿר פֿון ב ע ר ל ק אַ צ ע נ ע ל ס אָ ן. ס׳האָט זיך אומגעקערט דער מענטש צו זײַן היימאָרט — קיין כּ נ ר ת.

אויפֿן זעלבן בערגל האָט מען דאָ נישט לאַנג אַנטדעקט רעשטלעך פֿון אַמאָליקע צײַטן. אָבער נישט נאָר רעשטלעך פֿון אַמאָל און נישט נאָר קבֿרים וואַקסן דאָ. אויך אַ לעבן וועט זיך דאָ אַנטוויקלען. איצט ווערט דאָ געבויט אַן אַגראַר־מיטל־שול פֿאַר די קינדער פֿון גוש און

ס׳איז געלייגט געוואָרן אַ גרונטשטיין פאַר „אהלו״ (זיין געצעלט) — אַ הויז א. נ. פון בערל קאַצענעלסאָן, וואָס די הסתדרות וועט דאָ אויפ־בויען.

רחל

ווו, אויב ניט דאָ, דאַרף אַרויסגעזאָגט ווערן דער דאָזיקער נאָמען? דאָ, אין כנרת האָט געלעבט רחל. מיט כנרת האָט זי געלעבט אפילו דעמלט, ווען זי איז דאָ נישט געווען, ווען פאַר־שיידענע אומשטענדן האָבן זי פאַרוואָגלט ווייט, און מיט כנרת האָט זי געלעבט, ווען זי איז געקומען צוריק אין לאַנד שווער קראַנק און צוגעשמידט צום בעט... אהער איז זי געבראַכט געוואָרן צו קבורה, צו דער אַרבעטער־משפּחה. ביים ברעג פון ים כנרת אויפן קראַק האָט מען איר אויסגעהאַקט אַ קבר.

מיט דער צווייטער עליה איז זי געקומען אין א״י פון רוסלאַנד. גאָר יונג איז זי געקומען פון אַן אַנדערער, פרעמדער וועלט. זי האָט גע־אַרבעט אין דער לערן־פערמע אין כנרת. דאָ איז זי געוואָרן אַן אַרבע־טאָרין, אַ יידישע טאָכטער, האָט זיך באַהעפט מיטן לאַנד און לאַנד־שאַפט, ליב געקריגן די העברעישע שפּראַך, וואָס איז איר געווען ביז דעמלט פרעמד. און די שפּראַך איז געוואָרן לייב פון איר לייב, בלוט פון איר בלוט.

דער גרויזאַמער גורל האָט זי אָוועקגעריסן פון דער אַרבעט, פון די חברים פון כנרת. דער טרויער פון נבו — דער באַרג, פון וועלכן משה האָט געזען דאָס לאַנד און איר ניט דערגרייכט — האָט באַדעקט אירע לעצטע טעג: מ נ ג ד. „ווייט איז יענער פעלד, אהין האָט פאַרצוימט דער גורל אויף אייביק אַלע וועגן״. אָבער אירע הענט זיינען געווען אויסגע־שטרעקט מיט ליבע און תפלה צו כנרת. אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט ליבשאַפט צו די, וואָס גייען נאָכן אַקער. אַלע זכרונות פון כנרת זיינען אויסגעלייטערט געוואָרן דורך דעם איינפאַכן, שטראַלנדיקן וואָרט, פון אירע קליינע, וווּנדערבאַרע לידער.

אין דער געשטאַלט פון רחל האָט זיך פאַרקערפּערט דער ריינער און לויטערער מהות פון דער צווייטער עליה, דורכגעזאַפּט מיט ליכט פון אייגענע פעלדער, קלאָרקייט פון לאַנדשאַפט און צאַרטער בלויקייט פון הימל.



דער מצבה-שטיין אויפן קבר פון דער דיכטערין

אויב באַשערט האָט מיר דער גורל
לעבן ווייט פון דיין געצעלט,
לאָז כנרת, לאָז מיר רוען
אויף דיין בית-הקברות פעלד.

פון טויט די קאַלטע שטילקייט
וויגט דעם אומעט. דאָ ניט איין
ווען אַנטקעגן פון דער סטעזשקע
קלינגט אַן אַרבעט-ליד אַריין.

דער וועג פון כנרת קיין דגניה פירט דורך אַ בריק איבערן ירדן, ניט ווייט פון אָרט, ווי ער פליסט אַרויס פון כנרת. אין די טעג פון דער צווייטער עליה, איידער מ'האָט אויפגעשטעלט דעם בריק, פלעגט מען זומערצייט דורכגיין דעם טייך צופוס אָדער דורכפאָרן מיט אַ וואָגן, ווינטערצייט אויך מיט אַ שיפל. מ'האָט נאָר באַדאַרפט פאַרקאַטשן די הויזן און באָרוועס אַדורכגיין דורך דעם שטראָם וואַסער. אויך די וואגנס פון די ישובים פון מערב-ברעג צו דער באַן-סטאַציע צמח זייַנען לייכט אַזוי אַדורך. דער בריק מאַכט פאַרגעסן די אַמאָליקע טעג.

היינט זעט מען, ווי די קינדער פון דגניה שווימען אין טייך. ביי דעם בריק איז אויפגעבויט געוואָרן דורך דער חברת־חשמל א דאַמבע, כדי צו רעגולירן דעם וואַסער־שטראָם פון ים־כנרת.

באַלד נאָכן בריק געפינסטו זיך ביים טויער פון דגניה.

דגניה

אין דרום־מזרחדיקן שוים פון ים־כנרת, ביים ירדן, געפינט זיך ד ג נ י ה. איינגעהילט אין שאָטן פון הויכעביימער, פאַרטון אין זיך אַליין, ליגט די קבוצה. רואיק און סודותדיק שפּרייטן זיך אויס די פּליינען ביז צו די אַנטקעגנדיקע בערג. שווערוואַגיק איז די לופט, זי דריקט מיט איר היץ און פלאַם.

צווישן די ביימער־אַלייען גייסטו מיט געמאָסטענע טריט און די סטע־זשקע דערפירט דיך קיין דגניה.

דו קוקסט אַריין אין אַלע ווינקעלעך פון משק, בלאָנדזשעסט אַרום אין הויף צווישן די הייזער און גערטנער. אומעטום א מוסטערהאַפטע אָרדנונג. ניטאָ קיין שטיקל שטח וואָס איז פאַרוואָרלאָזט. שיין זעען אויס די פלאַנצונגען און וועלדלעך. אין זייער שאָטן געפינט מען רו פאַרן מידן קערפּער. דערנעבן קאָנסטו זיך דערקוויקן מיט די קאַלטע ירדן־וואַסערן.

און אַלץ איז איינגעהילט אין שטילקייט, וואָס אָטעמט מיט א סוד. ס'איז הייס, די שווייגנדיקע און פאַרמאַטערנדיקע היץ הענגט איבער אַלעמען. ס'פילט זיך שווערע ערנסטקייט. א טיף איינגעוואָרצלט לעבן. צווישן די ברייט פאַרצווייגטע ביימער באַוועגן זיך קינדער פון פאַר־שיידענעם עלטער און די חברים, אָפּגעברענטע פון דער זון, האַרעווען שטיל און קאָנצענטרירט אין זיך. ס'פילט זיך דאָ א סטאַבילער און פאַרוואָרצלטער „יש". און דער בית־הקברות אין שאָטן פון די עקאַ־ליפּטוס־ביימער — יעדער קבר דערציילט א שווערע און טרויעריקע לעבנס־געשיכטע פון מענטשן, וועלכע האָבן זייט העכער 35 יאָר באַ־פרוכפּערט די וויסטקייט און אויפגעבויט דאָס ווינקעלע — ד ג נ י ה.

דגניה איז געגרינדעט געוואָרן שוין אין יאָר 1911. דאָס איז בעצם דער ערשטער אַרבעטער־משק אין ארץ־ישראל, די ערשטע קבוצה. ס'זיינען פאַר דעם געווען פּרוּוון פון א קאָמונע־לעבן אין לאַנד, אָבער

דגניה איז די ערשטע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן שטאַנדהאַפטיקייט. מיט איר גלויבן אין אידיי און אויסדויער האָט דגניה אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען.

די גרינדער פון דגניה האָבן נאָך פאַרן באַזעצן זיך דאָ געלעבט אַלס קאָמונע אין חדרה. אַ קליינע גרופּע — זעקס חברים און איין חברטע — האָבן זיך באַזעצט אין אַ ברענענדיקן מדבר אויף יענער זייט ירדן און דער זאַמען, וואָס זיי האָבן פאַרזייט איז אויפגעגאַנגען, זיך צעבליט און געוואָרן דאָס, וואָס ער איז איצט.

זיי זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אויסגעפורעמט אַ געשטאַלט פאַר אַ יידישער קאָמונע. ווי די ערשטע איז זיי אויסגעקומען אַ סך צו טאַפּן אין דער פינצטערניש און זוכן אַ לייזונג פאַר פראַגן, וועלכע יידישע בחורים האָבן אין זייער לעבן נישט געקענט. ווי די ערשטע, וואָס האָבן געבויט אַ נייע ווירקלעכקייט אויפן יסוד פון שותפותדיקן גורל, חברשאַפט, פשטות און גלייכקייט האָבן זיי זיך טאָג־איין טאָג־אויס אָנגעשטויסן אויף פּראָבלעמען, וואָס האָבן געפאָדערט אַ לייזונג. זיי האָבן געקעמפט מיט זיך, מיט דעם אַרום, כדי דורכשלאָגן אַ וועג פאַר זיך און פאַר די נאָכפאָלגער. פאַר זיי האָט זיך צום ערשטן מאָל געשטעלט די פראַגע פון אַ משפחה אין קבוצה, פון אַ חברטע, פון אַ קינד, דערציונג או"וו.

אין די ערשטע יאָרן איז ניט אַלץ געווען קלאָר. פון צייט צו צייט האָבן זיי געוואָרפן אַ בליק צו די בערג קעגנאיבער, און מיט לייב און לעבן זיך געוואָלט ווידמען אַ מער געוואַגטער דעראָבערונג — דעם ח ו ר ן. אָבער דגניה האָט געוווסט, אַז די אמתע גבורה שטעקט אין אויסדויער, אין איינוואָרצלען זיך אויף איין אָרט, אין ליב באַקומען די אייגענע ערד, לאַנדשאַפט, די ביימער און פעלדער, די אָרטשאַפט ווו ס'רוען די חברים, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר דער דאָזיקער בויונג. דגניה האָט זיך דאָ טיף איינגעוואָרצלט און איר ליכט האָט זיך צעשפּרייט ווייט אַרום.

דגניה האָט דערפילט אַ שליחות אין דער קאָמונע־באַוועגונג אין לאַנד. דער עיקר פּרוּוו־שטיין איז געווען איבעוויניק, אין דער קבוצה. מיט איר עקזיסטענץ האָט זי געדינט אַלס באַווייז, אַ ז ד אָ ס א י ז

אַ וועג, נישט נאָר פאַר איר אַליין. דגניה האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען דער עיקר צווישן דער חלוצישער יוגנט אין גלות, הגם נישט אַלע זיינען מסכים געווען צו דער ענגער געזעלשאַפטלעכער ראַם. אין ערשטער ריי האָט דגניה געהאַט אַ ווירקונג אויף די קרייזן פון „הפועל הצעיר" אין לאַנד און פאַרוואַנדטע צו זיי אין גלות. דעם שווערפּונקט פון לעבן אין קאָמונע האָט דגניה געזען אין דער פלעגונג פון אינערלע־כע באַציונגען, פּאַסיקן אָפּקלייב פון מענטשן. זי האָט זיך נישט געאיילט אויסצובּרייטערן אירע ראַמען. ערשט נאָך אַ סך יאָרן איז זי פאַמעלעך אויסגעוואַקסן, אַריינגענומען נייע חברים און מיטן נאַטירלעכן נאָכ־וווקס — פון אירע אייגענע קינדער — איז פאַרברייטערט געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער און ווירטשאַפטלעכער באַזיס.

הונדערטער חברים זיינען אַדורך דגניה, וואָס האָט דערמיט גע־דינט אַלס שול פון אַרבעט און קאָמונע־לעבן. איר צענטראַלער קערן פון דער צווייטער עליה האָט זיך דאָ אָפּגעהיט מער ווי אין אַנדערע קבוצות פון דער זעלבער צייט. ס'איז אַ ווייטער מהלך פון איינזאַמען אום־דזשוני (ווי ס'האָט אַמאָל געהייסן) ביז צו הייִנטיקער דגניה; פון די אַראַבישע ליים־הייזלעך אין דער פאַרטריקנטער סביבה ביז צום גוש־ישובים אין עמק הירדן.

ווי אַז ערשטע קבוצה אין גוש דינט דגניה אַלס אַ צענטער אויף אַ סך געביטן. דאָ געפינט זיך די שול, אַ שותפותדיקע פאַר אַ באַדייטנ־דיקן טייל קבוצות אין דער סביבה. ניט ווייט איז דאָס הויז פאַר נאַטור און לאַנדווירטשאַפט א. נ. פון א. ד. גאָרדאָן — בית גורדון; אַ רייכע לאַנדווירטשאַפטלעכע ביבליאָטעק מיט טויזנטער בענדער, קאָלעקציעס פון בעלי־חי, פלאַנצן און מינעראַלן. ביי דער ביבליאָטעק — אַ רייכע און געניטע קאַרטאָטעק, וואָס דינט געטריי יעדן ערד־אַרבעטער. לעבן גאָרדאָן־הויז געפינט זיך „גן־רופּין" — אַ גאָרטן וווּ מ'אַקלימאַטיזירט טראָפּישע און סובטראָפּישע געוויקסן. אין דגניה געפינט זיך אויך די צענטראַלע מילכיקעריי פון „תנובה" פאַר די אַרומיקע משקים.

דער בית־הקברות אין דגניה. גרויסע עקאַליפּטוס־ביימער באַדעקן אים מיט זייער שאָטן. דאָ ליגן חברים, וואָס זיינען געשטאָרבן אָדער

אומגעקומען אויף דער ערד פון דגניה. דער ערשטער איז געפאלן משה באַרסקי. און דער טרייסט־בריוו וואָס זיין פאָטער האָט צוגעשיקט דער קבוצה האָט גערירט יעדנס האַרץ. דער פאָטער האָט נאָך דעם געשיקט זיין צווייטן זון ער זאָל פאַרזעצן דאָס ווערק פון זיין ברודער וואָס איז געפאַלן. דאָ ליגט יוסף בוסל, דער לעבעדיקער גייסט פון דער קבוצה, דער טעאָרעטיקער פון דער קאָמונע, איר שטאַרקע אונטערנעמערישע האַנט. צום סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער דערטרונקען געוואָרן אין כנרת. אין דגניה האָט אויסגעהויכט די נשמה א. ד. גאָרדאָן, די דערציערישע פערזענלעכקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג — מיט זיין פערזענלעכן ביישפּיל, זיין נאַטור און אַרבעטער־לעבן. ער איז געקומען אין לאַנד אַלט־זייענדיק קרוב צו פופציק יאָר און מיט לייב און לעבן אַריבער צו פיזישער אַרבעט. ער האָט געאַרבעט אין פאַרשיידענע קבוצות, אין כנרת, תל־עדש, אין די קאָלאָניעס פון יהודה און אין דגניה. צווישן די אַרבעטער פון דער צווייטער עליה, וואָס האָבן זיך נאָך נישט איינגעוואָרצלט אין לאַנד האָט באַוונדערט זיין געשטאַלט וואָס איז געשטאַנען ווי אַ שטאַם פון אַן אַלטן און טיף־איינגעוואָרצלטן דעמב אין מיטן דער מחנה און באַהויכט דעם אַרום מיט זיכערקייט און גלויבן. אין זיינע געדאַנקען, וואָס גיסן זיך צונויף אין אַ גאַנצער וועלט־אַנשויאונג, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ טיפער עטישער אינהאַלט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. נאָך דער אַרבעט, אין די נעכט, ווען אַרום אים האָט געהערשט אַ שטילקייט, פלעגט ער זיצן און פאַרצייכענען זיינע געדאַנקען, אַן אויסדרוק פון אַ נייער אַרבעטס־ווירקלעכקייט, פון באַציונגען צווישן מענטשן און פעלקער. ער איז געשטאָרבן כ״ד שבט תרפ״ב (1922) אין עלטער פון 67 יאָר.

דאָ איז אויך דער קבר פון ד״ר רופּין, וועגן וועלכן ס'איז שוין דערציילט געוואָרן און פיל אַנדערע.

דגניה ב׳

לעבן דגניה א׳ געפינט זיך די שוועסטער־קבוצה דגניה ב׳.ביידע קבוצות גרענעצן זיך — אַ פּאָר מינוט גאַנג פון איינער צו דער צווייטער. אויך דגניה ב׳ איז געבויט אויף אַ ברייטער און שיינער פלאַכלאַנד, די הייזער טרינקען זיך אין ביימער־גרינקייט. ציפּרוס־אַלייען נעמען זיי אַרום פון אַלע זייטן.

אמאָל האָט דעם דאָזיקן שטח באַאַרבעט דגניה א'. מיט איר פונאַנ־דערוווקס, מיטן אַריבערגיין צו אינטענסיווערווירטשאַפט, מיטן זיין געצוווּנגען אַרויסצוגיין פון די ענגע ראַמען, האָט זי אויסגעטיילט אַ טייל פון איר באָדן פאַר צוגאָב־קבוצות. אַזוי האָט זיך דאָ באַזעצט דגניה ב' און אַ דריטע קבוצה, וואָס איז דאָ געוועזן אַ געוויסע צייט, איז אַריבער אין עמק און אויפגעבויט גינוגר.

די ערשטע פון דגניה ב' שטאַמען אויך פון דער צווייטער עליה, חברים פון קבוצת „עבודה", וואָס האָבן געאַרבעט פריער אויף פאַרשיי־דענע ערטער אין לאַנד. באַלד נאָכן באַזעצן זיך האָט די קבוצה געהאַט אויסצושטיין אַן ערנסטן אַראַבישן אָנגריף. נאָך אַ געוויסער צייט האָבן זיי אַריינגענומען אַ קבוצה פון באָברויסק, וואָס איז געקומען מיט דער דריטער עליה און געאַרבעט אויף כבישים. שפּעטער שוין האָט זיך די קבוצה פאַרגרעסערט דורכן צוקומען פון נייע חברים פון „גורדוניה", „החלוץ" אין אַמעריקע אא"וו. איר איניציאַטיוו, ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע, האָט זי געבראַכט צו אַ שנעלן וווּקס. זי האָט אַנט־וויקלט אַ געמישטע ווירטשאַפט, און אויך נישט אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אַנדערע פּרנסה־צווייגן — מלאכה און פיש־צוכט אין באַסיינען. וויכטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע עקספּערימענטן זיינען דאָ געמאַכט גע־וואָרן, בעיקר אויפן געביט פון גרינס־גאָרטן, פלאַנצונגען און דער־גרייכט גוטע רעזולטאַטן.

די ערשטע הייזער אין דגניה ב' זיינען גרויסע, צווייִשטאָקיקע מיט פלאַכע דעכער. אין די וואַרעמע זומער־נעכט פלעגסטו דאָ טרעפן די חברים פון דער קבוצה שלאָפנדיק אויף אָט די דעכער. פון אויבן — דער אויסגעשטערנטער הימל, אויפן דאַך — ריינעוויז די ווייסע בעט־לעך באַדעקט מיט די טויל־מאַסקיטאַרן קעגן די אינזעקטן. היינט, מיטן פאַרמערן זיך פון איין־שטאָקיקע בנינים שלאָפט מען מערסטנטייל זו־מערצייט אויף די אָפענע וועראַנדעס.

אין מיטן ישוב שטייט אַ שיין קולטור־הויז אויפן נאָמען פון קאַפּלאַן ז"ל, איינער פון די ערשטע חברים אין דער קבוצה. אינעווייניק נעמט דיר אַרום אַ רואיקע אַטמאָספער. די אָרטיקע חברים פלעגן דאָס הויז מיט גרוים ליבשאַפט.

דגניה א׳ און ב׳ זיינען לאנגע יארן געווען דער צענטער פון חבר־הקבוצות. בעת דער פערטער עליה איז געשאפן געווארן א בשותפותדיקע ראם פאר דער גאנצער קיבוצישער באוועגונג, וואס האט ארומגענומען קבוצות און קיבוצים, צווישן זיי אויך אזעלכע, וואס האבן שוין געהאט זייער ארגאניזאציע אין לאנד־מאסשטאב ווי גדוד־העבודה, קיבוץ עין־חרוד, די קיבוצים פון „השומר הצעיר". אבער די אלגעמיינע ראם איז ניט מצליח געווען זיך צו פארוואנדלען אין א לעבנספעיקן גוף, און האט זיך במשך פון דער צייט צעטיילט אויף דריי לאנד־קערפערשאפטן, יעדע מיט איר אידעאלאגישן,ווירטשאפטלעכע און געזעלשאפטלעכן וועג אין בויען די קאמונע.

חבר הקבוצות

— האט אקצענטירט איר טרייזשאפט צו די ער־שטע ארגאנישע מקורות פון דער קיבוצישער משפחה, אזוי ווי זי האט זיך אנטוויקלט אין די ראמען פון „הפועל הצעיר" אין געשטאלט פון דגניה. אין סטאטוט פון דער באוועגונג איז געזאגט: „די קבוצה בויט איר לעבן אויף דער זעלבסטדערציונג פון יחיד, אויף דערהויבונג פון צווישן־מענטשלעכע באציונגען, אויף מאקסימאל־סטן אנטייל פון יעדן יחיד אין דער אנפירונג מיט דער קבוצה". אין אן אפענעם קיבוץ, וואס נעמט אריין אלץ נייע מענטשן, ניט געקוקט אויף דער געזעלשאפטלעכער אויפנאמס־מעגלעכקייט, האט מען געזען א סכנה פאר די אינערלעכע ווערטן פון דער קאמונע.

אין יאר 1934 האט זיך דער חבר־הקבוצות פאריייניקט מיט דער יוגנט־באוועגונג „גורדוניה", וואס איז זייט דעמלט געווארן פאר איר א דערגענצונגס־רעזערוואר. די דאזיקע פאריייניקונג האט אויסגעלייזט א סך קבוצות פון זייער איזאלירטקייט און געשאפן א לעבעדיקן קאנטאקט מיט א גלות־באוועגונג וואס רעאליזירט דעם חלוצישן אידעאל. נאך א קורצער צייט זיינען צוגעקומען די קבוצות „המכבי־הצעיר", וואס האבן זיך צונויפגעשמאלצן מיט „גורדוניה" אין איין באוועגונג. דער חבר־הקבוצות נעמט היינט ארום חברים הויפטזעכלעך פון „גורדוניה", „המכבי הצעיר", פון „נוחם" אין גלות, פון „התנועה המאוחדת" אין לאנד, און אויך הכשרה־גרופן פון הנוער העובד. דער „חבר" האט אויך אויפגענומען דעם ערשטן קערן פון דער יידישער סקויטן־באוועגונג אין

פֿראַנקרייך. ווי אַנדערע לאַנד־אָרגאַניזמען פֿאַרמאָגט אויך דער חבר־הקבוצות צענטראַלע אינסטיטוציעס און קאָמיסיעס אויף פֿאַרשידענע געביטן — ווירטשאַפֿטלעכע, געזעלשאַפֿטלעכע, דערציערישע. קרן־הקבוצה (קבוצה־פֿאָנד) איז דער פֿינאַנסיעלער אַפּאַראַט, וואָס העלפֿט משקים זיך באַפֿעסטיקן און אַנטוויקלען, בפֿרט די יונגע קבוצות.

די קבוצות פֿון „חבר" זיינען צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. אַ סך פֿון זיי אויף באַרגיקע שטחים: חניתא, כפר החורש אא"וו. די קינדער פֿון די קבוצות זיינען געווען מערסטנטייל אָרגאַניזירט אין „גורדוניה", לעצטנס האָט מען באַשלאָסן זיך אָנצושליסן צום „הנוער העובד". שליחים פֿון דער באַוועגונג אַרבעטן אין גלות.

אין יאָר 1947 האָבן די קבוצות געציילט 7700 נפֿשות אין 34 קבוצות, פֿון זיי 31 משקים. דער אָ ר ג אַ ן פֿון דער תנועה איז „ניב הקבוצה".



ישובים אין עמק־הירדן

ווייל מיר האָבן פריער געוויילט אין כנרת און אין דגניות, לאָמיר ויך איצט ווענדן צו דרום און באזוכן די איבעריקע ישובים אין עמק „כנרות”. די ישובים זיינען געבויט אויף אָפענע פלאַכן, נאָענט איינער פון אַנדערן. מען קאָן דורכגיין צופוס פון איין ישוב צום צווייטן. אויף די פעלדער באַגעגנען מיר מענטשן, וואָס ארבעטן אויף די באַוואַסער-רונגס-פעלדער. מיר גייען פאַרביי דעם עקוואַדוקט, וואָס איז געגאָסן פון בעטאָן: דאָס איז די צענטראַלע באַוואַסערונגס-אַרטעריע פאַר די אַרומיקע ישובים. דער אָנהייב זיינער איז אַ הויכער, שטיצט זיך אויף זיילן, און שפּעטער ציט ער זיך איבערן באָדן. פוןביידע זייטן צווייגן זיך אָפּ קאַנאַלן און דערפירן דאָס וואַסער אין פאַרשיידענע ריכטונגען. מיר זעען פּלאַנטאַציעס, הויפּטזעכלעך באַנאַנען מיט די פיל אָנגעלאָדענע הענגלען. מיר קומען צו ערשט אין קיבוץ פון השומר-הצעיר בית־זרע.

בית-זרע

די ערשטע פון דעם קיבוץ זיינען אַהער געקומען מיט דער דריטער עליה, האָבן געאַרבעט אין עיזגנים ביי פּתח-תקוה און האָבן זיך גערופן לויט דעם אָרט אין דייטשלאַנד, וווּ זיי האָבן דורכגעמאַכט די הכשרה, קבוצת-מאַרקענהאָף. נאָך אין סוף 1928 האָבן זיי זיך דערוואָרט אַרויפצוגיין דאָ אויף זייער באָדן. פאַר דעם זיינען זיי געווען צוזאַמען מיט קיבוץ מזרע אין גוש-עפולה, דאָרט איז אָבער ניט געווען קיין פּלאַץ פאַרביידן. נאָכן פאַרייניקן זיך מיט אַ קיבוץ השומר-הצעיר פון ליטע האָבן זיי זיך אָנגעשלאָסן אין הקיבוץ-הארצי. דער משק איז אַ געמישטער, שיין אַנטוויקלט און באַזירט זיך, ווי אַנדערע משקים אין דעם גוש, אויף קינסטלעך באַוואַסערטער ערד.

אפיקים

צו דרום פון בית-זרע, ביים הויפּט-כביש ליגט אפיקים. אַן אייגענער וועג פירט צו די טויערן פון קיבוץ. אין הויף זעט מען אַ סך לאַסט-אויטאָס; לינקס — די גרויסע פאַבריק „קלת”, פון די גרעסטע אין דער קיבוצישער באַוועגונג, און קעגנאיבער אַן אָבסערוואַציע- און שמירה-טורעם. פונדאַנען פאַרצווייגן זיך סטעזשקעס אַריין צום הויף. דאָס איז איינער פון די סאָלידסטע משקים אין דער אַרבעטער-התישבות.

די ערשטע פון קיבוץ — חברים פון דער השומר־הצעיר־באוועגונג פון ס. ס. ס. ר. — זיינען געקומען אין לאנד אין אנפאנג פון דער פערטער עליה, אין 1924. רעשטלעך און איבערבלייבענישן פון א גרויסער ציוניסטיש־סאציאליסטישער יוגנט־באוועגונג, וואס האט געפירט קאנספיראטיווע איר טעטיקייט אין רוסלאנד, נאך דער רעוואלוציע, און האט ארומגענומען טויזנטער קינדער און יוגנטלעכע. נאר ווייניק פון די דערוואקסענע האט זיך איינגעגעבן צו קומען קיין ארץ־ישראל נאכדעם ווי דער חלוצישער שטראם פון רוסלאנד האט אויפגעהערט. דאס איז געווען פאקטיש די לעצטע חלוצישע קערפערשאפט, וואס דאס רוסישע יידנטום — זייענדיק לאנגע יארן דער רוקן־ביין פון דער שעפערישער ארבעט אין ארץ ישראל — האט געגעבן דעם לאנד. דער קיבוץ האט לאנג ארומגעוואגלט, איבער מושבות און שטעט, צעזייט אין פלוגות, האט געפרוווט דערארבערן ים־ארבעט ביי תל־אביב, האט געחלומט וועגן אויפנעמען א סך חברים פון רוסלאנד, אבער אנגעקומען זיינען בלויז יחידים. די רוסישע אפשטאמונג האט זיך געלאזט מערקן אין דער מונטערקייט, ברייטהארציקייט; יוגנט־פרייד האט אנגעפילט דעם קיבוץ אין זיינע ערשטע יארן. אבער ער האט אויך דורכגעמאכט אן אינערלעכן קריזיס מיטן איבערגיין צו שווערער, פיזישער ארבעט אין דער שווערער ווירקלעכקייט פון דער פערטער עליה. א סך זיינען אפגעפאלן, די איבעריקע האבן זיך צונויפגענומען, קאנסאלידירט, געקומען אין עמק־הירדן, זיך באזעצט אין הויף פון אמאליקער כנרת־קבוצה, אויף דער פערמע. אין דער ערשטער תקופה האבן זיי געוווינט אין דער נייער בעטאן־שטאל פון קבוצת־כנרת, איידער מ׳האט אהין איבערגעפירט די בהמות. די באזונדערע אפטיילונגען פאר די בהמות האט מען אפגעצוימט מיט ראגאזשעס און פארוואנדלט אין צימערן צום וווינען. אויף אזא „אריגינעלן“ אופן איז איינקווארטירט געווארן דער קיבוץ ביז ער איז אריבער אין דער פערמע. די חברים האבן גענומען ארבעטן אין נהרים ביים עלעקטרישן ווערק און פון אט דער לוין־ארבעט האט ער פאמעלעך אפגעשפארט מיטלען צו בויען זיינע ווירטשאפטס־צווייגן. דאן טרעטן זיי אריין אין קיבוץ־המאוחד.

נישט פארמאגנדיק קיין גינסטיקע באדינגונגען פאר א ווירטשאפט

— וויניק באדן, דוחק אין וואסער און בודזשעט — האט דער קיבוץ אין זיינע ערשטע יארן נאכן באזעצן זיך אויפן באדן, און נאך פריער, אנטוויקלט ווארשטאטן, וואס זיינען געוואקסן און פארוואנדלט געווארן אין וויכטיקע אינדוסטריע־צווייגן. די פאבריק „קלת" פראדוצירט היינט דער עיקר דיקטן און אין מלחמה־צייט האט זי געארבעט פאר דער קריגס־אינדוסטריע אין א גרויסן מאסשטאב. די פאבריק איז באזארגט מיט פאסיקע מאשינען און האלט זיך אין איין פארפולקאמען. גרויסע ביימער־שטאמען ווערן אריינגערוקט אין דער מאשין און זי שיילט אפ יעדן שטאם שיכטנווייז לויט דער נויטיקער גרעב; שפעטער ווערן זיי געפרעסט, געשניטן און אויסגעפארטיקט פאר דיקטן. די פאבריק באשעפטיקט א סך מענטשן פון אויסערן משק, בפרט חברים פון יונגע קיבוץ־פלוגות, פאר וועלכע די ארבעט איז א קוואל פון הכנסה און עקזיסטענץ. אין באשטימטע צייטן זיינען דא באשעפטיקט געווען איבער 100 מאן פון אויסער אפיקים. דער ארבעטס־לוין ווערט באשטימט, ווי אין אנדערע משקים פון הקבוץ המאוחד וואס באשעפטיקן חברים פון יונגע פלוגות, אין איינקלאנג מיט דעם נארמאלן הכנסה־טאג פון משק, כדי אויסצומיידן עקספלואטאציע. בעצם איז דער לוין פאר אלע מיני ארבעטן אין די פארשיידענע קיבוץ־ישובים אן איינהייטלעכער — דער דורכשניט פון זייערע אלעמענס טאג־הכנסה. אפיקים האט די ערשטע אין גוש דערווארבן לאסט־אויטאס און אנטוויקלט דעם טראנספארט, וואס איז געווארן א וויכטיקער צווייג אין משק. זיי האבן אויך נישט פארנאכלעסיקט די אגראר־צווייגן. דער קיבוץ איז אויסגעוואקסן ביז ארום 800 נפשות; אבער אין פארגלייך מיט אנדערע פארנעמט די ערדארבעט א קלענערן טייל פון דער אלגעמיינער פראדוקציע. דער יערלעכער בילאנס סומירט זיך מיט אן עודף פון עטלעכע טויזנט פונט יערלעד — און דאס בעיקר א דאנק די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען.

אויפן געזעלשאפטלעך־קולטורעלן געביט האט דער קיבוץ ארויסגעוויזן א סך איניציאטיוו. בפרט איז געווען טעטיק — אין די ערשטע יארן — דער דראמאטישער קרייז. היינט איז אפיקים א צענטער פאר א מוזיקאלישער טעטיקייט אין גאנצן גוש און דער שותפותדיקער ארקעסטער פון די ארומיקע ישובים נעמט ארום צענדליקער מענטשן,

וועלכע גיבן זיך דערמיט ערנסט אפּ יאָרנלאַנג. דער דיריגענט און אי־ניציאַטאָר איז אַ חבר פון אפיקים.

דער רוסישער עלעמענט בילדעט שוין היינט אין קיבוץ אַ מינדער־הייט. זייט דעמלט זיינען צוגעקומען אַ סך, בפרט פון ליטווישן, לעטישן און יוגאָסלאַווישן „השומר הצעיר־נצ״ח. אַ סך קבוצות האָבן דאָ דורכ־געמאַכט די הכשרה. דאָ האָט זיך קאָנצענטרירט נאָך דער מלחמה דער קיבוץ־בוכענוואַלד, וועלכער קריסטאַליזירט זיך אויס ווי אַ גרעין פאַר התישבות.

אין אירע ערשטע יאָרן איז די השומר־הצעיר־אָרגאַניזאַציע אין ס. ס. ס. ר. און אירע שוועסטער־באַוועגונגען געווען אָנגעשלאָסן אָן דער אַלוועלטלעכער השומר־הצעיר באַוועגונג. אָבער די רוסישע אָרגאַניזאַציע האָט געטראָגן, צוליב איר פּאָליטישער און דערציערישער אַטמאָספער, אַן אַנדערן כאַראַקטער ווי די אַלגעמיינע באַוועגונג, וועלכע האָט גע־צויגן איר יניקה פון אַנדערע גייסטיקע קוואַלן. דער רוסישער קיבוץ אין לאַנד האָט געוועבט באַציונגען מיט „אחדות העבודה״ (נאָך פאַרן אַנט־שטיין פון מפא״י) און זיך אָנגעשלאָסן אָן קיבוץ המאוחד, ניט געקוקט אויף די פאַרשיידנקייטן פון דער געזעלשאַפטלעכער אויפפאַסונג פון קיבוץ. אונטער זייער השפעה האָט זיך אויך אויסגעבילדעט דער פּרצוף פון דער באַוועגונג אין לאַטוויע, ליטע, טשעכאָסלאָוואַקיי אא״וו. זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט אין יאָר 1930 פון דער אַלגעמיינער השומר־הצעיר באַוועגונג און אויפגעשטעלט דעם השומר־הצעיר־נצ״ח (נוער צופי חלו־צי), און זיינע קיבוצים האָבן זיך אָנעשלאָסן אין קיבוץ־המאוחד. אַ סך חברים פון אפיקים זיינען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, בפרט אין מפא״י. אין אַ געוויסער מאָס איז אפיקים אַ צענטער פון מפא״י־פליגל אין די ישובים פון הקיבוץ המאוחד.

אשדות-יעקב

אַן אַליי איילביימער פירט פון הויפּט־כביש קיין אשדות-יעקוב. באַלד ביים אַריינגאַנג בלייבסטו דערשטוינט פונם פאַרנעם פון דאָזיקן גרויסן קיבוצישן ישוב. און דיין שטוינונג וועט נאָך מער שטייגן, אַז דו וועסט דערהערן, אַז ערשט אין יאָר 1934 האָבן זיך דאָ באַוויזן די ערשטע חברים פון „גשר״ כדי צו

פֿאַרלייגן זייער ישוב. אַזוי בולט שטעלט זיך דאָ אַרויס דאָס טעמפּאָ פֿון בויען און וואַקס.

דער דאָזיקער קיבוץ איז אַהער געקומען פֿון נאָענטן „גשר", וווּ ער האָט זיך אויסגעבילדעט דורך פֿיל יאָרן, לעבענדיק דאָרט פּראָוויזאָריש, אָן געהעריקע וווין־באַדינגונגען, אָן יעדן בודזשעט און אָן אַנטשפּרעכנדע מעגלעכקייטן פֿאַר זיין ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג. דער באָדן האָט געהערט צו פּיק"א, וועלכע האָט ניט געוואָלט געזען דעם קיבוצישן לעבנס־פֿאָרם, און יאָרנלאַנג איז דאָ דערוועגן אָנגעגאַנגען אַ געראַנגל. די ערד איז אויסגעלייזט געוואָרן דורכן באַראָן ראָטשילד נאָך מיט העכער 50 יאָר צוריק. אַרום 30 יאָר איז זי געלעגן פֿאַרוואָרלאָזט, און קיין יידישע אַר־בעטס־האַנט האָט זיך צו איר נישט צוגערירט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך דאָ באַזעצט אַ קבוצת־כיבוש (אַ דעראָבערונגס־גרופּע). באַדינגונגען זיינען דאָ געווען אומעהויער שווערע. דער קלימאַט פֿון עמק־הירדן איז בכלל אַ הייס־פֿלאַמנדיקער; די געגנט אַרום איז געווען נאַקעט פֿון יעדן געוויקס, און די מענטשן האָבן זיך באַזעצט אין ליים־הייזקעס („לעפּיאַנקעס") פֿון אַ חרובן אַראַבישן דאָרף.

חבורת „אחדות", וואָס האָט פֿריער געאַרבעט ביי באַן־אַרבעט איז געקומען אַהער מיט אַ שטאַרקן ווילן אויפֿצושטעלן דאָ אַ גרויסן קיבו־צישן ישוב. אין איר קאַמף און אָנשטרענגונגען האָט זי געפֿונען אַ וויכ־טיקע שטיצע אין קיבוץ המאוחד. מיט אייגענע כוחות, אָן אַ בודזשעט, און בעיקר מיט דער הילף פֿון לוין־אַרבעט, זיינען געשאַפֿן געוואָרן ווירטשאַפֿטלעכע ווערטן. דער הויפּט־אָנשפּאַר פֿאַר דעם קיבוץ איז גע־ווען דאָס רוטענבערג־ווערק. דער קיבוץ איז געוואַקסן, ס'זיינען צוגע־קומען קינדער. די שטרעבונג אָבער צו אַ גרויסן, סטאַבילן משק איז געוואָרן געשטיקט און געפּענטעט ביז זיי זיינען אין איין שיינעם טאָג אַריבער אויף יענער זייט ירדן קיין דלהמיה, אויף דער ערד פֿון פּיק"א, ניט פֿרעגנדיק קיינעם קיין דערלויבעניש. דאָ האָבן זיי גענומען בויען. דער פֿאַקט האָט אַרויסגערופֿן אַ גרימצאָרן פֿון פּיק"א, וועלכע האָט פֿאַרלאַנגט זיי זאָלן אָפּטרעטן פֿון באָדן, דראָענדיק מיט רופֿן צו הילף די מאַכט. דער קיבוץ האָט זיך איינגעעקשנט און איז פֿאַרבליבן. ערשט דעמאָלט האָבן זיך באַפֿרייט זייערע שעפֿערישע כוחות, די גרויסע

איניציאַטיוו וואָס איז געווען פאַרבאָרגן האָט זיך אַנטפּלעקט אין שנעלן אויפבוי פון משק. אין אַ קורצער צייט איז אשדות־יעקב געוואָרן דער גרעסטער ישוב אין גוש און איינער פון די גרעסטע אין לאַנד.

מיט דער צייט האָט ס׳פּיק״א נאָכגעגעבן און זיי אנערקענט. דער משק האָט זיך כסדר אַנטוויקלט מיט שוווּנג. היינט איז דאָס אַ גרויסע און אינטענסיווע ווירטשאַפט. וואַסער פאַר די פעלדער באַקומט מען דורכן גרויסן אַקוואַדוקט פון נאָענטן יאַרמוק, און דורך אים פליסט אַ וואַסער־שטראָם פון 1500 קוביק מעטער אַ שעה. אשדות פאַרמאָגט 1000 דונאַם פּלאַנצונגען, איבער 1000 דונאַם גרינע היי פאַר די קי, הונדערטער דונאַם גרינס־גאָרטן, סטאַדעס שאָף און ציגן. אין די הונדערטער, און אַ גרויסע קי־שטאַל. לאַזנדיק זיך אַראָפּ צום ירמוק זעסטו דעם אַקוואַדוקט, דעם טייך גופא מיט די מאָטאָר־אינסטאַלאַציעס ביי די ברעגן און די פיש־באַסיינען אויף הונדערטער דונאַמס.

די קאָנסערוון־פאַבריק „אשד״, וואָס פאַרנעמט אַ באַזונדערן פליגל הייזער, איז אַ גרויסע אונטערנעמונג (נאָך איר זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן די פאַבריקן „רימון״ אין גבעת־ברנר און „גת״ אין גבעת־חיים). „אשד״ פּראָדוצירט מאַרמעלאַדע, גרינס־ און פרוכט־קאָנסערוון, ווי אויך זאַפטן. אין דער מלחמה־צייט האָט מען דאָ פּראָדוצירט טויזנטער טאָן אַפּראָוויזאַציע פאַר מיליטער, און היינט אויך פאַר עקספּאָרט קיין אויסלאַנד. צוליבן מאַנגל אין אייגענע אַרבעטס־הענט האָבן דאָ געאַרבעט חברים פון יונגע פּלוגות — ביז אַ 150 מאַן. די אייגענע שלאָסעריי אַנטוויקלט זיך, זי באַדינט די פאַבריק, רעמאָנטירט די איינריכטונג און די מכשירים, פּראָדוצירט פאַרשיידענע מאַשינען — צו דעסטילירן וואַסער, פרעס־מאַשינען פאַר זאַפטן, עלעוואַטאָרן צו דערלאַנגען די פרוכט אא״וו. זי פירט אויך אויס פאַרשיידענע אַרבעטן אין די אַרומיקע משקים.

דער ישוב איז אויפגעבויט מיט אַ ברייטן פאַרנעם און האָט פּרעכטיקע דעקאָראַטיווע בלומען־גערטנער. די אַרבעטער־ישובים האָבן זיך אַ סך אָפּגעלערנט פון דעם קיבוץ. די קולטור פון דעקאָראַטיווע גערטנער האָט זיך אַנטוויקלט אין לאַנד, דער עיקר אין די קיבוצים: גראָז־טעפּיכער, שאָטן־ביימער, באַהנטע ווינקלען, אַלייען, וועלדלעך. אַלץ האַלט

ערשט אין וואקסן, עס וועט אָבער קומען אַ טאָג, ווען דאָס אַלץ וועט שלאָגן טיפע וואָרצלען, צעשפּרייטן די צווייגן, אויפהייבן די קרוינען און דער גאַנצער ישוב וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין איין גאָרטן וואָס טרינקט זיך אין וואַלד — אַ וואַלד־ישוב.

אַ נעץ פון בעטאָן־טראָטואַרן פאַרצווייגט זיך דורכן הויף, פאַרייניקט יעדעס הויז מיט יעדע עפנטלעכע אינסטיטוציע. ווינטער־צייט בעת די רעגנס טרעט אַלזאָ נאָר אויף די טראָטואַרן, און קענעט ניט די שווערע בלאָטע וואָס קלעפּט זיך צו דיינע זוילן. ס׳איז געווען אַ צייט, ווען אין די ווינטערס האָט מען אָן שטיוול ניט געקאָנט אַרומגיין אויפן הויף און מיט זיי איז אויך ניט לייכט געווען. די ישובים אין די געגנטן פון שווערער קלעפּיקער ערד בויען בהדרגה טראָטואַרן, וואָס פאַרלייכטערט די באַוועגונג אין ישוב גופא.

דער ערשטער קערן פון אשדות־יעקב שטאַמט פון לעטישן „החלוץ", און האָט במשך פון דער צייט איינגעגלידערט אַ חלוצישע עליה פון פאַרשיידענע לענדער: פיל יונגע הכשרות האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעשמידט פאַר זייער התישבות.

די שול האַלט זיך אין אַנטוויקלען. די קולטור־הויז מיט אירע אָפענע ווערענדעס אַרום טונקט זיך אין גרינס און בלומען. די אַלע דערגרייכונגען פון דער אַ"ידיקער קאָמונע באַפרייען איר נאָך ניט פון די אינערלעכע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, וואָס אויך אשדות־יעקב ראַנגלט זיך מיט זיי און זוכט אַ לייזונג.

ג ש ר

און איצט לאָמיר שפּאַנען צו ג ש ר , וואָס האָט געדינט אַלס אַזיל פאַר די אשדותער חברים מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק. הײַנט פאַרנעמט דעם אָרט אַ בלומרשט יונגע קבוצה פון הנוער העובד, וואָס וואַרט שוין דאָ ניין יאָר אויף התישבות און לעבט דערווייל איבער די קאָלאָניזאַציע־ווייען ווי זייערע פאָרגייערס. אויך זיי לעבן דאָ פּראָוויזאָריש און קוקן אוים אויף צוגאָב־באָדן, אויף קאָנצענטרירונג פון די צעוואָרפענע שטחים, און דער מעגלעכקייט אויפצובויען אַ סטאַבילן ישוב. דערווייל פאַרשווענדן זיי די ברויזנדיקע כוחות, וואָס רייסן זיך צו שאַפונג און זיינען לעת־עתה געפּענטעט דורך

די שווערע באַדינגונגען. און נאָך שטייען די „גשר״-לייט און פרעגן: און איצט, וווהין? צי אויפשטיין און זיך איבערטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט, אָדער טראָץ אַלעמען, פאַרבלייבן דאָ? די בעסטע חלומות און באַגערן זיינען דאָך געוועבט געוואָרן אין דער לאַנדשאַפט, אויף דעם נאַקעטן בערגל, ביי די ברעגן פון ירדן, קעגנאיבער די בערג פון גלעד. ס'ווילט זיך ניט שיידן פון אַן אָרט, וואָס איז אָנגעזאַפט מיט יוגנט-זאַפט, — צי וועלן זיי אָבער סוף כל סוף דאָ געפינען אַ קאָוואַדלע פאַר זייערע שעפערישע כוחות?

גשר איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַן אַקטיוון קערן פון הנוער-העובד. ער האָט באַקומען די צעשפּליטערטע ערד ביי־שאַטפּאַ און באַ־אַרבעט איר. זיי האַקן גיפס פון די נאָענטע בערג. פון דער זייט בערגל פליסט דורך דער ירדן, און פון יענער זייט — די באַן־סטאַציע און נעבן איר די גרענעץ־וואַך. גשר־נחלים רופט מען דעם בריק אויפן נאָ־מען פון ירדן און ירמוק צוזאַמען. דורך דער אומגעגנט גייט די אַראַ־בישע „עליה ב״" פון עבר הירדן, אָן וועלכע ניט איז שטערונגען. יעדן טאָג קומען אַראַבער פון חורן, זוכן אַרבעט און לעבנס־מעגלעכקייטן אין ארץ ישראל; זיי ווייסן גוט, אַז אין ארץ ישראל איז דאָ זעט אַ דאַנק די „יאַהוד". אויף זיי מאַכט מען ניט קיין אָבלאַוועס, מען מאָביליזירט ניט קיין מיליטער און מ'גרייט ניט צו פאַר זיי קיין שטעכל־דראָט.

נהרים

מיר וועלן איצט אָפּטרעטן אין נהרים, וועלכע מיר האָבן איבערגעהיפּערט גייענדיק קיין גשר, זעענדיק זי נאָר פון־דערנאָענט ביים דורכגיין דעם כביש. מיר האָבן אויך באַמערקט דעם גרויסן באַסיין, ווו רוטענבערג האָט אָנגעזאַמלט די וואַסערן פון ירמוק און ירדן, כדי פון ביידן אַרויסצוציען די עלעקטרישע קראַפט. אויך אויפן בריק פון ירמוק זיינען מיר שוין געווען. עס זיינען געווען טעג, פאַרן אויפבויען פון דער עלעקטראָ־סטאַציע, ווען די וואַסערן פון ירמוק האָבן זיך געטראָגן מיט שוים איבער די אַרויסשטאַרנדיקע פעלזן און אַריינגעפאַלן אין ירדן. היינט האָט מען די ירמוק־ און ירדן־וואַסערן איינגעשפּאַנט אין אַנדערע וועגן, קינסטלעכע, כדי צו מאַכן זיי פאַר אַ קוואַל פון ענערגיע פאַרן לאַנד.

אויף דעם אָרט האָט רוטענבערג רעאַליזירט זיין פּלאַן מיט דער הילף פון קאָנצעסיאָנירטער עלעקטרי־געזעלשאַפט (חברת־החשמל). דער פּלאַן

איז אַן איינפּאַכער און גראַנדיעזער. אַ נייער בעטאָן־קאַנאַל, וואָס זעט זיך פון כביש, פירט די ירדן־וואַסערן צום ירמוק, אָדער בעסער געזאָגט צום באַסיין. די וואַסערן פון ביידע טייכן זיינען אָנגעזאַמלט אין אַ נאַטיר־



נהרים און אומגעגנט

לעכן באַסיין, און פון דאָנען פליסן זיי מיט אַ נייער קאַרעטע צום ירדן, אַראָפּלאָזנדיק זיך מיט אַ שטאַרקן וואַסערפאַל פון 27 מעטער די הייך. זיי באַוועגן די טורבינעס פון אונטן, יעדע 8500 פערד־קראַפט. די טורבינעס ווידער באַוועגן די מאַשינען אין דער ענערגיע־סטאַציע.

בעתן ברען פון דער אַרבעט איז דער מדבר אויפגעציטערט געוואָרן פון זיין אייביקן שווייגן. ריזן־מאַשינען האָבן אויסגעריסן שטיקער ערד, אַ מענגע אויטאָס האָבן זיי אַוועקגעפירט, בעטאָן־מישערס האָבן גערוישט און געגאָסן. אָן אויפהער האָט די אַרבעט געהילכט. יידישע אַרבעטער אין די הונדערטער האָבן אָנגעפירט מיטן ווערק, טוענדיק די איינפאַכע ווי אויך די קאָמפּליצירטע אַרבעטן.

דאָס דאָזיקע ווערק, דאָס ערשטע און איינציקע אין לאַנד, איז געגנצ־לעך דורכגעפירט געוואָרן מיטן כוח פון יידישן אָרגאַניזירטן אַרבעטער. עס איז אַן ערן־אַטעסטאַט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס זי האָט באַ־

וויזן אויסצובילדן צענדליקער טויזנטער ארבעטער אין נייע פאכן, וועגן וועלכע זייערע עלטערן און עלטערנס-עלטערן האבן קיין אנונג ניט געהאט. דאס ווערק איז אויפגעבויט געווארן אין די יארן 1928-1932 און האט באשעפטיקט ארום 700 ארבעטער. נאכן פארענדיקן די ארבעט זיינען פארבליבן דא בלויז וויניקע, וואס פירן אן מיטן ענערגיע-שטראם. זייט דעמאלט האבן עלעקטרישע ליכטער דורכגעשניטן די מדבר-פינצטערניש אין די נעכט, און דערגרייכט העט וויט, ווייט ארום...

דער וווין-קווארטאל געפינט זיך אויף א נאענט בערגל ת ל - א ו ר.

שער הגולן, מסדה

איצט לאמיר זיך צוריקקערן צום צפון-טייל פון עמק-הירדן און באזוכן זיין מזרח-ווינקל ש ע ר ה ג ו ל ן און מ ס ד ה, וואס זיינען אויסגעבויט אין שכנות. פון די ערשטע „מויער- און טורעם"-ישובים, זיך באזעצט ט"ו ניסן תרצ"ז (21.3.1937). ווי די איבעריקע משקים פון גוש האבן אויך זיי אנטוויקלט א געמישטע ווירטשאפט, באזירט אויף קינסטלעכער באוואסערונג. זיינען גוט אנטוויקלט, פארמאגן גרויסע פיש-באסיינען. וואסער שעפט מען מיט א ספעציעלן אקוואדוקט פון ירמוק, וואס פליסט דא נאענט פארביי. נאכן דורכשלאגן זיך א טיפע וועג צווישן די בערג פון גולן און גלעד. ש ע ר ה ג ו ל ן איז א קיבוץ פון השומר-הצעיר און זיין נאמען זאגט עדות וועגן זיין געאגראפישן ארט.

מ ס ד ה, — אנגעשלאסן אן חבר-הקבוצות, פון די ערשטע „גורדוניה"-קבוצות אין לאנד. זיי רופן זיך אויפן נאמען פון דער היסטארישער פעסטונג מ צ ד ה, וועלכן זיי האבן מיטגעבראכט פון זייער הכשרה-פונקט אין רומעניע, און האט זיך דערווייל איינגעבירגערט אין עמק הירדן.

עין-גב

צו דעם יידישן איינזאמען ישוב אויף מזרח פון ים-כנרת וועלן מיר אנקומען מיט 8 מאטאר-שיפל וואס געהערט צו עין-גב אליין און ווערט אנגעפירט דורך אירע חברים-מאטראזן געקליידעט אין מארינען-אוניפארם. דאס שיפל הייסט „סוסיתא" אויפן נאמען פון אן אלטער בארג-פעסטונג איבער עין-גב. פון טבריה פארן מיר ארום איבער א רואיקן, בלויען ים און זעטיקן אונדזער בליק מיט

דער נאַטור־שיינקייט. מיר שניידן דורך דעם כנרת און דערנענטערן זיך צום ברעג פון עין־גב וואָס ליגט צופוסנס פון די גולן־בערג. דאָס שיפל איז צוגעקומען און פאַראַנקערט ביי דער פאַרט־דאַמבע, וואָס איז אַרויס־געררוקט פון ברעג אין ים; מיר שטייגן אויס, שפּרייזן דורך דעם בריק אין ישוב אַריין.

אין דער ערשטער צייט איז עין־גב געווען אָפּגעריסן פון יידישע ישובים. דער יבשה־וועג לענגאויס דעם ברעג איז געווען אַ געפערלעכער, בֿי לאַדקע ווידער האָט בעת אַ שטורעם ניט שטענדיק געקאָנט דורכ־שניידן דעם ים און זיך דערלאַנגען אַהיים. נאָר אין די נעכט האָט עין־גב גערעדט מיט אַנדערע ישובים דורך דער שפּראַך פון ליכט־סיגנאַלן.

עין־גב איז געגרינדעט ווי אַ „מויער־ און טורעם"־ישוב אין 1937, בעת די אומרוען. אָנגעהויבן איר עקזיסטענץ האָט זי אַלס חבורת „בתלם" אין נחלת־יהודה. רעשטלעך פון דער גרופּע האָבן זיך צונויפ־געגומען אין אַ קבוצה, אַריינגעטראָטן אין קיבוץ־המאוחד און אין זיין ראָם זיך פאַראייניקט מיט אַ קיבוץ פון השומר־הצעיר־נצ"ח, אויפגענומען נייע עולים און נאָך לאַנגע וואַגלענישן זיינען זיי אַריבער אין דער אַל־טער פּערמע פון כנרת; פון דאַנען — צו זייער איצטיקן ישוב, אין עין־גב.

דער באָדן האָט פריער געהערט צו דער געזעלשאַפט „קדמת כנרת", וועלכע האָט איינגעקויפט 9.000 דונאַם לענגאויס דעם ברעג, און האָט פּלאַנירט אויפצושטעלן דאָ אַ ישוב. דער באָדן איז שפּעטער אַריבער צום קק"ל, וועלכער האָט זי אָנפאַרטרויט עין־גב. ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ לאַנגן און שמאָלן ערד־פּאַס, וואָס ציט זיך 6 ק"מ לענגאויס דעם ברעג. פון זיי 2000 דונאַם פלאַכלאַנד, און דער איבעריקער שטח — בערג־רוקנס ביז צו דער סירישער גרענעץ. אין אָנהויב האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרשיידענע שוועריקייטן, וואָס אַנדערע משקים פון גוש האָבן ניט געקענט. די שטאַרקע ווינטן זיינען געווען שעדלעך פאַר די צאַרטע געוויקסן. מיט גרויס מי האָט מען צוגעגרייט באָדן פאַר קינס־טלעכער באַוואַסערונג. כנרת־וואַסערן האָבן אָנגעטרונקען די פעלדער. מען האָט געמאַכט טעראַסן אין די בערג און זיי אויך באַוואַלדיקט.

די הויפּט־אָנשטרענגונגען זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דעראַ־

בערן די ים־צווייגן: פישעריי, שיפעריי אא״וו. שווערע מי האָט אָפּגעקאָסט די פישעריי. אַ לענגערע צייט האָט זי געגעבן אַ נעבעכדיקע הכנסה. דער ים־כנרת איז זיי ניט אַנטקעגנגעקומען. זיי האָבן נאָך ניט געקענט די אייגנשאַפטן פון ים און פישפאַנג־באַדינגונגען. ס׳האָבן אויך ניט געפעלט קיין אויסערלעכע שטערונגען: די רעגירונג האָט געקוקט מיט אַ קרום אויג אויף דער יידישער פישעריי און די אַראַבישע פישערס זיינען אויך ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. צום סוף האָט מען זיך אָבער אויסספעציאַליזירט, ס׳איז אַנטשטאַנען אַ פישער־גרופּע, וואָס האָט געלייגט אַ סטעזשקע פאַר ים־אַרבעט, האָט זיך צוגעבונדן צום כנרת, ניט געקוקט אויף די שוועריקייטן ווי נאַכט־אַרבעט, שטורעמס, אָפּגעריסנקייט פון משפחה און קינדער.

עין־גב האָט אַנטוויקלט נאָך אַ צוגאָב־צווייג: טוריסטישע שיפעריי. ס׳איז אויפגעקומען אַ טיפּ פון אַ יידישן וואַסער־מענטש, וואָס האַלט דעם רודער און פירט די שיף ווי ער וויל. טויזנטער באַזוכער און טוריסטן, יוגנט־גרופּעס און שולן האָבן געמאַכט אויספלוגן מיט די שיפלעך פון עין־גב. הונדערטער קורגעסט פון חמי־טבריה, וואָס פאַרברענגען דעם ווינטער אין שטאָט, מאַכן אָפטע אויספלוגן איבערן כנרת מיט די שיפלעך פון עין־גב. 15.000 מענטשן זיינען מיט זיי געפאָרן יאָר־יערלעך. ווי אַ צוגאָב צו דער וואַסער־טוריסטיק איז דער אייגנאַרטיקער קינסטלערישער קולטור־אויפטו — דער „מוזיקאַלישער פרילינגס־פעסטיוואַל״, אַן אָנזאָג אויף אַ נייער טראַדיציע וואָס ווערט דאָ געבוירן. בעת דער פעסטיוואַל־וואָך איז עין־גב באַלאַגערט פון באַזוכער, וואָס קומען הערן די בעסטע מוזיק־ווירטואָזן אין לאַנד. אַ שאָד, וואָס דער טוריסטיק־צווייג, וואָס איז אַזוי שווער אויסגעקעמפט געוואָרן האָט איצט באַקומען אַ קאָנקורענט, אַ פּריוואַטע געזעלשאַפט, וואָס באַקומט אַן אונטערשטיצונג און הילף פון עפנטלעכע אינסטיטוציעס. דאָס אַלץ באַשטימט דעם ים־כאַראַקטער פון ישוב, זיין שטייגער ווי אויך די אַטמאָספערע, אין וועלכער ס׳לעבן די קינדער און יוגנט.

ניט ווייט פונדאַנען איז די היסטאָרישע ס ו ס י ת א , באַקאַנט פון יידישן אויפשטאַנד קעגן די רוימער. זכרונות פון אַמאָל רופן אַרויס די חורבות פון דער פעסטונג. אויך אַנדערע העברעישע נעמען פון דערפער

אין דער סביבה פאַרבאָרגן אין זיך זכרונות וועגן אַמאָליקן יידישן דאָרפס־לעבן אין שוים פון בערג און בערג.

ניט ווייט פון חמת־גדר — אַ באַן־סטאַציע ביי דער סירישער גרע־נעץ אויפן וועג קיין דמשק, געפינט זיך אויפן שפּיץ באַרג גדר, וועמענס חורבות זיינען פאַרבליבן ביז איצט. אויף די בערג פון גולן איז בעת דער ערשטער עליה אויפגעבויט געוואָרן דורך צפתער יידן די מושבה בני־יהודה; זי האָט קיין אריכת ימים ניט געהאַט, — פאַרלאָזט געוואָרן און מ'האָט זי ביז היינט ניט באַנייט.

דער שאָסיי טבריה-צמח

דער כביש קיין טבריה גייט לענגאויס דעם ברעג פון כנרת, דאָס איז דער כביש טבריה־צמח. צמח (אויף אַראַביש סעמאַק) איז אַן אַראַביש שטעטל פון 2000 איינוווינער, וו ס'געפינט זיך אַ באַן־סטאַציע אויף דער ליניע חיפה־דמשק. מיט יאָרן צוריק, איידער ס'זיינען דאָ געווען שאָסייען האָט די באַן באַדינט די יידישע אַרומיקע ישובים. היינט באַגייט מען זיך אָן איר.

דער כביש אַליין איז אויסגעבויט געוואָרן דורך חברים פון דער דריטער עליה און פון גדוד העבודה, וואָס האָבן דאָ געלאַגערט אין זייערע געצעלטן. דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע עפנטלעכע אַרבעטן פון דער „הסתדרות", וועלכע האָט אויף זיך גענומען די הויפּט־זאָרג פאַר דער דריטער עליה. הונדערטער מענטשן ס'רוב פון רוסישן „החלוץ" האָבן געוווינט צונויפנס פון די בערג, אין רייען געצעלטן. צום האַלבן יאָר נאָך טרומפּעלדאָרס טויט, אין י"א אלול תר"פּ (1920), איז פאָרגעקומען אין די בערג, ביים שיין פון פאַקלען, אַן אזכרה, און אין יענער נאַכט איז געלייגט געוואָרן דער גרונדשטיין פאַרן גדוד־העבודה, א. נ. פון טרומפּעלדאָר. ביים ברעג פון כנרת איז געשטאַנען די וויג פון דער קבוצה און קיבוץ, און דאָ איז אויך געווען דאָס געבורט־אָרט פון גדוד־העבודה. פון דאַנען האָט ער זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד מיט זיינע פּילצאָליקע פּלוגות פאַר כיבוש.

אויף די גליל־בערג, וואָס פאַלן אַראָפּ צום כנרת, זיינען אין יענע טעג געשטאַנען חברים און אויפגעריסן פעלזן; די צעהאַקטע שטיינער האָבן זיך געקייקלט אַראָפּ, און צונויפנס פון די בערג זיינען געזעסן

אַ סך בחורות און מיט זייערע העמערלעך געקלאַפּט אין די שטיינער, און כוואַליע נאָך כוואַליע האָבן געבלאַנקט און זיך געטונקלט די קופּעס שטיינדלעך אויפן גרויסן שטח ווי אַ ים, און פאַרכאַפּט דאָס אויג. דער קלאַנג פון די האַמערס, און דער שטאַרקער אויפריים־געפילדער אין די בערג האָט געוואָרפן מיט עכאָס, פאַרטויבט די לופט אַרום און דערציילט וועגן אַ גרויס ווערק, וואָס ווערט רעאַליזירט מיטן כוח הרבים.

אויפן וועג קיין טבריה שטייען די בנינים פון קוראָרט „חמי טבריה". די הייסע שוועבל־וואַסער וואָס שלאָגט צופוסנס פון באַרג פאַרמאָגן מינעראַלן וואָס זיינען גוט קעגן רעוומאַטיזם, קראַנקע נערוון אא"וו. זייער טעמפּעראַטור דערגרייכט 56 גראַד. די „חמי טבריה" זיינען אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער פאַקטאָר אין דער שטאָט טבריה. די קאָנצעסיע אויף די וואַסערן איז אין יידישע הענט און פון אַלע עקן לאַנד קומט מען זיך אַהער באָדן אין ווינטער־סעזאָן. דאָ טרעפט מען אַ סך חברים פון די קיבוצים, וואָס קומען אַהער גרופּעסווייז זיך היילן.

לענגאויס דעם וועג געפינען זיך היסטאָרישע רואינעס, אויך קברים. איבער די „חמי־טבריה" ווייזט מען אויפן קבר פון ר' מאיר בעל הנס.

טבריה

ביים ברעג כנרת ליגט ט ב ר י ה, די הויפּטשטאָט פון גליל־התחתון. דער אויטאָ שניידט דורך די הויפּט־גאַס פון שטאָט, אַ ברייטע, אויסגעפּלאַסטערטע, אַ צענטער פון אַ גרויסער באַוועגונג, וואָס פירט פון דרום קיין צפון, קיין גליל העליון. ביי דער אויטאָ־סטאַציע קאָנסטו שטענדיק טרעפן חברים פון די משקים אין עמק־הירדן און גליל העליון, וועלכע קוקן אויס אַן אויטאָ אַהיימצופאָרן. פון מזרח־זייט, נענטער צום ים, איז די אַלטע טבריה, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער, מיט שמאָלע ענגע געסלעך, אויסגעלייגטע מיט פּראָסטע שטיינער, וואָס פירן צום ים. קיין גערטלעך און ביימער וועסטו דאָרט ניט זען. דאָ און דאָרט שלאַנקט זיך אַן איינזאַמע פּאַלמע איבער די הייזער. די נייע טבריה איז אויפגעבויט אויף די בערג־רוקנס פון צפון, מערב און אויך אין דרום.

טבריה איז אויפגעבויט געוואָרן אין דער רוימישער תקופה און באַקומען דעם נאָמען טיבעריוס — דער אימפּעראַטאָר פון רוים. זי איז געווען אַ שטאָט מיט אַ גרויסע באַפעלקערונג, אַן עקאָנאָמישער און גייס־



טבריה

טיקער צענטער אין יידישן לעבן. די נאָענטקייט פון ים כנרת האָט גע־האַט אַ השפעה אויף דער פרנסה פון די איינוווינער. בעתן אויפשטאַנד האָבן זיך תחילת דאָ פאַרזאַמלט יונגע לייט — טרעגער פון רע־וואָלט — אָבער זיי האָבן פאַרלאָזן די שטאָט, און זי האָט זיך אונטער־געגעבן. יאָרן לאַנג האָט זי געדינט אַלס אַן אכסניה פון תורה און חכמים. דאָ איז געחתמעט געוואָרן די משנה, און הונדערטער יאָרן שפּע־טער — דער תלמוד ירושלמי. טבריה האָט זיך באַטייליקט אין שפּעטער־דיקע אויפשטאַנדן, איז חרוב געוואָרן, אָבער דורות־לאַנג זיינען נאָך פאַרבליבן רעשטלעד פון יידישן ישוב. לויט דער טראַדיציע זיינען דאָ געבראַכט געוואָרן צו קבורה פיל באַרימטע חכמים, און דאָ זאָל זיך גע־פינען דער קבר פון רמב״ם.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע עקספּערימענטן ווידער אויפצושטעלן דאָ אַ יידישן ישוב. אַ ספּעציפישע היסטאָרישע דערשיי־נונג איז דער אויפטו פון דאָן יוסף נשיא, אַ פּאָרטוגעזישער מאַ־ראַן, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אין הויף פון טערקישן סול־טאַן. ער האָט באַקומען טבריה מיט דער סביבה, כדי אויפשטעלן דאָ אַ

יידישן ישוב. עס האָט זיך ווירקלעך אָנגעהויבן אַ תקופה פון בויאונג, אָבער צוליב פאַרשיידענע סיבות האָט זי ניט באַרעכטיקט די האָפנונגען. די עליה פון די חסידים אין 18־טן י.ה. איז פאַרבונדן מיט טבריה, ווי מיט אַ צענטער. מיט איבער הונדערט יאָר צוריק האָט אַ שטאַרקע ערד־ציטערניש חרוב געמאַכט די שטאָט, אָבער דער ישוב איז ווידער צו זיך געקומען. בעת דער ערשטער עליה איז טבריה געוואָרן אַ שטאָט־צענטער פאַר דער התישבות אין גליל. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען דאָ אויפגעבויט געוואָרן נייע יידישע קוואַרטאַלן, דער עיקר ק ר י ת ־ ש מ ו א ל אין אויבערשטן טייל שטאָט.

די שטאָט ציילט אַריבער 10.000 איינוווינער, פון וועלכע 7000 זיינען יידן. דער שטאָט־פרעזידענט איז אַ ייד. אין אַלגעמיין איז די באַציונג צווישן יידן און אַראַבער אַ גוטע. אָבער בעת די עקסצעסן אין 1939, איז דאָ פאָרגעקומען אַן אומגעריכטע שחיטה אין אַ פאָרשטאָט און איבער 30 יידן זיינען אומגעקומען.

מגדל

צפונדיק פון טבריה, נאָענט פון ים כנרת, ליגט די מושבה מ ג ד ל. געגרינדעט בעת דער צווייטער עליה, 1911, ווי אַ פערמע. דאָ האָט געאַרבעט די קאָמונע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין גלות דורך צבי שאַץ און יוסף טרומפעלדאָר, וועלכער האָט דאָ דאַן געאַרבעט מיט זיין איינציקער האַנט. בעת דער דריטער עליה האָט דאָ געהאַט זיין לאַגער דער גדוד־העבודה, וואָס האָט פאַרגעזעצט בויען דעם כביש לענגויס דעם כנרת ביז טאַבחאַ אין צפון. מיטן גדוד האָט דאַן געלעבט י. ח. ברענער, וועלכער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו דעם יונגן און מונטערן עליה־שטראָם. ער האָט זיך צוגעבונדן צו די חברים, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזויפיל פשטות און קראַפט, האָט געלעבט מיט זיי אין געצעלטן און אין די אָוונטן פלעגט ער פירן שמועסן, לערנען העברעיש, פאָרלעזן רעפעראַטן. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען האָט ער געהאַלטן אַ וווּנדערבאַרע דרשה וועגן תנ״ך־פסוק „ויפשטו ידיהם בגדוד״. און אַזוי האָט ער מפרש געווען דעם פסוק: ויפשטו ידיהם — זיי האָבן זייערע הענט געמאַכט פאַר פשוטע; נישט „יד ענוגה היתה לה״ (אַ צאַרטע האַנט האָט זי געהאַט), ווי ס׳דיכטעט אין זיין ליד זלמן שניאור,

נאָר פעסטע און פשוטע הענט, וואָס זיינען אויסגעשטרעקט צו אַרבעט; און ווו? — אין גדוד! ניט אין אַ גדוד פון קעמפער און רויבער, נאָר אין גדוד־העבודה (אַרבעטס־באַטאַליאָן).

ווי אין דער מערהייט מושבות פון גליל התחתון, זיינען אויך אין מגדל קיין וועזנטלעכע ענדערונגען ניט פאָרגעקומען. די מושבה איז כמעט ווי פאַרגליווערט. די פערמע איז ליקווידירט געוואָרן. ביים ים האָט מען אויפגעשטעלט דעם פּאַלאַץ פון אלפרעד מאָנד ד. ה. פון לאָרד מעלטשעט, דעם יידישן פילאַנטראָפּ און ענגלישן מלוכה־מאַן. אַרום פּאַ־לאַץ זיינען געפלאַנצט געוואָרן סעדער.

גינוסר

ליגט דאָ ניט ווייט און רופט זיך אויפן נאָמען פון גינוסר־טאָל, וואָס ציט זיך ביים סאַמע ברעג ים. אונדזערע חכמים האָבן דעם נאָמען אויסגעטייטשט ווי אַ צונויפגיסונג פון צוויי ווערטער: גני־שר (פירסטן־גערטנער) ד. ה. אויף דעם פּרוכטבאַרן געבענטשטן אָרט האָבן זיך אויסגעשפּרייט די שענסטע סעדער פון דער יידישער אַריס־טאָקראַטיע. גינוסר האָט געהערט צו שבט נפתלי. און מען האָט געזאָגט דעם משל: „נפתלי אילה שלוחה", אַז די פּרוכטן ווערן דאָ צייטיק אַזוי שנעל, ווי ס'לויפט אָט די לייכט־פיסיקע חיה, וואָס קיינער קאָן זי ניט איבעריאָגן. באַקרוינט מיט רום זיינען געוועזן די פּרוכטן פון גינוסר אַ דאַנק די זיסע וואַסערן, וואָס געפינען זיך דאָ בשפע, אַ דאַנק דעם הייסן טאָל און געבענטשטן אָרט.

די קבוצה גינוסר בויט איר משק ניט רעכענדיק זיך מיטן ווידער־ווילן פון פּיק"אַ, די אייגנטימערין פון באָדן. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן הייזער, געפלאַנצט געוואָרן געוויקסן, קינדער זיינען אויף דער וועלט געקומען און דער ישוב אַליין ווערט נאָך אַלץ באַטראַכט ווי אַ שטיף־קינד ביי די קאָלאָניזאַטאָרישע אינסטאַנצן. די קבוצה איז געווען אין מגדל, דער מושבה, און לעבן איר, לענגאויס דעם ברעג האָבן זיך אויסגעשפּרייט שיינע פלאַכן, וואָס האָבן ניט געדינט דעם יידישן ישוב, נאָר געוואָרן פאַרפּאַכטעט צו אַראַבער און דורך זיי באַאַרבעט. עס קאָן זיין, אַז מיט דער צייט וואָלטן זיך די שטחים אינגאַנצן אַרויסגעגליטשט פון יידישע הענט. די קבוצה האָט געזען דעם אָרט ווי גוט ער איז און

אנגעהויבן פאָדערן מען זאָל זי דאָ באַזעצן; ווען מ'האָט זיי נישט נאָכגעגעבן — זיינען זיי אַליין אַרויף אויפן באָדן, כדי ער זאָל ניט פאַרפרעמדט ווערן. פיק"א אַמפּערט זיך זייט דעמאָלט מיט דער קבוצה און פאַרלאַנגט זי זאָל אָפּטרעטן, זי גיט ניט קיין מיטלען צו פונאַנדערבויאונג. אויך די סוכנות און אַנדערע אינסטאַנצן העלפן ניט, כל זמן דער סכסוך איז ניט דערליידיקט. אַזוי ראַנגלט זיך די קבוצה אַ סך יאָרן און מיט אייגענע כוחות האָט זי באַוויזן אויפצובויען אַ משק, מיט דער הילף אין אַ געוויסער מאָס פון קיבוץ המאוחד. די קבוצה פאַרנעמט זיך אויך מיט פיש־פאַנג און אירע פישער אַרבעטן אַקסל ביי אַקסל מיט די פישערס פון עין־גב. אין קאַמף פאַר פאַרזיכערן די וואַסער פון קוואַל זיינען צען חברים איינגעזעצט געוואָרן אין עכו־תפיסה אויף אַ לענגערער צייט אַלס הגנה־אַרעסטאַנטן. איצט באַנוצט די קבוצה אויסער דעם קוואַל אויך די כנרת־וואַסערן צו שטילן דעם דורשט פון זייערע פעלדער.

גינוסר איז געגרינדעט געוואָרן דורך חברים פון הנוער העובד, מערסטנטייל פון די בן־שמן־אַביטוריענטן, וועלכע האָבן געמאַכט זייער

אַרבאל-פעלזן

הכשרה אין כנרת. זיי האָבן אויפגענומען אויך יוגנט פון גלות. די פראַ־גע פון זייער התישבות איז היינט — נאָך 17 יאָרן עקזיסטענץ פון דער קבוצה — נאָך ניט געלייזט אינגאַנצן הגם האָפנונגען צו דעם זיינען פּאַראַן. גינוסר שלאָגט זיך דורך אַ וועג צו איר צוקונפט דורך דערנער און שטרויכלונגען.

דרומדיק פון מגדל שניידט דורך די גליל־בערג אַ טיפער ואדי, דאָס איז גיא־היונים (טויבן־וואַנוואַז), אויף אַראַביש וואַרי־אַל־חמם. פעל־זיקע ריזן־ווענט פון ביידע זייטן. אַ שטיילע סטעזשקע פירט אַרויף צו כפר־חיטין, וואָס ליגט אויבן אויפן באַרג־פּלאַך. אין דער דרומדיקער וואַנט זיינען פאַראַן היילן — מ ע ר ו ת א ר ב א ל, גרויסע און פעס־טע. זיי האָבן געדינט אַלס פאַרטיידיקונגס־פעסטונגען אין קאַמף פון די גלילער קנאים קעגן הורדוס. די רוימער האָבן זיי ניט געקאָנט בייקומען, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט דעם צוטריט צו די היילן־עפענונגען אין שטראַמען באַרג. פלאַוויוס דערציילט, ווי אַזוי מ'האָט מיט לאַנגע קייטן צראָפּגעלאָזט די זעלנער פון באַרג־שפּיץ ביז צו די עפענונגען פון די היילן און אַזוי האָבן זיי געקעמפט מיט די באַפעסטיקטע אויג אויף אויג ביז זיי האָבן זיי באַזיגט.

קעגנאיבער גינוסר, אין דער טיפקייט פון די נאָענטע בערג, ליגט קבוצת ח ק ו ק, פון הנוער העובד. זיי האָבן דורכגעמאַכט די הכשרה אַלס איבונגס־גרופּע. דעם קערן פון דער קבוצה בילדן אבסאָלווענטן פון מקוה־ישראל און זיי טראָגן דעריבער דעם נאָמען פון לאַנגיאָריקן פאַר־וואַלטער פון דעם אנשטאַלט אליהו קראוזע — ש ד ה א ל י ה ו.

לענגאויס דעם כנרת־ברעג געפינען זיך רואינעס פון אַמאָליקע בני־נים. אין טבחא זיינען דאָ רעשטלעך פון אַ קריסטלעכער קירכע מיט אַ שיינעם מאָזאַיק־דיל. אין כ פ ר ־ נ ח ו ם — אַ שול פון נאָכן חורבן מיט אויפשריפטן, אָרנאַמענטן און מאָזאַיק. דער אָרט, איז פאַרבונדן מיטן אָנדענק פון ישו הנוצרי און איז פאַרהייליקט ביי די קריסטן.

לאָמיר ווייטער גיין און צוקומען צום אָרט, ווו דער ירדן פאַלט אַריין אין כנרת.

אויף דער מזרח זייט איז דער עמק ב ט י ח ה, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף אַ שטח פון אַ 20.000 דונאַם. אין אָנפאַנג פון דער צווייטער

עליה איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו מצד יידן זיך צו באַזעצן ווי פּאַכ־טערס אויף דעם באָדן פון בטיחה, וואָס געהערט צו אַ גרויסן אַראַבישן ערד־באַזיצער פון דמשק. אָבער די פאַרשאָלטענע זומפּן און מאַלאַריע האָבן זיי פאַריאָגט פון אָרט.

פון גינוסר צפונדיק זעגנט זיך דער שאָסיי מיטן ים כנרת, און קלע־טערט אַוועק זיקזאַקיק העט ווייט אין די בערג פון גליל, שניידט דורך נאַקעטע און פאַרלאָזענע שטחים, באַדעקטע ווו ניט ווו מיט באַזאַלט־פעלזן. ציט זיך ווייטער צופוסנס פון די הויכע גליל־העליון בערג וואָס הויבן זיך פון מערב־זייט, ווענדעט זיך קיין ראש־פּינה און שפּעטער צום צפון־גרענעץ.

מיר שטייען אויף דער שוועל פון ג ל י ל - ה ע ל י ו ן .



מ'שטעלט אויף דעם „טורעם"

הגליל העליון

לאַנדשאַפט

דו לאָזט זיך אין צפון פון לאַנד, אין ג ל י ל ה ע ל י ו ן. דו דערווייטערסט זיך פון טומלדיקע שטעט, פון באַז־ליניעס. וואָס העכער דו גייסט — אַלץ אָפענער און ברייטער ווערט דער האָריזאָנט, אַלץ שטאַרקער דער איינדרוק, אַלץ רו־איקער די שטילקייט. אַ מאַיעסטעטישע, אימפּאָנירנדיקע רואיקייט איז אויסגעגאָסן איבער דער גאַנצער נאַטור. פון די בערג און דער ברייטקייט אַרום שטראַלט אַרויס עפּעס אַ פונדאַמענטאַלער כוח און צויבער.

די בערג פון גליל העליון זיינען העכער פון די פון גליל התחתון, די העכסטע אין לאַנד. ווי אַ באַרגיק לאַנד איז זי געבענטשט מיט אַ סך רעגן און טוי. פאַראַן ערטער, וואָס האָבן איבער 1000 מ״מ רעגן אַ יאָר. די ערד איז אַ פרוכטבאַרע און לאָזט וואַקסן ביז היינט קוסטן און ביי־מער־וועלדלעך און פיל איילביימער באַדעקן די נאַקעטע פעלזן. חורבות פון פאַרצייטיקע דערפער זאָגן עדות אויף אַן אַלטן און רייכן ישוב. דער



פקיעין און אומגעגנט

בארג האט באהויכט זיינע זין מיט פעסטקייט און געוואגטקייט. „שרע־קעוודיקייט האט נישט באהערשט די מענטשן" — כאראקטעריזירט פלאוויוס די גליל־איינוווינער. בעת דעם אויפשטאנד קעגן די רוימער זיינען א סך גלילער געווען אין דער ארמיי פון די אויפשטענדלער. נאכן חורבן זיינען דא אנטרונען געווארן א סך פון דרום און יארהונדערטער האבן נאך דא עקזיסטירט יידישע ישובים. לאנדווירטשאפטלעכע יידי־שע ישובים זיינען דא געווען דורות־לאנג.

ביים באשטימען די צפון־גרענעץ פון לאנד נאך דער וועלט־מלח־מה איז א גרויסער טייל פון בערגיקן געביט אפגעריסן געווארן פון ארץ ישראל. די גרענעץ־ליניע צושניידט דעם גליל־העליון אויף צוויי אומ־גלייכע טיילן: דער קלענערער געהערט צו ארץ ישראל, דער גרעסערער — צו סיריע און לבנון. נאר דער גאנצער עמק החולה און די אראפהענג פון די נפתלי־בערג זיינען אריבער צו א"י. א דאנק דעם איז דארט אנט־שטאנען, כאטש מיט א גרויסער פארשפעטיקונג, א גרויסער גוש פון יידישע ישובים.

בעת דער ערשטער עליה זיינען אויפגעשטעלט געווארן אין גליל העליון א צאל מושבות צווישן זיי ר א ש ־ פ י נ ה, י ס ו ד ־ ה מ ע ־ ל ה, נאכדעם מ ט ו ל ה. זיי האבן זיך אבער פארמאכט אין זיך, פאר־גליווערט געווארן אין וווקס און געלעבט א נעבעכדיק לעבן אין זייער ענגן תחום. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען דאס לאנד האט גע־האט אויסצושטיין אונטערדריקונג און אומגליק, זיינען געשאפן געווארן א דאנק די אנשטרענגונגען פון דער ארבעטערשאפט, בפרט פון „השו־מר", עטלעכע נייע פונקטן צ. אנד. א י ל ת ־ ה ש ח ר און כ פ ר ־ ג ל ־ ע ד י. דאס פארפעסטיקן זיך אויף דער צפון־גרענעץ איז ניט אפצו־שאצן, אבער במשך פון איבער 20 יאר איז קיין ערנסטער קאלאניזאטא־רישער אויפטו ניט געמאכט געווארן. דער געגנט וואס איז געהייליקט געווארן מיטן בלוט פון טרומפעלדארן און זיינע חברים האט קיין גואל ניט געפונען. די איינזאמע יידישע ישובים האבן דא געבענקט נאך אן אויסברייטערונג, נאך נייע ישובים און מענטשן, אבער די אפהענגיקייט פון פיק"א, דער אייגנטימער פון באדן, האט פאראליזירט די טעטיקייט. די איינזאמקייט און אפגעריסנקייט פון ישוב, די שלעכטע קאמוניקא־

ציע האָבן געהאַמעוועט זייער אַנטוויקלונג. אַ סך יאָרן פּלעגט מען, צו־ליבן פעלן פון אַ כביש, פירן פּראָדוקטן קיין כפר־גלעדי אין ווינטער־צייט דורך אַ בלאָטיקן וועג. ניט איינמאָל פּלעגט דער וואָגן איינזינקען אין אַ בלאָטע און די חברים, באַלעגאַלעס מיט זייערע פּאַסאַזשירן, האָבן געמוזט נעכטיקן אין די קאַלטע רעגנדיקע נעכט אונטערן וואָגן און אויסקוקן אויף הילף, וואָס וועט מאָרגן קומען.

בעת די געשעענישן 1936־1939, מיטן אַריינדרינגען פון דער יידי־שער התישבות אין נייע סטרעפעס, מיט דער לאָזונג „הגלילה"!, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין דער גאַנצער באַוועגונג איז אויך געקומען די שעה פון גליל העליון. דעמאָלט איז מען אַרויף אין חניתה אויף מערב און אין חולה אויף מזרח און שפּעטער אויך אין די בערג איבערן עמק.

בעת די געשעענישן איז אויסגעשטעלט געוואָרן דער צפון־פּלויט לענגזוים דער גרענעץ. גייענדיק קיין צפון שטויסן מיר זיך נאָך אָן אויף שטיקלעך פאַרצאַמונג פוןביידע זייטן כביש און אויף אָבסערוואַציע־טורעמס. הייבט האָבן מיר אַ נעץ שאָסייען אין גליל העליון ביז צו דער סאַמער צפונדיקער מטולה, מזרחדיקער יסוד־המעלה און צפת אויפן באַרג־הייך. יידישע דערפער זיינען צעשפּרייט אין עמק־החולה, אויף די שפּיץ־בערג. אַזוי זיינען די אַלטע ישובים סוף כל סוף אויסגעלייזט גע־וואָרן פון זייער איזאָלירטקייט.

דער כביש, וואָס ציט זיך אין טבריה, 200 מעטער אונטער דער ים־פלאַך, גייט באַרג־אַרויף, דערגייט צום פּונקט, וואָס באַצייכנט די הייך פון ים־פלאַך און הויבט זיך נאָך ווייטער פּאַמעלעך. די האָריזאָנטן ברייטערן זיך אויס, ס'אַנטפּלעקן זיך נייע, הערלעכע אויסזיכטן. מען זעט דעם כנרת און די בערג וואָס רינגלען אים אַרום אין זייער פּראַכט. אין די זייטן פון כביש ליגן אָבער נאַקעטע פעלדער פאַרזייט מיט שטיי־נער. פון צפון קוקט אַראָפּ מיט אַ וואַגיקער מאַיעסטעטישקייט דער חרמון מיט זיין באַזילבערטן קאָפּ. ביים באַרג־רוקן, לינקס פון שאָסיי, ליגט עמיעד, דאָס איז דזשעב־יוסף, וווּ ס'האָט זיך באַזעצט די יונ־גע קבוצת „החושלים" פון הנוער העובד. דאָס זיינען אָבסאָלווענטן פון בן־שמן, וואָס האָבן געמאַכט די הכשרה אין חולדה און גבע, האָבן זיך צונויפגענומען, אַנגעשלאָסן אָן חבר־הקבוצות און זיך באַזעצט דאָ

ט"ו בשבט תש"ו (1946). זיי פֿאַרנעמען 4000 דונאַם באָדן, אָבער נאָר א טייל קאָן באַאַרבעט ווערן. די קבוצה גרייט צו דעם איבעריקן באָדן, רוימט אָפּ די שטיינער, פֿלאַנצט און פּלאַנירט צו ברענגען וואַסער פֿון ירדן.

דער נאָמען דזשעב־יוסף באַדייט די גרוב פֿון יוספֿן. לויט דער אַראַבישער טראַדיציע איז יוסף דאָ אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין גרוב דורך זיינע ברידער.

ראש־פּינה

אויף דער גרענעץ צווישן באַרג און טאָל איבערן וועג וואָס פֿירט קיין צפֿון, ליגט ר א ש ־ פּ י נ ה. די וועגן קרייצן זיך ניט ווייט פֿון דעם אָרט, קיין צפֿון און דרום, אויף מזרח קיין דמשק און צו צ פֿ ת אין די בערג.

ראש־פּינה געהערט צו די גאָר ערשטע ישובים פֿון דער ערשטער עליה (1882), דער ערשטער יידישער ישוב אין גליל העליון. די גרינדער — די ערשטע עולים פֿון רומעניע און בעסאַראַביע. אין אָנפֿאַנג פֿון איר קאָלאָניזאַציע, האָט די מושבה דורכגעמאַכט אַ קריזיס, און אַריבער אין רשות פֿון באַראָן — אויסגעשטעלט אויפֿן חסד פֿון זיינע אָנגעשטעלטע. די דאָזיקע אָפּהענגיקייט האָט זיי דערנידעריקט און געצוווּנגען צו אונטערטעניקייט און צו פֿאַרליידן בזיונות. אין אָנהויב האָבן זיי נאָך געקעמפֿט פֿאַר זייער מענטשלעכן כבוד, אָבער דער פּערמאַנענטער, פֿאַרמאַטערנדיקער קאַמף האָט אויסגעשעפּט זייערע אינערלעכע כּוחות און זיי זיינען געוואָרן געהאַרכזאַם לגבי די אָנגעשטעלטע פֿון באַראָן. ווער ס'האָט זיך געבונטעוועט איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון דער מושבה. זייט דעמאָלט איז אין ראש־פּינה „שקט ושלוה". געזעלשאַפֿטלעכע אוןווירטשאַפֿטלעכע סטאַגנאַציע. אַ לאַנגווייליקע שטילקייט הערשט אין איר הויפּטגאַס. איבער 40.000 דונאַם ערד פֿאַרמאָגט ראש־פּינה, דער משק אָבער, איז אַ נעבעכדיקער, און נייע עולים זיינען כמעט ווי ניט צוגעקומען. אַראַבישע אַרבעטער געפֿינען זיך דאָ אין אַ גרויסער צאָל. זיי קומען פֿון דעם שכנותדיקן דאָרף, וואָס ליגט אויפֿן באַרג איבער דער מושבה. לאַנגע יאָרן איז דאָ געווען אַ פּלוגת בית"ר.

די מושבה איז 400 מ' איבערן ים־פּלאַך. עס שניידט זי דורך דער שאָסיי קיין צפֿת.

ביים ראַנד פֿון דער מושבה איז דער צאַל־אַמט און גרענעץ־וואַך. דאָ טרעפֿן זיך אויטאָס פֿון צפֿון און דרום. דאָ שטעלן זיך אָפּ די אויטאָבוסן, וואָס פֿאָרן קיין גליל העליון און צוריק. מען בעט דיך אַראָפּגיין און ווייזן דיין אידענטיטעטס־קאַרטע. קומסטו פֿון צפֿון — איז דאָך מעגלעך, אַז דו ביסט אַריבער די גרענעץ און ניט לעגאַל אַריין אין לאַנד. אין אַ ווײַלע אַרום זאַמלט דער שאָפֿער צונויף זײַנע פּאַסאַזשירן און מ'לאָזט זיך ווידער אין וועג.

צפת א געשלענגלטער שאָסיי דרייט זיך דורך די בערג און אויף זייערע שטיילע בערג־אָפּהאַנגען — ער פֿירט קיין צפת. פֿון איין זייט — בערג, פֿון דער אַנדערער — טיפֿע וואַדיס. פֿונוויטנס באַמערקסטו צפת אײַנגעהילט אין די בערג, אירע הייזער אָנגעהויפֿן איינע אויף די אַנדערע.

מיטן נאָמען צפת טויכן אויף געשטאַלטן פֿון דער קבלה־תקופה. די מקובלים פֿלעגן זיך מתיחד־זיין אין די בערג און די נאַטור־הערלעכקייט האָט זיך אין זייער נשמה צונויפֿגעשמאָלצן מיט אַ דערהויבן רעליגיעז געפֿיל. דאָ האָט געלעבט דער אר"י הקדוש און דאָ האָבן געדיכטעט זייערע לידער און תפילות ר' שלמה אַלקבץ און ר' ישראל נג'ארה; דאָ האָבן געלעבט גאולה־זוכער און דוחקי קץ. אָבער אָט ביסטו שוין אין צפת גופא, אין דער יידישער צפת.

אין משך פֿון לאַנגע יאָרן איז צפת געווען אַ גרויסע יידישע קהילה, די גרעסטע אין לאַנד. אין 18־טן י. ה. זיינען אַהער עולה געווען 300 משפחות, דאָס איז געווען די חסידישע עליה. בעת דער ערדציטערניש אין יאָר 1837 זיינען אומגעקומען אַ סך מענטשן און איבער 2000 יידן האָבן געפֿונען דעם טויט אונטער די חורבות. די רעליגיעזע עליה האָט שפּעטער אַרומגענומען טויזנטער מענטשן און פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען דאָ געציילט אַרום 10.000 יידן.

דאָס איז געווען אַ ישוב פֿון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער, געלעבט פֿון „חלוקה"־געלטער, וואָס מען פֿלעגט זאַמלען צווישן יידן פֿון דער גאַנצער וועלט פֿאַרן רעליגיעזן ארץ ישראל. דאָס ליידיק־גיין און די אָפּהענגי־

קייט פון „חלוקה" האָט געלייגט אַ גלות־שטעמפּל אויפֿן לעבנס־שטייגער, אַ לעבן אָן שאַפונג און אַרבעט, מיט פיל סימפּטאָמען פון מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער נידערלאַגע. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די קוואַלן פון „חלוקה" זיינען חרוב געוואָרן, זיינען די צפתער געווען פאַרמשפּט אויף הונגער, קראַנקייטן און טויט. ס'איז געווען אַ ישוב פון אויסגעשעפּטע און בלוטאָרעמע מענטשן.

די יידישע צפת האָט זיך צונויפגעטוליעט אין אַן ענגן געטאָ — געדרייטע געסלעך, פאַרבלאָטיקטע הויפן. אין שוים פון די בערג, אינם גרויסן מרחב האָט זיך דער יידישער ישוב איינגעשרומפּן אין זיך אַליין, דערשראָקן פאַר ברייטקייט און נאַטור. די שטאָט איז געבויט אַ גאַס אויף אַ גאַס. גייסט אַריין אין איין הויף און דו געפינסט זיך גלייכצייטיק גאָר אויפן דאַך פון אַ רייע הייזער, וואָס ליגן נידעריקער.

מיטן אָפּשניידן אַ גרויסן טייל גליל־העליון פון לאַנד, נאָך דער ענגלישער דעראָבערונג, איז צוגערויבט געוואָרן די עקאָנאָמישע באַזע פון צפת. ס'איז געווען, ווי מ'וואָלט אָפּגעהאַקט דעם הינטערלאַנד וואָס פלעגט שפּייזן די שטאָט און אין אַ געוויסער מאָס אויך אירע יידישע איינוווינער. מיטן פאַרקלענערן זיך פון די „חלוקה"־מקורות האָבן זיך אַ וואַקל־געטאָן די יסודות פון עקזיסטענץ. טויזנטער יידן האָבן פאַרלאָזט צפת און טייל אויך דאָס לאַנד. די יידישע קהילה איז געוואָרן אַלץ איינגעשרומפּענער און דער אָרגאַניזירטער ישוב איז געווען אָנמעכטיק צו העלפן. בעת די געשעענישן אין 1929 איז מען באַפאַלן די צפתער יידן, און זיי האָבן ניט אַנטפּלעקט קיין ערנסטן פאַרטיידיקונגס־ווילן.

ערשט אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך געוויזן סימנים פון אַן ענדערונג. עס בלאָזן דאָ נייע ווינטן. די שטאָט האָט געביטן איר רעליגיעז־פאַנאַטישן כאַראַקטער. די יוגנט פון צפת גייט אַרויס פון טעמפּן ווינקל, גלידערט זיך איין אין נייעם לעבנס־קרייז פון לאַנד. אַ סך פון זיי זיינען אָרגאַניזירט אין הנוער־העובד.

צפת ליגט 850 מ' איבערן ים־פלאַך. איר באַרג־קלימאַט, די ריינע לופט פּרעדיסטינירט זי צו ווערן אַ צענטער פאַר אָפּרו־הייזער און סאַנאַטאָריעס פאַר לונגען־קראַנקע. דאָ איז פאַראַן אַ גרויס שפּיטאַל פון „הדסה" מיט אַן אָפּטיילונג פאַר לונגען־קראַנקע. אויך די קופּת־חולים

האָט דאָ אויפֿגעשטעלט אַ סאַנאַטאָריע. דער אַרבעטער־ראַט אין צפת זאָרגט צו פֿאַרגרעסערן די אַרבעטס־מקורות. אויפֿן נאָענטן הר־כנען האָבן די משקים פֿון עמק־הירדן אויפֿגעשטעלט אַ סאַנאַטאָריע פֿאַר זייערע חברים, וואָס די זומער־היצן זויגן אויס זייערע כוחות, און זיי בויטיקן זיך אין דערהאָלונג. אויפֿן ה ר ־ כ נ ע ן ביי צפת זײַנען גרויסע שטחים ייִדיש אייגנטום און ס'ווערט דאָרט אויפֿגעבויט אַ ייִדישער קוואַרטאַל.

די הערלעכע לאַנדשאַפֿט פֿון צפת, דער סטיל פֿון אירע הײַזער און געסלעך ציִען צו אַ סך מאָלערס, וואָס ווילן איבערטראָגן אויפֿן לײַוונט די ספּעציפֿישע אַטמאָספֿערע, וואָס שטעקט אין צוזאַמענשטעל פֿון נאַטור, פּייזאַזש און מענטש.

ל"ג בעומר איז דער טאָג פֿון צפת. פֿון אַלע עקן לאַנד שטראָמט מען אַהער, כדי אַרויסגיין צו מ י ר ו ן, וווּ לויט דער טראַדיציע זאָל זײַן דער קבר פֿון ר' שמעון־בר־יוחאי. טויזנטער מענטשן פֿון שטעט, פֿון די רעליגיעזע עדות און אַ"וו קומען אַהער, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער טראַדיציאָנעלער פֿייערונג לכבוד ר' שמעון־בר־יוחאי. ס'קומען אויך אַראַבער און דרוזן פֿון צפֿון. מען צעלייגט שייטערן, מ'צינדט אָן אַ גרויס פֿייער, מען טאַנצט און זינגט אַ גאַנצע נאַכט מיט רעליגיעזער התלהבות און דאָס אַלץ איז באַגלייט מיט אייגנאַרטיקע רעליגיעזע צערעמאָניעס.

ר' שמעון־בר־יוחאי, פֿון די חכמי־ישראל אין דער תּלמודישער תּקופֿה, איז געווען אַ גרויסער שונא פֿון די רוימער. פֿון אים שטאַמט דער זאָץ: „דעם בעסטן פֿון די רוימער הרגע, דעם בעסטן פֿון די שלאַנגען צעשמעטער דעם מוח". די ייִדישע טראַדיציע שרײַבט אים צו די פֿאַרפֿאַסונג פֿון ספֿר „הזוהר", בעת ער האָט זיך אין משך פֿון 13 יאָר אויסבאַהאַלטן פֿון די רוימער אין אַ הייל.

צפת ליגט אָן אַ זײַט און איז געווען דער איינציקער ייִדישער באַרג־ישוב אין גליל העליון. איר קאָנטאַקט מיט די אַנדערע ישובים איז געווען אַ לויזער. פּרוּוון צו באַזעצן זיך נאָענט פֿון צפת האָבן זיך ניט אײַנגעגעבן. ערשט אין דער לעצטער צײַט האָבן זיך דערנעבן סטאַביליזירט אין ב י ר י ה און אין ע י ן ־ ז י ת י ם קיבוצים. די ייִדישע

התישבות אין דער סביבה וועט אויך האָבן אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויף צפת גופא און צפת — ווי שטאַרק גאַרט זי נאָך דעם!

ביריה
צפונדיק פון צפת. דאָ איז געווען אַ ישוב פאַרן חורבן און הונדערטער יאָרן שפּעטער. פאַר 40 יאָר איז די ערד אויסגעלייזט געוואָרן דורכן באַראָן ראָטשילד. פּרוּוון צו באַזעצן זיך דאָ האָבן זיך ניט איינגעגעבן. דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן אַ סכסוך צו־ליבן באָדן. עס האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער זאַך קק״ל און באַוויזן אָפּצוראַטעווען אַ שטח פון 3000 דונאַם און באַזעצן אַ יונגע קבוצה פון „בני־עקיבא“. ס'איז אויפגעבויט געוואָרן אַ שטיינערנע פעסטונג מיט אַן אָבסערוואַציע־טורעם. מ'האָט גענומען צוגרייטן דעם באָדן, פּלאַנצן, באַוואַלדיקן און שאַפן אַ משק.

אין אָנהויב 1946 האָט מיליטער אַנטדעקט אַ געווער־לאַגער ניט ווייט פון דאַנען — דער פּונקט איז דעריבער עוואַקויִרט געוואָרן און די חברים זיינען איינגעזעצט געוואָרן אין עכו'ער תּפיסה. דער פּונקט איז פאַרנומען געוואָרן דורכן מיליטער. י״א אדר תש״ו (1946), אין טראַדיציאָנעלן עליה־טאָג פון הנוער העובד קיין ת ל ־ ח י , צו די קברים פון אירע פאַרטיידיקער, האָבן געשפּרייזט און אַרויף קיין ביריה מאַסן־יוגנט, כדי זי דעראָבערן פון ס'ניי און ווידער באַנייען דעם ישוב. אין דער פינצטערניש פון אַ קאַלטער ווינטערנאַכט האָבן הונ־דערטער יינגלעך און מיידלעך שטילערהייט געשלייכט אַהער דורך פאַר־שיידענע וועגן און שטעגן. זיבן שעה האָט מען אַזוי געשפּאַנט דורך שלאַקסרעגן און קעלט, באַלאָדן מיט בוי־מאַטעריאַל פאַרן נייעם פּונקט. און דער אויפגייענדיקער מאָרגנשטערן האָט אַנטפּלעקט קייטן פון באַוועגלעכע און אַרבעטענדיקע מענטשלעכע פיגורן, וואָס בויען פונ־סניי דעם פּלויט און דעם טורעם. און דאָס בריטישע מיליטער לאַגערט דערנעבן. צומאָרגנס, ווען ס'רוב מענטשן האָבן פאַרגעזעצט זייער וועג קיין תל־חי, איז געקומען מיליטער מיט טאַנקן און צעשטערט דעם פּונקט. ווידער זיינען אַלאַרמירט געוואָרן הונדערטער בחורים פון דער סביבה און אויפגעשטעלט דעם פּונקט צום דריטן מאָל. אויך פיל צפתער יידן זיינען אַרויס דעמזעלבן שבת צו ביריה און אים מחלל גע־ווען צוליב דער הייליקייט פון בויען אַ יידישן ישוב. די דעראָבערונג

פון ביריה האט אפגעהילכט אין גאנצן ישוב און אין גלות ווי א שטאר־קער אויסדרוק פון ווילן צו העפלה און קאמף מצד דער ארץ־ישראלדי־קער יוגנט.

איצט געפינען זיך אין ביריה יונגע חברים פון „בני־עקיבא", וועל־כע באארבעטן דאס קליינע שטיקל באדן, וואס איז זיי פארבליבן. דער גרעסטער טייל ערד ווערט באטראכט דורך דער מאכט אלס שטרייט־באדן, וועלכער טאר נאך ניט באארבעט ווערן. די קבוצה קוקט אויס דעם טאג זי זאל קענען פונאנדערנעמען די הענט. קיין וואסער איז דערווייל ניטא און אפילו צו באוואסערן זייערע צארטע פלאנצן, באנוצן זיי רעגן־וואסער, וואס איז אנגעזאמלט אין א גרוב. אלץ אטעמט נאך מיט אטמאספער פון כיבוש. דער לעבנס־שטייגער איז א רעליגיעזער. אין חדר־האוכל, וועלכער דינט דערווייל אויך אלס בית־התפילה, שטייט אן ארון־קודש. אין די אוונטן דערטראגן זיך פון דאנען טענער פון גמרא־לערנער.

עין־זיתים

אויף דעם באדן פון עין־זיתים, צופוסנס פון עצמון, האט זיך באזעצט די קבוצה מגינים. זי האט זיך צונויפגעשטעלט פון הנוער העובד צוזאמען מיט יוגנט־עליה פון „דרור־הבונים" אין אונגארן. זיי האבן דורכגעמאכט זייער הכשרה אין קבוצת כנרת. פון דער מושבה הרצליה, ווו זיי האבן אויסגעבילדעט זייער זעלבסטשטענדיקע פלוגה, זיינען זיי ארויף אויפן באדן ט"ו בשבט תש"ו (1946).

אין יאר 1890 איז זי דערווארבן געווארן דורך „אגודת האלף" („פארבאנד פון טויזנט" — געשאפן דורך רוסישע ציוניסטן). זייער ציל איז געווען א גרויסע און ביליקע קאלאניזאציע פון טויזנט יידישע משפחות אין איין ארט. דער חלום איז ניט פארווירקלעכט געווארן, און דער באדן איז געשטאנען פאריתומט. ערשט איצט איז געקומען די שעה. אין עין־זיתים טרעפט מען נאך אן אויף רעשטלעך פון אייל־ביי־מער וועלדלעך פון פאר א פאר צענדליק יאר. די קבוצה פארנעמט זיך דער עיקר מיט צוגרייטן דעם באדן און באוואלדונג. זי פארמאגט א שטח פון 3.000 דונאם. אן ארעמער קוואל שפייזט דעם ישוב מיט זיי־נע וואסערן.

און איצט גיי מיט מיר ארויף אויפן עצמון. מיר וועלן ארויסגיין פון מירון און מיט גערדרייטע שטעגן דערגיין צום שפּיץ בארג. פאר העכער הונדערט יאר, נאך דער ערדציטערניש אין צפת, האט זיך דא באזעצט דער צפתער דרוקער ישראל בעק און מיט נאך עטלעכע משפּחות אויפגעשטעלט א לאנדווירטשאפט, די ערשטע אין אונדזערע דורות. פון די דזשערמאק־חורבות דערלאנגען מיר זיך צום סאמע שפּיץ.

דער עצמון איז 1208 מ׳ הויך, דער העכסטער בארג אין לאנד, דער רייכסטער אין רעגנס. א מאל פאלט דא שניי. פון זיין שפּיץ זעט מען גרויסע ווייטן פון לאנד — אויף מערב, מזרח, צפון און דרום.

איילת-השחר

צפונדיק פון ראש־פּינה, ניט ווייט פון כביש, ליגט איילת־השחר. ס׳איז אן אלטער משק, געשאפן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. איילת־השחר איז אנגעשלאסן אן קיבוץ־המאוחד און האט אויפגענומען חלוצישע עליה פון פּוילן, דייטשלאנד או״וו. דא לעבן צוזאמען טאטעס, זין און אייניקלעך. דער משק פארנעמט 5,000 דונאם פלאך־ערד פון פיק״א. לאנגע יארן איז די אנטוויקלונג געווען טארמאזירט צוליב ארעמקייט אין וואסער און אפּוטרופּישער באציונג פון דער פיק״א. דער ישוב טראכט וועגן צופירן וואסער פון ירדן, דערווייל זיינען אבער געמאכט געווארן פּרווון צונויפצוזאמלען די וואסערן פון אלע קליינע קוואלן, וואס שפּרודלען פון די שפּאלטן פון נאענטן ואדי. שפּעטער האבן זיי געבויערט און ארויסבאקומען וואסער פון דער ערד־טיפעניש אין א גרעסער כמות און מיט זייער הילף פארגרעסערט דעם שטח פון קינסטלעכער באוואסערונג. אבער די מעגלעכקייטן זיינען דאך באגרענעצטע.

דער אויטאבוס וואס פארט קיין כפר־גלעדי שטעלט זיך אפּ אין איילת־השחר, לאזט אראפּ און נעמט אויף פּאסאזשירן. בעת דעם קורצן אויפנטהאלט זעסטו דעם פיינעם חדר־האוכל אין מיטן הויף, אויף א בערגל, ארום אים בלומען־גערטלעך און אנטקעגן א שטיק פארפלאנצטער באדן ארומגערינגלט מיט וויין־הייזער אין א האלב־קרייז. די הייזער זיינען פון שטיין, אייך־עטאזשיק, אפּגערוקט פונאנדער. פיק״א, וואס איז ניט לייכט איינגעגאנגען אויפן קיבוצישן כאראקטער פון דעם ישוב, האט געבויט די הייזער אזוי, אז צו יעדער צייט זאל דער פּונקט

זיין צוגעפאסט פאר א מושב־עובדים. היינט, מיטן פארגרעסערן דעם ישוב, האט מען אויסגעבויט בנינים אויך אויסערן קרייז.

איילת־השחר האט גרויסע פלחה־שטחים אין טאל אויף מזרח, נענטער צום ים־החולה. פאראן אויך פלאנצונגען, פרוכט־סעדער, בפרט עפל און פלוימען. גראטענע וויינגערטנער; און אויך ראזשינקעס מאכט מען דא פון די טרויבן. א פרדס אין פאראן, פון די וויניקע אין צפון־טייל פון לאנד, שוין אנטוויקלטע בינשטאקן. דער קיבוץ האט אייגענע לאסט־אויטאס און צוזאמען מיט כפר־גלעדי האבן זיי אויפגעשטעלט „שירות החולה”, א קאמוניקאציע־ליניע פון טבריה צו אלע ישובים אין גליל־העליון. איילת־השחר איניצירט דאס אויפשטעלן א פאפירוס־ווערק, וואס האט ארומגענומען אלע קיבוץ־המאוחד־ישובים פון דער סביבה מיט דער באטייליקונג פון „סולל־בונה”. מ'האט גענומען שניידן די פאפירוס־וועלדער אין די זומפן פון חולה, צו פארווענדן זיי אין דער אינדוסטריע. א ספעציעלע שנייד־מאשין אינסטאלירט אויף א שיפל האט געמאכט די ארבעט. ס'זיינען דערווייל געמאכט געווארן נאר פרוון.

יארנלאנג איז איילת־השחר געשטאנען איינזאם, אן א פארבינדונג, א סטאנציע אויפן וועג צום „ווייטן” צפון. אן א כביש, אן בריקן איבער די וואדים. צוויי פון אירע חברים זיינען טאקע פארשלעפט געווארן דורכן שטראם פון וואדי אין א ווינטער־טאג. היינט איז שוין פארביי דאס געפיל פון איינזאמקייט. עס זיינען צוגעקומען ישובים אויף צפון אין חולה און אין מזרח ביים ברעג פון דער אזיערע. דער כביש גייט פארביי ניט ווייט פון ישוב. איילת האט פאקטיש געדינט פאר אן אויסגאנג־פונקט פאר נייע ישובים אין צפון און מזרח. זי האט אויך א חלק אין אויפלעבונג פון מחניים. זי פלעגט פריער אליין באארבעטן שטחים פון דעם פארלאזענעם ישוב.

אין איילת־השחר איז אויפגעבויט א קולטור־הויז א. נ. פון צ פ ר ו נ י, איינער פון די גרינדער און שעפער פון דער קבוצה — א זון פון דער צווייטער עליה, א טרייער דער ערד פון גליל־העליון. דא איז אויך אויפגעבויט געווארן דורך דער עקזעקוטיווע פון הסתדרות א גאסט־הויז, א נויטיקער אויפטו, בפרט פאר דער יוגנט, וואס וואנדערט מאסנווייז איבערן לאנד. די קראנקן־אמבולאטאריע באדינט אויך די אראבער

פון אומגעגנט. אַ ספּעציעלער זאַל איז דאָ פאַראַן פאַר געווינערינס און די שוואַנגערע חברות פון משק ווילן ליבער געבוירן דאָ — איידער זיך שלעפּן ווייט פון שטוב.

איבערן כביש דרומדיק — די פאַרצייטיקע, תנכישע חצור, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן דורך יהושע בן נון, און שפּעטער — בעת די פרייהייטס־קאַמפּן פון דבורה — איז דאָ געווען דער זיצאָרט פון כנע־נישן קעניג יבין און זיין מיליטער־אָנפירער סיסרא, וועלכער איז אַרויס אין שלאַכט קעגן די יידן.

יסוד־המעלה

ביים ברעג פון ים החולה, געפינט זיך יסוד־המעלה, איינע פון די עלטסטע מושבות אין גליל־העליון און אין לאַנד. זי איז געגרינדעט אין יאָר 1883. אַ סך צייט איז זי געווען דער וויטסטער פונקט אויף צפון. אין דער ערשטער סטאַדיע פון איר עקזיסטענץ און בויאונג האָט זי פאַרשריבן אין דער געשיכטע הערלעכע קאַפּיטלען פון חלוצישער גבורה און אויסדויער. אַ הייפל יידן פון גלות, וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער שיינקייט פון דער סבי־בה, איז געקומען אַהער און געלעבט דאָ איזאָלירט צווישן ווילדע בע־דואינער אויף אַ מאַלאַרישן, זומפּיקן באָדן. איינזאַמע און אָפּגעזונדער־טע האָבן זיי געמוזט אויסשטיין פאַרשיידענע אָנשיקענישן פון דער נאַ־טור און טערקישער מאַכט מיט אירע באַאַמטע. פון די ערשטע מתיש־בים האָבן זיך אַרויסגערוקט וואונדערבאַרע פערזענלעכקייטן מיט זייער אויסדויער און איבערגעבנקייט. יאָרנלאַנג האָבן זיי געלעבט אין כיבוש־באַדינגונגען, געוווינט אין סוכות פון ראָגאָזשעס, איינגעהילט ביינאַכט אין פינצטערניש אויס מורא פאַר אַ שריפה. אין אָנהויב האָט זיך מיט זיי פאַרנומען די חברת „חובבי ציון", שפּעטער דער באַראָן.

די כוחות וואָס מ'האָט אַריינגעלייגט זיינען אָבער ניט בייגעשטאַ־נען דער מושבה און יסוד־המעלה איז געבליבן נעבעכדיק און קליין. אָן לעבן, אָן מעגלעכקייטן צו זעלבסט־פאַרטיידיקונג קעגן אָנפאַלער פון דער סביבה. די הגנה און שמירה האָט מען איבערגעגעבן צו פרעמדע און אַראַבישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט אויף אירע פעלדער און הויפן.

איבער זעכציק יאָר עקזיסטירט די מושבה אויף דעם פּרוכטבאַרן, שיינעם פלאַכלאַנד. זי פאַרמאָגט גוטע ערד פאַר פלאַנצונגען און אַ סך

וואַסער. דער אָרט קען שפּייזן הונדערטער אַרבעטער־משפּחות, אָבער יסוד־המעלה איז פאַרגליווערט געוואָרן אין איר פּרימיטיווער ווירט־שאַפט, אָן אָנשטרענגונג זיך אויסצוברייטערן.

אין די ערשטע יאָרן פלעגן זיי זיך נאָך פאַרנעמען מיט אויבסט־ביימער, האָבן אויפגעשטעלט אַ פלאַנצן־האַדאַוולע, האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף צו מאַכן בשמים פון די אַרומיקע בלומען, אָבער צום סוף האָבן זיי אַלץ פאַרנאַכלעסיקט. דער אַראַבישער אַקער־אייזן מיטן טשוואָק האָט אומבאַגרענעצט געהערשט אויף די פעלדער פון שיינעם עמק.

בעת די געשעענישן אין 1929 איז יסוד־המעלה פאַרלאָזט געוואָרן, אָפּגענאַרט דורך די אַראַבישע שכנים, זייערע „באַשיצער". די קינדער און פרויען זיינען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן דורך איילת־השחר. די רויב־גיריקע בעדואינער האָבן באַראַבעוועט די פאַרלאָזענע מושבה.

אָבער אויך נאָך די דערמאָנטע געשעענישן האָט יסוד־המעלה ווייטער געפירט איר נעבעכדיקע עקזיסטענץ. ניט ווייט פון איר אַנטוויקלען זיך קיבוצים אַ דאַנק דעם כוח פון שעפערישער איניציאַטיוו, זיי אַנטדעקן וואַסער־קוואַלן, באַרייכערן די ווירטשאַפט מיט נייע צווייגן. לעבן איר גופא זיצט אַ יונגע קבוצה, וואָס זוכט איר פּרנסה אין נאָענטן ים: אָבער זי אַליין, וואָס זיצט צענדליקער יאָרן ביים ים ממש — אַ קוואַל פון גוטע וואַסערן — און פאַרמאָגט גרויסע גוטע שטחים, שלאָפט איר בעריש שלאָף. די הייזער פון דער מושבה זיינען פאַרכמורעטע, זייער אַלטע און שטאַרק אָפּגעלאָזענע. דאָס איז דער גורל פון אַ ישוב, וואָס האָט ניט קיין באַרירונג מיט דער חלוצישער באַוועגונג. פונדעסט־וועגן רירט זיך דאָרט עפּעס וואָס. עס וועט אפשר נעמען בלאָזן אַ נייער ווינט. דאָ האָט אַ קאָלאָניסט אויפגעשטעלט אַ פיש־באַסיין און דאָרט האָט מען פאַרפלאַנצט אַ קליינעם שטח. און אפשר וועט די יוגנט אַריינגעבן אַ ביסל לעבן.

חולתא

ביי יסוד־המעלה, וואָס די עלטער־שוואַכקייט מערקט זיך אין איר לעבנס־שטייגער, איז אויפגעשטאַנען אַ יונגע קבוצה פון הנוער העובד, חולתא. ס'זיינען בלויז אַריבער צען יאָר זייט זי איז געקומען אויפן אָרט און איז שוין פאַר דער צייט רייף געוואָרן און דורכגעמאַכט אַ שטיקל וועג אין לעבן. אַ יאָר נאָך אַ יאָר איז

פאַרביי און זי איז געזעסן אויף אַ באַגרענעצט שטיקל באָדן, צונויפגעפרעסט און צונויפגעקוועטשט אין באַראַקן און געצעלטן ביים ברעג ים. און אַזוי אַרויסקוקנדיק מיט זשעדנעקייט אויף באָדן און סטאַביליזאַציע האָט זי זיך גענומען צו פישעריי. ניט האָבנדיק דאָ קיין באָדן, האָבן די חברים געוואָרפן זייערע בליקן אויף ד ר ד ר ה, צו מזרח פון ים החולה, און צום סוף האָבן זיי זיך גענומען דאָ באַזעצן, אויף דעם באָדן פון נאָענטן תליל (טלעל).

ח ו ל ת א איז אַרויף אויפן באָדן פון דער חולה־קאָנצעסיע אין יאָר 1937 פאַרנעמענדיק זיך הויפּטזעכלעך מיט פישעריי. אין אָנהויב האָט זי געאַרבעט צוזאַמען מיט די אַראַבישע פישער. בעת די געשעענישן האָבן זיי אַליין באַהערשט דעם ים. צענדליקער חברים האָבן זיך אויסספּעציאַליזירט ביי פיש־פאַנג, זייערע שיפלעך האָבן דורכגעשניטן דעם ים אין דער לענג און אין דער ברייט, זיי האָבן געכאַפּט פיש מיט אַראַבישע און אויך מיט מאָדערנערע, פולקאָמענערע מעטאָדן. זיי האָבן שטודירט די אייגנשאַפטן פון ים. די אַרבעט איז אַ ביז גאָר שווערע. מ׳אַרבעט שיכטנווייז אין די נעכט, איז קעלט און שטורם און — בעת די אומרוען — אין כסדרדיקער לעבנס־געפאַר. די קבוצה האָט אויך באַצאָלט מיט עטלעכע קרבנות — זיי זיינען פאַרשניטן געוואָרן דורך מערדער וואָס האָבן געלויערט פון די זומפּ־געוויקסן. די פישערס פלעגן אַרויסגיין צו דער אַרבעט באַוואָפנטע. אַ ספּעציעלער לעבנס־שטייגער האָט זיך אַנטוויקלט אין דער פישער־קבוצה ביים ברעג און אויפן ים. ביים ברעג ים אונטער דעכלעך זיינען געזעסן חברטעס און פאַריכט די נעצן. ווערטיקאַל־אויסגעשפּרייטע נעצן צום טריקענען האָבן זיך געשפּילט אין דער זון און געטריפט מיט זילבער־טראָפּנס.

די פישערס האָבן דערלערנט דעם ים, זיין אויס און איין, זיינע ברעגן און טיפקייטן: זיי האָבן דורכשטודירט די פירונגען פון כל המינים פיש, זייערע גענג אין ים; זיי ווייסן, ווען די פיש דערנענטערן זיך צום ברעג, ווען און וווּ זיי לייגן די אייער, און וווּ זיי זיצן זיי אויס. זיי האָבן באַהערשט די אַראַבישע מעטאָדן און דערגענצט מיט נייע. דר־וועסט זען די פאַרשיידענע, אינטערעסאַנטע מעטאָדן, אַ רעזולטאַט פון דורותדיקער אַרבעט: דעם „אמבטן", אַ פאַרפיר־נעץ, מיט וועלכער מען

כאַפּט אַריין די פיש דורך אַ נעץ מיט גרויסע, ברייטע אויגן — פון אי־נעווייניק האָט זי אָבער אַ נייע, געדיכטע נעץ, וווּ די פיש פאַרפּלאָנטערן זיך און קאָנען ניט אַרויסגיין; דו וועסט זען דעם שלעפּ־מעטאָד וואָס ווערט דורכגעפירט מיט אַ לאַנגער נעץ פון 200 מ׳ און מער. מ׳פאַר־וואַרפט זי אין ים ווערטיקאַל מיט דער הילף פון שיפלעך און ווערט ביי אירע ביידע עקן גלייכצייטיק געשלעפּט צום ברעג, נעמענדיק גע־פאַנגען אַלע פיש, וועלכע געפינען זיך אויף איר וועג; דו וועסט אויך זען, ווי מען כאַפּט מיט ווענדקעס, ניט איינע אָדער צוויי, נאָר הונדער־טער אויפגעצויגענע אויף אַ שטריק, וואָס שווימט אויפן ים אין דער לענג פון הונדערטער מעטער. דאָרט ווידער איז אַ שטייענדיקע נעץ אא״וו. די פישער האָבן זיך אויסגעלערנט פונאַנדערצוקלייבן אין אַלע מינים פיש — וועלכע פון זיי זיינען גוטע און ס׳איז כדאי זיי זאָלן זיך פרוכ־פּערן און מערן, און וועלכע זיינען רויבפיש, וואָס פאַרניכטן אַנדערע און מען דאַרף פון זיי פטור ווערן. אַזוי האָבן די חברים פון חולתא באַריי־כערט זייער ים מיט קאַרפּן, פון נאָענטן קינסטלעכן פיש־באַסיין, ווו זיי מערן זיך אין די צענדליקער טויזנטער וואַרפט מען זיי איבער אין ים. דער עקספּערימענט איז געלונגען. ס׳איז אָפּגעצאַמט געוואָרן אַ שטח פון דער אַזערע פאַר אַ סטאַציע פון אויסזיצן קאַרפּן.

און די חברים פון חולתא וועלן דיר דערציילן אַ סך מעשות וועגן ים החולה און זיינע וווּנדערבאַרע פיש. און וועגן „אמנון הגליל“, זייער שטאָלץ, וועלן זיי דיר דערציילן: וויאַזוי די פיש־עלטערן גיבן זיך אָפּ מיט זייערע נייגעבוירענע פישעלעך, ווי די פיצעלעך געפינען זיך גלייך נאָך זייער געבורט אין מויל־דוים פון די עלטערן ביז זיי לערנען זיך אויס צו זיין זעלבסטשטענדיק — שווימען, געפינען שפּייז. ערשט דאַן גייען זיי אַרויס פון די עלטערנס רשות אין גרויסן ים אַריין...

אין חולתא פילט מען דעם ים ווי אַ טייל פון לעבן. פאַרטאָג זעס־טו, ווי ס׳דערנענטערן זיך שיפלעך. דאָס איז די נאַכטשיכט, וואָס קערט זיך אום מיט איר פאַנג. מען וועגט אָפּ דעם „שניט“, מ׳הענגט אויס די נעצן. הער הויף וואַכט אויף צו דער אַרבעט. פון שיפל צו שיפל גייט ווי אַן עכאָ די פראַגע: וו י פ י ל פ י ש ה אָ ט א י ר ג ע כ אַ פּ ט ? פון ברעג רופט אַ חברה אויס: היי, וויפיל פיש האָט איר געבראַכט? און

דער פורמאַן, אַ „יבשה־אַרבעטער", שפּאַנט אום איבערן הויף, באַגעגנט די צוריקקומענדיקע פישערס איינגעקאַרטשעט אין זייערע מאַנטלען און פרעגט: ווי פיל? — אַזוי ווי דאָס גאַנצע לעבן פון מענטשן הענגט אָפּ אין די מינוטן פון דער דאָזיקער פראַגע.

איצט בויט חולתא איר סטאַבילן ישוב אין תליל. דער צעשפּליטערטער באָדן איז טיילווייז קאָנצענטרירט געוואָרן פאַרווירטשאַפט־צווייגן. אַ סך יאָרן איז די קבוצה געווען געענגט, אָבער איצט האָט זי פאַר זיך אַ צוקונפט, און זיין וועט זי אַ גרויס פישער־דאָרף. עס וואַקסן אונטער קינדערלעך, וועלכע לויפן אַרום אין הויף, ביים ברעג און אין ים. אַפילו די שיפלעך הייסן לויט די ערשטע קינדער.

חולתא — אַ ישוב פון קיבוץ־המאוחד. די חברים זיינען פון עלית־הנוער, וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט גרופּן פון הנוער העובד און „המחנות העולים".

ווערסט ניט פאַרלאָזן חולתא ניט פאָרנדיק מיט אַ שיפל אויפן ים. די חברים וועלן דיך פירן צום ירדן, וועלכער פאַרלירט זיך אויף צפון אין די ברייטע זומפּן, באַדעקטע מיט פאַפּירוס־וועלדלעך. שלאַנק און שיין איז דער פאַפּירוס און זיינע וועלדלעך פאַרבלענדן די אויגן. דאָס שיפל שלאָגט זיך דורך אין מיטן, דורך אַ ברייטער וואַסער־סטעזשקע אין פאַפּירוס — דאָס איז דער ירדן. שפּעטער שווימסטו מיטן שיפל צום מזרח־ברעג, קעגנאיבער חולתא. דאָרט גייסטו אַראָפּ אויפן ברעג, זעסט די בערג־רוקנס און אַ וואַסער־שטראָם וואָס קייקלט זיך און צעשפּרינגט צווישן די פעלזן, ווערט פאַרשלונגען אין ים.

דרדרה

אויף אַ שמאָלן ברעג־פּאַס און די ריפּן פון בשן־בערג זיצט אויף די שטחים פון דרדרה די קבוצה אי ל. איינזאַם און אַליין פון יענער זייט חולה, זי איז אַהער געקומען גאָר ניט לאַנג — אין 1947. ניט אַ קאַראַוואַן אויטאָס האָט געפירט די מתישבים און זייערע באַגלייטערס אין טאָג פון זייער עליה אַהער, נאָר אַ ריי שיפלעך; וויל דער ים איז דאָ די איינציקע פאַרבינדונגס־אַרטעריע. אי ל פאַרמאָגט איבער טויזנט דונאַם באָדן, אָבער דער גרעסטער טייל דאַרף נאָך צוגעגרייט ווערן צו באַאַרבעטונג. חולתא האָט שוין געמאַכט אַ טייל פון דער אַרבעט, און איבערגעגעבן אין רשות פון איל אַ שטח פון עט־

לעבע הונדערט דונאם אַגראַר־פּעיקן באָדן. זיי רוימען אויף דעם באָדן פון שטיינער, פירן צו וואַסער פון קוואַלן און נעמען זיך צום בויען. אויפן אָרט זעען מיר אַן אַבסערוואַציע־טורעם, באַראַקן און אַ זיכערהייטס־מויער אַרום. ביים ברעג — אַ שטיינערנע דאַמבע וואָס איז איצט פאַר־לענגערט געוואָרן פאַר דער פאַראַנקערונג פון שיפלעד. איל הייבט זיך אָן צו פאַרנעמען מיט פישעריי צוזאַמען מיט איר עלטערער דערפאַר־נער שוועסטער — חולתא.

איל בילדעט אַ קיבוץ־גלויות, אָבער דער עיקר־טייל שטאַמט פון „החלוץ הצעיר" אין בולגאַריע. די קבוצה איז צעשפּרייט דערווייל אויף דריי ערטער: איין טייל איז דאָ, דער צווייטער — אין כפר־סבא, ווו זיי זיינען אַלע געווען ביז איצט, דער דריטער — אין סדום.

מיר קומען צוריק קיין חולתא מידע און פול מיט איינדרוקן פון דער רייזע איבערן ים און זיינע ברעגן. דאָ וועסטו דערפילן דעם טעם פון אַ געפּרעגלטן פיש. און אויב צום אוונטברויט וועלן אפילו קיין פיש ניט זיין, וועסטו דיין חלק באַקומען. מען וועט אָפּפּרעגלען אַ פיש לכבוד דיר — געדענק, אַז ביסט געווען צו גאַסט אין אַ פישער־דאָרף.



פאַפּירוס

עמק החולה

לאַנדשאַפט

צופונדיק פון ים־החולה שפרייט זיך אויס דער חולה־טאָל, פון די פרוכטבאַרסטע טאָלן אין לאַנד. פון דריי זייטן איז ער אַרומגערינגלט מיט בערג: פון צפון — דער חרמון, פון מזרח — דער גולן, פון מערב — הרי נפתלי. פון דרום גיסט ער זיך צו־נויף מיטן ים החולה.

דער דאָזיקער עמק איז דער רייכסטער אין לאַנד. רעגנס פון אויבן, און פון אונטן — קוואַלן פון מים חיים. צופוסנס פון די בערג אַרום שפרודלען אַ סך קוואַלן; זיי פליסן ווי שטראָמען און טייכן, צעשניידן דעם עמק אין צענדליקער בעטן, און פאַראייניקן זיך אין איין שטראָם — דאָס איז דער ירדן, וועלכער פליסט אויף דרום און פאַרלירט זיך אין ים־החולה. דער חרמון וואָס דערהויבט זיך איבער די בערג איז אַ ריזיקער אוצר פון וואַסער; ער שאַפט די קוואַלן פון ירדן, וואָס פליסן ביי אים צופוסנס. אין אָנהויב זומער צעלאָזט דער חרמון זיין שניי וואָס שפייזט די וואַסער־אָדערן אין דער טיפעניש פון באַרג, און פליסט אויך שטראָמענווייז אַראָפ אין טאָל. עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז סוף ווינטער זעסטו אַ גלאַנצנדיקע לענטע אויפן באַרג. זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז אַ שטראָם וואַסער פון צוגייענדיקן שניי אין די ערשטע וואַרעמע טעג.

דער טאָל פאַרנעמט אַ קנאַפן פערטל מיליאָן דונאַם. זיין באָדן — אַ פעטער און פרוכטבאַרער — איז דורות־לאַנג אָנגעטראָגן געוואָרן דורך רעגן און וואַסער פון די אַרומיקע בערג. דער צפון־טייל איז 200 מעטער איבערן ים־פלאַך און לאָזט זיך אַראָפ אַלץ נידעריקער צום ים־החולה ביז צו 70 מ׳. דער דרום־טייל פון טאָל איז פאַרפלייצט פון אַ גרויסן זומף, וואָס מישט זיך צונויף מיטן ים צו איין וואַסער־שטח, אָבער דער זומף גרינט מיט פאַפירוס־וועלדער אויף גרויסע שטחים.

די חולה־זומפן פאַרנעמען אומגעפער 40.000 דונאַם. זייערע גרעניצן זיינען ניט קיין באַשטימטע. ס׳טרעפט אַז זיי צעשפרייטן זיך, אָדער שרומפן זיך איין — אָפהענגיק פון דער הייך פון וואַסער. דער איבערפלוס אָדער נידערלאַגע פון דער אַזערע הענגען אָפ פון די רעגנס און אַרומיקע וואַסער־קוואַלן.

דער ים־החולה האַלט אַרום זעקס ק״מ די לענג און פֿיר ק״מ די ברייט. זיינע וואַסערן זיינען פּלאַכע, נאָר עטלעכע מעטער טיף. דער אָזערע־שפּיגל איז אַ 70 מ׳ איבערן ים־פֿלאַך. דער ירדן, וואָס פֿליסט אַרויס פֿון ים־החולה, גייט שטאַרק באַרג־אַראָפּ דערגרייכנדיק אין די 18 ק״מ ביז צום כנרת 200 מ׳ אונטער דער ים־פֿלאַך.

די איינוווינער פֿון חולה זיינען אַ געמיש פֿון בעדואינער־שבטים — אַזוי גערופֿענע ראַוואַרנאַ — וואָס אויך נעגרישע בלוט פֿליסט אין זייערע אָדערן. זיי ציען זייער חיונה פֿון די זומפּן און פֿירן אַ פּאַרוועל־קנדיקן עקאָנאָמיש און פֿיזיש לעבן. די מאַלאַריע האָט ביי זיי געשניטן אויף רעכטס און לינקס, פֿאַרגרעסערט די קינדער־שטערבלעכקייט, אויס־געזויגן זייערע לעבנס־זאַפֿטן. אָט די שבטים לעבן פֿון נידעריקער און נעבעכדיקער ערד־אַרבעט; זיי פּאַשען דזשאַמוסן (ווילדע אָקסן, אַזוי צו זאָגן), שווערע און מגושמדיקע באַשעפֿענישן, וואָס וואַלגערן זיך אין די בלאָטעס פֿון זומפּ; זיי אַרבעטן אויס ראָגאָזשעס. דאָס איז אַ פּרימי־טיווע אינדוסטריע, מיט וועלכער ס׳פֿאַרנעמען זיך זייערע פֿרויען, וואָס פֿלעכטן וווּנדערלעך שנעל די פּאַפּירוס־שטענגלעך מיט זייערע פֿלינקע פֿינגער. זיי פֿלעכטן עס איינפֿאַך — לענגוויס־ברייטוויס, און אַזוי פֿאַר־טיקן זיי אויס זייער „פּראָדוקציע”. פֿונדאַנען ווערן זיי „עקספּאָרטירט“ אויף די מערק פֿון גאַנצן לאַנד. די פֿרויען טאַפּטשען אַרום אין די בלאָ־טעס, שניידן דעם פּאַפּירוס, בינדן די שטענגלעך אין בינטלעך, לאָדן אַרויף אויפֿן קאָפּ, ווי ס׳טון די מזרח־פֿרויען, אָדער לאָזן זיי ווי טראַט־ווען אויפֿן וואַסער, וואָס שטראָמט אין דער ריכטונג, וווּ זיי דאַרפֿן גיין. די בעדואינער וווינען דער עיקר אין ראָגאָזשע־ביידלעך. וווּ ניט וווּ אויך אין הייזלעך פֿון באַזאַלט־שטיין אָדער ליים.

די קאָנצעסיע

די קאָנצעסיע אויף די חולה־זומפּן איז דערוואָרבן געוואָרן פֿון די סירישע אייגנטימער אין יאָר 1934. די קאָנצעסיע האָט אַרומגענומען די זומפּן, די אָזערע מיט אירע ברעגעס — קנאַפּע 60.000 דונאַם. זייט דעמאָלט האָט מען געמאַכט פּלענער אויסצוטריקענען די זומפּן. די רעגירונג האָט צוגעזאָגט איר אָנ־טייל אין דעם גרויסן ווערק. די אַרבעט איז אָבער ניט אויסגעפֿירט גע־וואָרן; די רעגירונג האָט ניט צוגעלייגט קיין האַנט. דערווייל איז אויס־

געבראַכט די וועלט־מלחמה און דער ענין האָט זיך אָפּגעשלעפּט. ערשט איצט איז ער ווידער געוואָרן אַקטועל פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע אַרבעט פאָדערט אַ גרויסן פאַרנעם, אינוועסטיציעס פון הונדערטער טויזנטער פונט. דאָס וועט גרינדלעך ענדערן דעם אויסזען פון דעם טייל לאַנד, מאַכן אַ סוף צום זומפּ, וואָס עקזיסטירט שוין טויזנטער יאָרן. ביים באַקומען די קאָנצעסיע האָבן זיך די יידן פאַרפליכטעט איבער אַ פערטל פון שטח אָפּצוגעבן די אַרומיקע אַראַבישע איינוווינער. דער באַדינג איז אויסגעפירט געוואָרן און אַ דאַנק דעם אַריינמישן זיך פון דער רעגירונג האָבן ערד באַקומען מערסטנטייל גראָד ניט די, וואָס האָבן זיך אין איר גענויטיקט.

דאָס דערווערבן די חולה־קאָנצעסיע טראָגט מיט זיך אַ צורקונפט פאַר דער יידישער התישבות. דערווייל ווערן געמאַכט באַמיאונגען אויסצופאָרשן די חולה, אירע פאַרבאָרגענע רייכטימער, דערלערנען דעם קלימאַט, די אַגראַרע אייגנשאַפטן, אויספאָרשן די אייגנשאַפטן פון טאָרף, וואָס געפינט זיך דאָרט אין אַ גרויסער כמות. עס זיינען געמאַכט געוואָרן פרוון צו שניידן דעם פּאַפּירוס, און צופּאַסן אים צו דער פּראָדוקציע פון דיקטן, פּאַפּיר א.אַנד. און דאָס וויכטיקסטע איז, אַז ס'זיינען אויסגעלייזט געוואָרן גרויסע באָדן־שטחים ווייט פון די זומפּן, אין צפון פון חולה און אין צענטער, ווי אויך אויף די מזרחדיקע בערג־ריפּן, און ס'האָט זיך דאָרט אָנגעהויבן אַ קאָלאָניזאַציע־ווערק אין גרויסן פאַרנעם. דאָס וועט אויך דינען אַלס אָנלען פאַרן דרום־טייל.

די צפון־גרענעצן

איידער מיר ווערן איבערגיין צו די יידישע ישובים, וואָס זיינען דאָ אויפגעקומען, איז כדאַי צו פאַרצייכענען, אַז די צפון־גרענעץ פון לאַנד נעמט אַרום דעם גאַנצן עמק־החולה, וועלכער איז ווי אַ האַלב־אינזל אַרויסגערוקט אויף צפון. די גרענעץ־ליניע ציט זיך איבער די בערג פון גליל־העליון פון אויבן און צופוסנס פון הרי הבשן, נעמט אַריין אַ ברעג־פּאַס לענגויס דעם ים החולה פון מזרח אַזוי, אַז די אַזערע־ברעגעס זיינען אינגאַנצן אַריין אין בריטישן מאַנדאַט־געביט. פון די ירדן־קוואַלן, געפינט זיך דער דן ביי תל־אל־קאַדי אינערהאַלב ארץ ישראל. די ישובים, וואָס זיינען אויפגעקומען אין די לעצטע יאָרן שפּרייטן זיך אויס ווי אַ קראַנץ אויף דער גרע־

נעץ־ליניע — מנרה און משגב־עם אין די בערג אויף מערב, דן און דפנה אין צפון, כפר־סולד, שמיר און להבות אויף מזרח. דאָס זיינען אַלץ גרעניץ־ישובים.

די התישבות

די יידישע התישבות אין עמק החולה האָט זיך אָנגעהויבן נאָר אין די לעצטע יאָרן, אין סוף פון די גרעניצן; איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין מלחמה־יאָרן און אויך נאָכן קריג מערן זיך דאָ נייע יידישע ישובים. די געגנט איז ניי מיט איר קלימאַט, לאַנדווירטשאַפטלעכע און עקנישע פּראָבלעמען. אַט דער געביט איז רעגנרייך אין ווינטער און הייס אין זומער, פאַרמאָגט אַ שפע וואַסער, אָבער די באַוואַסערונגס־נעץ איז נאָך ניט פּלאַנירט. אַ סך וואַסער־קוואַלן זיינען שותפותדיק מיט די אַראַבער, כאָטש דאָס איז פאַרבונדן מיט אַ ריי קאָמפּליקאַציעס. דער באָדן איז אַ פרוכטבאַרער, נאָר ערטער־ווייז איז די ערד מאָגער, צושניטן און קריייטיק.

די חולה־ישובים זיינען געווען אָנגעגריפן דורך אַ מאַלאַריע וואָס האָט שווער געטראָפן אַ סך חברים, און טויזנטער אַרבעטס־טעג האָבן די משקים פאַרלאָרן דורך דעם. איצט איז לייכטער געוואָרן. דער ד. ד. ט. די וואונדערלעכע פּליסיקייט, וואָס מ'האָט געבראַכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן בעת דער וועלט־מלחמה, האָט געמאַכט אַ סוף צו אַלע מיני קאָמאַרעס. יעדער צימער, וואָס מ'האָט דעזינפעקצירט מיט אָט דער פּליסיקייט איז געווען באַוואָרנט אויף אַ לענגערער צייט פון די אומגעבעטענע קאָמאַרן־געסט, און ממילא איז פאַרשוונדן די מורא פאַר דער מאַלאַריע. אויך די קאַרפּן אין די באַסיינען העלפן פאַרניכטן די מאַלאַריע־נעסטן.

אַלע ישובים אין דעם עמק אַנטוויקלען זיך ווי געמישטע משקים אויף דער באַזע פון קינסטלעכער באַוואַסערונג. דער פּראָבלעם פון איריגאַציע־רעגולירונג איז נאָך ניט געלייזט. אַ סך משקים האָבן פיש־באַסיינען. דער איבערפלוס פון ביליקע וואַסער און שטחים ערד, וואָס טויגן ניט צום פאַרזייען, בילדן אַן אויסגעצייכנטע באַזע צו דער אַנטוויקלונג פון פיש־צוכט.

שווער איז די קאָמוניקאַציע אין חולה, בפרט ווינטערצייט, ווען דער באָדן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ זומפּ — ניט דורכצופאָרן מיט אַ

וואַגן. שטעלט זיך פֿאָר מיט וויפֿיל יסורים איז געווען פֿאַרבונדן דאָס איבערפֿירן אַ פֿרוי, וואָס גייט צו קינד אָדער אַ שווער־קראַנקן פֿון דעם ישוב צום שאַסיי ווינטערצייט, בעת די רעגנס! אָבער פֿון יאָר צו יאָר קומען צו וועגן און זיי פֿאַרזיכערן די טאָג־טעגלעכע פֿאַרבינדונג מיט די צענטערס פֿון לאַנד. שווער איז דער אינערלעכער פֿאַרקער בעת אַ רעגן אין יעדן ישוב באַזונדער, אָבער אויך די פֿראַגע וועט געלייזט ווערן ווי אין עמק־הירדן און אין אַנדערע ערטער: דורך אַ נעץ פֿון טראַטואַרן.

דער כביש פֿון אילת־השחר אויף צפֿון גייט דורך דעם ראַנד פֿון חולה־טאָל ביי די נפֿתלי־בערג. עס שפּרייט זיך פֿאַר דיר אויס דער עמק מיט זיינע ברייטע ערד־שטחים און אַ שפּע פֿון טייכלעך. פֿון צייט צו צייט באַגעגנסטו אַ שפּרודלענדיקן קוואַל. פֿונוווייטנס, אין הארץ פֿון חולה, זעען זיך אָן די נייע ישובים, וואָס האַלטן זיך אין בויען. אָבער דו גייסט ווייטער אויף צפֿון. ווערט זיינען כפר־גלעדי און מטולה, אַז מ׳זאָל זיי פֿריער באַזוכן און ערשט שפּעטער אָפּטרעטן אין די יינגערע ישובים. אויפֿן וועג וועלן מיר צוקומען ביזן שאַסיי וואָס פֿירט פֿון טאָל באַרג־אַרויף אויף מערב, גייט לענג־אויס דער צפֿון־גרענעץ פֿון לאַנד, דערגרייכט ביז אילון און די טויערן פֿון חניתא, און לאָזט זיך אַראָפּ צום ברעג־טאָל פֿון ים. דער זעלבער שאַסיי פֿירט אויך צו דעם נאָענטן ישוב ק ד ש ־ נ פֿ ת ל י, אויפֿן באַרג־פּלאַך וווּ ס׳זיצט אַ מאָביליזירטע יונגע קבוצה אויפֿן באָדן פֿון ק. ק. ל.

מיר לאָזן זיך ווייטער אויף צפֿון. פּייזאַזשן, פֿאַרבייגייענדיקע בעדואינישע טיפּן, די ראַגאַזשעס־פֿאַבריקאַציע, סטאַדעס דזשאַמוסן, זומפּן — דאָס אַלץ באַהויכט דיך מיט דער אַטמאָספֿער פֿון חולה־טאָל. מיר גייען פֿאַרביי לעבן גרויסן אַראַבישן דאָרף ח ל ס ה, דעם זיצאָרט פֿון קאַמיל־עפֿענדי, אַן איינפֿלוסרייכער פּערזענלעכקייט אין חולה, וואָס האָט געשפּילט אַ שרעקלעכע ראָלע י״א אדר, אין טאָג פֿון טויט פֿון טרומפּעלדאָרן און זיינע חברים. פֿון חלסה פֿירט אַ שאַסיי צו די יידישע ישובים אין עמק החולה — צו ע מ י ר און אירע שכנים. דער הויפּט־שאַסיי ציט זיך ווייטער באַרג־אַרויף. פֿון דערנעבנדיקן בערגל ביי ת ל ־

חי קוקט אויפֿן טאָל די סטאַטוע פֿון „האריה השואג“, (דער ברומענדיקער לייב) — אַ הויכער שטיינערנער דענקמאָל. מיר לאָזן איבער אויף לינקס ביים באַרג כפר־גלעדי און מיטן שאָסיי באַרג־אַרויף קומען מיר קיין מטולה.

מטולה

— אין צפֿון פֿון לאַנד, ביי דער גרענעץ, 500 מ׳ איבערן ים־פֿלאַך. ניט ווייט, אויף מזרח, דערהויבט זיך דער חרמון מיט זיינע שפּיצן, אויף צפֿון — די צעשניטענע בערג לבנון און אַנטי־לבנון. אויף מערב שטאַרט אַרויס פֿון ליטאַני־טאָל דער ערשטער שפּיץ פֿון לבנון — קלעת־אַל־שקיף. ברייט איז דער רוים פֿון אַלע זייטן, גרויס און מעכטיק. אין די לבנה־נעכט זעט אַלץ אויס ווי אַ מאַיעסטעטיש כישוף־שפּיל מיט דער רייכקייט פֿון געשטאַלטן און פֿאָרמען. אין דעם וואונדערבאַרן ווינקל ליגט מטולה. אַרום און אַרום: בערג, וואַדיס, וואַסערפֿאַלן. לאָז זיך אין די בערג־וואַנוואַזן און וועסט אָנטרעפֿן סימנים פֿון אַמאָליקע וואַסערמילן, פֿעלזשפּאַלטן, און וואַסערפֿאַלן. וועסט זען דעם באַרימטן „אויוון“ („התנור“), דעם טיפֿן קעל, באַהאַלטן צווישן נאַקעטע, שלאַנקע פֿעלזן, וואָס פֿאַרמאַכן אים כמעט פֿון אַלע זייטן, און דעם וואַסערפֿאַל, וואָס לאָזט זיך פֿון אויבן אַראָפּצו.

דער באָדן פֿון מטולה איז געקויפֿט געוואָרן דורך דער אַדמיניסטראַציע פֿון באַראָן פֿון דער טערקישער רעגירונג, אָבער ער האָט פֿריער געהערט די דרוזן, וועלכע זיינען אויפֿגעשטאַנען קעגן די טערקן. די דרוזן האָבן באַקומען אַנטשעדיקונג פֿון באַראָנס־אַדמיניסטראַציע, אָבער דאָך געהאַט אין האַרצן אַ שנאה צו די יידישע איינוווינער, און פֿון צייט צו צייט זיי באַפֿאַלן. די איינוווינער, זעכציק אין צאָל, זיינען אָפּגעקליבן געוואָרן צווישן די אַרבעטער אין לאַנד אַלס אַ מענטשן־עלעמענט, וואָס איז פֿעיק זיך צו פֿאַרטיידיקן אין דער דאָזיקער געפֿערלעכער סביבה. צוליב זייער לויזער באַציונג צו די ציוניסטישע אַרבעטסווערטן זיינען זיי גאָר שנעל נאָכגעגאַנגען דעם ביישפּיל פֿון די אַנדערע קאָלאָניעס אין לאַנד: אין דערנידערנדיקער אָפּהענגיקייט פֿון דער אַדמיניסטראַציע, אָפּהענגיקייט פֿון אַראַבישער אַרבעט און שמירה. און פֿון דאַן אָן האָט זיך דאָ פֿיל ניט געענדערט.

ווי אין א בארג־ארטשאפט מיט א מילדן זומער־קלימאט, קומט מען אהער אין די היצן זיך אפרוען. די לאנדווירטשאפט אבער איז דא א נעבעכדיקע. יעדער יונגער ישוב, וואס האט זיך דא ניט לאנג באזעצט אין גליל העליון שטייגט איבער מטולה מיט איר איניציאטיוו און צאל איינוווינער. און זי פארמאגט דאך דעם גרעסטן שטח באדן — 8500 דונאם. א סך פון אירע, דא געבוירענע קינדער פארלאזן זי צוזאמען מיט דער ערד־ארבעט און באזעצן זיך אין די שטעט. דאס איז דער רעזולטאט פון א באשטימטן קאלאניזירונג־סיסטעם. צוויי מאל איז מטולה אינגאנצן פארלאזט געווארן: בעת די געשעענישן אין תל־חי אין יאר 1920 און בעת דער ענגלישער אינוואזיע קיין סיריע אין דער לעצטער וועלט־מלחמה.

כפר-גלעדי

דו גייסט צווישן די פארבויאונגען פון כפר־גלעדי, איבער אירע „גאסן", הערסט זיך צו צום קלאנג פון שותפותדיקן ארבעטס־לעבן, באטראכטסט די לאנדשאפט ארום, און פרייסט זיך צו זען די צעזייטע ישובים אין טאל און די ערשטע ישובים אויף די בערג־שפיצן. דו זעסט די שיינע פארפלאנצטע שטחים און אטעמסט מיט דער ווירקלעכקייט פון א גלילער דארף.

צי ווייסטו אבער, וואס זיי האבן איבערגעלעבט אין משך פון די דרייסיק יאר שאפונג ביז זיי זיינען דערגאנגען צו דעם? — די אלטע חברים וועלן פאר דיר פונאנדערוויקלען א גרויס בלאט פון זייער לעבן. און די יונגע — וועלן אויך האבן וואס צוצוגעבן.

מיט א דרייסיק יאר צוריק, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען מיטגלידער פון „השומר" געקומען באזעצן דעם ארט ביי דער צפון־גרענעץ. אויף זייער גורל איז אויסגעפאלן צו זיין איינזאם, עלנט און ארעם. אין אנהויב פלעגן זיי מאכן יעדן טאג צופוס א סך קילאמעטער פון מטולה, זייער פראוויזארישן וווין־ארט. שפעטער האבן זיי געוווינט אין אן איינזאמען באראק אויף א בערגל. די אראבער האבן אנגערופן דעם פונקט „טאכשיבא", און אונטער דעמזעלבן נאמען „צריף־העץ" (הילצערנער באראק) האט אנגעשריבן אליעזר שמאלי א בוך וועגן די ערשטע יארן פון כפר־גלעדי. דער הגנה־געדאנק האט ביי א סך מענטשן

פון „השומר" זיך געזוכט א רעאלן אינהאלט דורך קאלאניזאציע און דער־
אבערונג ביי די גרענעצן פון לאנד. תחילת האבן זיי געחלומט וועגן א
גרויסן קאלעקטיוון דארף אין חורן (עבר הירדן). אבער ניט געפינענדיק
פאר דעם קיין באזיס — זיינען זיי געקומען אהער. דא איז געשטארבן איי־
נער פון די בעסטע חברים, דער לעבעדיקע גייסט פון דער גרופע, י ש ר א ל
ג ל ע ד י און אויף זיין נאמען הייסט דאס דארף כ פ ר ־ ג ל ע ד י.

געדענק די געשיכטע פון תל־חי און כפר־גלעדי צום סוף פון דער
ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די אראבער, וואס האבן געוואלט אראפ־
ווארפן דעם פראנצויזישן יאך, האבן געווילדעוועט אין דער אומגעגנט
און די צוויי יידישע פונקטן, פאראיינזאמט און הפקר, זיינען געווען דער
ציל פון רויב־ און מארד־גיריקייט. אויפן שוועל פון דער דריטער עליה,
וואס האט געבראכט מיט זיך א האפנונג אויף א בעסערן מארגן, גרע־
סערע שאפונגס־מעגלעכקייטן צו אויסלייזונג — זיינען געפאלן טייערע
חברים, צייטווייליק פארלארן געגאנגען ישובים: כפר־גלעדי, תל־חי,
מטולה. אין אט די תל־חי־געשעענישן האבן זיך שוין דעמלט איינגעראלט
די הערלעכע גבורה, מסירות־נפש און אומדערשראקענער אויסדויער ווי
אויך די גאנצע פאליטישע שוועריקייט, וואס שטייט פאר אונדזער
אויפבוי־ווערק אין לאנד. האסט שוין אוודאי ניט איינמאל געהערט,
וויאזוי ס'האט זיך געהאלטן א קליין הייפל באלאגערטע ארבעטער, אפ־
געריסן פון ישוב — כפר־גלעדי און תל־חי האבן דעמלט געהערט צום
פראנצויזישן מאנדאט — אינמיטן א ווילדער סביבה; וויאזוי ס'איז זיי
געקומען צו הילף י ו ס ף ט ר ו מ פ ע ל ד א ר. וועלכער האט זיך ניט
לאנג געהאט אומגעקערט אין לאנד און זיך געשטעלט אין דער שפיץ
פון זייער הגנה; וויאזוי ס'האבן זיך מאביליזירט און געגאנגען צוהילף
ארבעטער פון דרום, צווישן זיי אויך א ה ר ן ש ע ר פון כנרת, וועל־
כער האט גערופן צו „ניט לאזן פאלן גליל־העליון" און איז אליין גע־
פאלן ביים פארטיידיקן אים, אקערנדיק זיינע פעלדער; און ווייסט דאך
וויאזוי ס'זיינען אין דעם ביטערן טאג י"א אדר געפאלן א סך חברים,
צווישן זיי אויך טרומפעלדאר, וועלכער האט פארן טויט ארויסגעפלים־
טערט: ט ו ב ל מ ו ת ב ע ד א ר צ נ ו (ס'איז גוט צו שטארבן פאר
אונזער לאנד). אזוי איז פארהייליקט די פארטיידיקונג פון תל־חי און

געוואָרן אַ סימבאָל פון יידישער העלדישקייט. און אויך דיינע ליפן וועלן שעפטשען דעם „יזכור" פאַר די געפאַלענע פון י"א אדר:

„יזכור — זאָל געדענקען דאָס פאָלק ישראל און זיך בענטשן מיט זיינע קינדער און טרויערן נאָכן יוגנט־חן, לויטערקייט פון גבורה, הייליקייט פון ווילן און מסירת־נפש וואָס זיינען אומגעקומען אין שווערן שלאַכט. ניט רוען און ניט פאַרגיין זאָל דער טרויער, ביז קומען וועט דער טאָג — ווען ישראל וועט זיך אומקערן און אויסלייזן זיין באַרויבטע ערד".

און דער צוגערויבטער באָדן פון כפר־גלעדי און תל־חי איז מיט אַ יאָר שפּעטער אויסגעלייזט געוואָרן דורכן גדוד־העבודה און „השומר"־לייט. דיביידע פּונקטן, וואָס זיינען דערוויל אַריבער צום שטח פון בריטישן מאַנדאַט, זיינען ווידעראויפגעבויט געוואָרן. זייט דעמלט איז שטיל אין גליל העליון. די אַראַבישע סביבה האָבן זיך צוגעוווינט צו באַציען זיך מיט דרך־ארץ צו די אָרטיקע יידישע איינוווינער.

פון דרויסן איז געוואָרן רואיק, אָבער פון אינעווייניק איז דער וועג געווען אויסגעשפּרייט מיט דערנער. אַ סך סיבות האָבן גורם געווען צו אַ שטאַרקן אָפּהאַלט אין דער אַנטוויקלונג: די איינזאַמקייט, די אָפּגעריסנקייט פון לאַנד, די שוועריקייט אָפּצוזעצן די פּראָדוקציע, שלעכטע קאָמוניקאַציע. דער גדוד־העבודה האָט געמאַכט אַ פּרוּוו אויסצוהאַקן מאַרמאָר פון די שכנותדיקע בערג.

גדוד־העבודה האָט פאַראייניקט אין איין משק די נאָענטע כפר־גלעדי און תל־חי, אָבער די פאַראייניקונג איז געווען פאַרבונדן מיט אַן אינערלעכן סכסוך און קאָנפליקט מיט דער הסתדרות. און געשען איז דאָס אין דער צייט פון שפּאַלטונג צווישן גדוד און הסתדרות.

נאָכן פאַראייניקן זיך פון די פלוגות פון גדוד־העבודה — און כפר־גלעדי צווישן זיי — מיטן קיבוץ־המאוחד נעמט כפר־גלעדי אויף חלוציש עליה פון גלות, פריער פון פוילן, שפּעטער אויך אַנדערע עליות.

דיווירטשאַפטס־צווייגן זיינען צוגעפּאַסט צום כאַראַקטער פון באַרג־קלימאַט — סעדער מיט עפּל, פלוימען, באַרנעס; אויך סטאַדעס שאָף, בינשטאָקן און אַנדערע צווייגן פון געמישטער ווירטשאַפט. זי באַזיצט גרויסע פלחה־שטחים, אַ 5.500 דונאַם, אָבער ווייניקער ווי די

העלפט איז צוגעפאסט צום פארזיי. עס זיינען לעצטנס איינגעפירט געווארן א סך מאדערנע מאשינען און אויך דאס מעלקן פון די קי קומט פאר מעכאניש. פיש־באסיינען פארנעמען א שטח פון הונדערטער דונאמס. פאראן אויך האנטווערקער־ווארשטאטן. צוזאמען מיט איילת־השחר האט כפר־גלעדי געגרינדעט און געפירט די קאמוניקאציע־ליניע פארן גליל העליון — „שירות החולה".

כפר־גלעדי האט א גרויס־אפרו־הויז און פון גאנצן לאנד באט מען זיך אן אהער זומער־צייט אויף אפרו. דאס הויז שטייט אין וועלדל אויף א בערגל און האט אן אויסבליק אויפן טאל. זי קען ארייננעמען 120 מענטשן אין איין שיכט.

כפר־גלעדי איז אויסגעוואקסן און ציילט היינט איבער 600 נפשות. א סך הי־געבוירענע לעבן שוין דא אלס מיטפאראנטווארטלעכע חברים, און א סך אייניקלעך זיינען שוין דא געבוירן. ווי אן ערשטער ישוב פון „השומר" געפינען זיך דא נאך חברים פון אמאל און אויך אלמנות נאך חברים, וואס זיינען געפאלן אויף זייערע פאסטנס. דורות פון עליות האבן זיך צונויפגעפלאכטן. דער ישוב איז געבויט צעווארפן: וווינונגס־בלאקן, קינדער־הייזער, שול, אפרו־הויז, ווירטשאפטס־בנינים. עס שטייט נאך דער אלטער חדר־האוכל און ווערט ביז היינט באנוצט. ער זעט ארעם אויס, ס'איז אין אים ענג, אבער אין זיין רוים פילט זיך נאך די אטמאספער פון יענע טעג. אינגיכן וועט זיין א חנוכת־הבית פון נייעם חדר־האוכל, וואס בויט זיך. אין צענטער פון ישוב געפינט זיך א קולטור־הויז מיט א בארימטער ביבליאטעק פון א 12.000 ביכער. די ביבליאטעק ווערט געפלעגט מיט גרויס ליבשאפט דורך חברים, וואס גיבן זיך אפ צו איר. אין א געוויסער מאס בילדעט כפר־גלעדי א צענטער פארן גוש און איז אויך געווען א באזע פאר באזעצן די ערשטע נייע פונקטן אין עמק החולה. כפר גלעדי האט א גרויסן פארדינסט אין רעגולירן די שכנישע באציונגען מיט די אראבער פון דער סביבה.

גרויס איז די שול פון כפר־גלעדי, איינע פון די ערשטע אין די ארבעטער־משקים. די „השומר"־לייט האבן זיך, כמעט די ערשטע אין דער ארבעטער־באוועגונג, אנגעשטויסן אויפן דערציונגס־פראבלעם. פון

די ערשטע האָבן זיי איינגעפירט קאָלעקטיווע דערציונג. נאָך בעת דער דריטער עליה איז אויפגעקומען די שול וואָס האָט אויסגעלייגט אַ וועג פאַר נייע פּעדאַגאָגישע ווערטן. דאָ איז אויסגעטראָטן געוואָרן אַ סטעזשקע פאַר אַ נייעם דערציונגס־סיסטעם, וואָס פאַרייניקט אין די ראַמען פון איין קינדער־גרופּע אין פאַרשיידענעם עלטער די לימודים און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

די „השומר"־לייט האָבן איינגעפירט בר־מצוה פייערונגען פאַר זייערע זין, בעת וועלכע די קינדער פלעגן באַקומען ווי אַ מתנה אַ רעוואָלווער מיט אַ תנ"ך.

אין שאָטן פון שלאַנקע ציפּרוסן, אויפן וועג קיין ת ל - ח י — די קברים פון די געפאַלענע אין תל־חי און פון „השומר". אַ גרויסער שטיין־מאָנומענט — „האריה השואג" — שטייט הויך דאָ מיטן פּנים צום עמק. אויף דעם שטיקל ערד ליגן חברים, וואָס זיינען געפאַלן אין דער הגנה, און אַהער זיינען אויך געבראַכט געוואָרן, דורך די לעבן־געבליבענע חברים, די קערפּערס פון „השומר"־לייט, וואָס זיינען געפאַלן אַנדערשוווּ אין לאַנד. די מצבות דערציילן וועגן ישראל גלעדי, מענדל פאָרטוגאַלי, יחזקאל ניסאַנאָוו, יחזקאל בענקין, צבי בעקער און אַנדערע, וואָס האָבן געווידמעט זייער לעבן דער הגנה און בויאונג און אויף זייער וועג געפונען דעם טויט.

אין יעדן י"א אדר מאַרשירן מאַסן־יוגנט — בפרט פון „הנוער העובד" — קיין גליל העליון, צו די קברים פון תל־חי, פאַרייניקן זיך מיט זייער אַנדענק און שעפּן כוח פון זייער מוסטערהאַפטן לעבן און טויט פאַרן ווייטערדיקן קאַמף פאַר פרייהייט און אויסלייזונג.

פונדאַנען וועסטו צוגיין צום הויף פון ת ל - ח י גופא. ער זעט שוין אויס אַלט. וועסט זען די שטיינערנע מויער און דאָס הויז אין מיטן, וווּ ס'זיינען געפאַלן טרומפּעלדאָר מיט זיינע חברים. שוין פיל יאָרן ווי דער הויף מיט זיינע געביידעס דינען אַלס אויפנאַם־אָרט פון יוגנט־גרופּן, וואָס מאַכן דאָ דורך אַ זעלבסטשטענדיקע הכשרה ביז זייער התישבות.

און פיל וועט דיר נאָך דערציילט ווערן — וועגן מעפּילים וועלכע האָבן דורכגעריסן דעם גרענעץ אין פינצטערע נעכט און דערגרייכט

ארץ־ישראל; ווי אזוי בריטיש מיליטער האט ניט איינמאל ארומגע־רינגלט כפר־גלעדי כדי דורכצופירן א יאגד אויף די מעפילים; און ווי דער דארף איז בייגעשטאנען דעם אנגריף מיט דער הילף פון מאסן יידן, וועלכע האבן געשטראמט פון דער סביבה כדי צו העלפן זייערע נייגעקומענע ברידער. מ'וועט דיר דערציילן וועגן די טעג פון בריטישער אינוואזיע קיין סיריע — ווי אזוי דאס ענגליש־אויסטראליש מיליטער איז אין יענע טעג דא באגעגנט געווארן מיט א כוואליע פון ברידערשאפט, ליבע און ווירקזאמער הילף און ווי אזוי ס'האבן זיי געפירט יידישע בחורים — מענטשן פון דער הגנה — צו ווייזן דעם וועג. ווערסטו פילן די גרויסע געשפאנטקייט, ווען שכנותדיקע אראבישע לענדער האבן גע־דראט די יידן דורכן קאנצענטרירן מיליטער צו באפאלן די צפון ישובים? כפר־גלעדי — צוזאמען מיט אלע ישובים אין דער סביבה — איז גע־ווען גרייט שטעלן א ווידערשטאנד דעם פיינט. דער גאנצער כוח פון יידישן זעלבסטשוץ אין לאנד איז געווען אין גרייטקייט־צושטאנד צו פארטיידיקן ביזן לעצטן אטעם אונדזער וואונדערבארע שאפונג.

און איצט וועלן מיר שנעל דורכגיין די ישובים פון החולה און זיי באטראכטן פון דער נאענט. צוויי שאסייען, וואס זיינען געפלאסטערט געווארן בעת דער התישבות פירן אהין: איינער צו די ישובים אין צפון פון טאל און דער צווייטער מער צו דרום. צוערשט וועלן מיר גיין אויף צפון. זיי זיינען געווען די ערשטע, וואס האבן דא אויפגעאקערט די רויע ערד.

זיינען די ערשטע געקומען קיין חולה, דעם 4־טן מאי
דפנה און דן 1939 (ט"ו אייר תרצ"ט). קומענדיק אהער אין עמק.
ווערסטו באשיינפערלעך זען, וויאזוי א לאנד, רייך אין
וואסער און באדן קאן פארוואנדלט ווערן אין א וויסטעניש. און טראץ די פיל ישובים, וואס זיינען דא אויפגעקומען, א 20 בערך, איז נאך פאראן א סך אפגעלאזענער באדן, וואס איז אויסגעשטעלט אויף צע־שטערערישע כוחות. ווערסטו זען וויפיל וואסער ס'פליסט און ווערט פאר־פאלן אומזיסט, און די ווילדע קוסטעס, וואס וואקסן דא אן א שטער און פארדארבן דעם באדן. אבער אט ביים וועג — א הערלעך וועלדל מיט דעמבעס, דאס איז די „חורשת העשרה", אדער ווי מען רופט עס

„חורשת הארבעים", מיט אַלטע ביימער, שאָטנדיקע און ברייט־שטאַמיקע, וואָס זאָגן עדות אויף די רייכקייט פון טאָל. דאָס וועלדל איז



דער דן

הייליק ביי די אַראַבער און דעריבער האָבן זיי אָפּגעהיט די ביימער, און די האַק האָט אויף זיי קיין שליטה ניט געהאַט. פיר מענטשן נעמען קוים אַרום איין שטאַם.

דפנה און דן האָבן זיך אַנטוויקלט און זייער געשיכטע איז גלייכצייטיק די געשיכטע פון אַלע ישובים אין דעם עמק: צוערשט דער פּעריאָד פון „מויער און טורעם", פאַרשלאָסנקייט און ענגשאַפט, קאַמף מיט נאַטור־אָנשיקענישן, פּאַרטיידיקונג קעגן מאַלאַריע, ראַנגלעניש מיטן באָדן, דאָס שפּאַנען די וואַסערן אין באַפּרוכפּערנדיקע קאַנאַלן, צוגרייטונג פון שטחים צום באַאַרבעטן, און שפּעטער — דאָס אַרויסגיין פון די מויערן, פונאַנדערבויאונג פון ישוב און וווקס פון ווירטשאַפטסצווייגן.

ד פ נ ה — לכתחילה אַ פּלוגה אין אַ מושבה, מיד פון יאַרנלאַנגן אויסקוקן אויף באָדן און התישבות, כסדרדיקע אַרבעט אין פּרדסים מיט אַלע אומפאַרמיידלעכע סכסוכים מיט די בעלי־בתים, וואָס באַנוצן זיך מיט אַראַבישע אַרבעטער. אָבער נאָך דער געבענטשטער באַרירונג מיטן באָדן און וואַסער אין חולה זיינען ביי דער פּלוגה אויסגעוואַקסן פליגל. דפנה האָט אויפגעשטעלט אַ געמישטע ווירטשאַפט, פאַרלייגט אַרבעטס־וואַרשטאַטן און פיש־באַסיינען. זי איז זיך צעוואַקסן, אַריינגענומען פרישע עולים און ציילט היינט ביי 600 נפשות, — דער גרעסטער ישוב אין דעם עמק. פאַראַן דאָ אַ קאָמפּליצירטע פראַגע פון באָדן, וואָס איז אַ קאַלכיקער, אָרעמער און ניט צוגעפּאַסט פאַר אַלע געוויקסן. געווען אויך שוועריקייטן מיט די פיש־באַסיינען, אָבער סוף־כל־סוף האָט מען אַלץ גובר געווען, און היינט האָדעוועט דפנה מיט דערפאָלג אין די באַסיינען, אָנגעפילטע מיטן קאַלטן וואַסער פון ד ן , דעם מין צפון־פיש — פאָרעל. מער פון 1000 דונאַם באָדן ווערן באַאַרבעט דורך באַוואַסערונג.

דפנה געהערט צו די ישובים פון קיבוץ־המאוחד. די חברים זיינען פון „החלוץ” אין פּוילן, ליטע, דייטשלאַנד אא״וו. צום סוף פון דער וועלט־מלחמה האָט דער קיבוץ אויפגענומען חברים פון אונטערערד־און געטאָ־קעמפערס. אַ גרויסער גרעין פון אונגאַרישן „דרור־הבונים” האָט דאָ דורכגעמאַכט די הכשרה. אַ סך אונטערנעמונגס־גייסט האָט מען אַרויסגעוויזן ביים אויפבויען אַ שווים־באַסיין, וואָס איז מחיה נפשות אין די הייסע זומער־טעג און ברויזט מיט יוגנט און לעבן. דער באַסיין דינט אויך אַלס צענטער פון שווים־ספּאָרט אין אומגעגנט. איצט האָט מען ביים טייך אויפגעשעלט אַפּרו־ביידלעך פאַר דאַטשניקעס פון שטאָט, וואָס קומען אַהער זומער־צייט זיך דערהאָלן.

ד ן — אַ קיבוץ פון השומר־הצעיר, אין צפון־מזרחדיקן ווינקל פון חולה, נאָענט צו דפנה, טראָגט דעם אַלטן היסטאָרישן נאָמען. אויך דאָ ראַנגלט מען זיך מיטן פּראָבלעם פון וואַסער און באָדן — אַ גורל־פראַגע פאַר דער צוקונפט פון דן און אויך די אַנדערע משקים אַרום. דאָס שטראָמען פון וואַסער דורך פּרימיטיווע ערד־קאַנאַלן ברענגט צום פאַרלוסט פון באָדן דורך פאַרשווענקונג, צו פאַרשפּרייטונג פון ווילד־

גראָז אויף די קינסטלעך באַוואַסערטע פעלדער, צו שווערקייטן אין באַוואַסערן די באַרג־רוקנס. דאָס אַלץ פאָדערט אַ ראַציאָנעלע, פּלאַנמעסיקע איריגאַציע־נעץ. די וואַסערן פון דן ווערן באַטראַכט פאַר די בעסטע אין לאַנד אַ דאַנק דעם קליינעם פּראָצענט זאַלצשטאָפן, וואָס באַדראָען ניט מיט פאַרזאַלצן דעם באָדן. די וואַסערן דערגייען צו די פעלדער פון משק, דורך גראַוויטאַציע. עס האָט זיך דאָ אַנטוויקלט אַ שיינע געמישטע ווירטשאַפט. אַ צוגאָב צו אַלע אָנגענומענע צווייגן אין דער געמישטער ווירטשאַפט איז דאָ די צוכט פון קראָליקעס.

ווען דו קומסט קיין דפנה און דן, לאָז ניט דורך ת ל ־ א ל ־ ק א ד י. דאָס איז דער דן פון תנ״ך. אַ וווּנדערבאַרער אָרט ביי דער גרענעץ, פון וואַנען ס'הייבט זיך אָן דער דן, דער קוואַל פון ירדן וואָס געפינט זיך אינערהאַלב ארץ־ישראל. דאָס איז אַ וואולקאַניש־בערגל, וואָס זיין קראַטער איז צעשטערט, און עס שפּרודלען פון אים אַרויס וואַסערן, וועלכע זאַמלען זיך צונויף אין איין שטאַרקן שטראָם, און באַוועגן אַ וואַסער־מיל צופוסנס פון בערגל. אַלט־איינגעזעסענע ביימער, מיט מעכטיקע שטאַמען און הויכוואוקסיקע קרוינען דערהויבן זיך איבערן בערגל. מערב־זייט פון אים פליסט אַרויס דער דן און גיסט אויס אַ מעת לעת איבער אַ מיליאָן קובאָמעטער וואַסער. ביים אָנהויב בילדעט ער אַ גרויסן און רואיקן וואַסער־באַסיין, ערשט שפּעטער, דרום־צו ווערט ער ברויזנדיקער און פליסט מיט אַ רוישנדיקן באַרג־אַראָפּ. די דן־וואַסערן זיינען שטאַרק קאַלטע. תל־אל־קאדי איז פון די חנעוודיקסטע ווינקלען אין חולה. זיין לעגענדאַרער גלאַנץ איז דורכגעפלאָכטן מיט זכרונות פון אַמאָל.

מעיין־ברוך

אויפן וועג קיין דפנה האָבן מיר איבערגעהיפּערט ישובים, וואָס ליגן אָן דער זייט פון וועג, אין ערשטער רייע דעם יונגסטן ישוב אין חולה מ ע י י ן ־ ב ר ו ך. פון כביש קיין מטולה פירט אַ געווייינלעכע סטעזשקע צו דער יונגער קבוצה וואָס באַשטייט פון אַ דרום־אַפריקאַנישן קערן און אַ הכשרה־קבוצה פון התנועה המאוחדת אין לאַנד. די חברים פון דרום־אַפריקע זיינען געווען זעלנער אין דער זעקסטער דיוויזיע פון זייער לאַנד, וועלכע מען האָט אויך, צוליב דער גרויסער צאָל יידן, גערופן „די ציוניסטישע דיוויזיע". די באַרירונג מיט ארץ־ישראל פון די יידישע פרייוויליקע האָט דער־

וועקט צווישן די חברים א חלוצישן פונק און זיי האבן עולה געווען און זיך באזעצט אין לאנד, ישאפנדיק אין כפר־גלעדי א הכשרה־קערן. אין טאג פון עליה אויפן באדן האט מען אויך געזען אראבער פון דער אומגעגענט ווי זיי באטייליקן זיך אין דער שמחה פון די מתישבים און ווי שולקינדער פון כפר־גלעדי קומען מיט יונגע ביימער־פלאנצן און זעצן א יונג וועלדל ביי נאר־וואס געבוירענעם חדר־האוכל.

בית-הלל

פון כביש וואס פירט קיין חולה טיילט זיך אפ נאך פאר דפנה א וועג קיין בית־הלל. א מושב־עובדים, ניט ווייט פון חצבני—א טייכל וואס געהערט די מקורות פון ירדן. די חברים זיינען ס׳רוב חלוצים פון פוילן. זיי האבן זיך ארגאניזירט נאך אין יאר 1935, האבן געטראכט וועגן א שותפותדיקן מושב, לאנג אויסגעקוקט אויף התישבות און דערווייל געארבעט ביים חיפער פארט, געוווינט ערב זייער התישבות אין דפנה און דן. ערשט אין יאנואר 1940 זיינען זיי ארויף אויף זייער ערד ווי א „מויער־ און טורעם״־ישוב. דא האבן זיי באשלאסן אויפצולייזן די שותפות און אויפצושטעלן א דארף לויטן מוס־טער פון א נארמאלן מושב־עובדים. די ווירטשאפט איז א געמישטע. מען האט דא מיט הצלחה קולטיווירט פיסטאשקעס און דאס איז א וויכ־טיקער צווייג אין זייער ווירטשאפט.

דער מושב רופט זיך אויפן נאמען פון ד״ר הלל יאפע ז״ל, א מענטש פון דער ערשטער עליה, פון די ערשטע דאקטוירים און אקטיווע טוערס אין ישוב. ער האט גרויסע פארדינסטן פאר דער ארבעטערשאפט סיי אלץ דאקטאר און סיי אלץ מענטש. זיינע שריפטן און בריוו זיינען צו־נויפגעזאמלט געווארן אין בוך „דור מעפילים״.

שאר-ישוב

אויף דרום פון קיבוץ דן געפינט זיך דער מושב־עוב־דים שאר־ישוב, וואס האט זיך באזעצט אין פע־ברואר 1940. דאס איז דער ערשטער און אפשר דער איינציקער מושב פון „העובד הציוני״ אין די ראמען פון דער הסתדרות און תנועת המוש־בים. די חברים זיינען ס׳רוב פון „הנוער הציוני״ און כלל־ציוניסטישן „החלוץ״ אין פוילן. זיי האבן זיך קאנסאלידירט אין יאר 1934 און דורכגעמאכט די לאנדווירטשאפטלעכע הכשרה אין כפר־יחזקאל. אין

ערשטן פעריאָד פון זייער זיין אויפן באָדן האָבן זיי געוווינט הינטער מויערן, שפּעטער האָבן זיי אויפגעבויט זייערע אינדיווידועלע הייזער און יעדער איינער האָט זיך גענומען פאַר זיין ווירטשאַפט. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן געמיינזאַמע געזעלשאַפטלעכע בנינים און אויך שותפותדיקע פיש־באַסיינען. דער מושב ליידט פון דער קליינער צאָל חברים און קאָמוניקאַציע שוועריקייטן. דער פונקט ליגט אין אַ מרחק פון אַ קילאָמעטער פון שאָסיי און ווינטערצייט ליידט ער צוליבן מאַנגל פון אַ וועג דורך די בלאָטעס.

כפר־סאָלד

בויט זיך פונאַנדער אויף דעם באַרג־רוקן פון גולן אין מזרח פון חולה. אַ ספּעציעלער כביש פון אַ 4־5 ק״מ איז אויסגעבויט געוואָרן אַהין און ער פירט דורך פיל טייכלעך מיט דער הילף פון בעטאָן־בריקן. דער קיבוץ איז פריער געווען אין שער־הנגב. אָבער ניט פאַרמאָגנדיק דאָרט קיין באַדינגונגען צום אויפבוי פון אַ גרויסן ישוב צוליבן מאַנגל אין ערד און וואַסער, איז ער אַריבערגעגאַנגען פונם ווייטן דרום צו די צפון־גרענעצן. דורך דעם האָט ער זיך געמוזט אָפּשיידן פון דעם ערשטן נאָמען, און פאַראייביקט דעם אָנדענק



צו נאות מרדכי

פון הנריעטע סאָלד דעם נייעם ישוב כפר סאָלד.

דער אָנהויב פון כפר־סולד שטעקט אין אַן אַקטיוון קערנדל פון דער „הבונים“־באַוועגונג אין דייטשלאַנד וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרייניקט מיט אַ גרעין פון טראַנסילוואַניער „בוריסיה“. לאַנגע יאָרן זיינען זיי געווען אין גדרה, אָנהויבנדיק בויען אַ ווירטשאַפט אויפן דערנעבנדיקן באָדן, אויפגעשטעלט פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, צווישן זיי אויך אַן אינדוסטריע פון שפּילצייגן. דאָ אין חולה האָבן זיי אָנגעהויבן אַלץ פונדאַסניי. דער אויפבוי פון ישוב פולסירט לויט אַ פאָרויסבאַשטימטן פּלאַן און ריטם. ערד־שטחים זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן, באַרג־רוקנס — באַפּלאַנצט, פיש־באַסיינען — איינגעאָרדנט. גוטע נאַטירלעכע באַדינגונגען זיינען דאָ פאַראַן פאַר סטאַדעס שאָף און בינענצוכט. אַ סטאָלעריי באַזיצן זיי, און אַ שלאָסעריי. אויך וואָל ווערט דאָ באַאַרבעט. אויף דעם באַרג־רוקן זעסטו אַ סך ווינהייזער, קליינע און ציכטיקע, קינדער־הייזער מיט טעראַסן באַשיצטע קעגן מאַלאַריע־קאָמאַרעס, ווירטשאַפטלעכע געביידעס און וואַרשטאַטן. אויך דאָ האָט זיי דער גורל ניט געשאַנעוועט — גרויס איז דער מאַנגל אין באָדן, און דער פאַראַנענער איז פאַרפלייצט מיט שטיינער און פאָדערט פיל מי און צוגרייטונג. אויך באַוואַסערונגס־קלאַפּאַטן פעלן ניט, הגם וואַסער איז פאַראַן בשפע.

לויט דער איניציאַטיוו פון אייגענע חברים איז אין שער־הנגב אויפגעריכטעט געוואָרן אַ דערציונגס־אַנשטאַלט פאַר דעפעקטיווע קינדער, אַ שותפותדיקער פאַר עטלעכע ישובים פון קיבוץ־המאוחד. נאָכן אַריבערגיין קיין חולה איז דער אַנשטאַלט אַריבער קיין פּתח־תקוה, אין דער נאָענט פון גבעת־השלושה. אָבער חברים פון כפר־סולד פאָלגן נאָך זיין אַנטוויקלונג.

שמיר

מיט עטלעכע קילאָמעטער ווייטער אויף דרום געפינט זיך אויף דעם פעלזיקן גולן דער קיבוץ פון השומר־הצעיר שמיר. ער איז אַ צונויפגוס פון צוויי קיבוצים: שמיר, וואָס איז געווען ביי רמת־יוחנן און געאַרבעט אין אומגעגנט פון חיפה, און יסעור, אַ יונגערער, פון דער רומענישער באַוועגונג, וואָס איז געקומען אין לאַנד האַרט פאַר דער מלחמה. אַ שמאָלער שטעג פירט אַהין פון כפר־סולד און ווען דו דערנענטערסט זיך צום ישוב ווערסטו אַנטשטוינט

פון די אנגעהויפטע פעלזן־בלאקן, וואס באדעקן די ערד.

דער קיבוץ איז עולה געווען אהער פון עמיר, א 6 ק"מ פונדאנען; דער וועג האט געפירט דורך וואסער־ריטשקעס און זומפן. טראקטארן געשפאנטע אין וועגענער האבן שווער אויסגעטראטן א וועג דורך דעם זומפיקן באדן, דורך די וואדיס, וואס צעשניידן דעם שטח.

דער באדן פון שמיר גרענעצט מיט סיריע. ער איז אויסגעצייכנט גוט פאר פאשע. פון פונקט אויבן זעט מען אלע ישובים פון חולה.

להבות־הבשן

דרומדיק פון שמיר — להבות־הבשן, אויך א קיבוץ פון השומר־הצעיר. ער האט זיך באזעצט דעם 2־טן נאוועמבער 1946 אויף דעם באדן פון חיאם־אל־וואליד, ווו עס האט פריער גענעסטעט קיבוץ עמיר. ער איז טאקע געקומען אהער כדי צוגרייטן דעם פעלזיקן באדן, אבער דא וועט ער שלאגן זיין ווארצל אויף שטענדיק. ס'איז אן ארץ־ישראלדיקער קיבוץ, וועלכער האט זיך פארייניקט מיט יוגנט־גרופן פון גלות.

כפר־בלום

צו די דרום־ישובים פון חולה קומען מיר מיטן שאסיי, וואס צעצווייגט זיך פון הויפטשאסיי, ניט ווייט פון אראבישן דארף חלסה. צוערשט וועלן מיר קומען צו כפר־בלום, א. נ. פון לעאן בלום, דעם באקאנטן פירער פון די סאציאליסטן אין פראנקרייך, וועלכער איז, אלס ייד, א פריינד פון ציוניזם. דער ישוב, געבויט אויף א שיין פלאכלאנד, האט אנטוויקלט ווירטשאפט־צווייגן און גרויסע פיש־באסיינען. דער אנהויב פון קיבוץ איז געווען א חלוצישער קערן פון „הבונים" אין ענגלאנד, וואס האט זיך פאראייניקט מיט חברים פון השומר־הצעיר „נצח" און האט אריינגענומען שפעטער אויך חלוצישע עלעמענטן פון די פאראייניקטע שטאטן, דרום־אפריקע און אפילו פון אינדיע. דער קיבוץ איז א צענטער פאר נייע עולים פון דער „הבונים"־באוועגונג פון די אנגלא־זאקסישע לענדער. פארן באזעצן זיך דא איז ער געווען אין בנימינה, ווו ער איז געשטאנען אויף דער וואך פון יידישער ארבעט און דער דאזיקער קאמף מיט די יידישע פארפרעמדעטע פויערים איז געווען פארבונדן מיט ארעסטן, געריכטן און אפילו „פארשיקונגען" דורכן ריכטער צו דער „ווייטער" מטולה. אבער „מעז יצא מתוק" (פון שטארקן איז ארויס זיסקייט): די „פארשיקטע" האבן אין מטולה ארגאניזירט א פלוגה, אנגעבונדן קאנטאקט אין גליל־העליון, גע־

עפנט אין דער מושבה אַ סאַנאַטאָריע, דעראָבערט אַרבעט אין דער סביבה, און אין שליחות פון קק״ל געגומען פראָוויזאָריש באַאַרבעטן דעם באָדן פון נ ע מ ה. דער אָרט איז זיי געפעלן געוואָרן, און צום סוף זיינען זיי אָנערקענט ווי אַן אָרגאַניזם, וואָס קאָלאָניזירט זיך אויף דעם אָרט. נאָך אין בנימיניה האָבן זיי געהאַט אויפגעשטעלט אַן אונטערנעמונג פון אויסהאַקן וועלדער און שפּעטער אויך אַ מעכאַנישע סטאָלעריי. די סטאָלעריי, וואָס אַרבעט אויס דער עיקר וועש־קלעמער האָבן זיי איבערגעטראָגן מיט זיך קיין חולה.

די שווערע פלאַד־ערד זאַפּט זיך אָן מיט וואַסער בעת די רעגנס און ס'איז ניט לייכט זי צו באַאַרבעטן. דעריבער איז נויטיק דרענאַזש. אויך אין הויף גופא פילסטו די בלאָטע, וואָס קלעבט זיך צו דיינע שיך און מיט מי שלעפּסטו די פיס אויף די ערטער, וווּ עס זיינען נאָך קיין טראָטואַרן ניטאָ.

אין כפר־בלום איז אויפגעבויט אַ צענטראַל־הויז פאַר דער „הבונים״־באַוועגונג וואָס עקזיסטירט אין די ענגליש רעדנדיקע לענדער.

ע מ י ר

אַ טורעם פון אַ נאָענטן ישוב בלאַנקט מיט זיין ווייסקייט פון צווישן די יונגע הייזער און ביימער — דאָס איז דער קיבוץ ע מ י ר. ער איז אַרויף אַהער ביים אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה, דער ערשטער ישוב אין מיטל־חולה. פריער זיינען זיי געווען צופוסנס פון גולן, וווּ ס'געפינט זיך איצט דער קיבוץ להבות־הבשן, אָבער די מאַלאַריע האָט דאָרט געבושעוועט און האָט זיי טייער געקאָסט. צום סוף האָבן זיי זיך איבערגעטראָגן מער אויף צפון. צוויי יאָר האָבן זיי געפירט אַ פראָוויזאָריש לעבן, אָפּגעריסן און צעטיילט. די קינדער זיינען געווען אין שכנותדיקן כפר־גלעדי. נאָכן אויסענדיקן די פאַר זיי באַשטימטע הייזער — באַשיצטע מיט נעצן קעגן קאָמאַרעס — האָט מען די קינדער איבערגעפירט אַהער. אין אַ ווינטערדיקן רעגנטאָג זיינען זיי געזעסן צונויפגעפּרעסט אין אַ לאַסט־אויטאָ, איבערגעדעקט מיט אַ ברעזענט, אויף וועלכן די רעגנטראָפּנס האָבן געקלאַפּט, און דער טראַקטאָר האָט געשלעפּט אויסגלייכנדיק אַ וועג איבער די זומפּן. אָבער די קינדערישע הערצער האָבן געקלאַפּט אין איין ריטם מיט זייערע עלטערנס אויס פרייד פון דער באַגעגעניש אין אַן אייגן הויז. אין אַ שנעלן טעמפּאָ זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן הייזער און אין אַ קורצער צייט

איז אויסגעוואקסן דער ישוב, וואָס האָט אַרונטערגענומען אונטער זיין דאַך אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע חברים. אויך דאָ, ווי אין די אַרומי־קע משקים אויף דעם פלאַכלאַנד דראָט אַ געפאַר פון פאַרפּלייצונג און ס׳איז נויטיק צו עפענען דרענאַזש־קאַנאַלן פאַרן איבערפלוס פון וואַסער.

דער קיבוץ האַלט אַן גוטע באַציונגען מיט די אַראַבישע שכנים. אַ ספּעציעלע קראַנקן־אַמבולאַטאָריע פון „הדסה" באַדינט די אַראַבער, וואָס פלעגן קיינמאָל ניט וויסן פון קיין דאָקטוירים.

שדה־נחמיה

דאָס איז די קבוצת „חוליות", וואָס טראָגט דעם נאָ־מען פון פאַרשטאָרבענעם האָלענדישן ציוניסטישן פירער און לייטער פון קק״ל נחמיה די־לעמאַ. זי געפינט זיך ניט ווייט פון אָרט, וווּ די אַלע מקורות פון ירדן ווערן איינס. די קבוצה איז גע־שאַפן געוואָרן דורך אַ קערן פון האָלענדישע חברים, האָבן עקזיסטירט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע פּלוגה אין זכרון־יעקב, זיך אָנגעשלאָסן אַן חבר־הקבוצות, פאַראייניקט מיט אַן עסטרייכישער קבוצה פון „גורדוניה" און מיט חברים פון טשעכישן „המכבי הצעיר". בעת דער מלחמה האָבן זיי אויפגענומען פרישע חברים־פליטים פון האָלאַנד, וואָס האָבן זיך גע־וואַלגערט פון לאַנד צו לאַנד, זיך פאַרבונדן מיט די פראַנצויזישע „מאַ־קי" (ווידערשטאַנד־באַוועגונג) און דורך שפּאַניע אָנגעקומען אין לאַנד. דער קיבוץ האָט אויך אויפגענומען אַ גרופּע חברטעס פון בערגן־בעלזען.

די קבוצה איז אַהער געקומען אין יאָר 1940, האָט דאָ איינגעפירט אַ געמישטע ווירטשאַפט, צוגעגרייט דעם פאַראַרעמטן באָדן צום פאַרזיי און געהויבן זיין פּרוכטבאַרקייט — האָבן אַ סך געפלאַנצט און אויפ־געשטעלט פיש־באַסיינען. זיי געבן זיך ספּעציעל אָפּ מיט אַ נייעם צווייג: האָדעווען בלומען פון אַ באַשטימטן סאָרט. לעצטנס האָט אַ חבר, וואָס איז געווען אין דער בריגאַדע אונטערגענומען אַ באַזונדערע פּראָדוקציע: פּלאַסטיק־כלים, וואָס ברעכן זיך ניט — אָנהויבנדיק פון געוויינלעכע קיך־כלים ביז די איידלסטע מכשירים פאַר מעדיצינישע לאַבאָראַטאָריעס. אין פאַרטיקע פאָרמען גיסט מען אַריין דעם רוישטאָף, דערנאָך ווערט עס פּאָלירט און פיין באַאַרבעט. דערווייל איז דאָס ערשט אַן אָנהויב.

נאות־מרדכי

פון יענער זייט ירדן, האָט זיך ט׳ חשוון תש״ו באַזעצט קבוצה געתון און נאות־מרדכי א.נ. פון מרדכי האַזאַווסקי ז״ל פון אַרגענטינע. די אונטערנעמונג איז

געווען א געוואַגטע — אונטער א האָגל קוילן מצד די אונטערגעהעצטע אַראַבישע שכנים. הונדערטער חברים פון די אַרומיקע משקים האָבן געשטראָמט צו הילף די עולים. איבערן טייך איז שנעל געלייגט געוואָרן א בריק פאַר טראַקטאָרן וואָס האָט געשלעפּט דעם גאַנצן באַגאַזש. פון א שכנותדיק אַראַביש דאָרף האָט מען געשאָסן אויף די עולים און די יידישע וועכטערס האָבן געמוזט ענטפערן מיט א פייער, כדי איינצו־שטילן די אָנפאַלערס. צוויי חברים זיינען געפאַלן: שלמה בן יהודה פון דפנה און דער וועכטער בן־טוב.

קיבוץ געתון, א פּלוגה פון קיבוץ המאוחד איז יאָרנלאַנג געזעסן אין נהריה וואַרטנדיק אויף התישבות. די חברים זיינען פון השומר־הצעיר־„נצח" פון טשעכיע און עסטרייך, א סך פון זיי מעפּילים. דער קיבוץ האָט פיל אַרומגעוואַנדערט, אויפגענומען מעפּילים פון מאַוריציוס און פון די לאַגערס, זיך באַשעפטיקט מיט לוין־אַרבעט אין נהריה און אין דער סביבה, און אַנטוויקלט אן ערנסטע אונטערנעמונג פון שיך און האַלץ־סאַנדאַלן.

מנרה

און איצט, טראָגן דיינע אויגן מערבדיק, צו די בערג אַרויף, און וועסט זען: נייע יידישע פּונקטן בויען זיך אויך דאָרט. די לאַנדשאַפט איז שוין ניט קיין פרעמדע ווי פריער. דאָס יידישע אויג האָט זיך אין וואָס אָנצוהאַלטן — אויך דאָרט אויפן באַרג איז א שטיק פאַטערלאַנד.

וואונדערלעכע זיינען די אַנטפּלעקונגען פון יידישן חלוציזם. אין יעדן דור ברעכט ער דורך נייע וועגן צום ציל. אַט האָבן יוגנט־גרופּעס געוואַגט אַרויפצוקלעטערן אויף די באַרג־שפּיצן פון גליל־העליון און פאַרלייגט א יסוד פאַר יידישע ישובים.

אויף א באַרג־הייך פון הרי נפתלי, איבער 900 מ' פון ים־פלאַך, האָט זיך אויסגעוויילט די קבוצה („גליליים" האָט זי פריער געהייסן) איר וווינאָרט. ווי אן אָדלער־נעסט, וואָס קוקט אין די הייכן זעט אויס מנרה מיט אירע ווייסע הייזער, וועלכע שיינען פונווייטנס. פונדאַנען עפנען זיך ווייטע האָריזאָנטן. די ישובים פון חולה, אירע שטראָמען און טייכן ליגן ווי אויף דער האַנט. דער קלימאַט א „צפונדיקער". ס'בלאָזן שטאַרקע ווינטן, ס'גיסן א סך רעגנס און ווינטערצייט פאַלט אויך אַמאָל א שניי.

קומענדיק קיין מנרה וועסטו שטוינען ווי שנעל דער דאָזיקער באַרג־ישוב איז אויסגעוואַקסן, און ער איז דאָך נאָך יונג און האַלט ערשט ביים אָנהויב. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער אַהער געקומען ווי אַ דעראָבערונגס־קבוצה ביי דער לבנון־גרענעץ, אָפּגעריסן פֿון די אַרומיקע ישובים. דורך אַ שמאָלן באַרג־שטעג זיינען די חברים אַהער געקומען פֿון כפר־גלעדי. מיט וואָגנס קאָן מען זיך אַהער דערלאַנגען נאָר דורך סיריע. אָבער מאַסן האָבן אַהער געשטראָמט, כדי צו באַזוכן דעם העכסטן ישוב אין לאַנד — דעם נייעם סימבאָל פֿון יידישן אויפֿשטייג ביי די גרענעצן פֿון לאַנד. קיין וואַסער איז דאָ ניט געווען, — האָבן די זין און טעכטער פֿון מנרה געטרונקען וואַסער פֿון אויסגעהאַקטע פֿעלזן־גריבער. און געשטילט זייער דורשט ווי זייערע אַמאָליקע אבות. און ווען אין ערשטן ווינטער איז אויסגעפֿאַלן אַ שניי, איז זיי געווען לייכטער דאָס געמיט, — זיי האָבן פֿאַרשפּאָרט צו ברענגען וואַסער פֿון דער ווייטן.

אין אַ גיכן טעמפּאָ איז דאָ אַלץ אויפֿגעבויט געוואָרן. מען גרייט צו דעם באָדן, מ'פֿאַרפֿלאַנצט אים, לייגנדיק אַכט אויף מיני געוויקסן, וואָס פּאַסן פֿאַרן קאַלטן באַרג־קלימאַט. אויך קאַרשן־ביימער זיינען דאָ

מנרה (רמים)

פאַרזעצט געוואָרן און מ׳דערוואַרט פון זיי פּרוכטן. ס׳איז אויפגע־שטעלט געוואָרן אַ ערנסטע שלאָסעריי און אינגיכן וועט מען אויפשטעלן דאָס פּלאַנירטע אַפּרו־הויז.

מנרה איז אַן אויפטו פון הנוער־העובד. די חברים פון דער ארץ־ישראלדיקער באַוועגונג האָבן זיך פאַרייניקט מיט יוגנט־עליה, וואָס איז אָנגעקומען אין ברען פון דער מלחמה און דורכגעמאַכט די הכשרה אין כפר־גלעדי. די קבוצה געהערט צום קיבוץ־המאוחד. מיט ליבשאַפט און און ציטער באַגלייט כפר־גלעדי די יונגע מתישבים.

פאַרשטעקט הינטער די בערג נפתלי זיצט מ ש ג ב ־ ע ם. געקו־מען אַהער דעם 2. 11. 1945, נאָך אַן אויפטו פון הנוער־העובד אין די ראַמען פון קיבוץ המאוחד. די חברים זיינען אַרבעטער־יוגנט פון די איבונגס־גרופּן — אַ סך פון ירושלים — וואָס האָבן זיך פאַרייניקט מיט דער יוגנט־עליה פון טערקיי. זיי שטעלן נאָך די ערשטע שריט אויפן באַרג. זייער ווירקלעכקייט — אַ לעבן פון דעראָבערונג אויף דער גרע־נעץ פון לאַנד.

ס׳איז נאָענט דער טאָג און נייע רינגען וועלן צוקומען צו דער קייט פון באַרגיקע ראַנד־ישובים אין גליל־העליון.

און איידער ער וועט פאַרענדיקן זיין וואַנדער־וועג, וועט זיך נאָך פאַרהאַלטן אַ ווייל דער גייער אויף אַ שפּיץ־באַרג פון הרי־נפתלי און לאַנג זעטיקן די אויגן מיט די פּייזאַזשן פון היימלאַנד. זיין בליק וועט בלאַנדזשען העט ווייט איבער די בערג און טאָלן. ער וועט זען די חולה באַשנירלט מיט יידישע ישובים — חנעוודיקע אָאַזיסן אין הארץ פון דער וויסטעניש; שימערנדיקע וואַסער־פלעקן — זומפּן. פלוסן, טייכלעך. אויף דעם מיט בערג־באַצירטן כנרת וועט גלעטן דעם גייערס בליק, און די פעלזיק צעהאַקטע בערג אין דער נאָענט, און די גרויע נאַקעטע באַרג־רוקנס פון דער ווייט; ברייטע, מעכטיקע האָריזאָנטן — פאַרשידנ־פאַרמיק, פילפאַרביק און רייכבילדיק. זיין אויג וועט פאַרכאַפּן פילפאַר־מיקע לאַנדשאַפט־קאָנטורן. אַלע איינדרוקן פון דער נאַטור און בראשית לעבן פון יידישן מענטש, וועלן זיך אָנזאַמלען אין זיין נשמה, צונויפ־וועבן איין געוועב און זיך איינקריצן אין הארצן. אומזעבאַרע פעדים

שפּינען זיך צווישן פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, פון פאַרצייטיקע טעג צו פאַרוואָרלאָזטן באָדן און וואַסער היינט, ביז צו די קומענדיקע צייטן; צווישן דער פאַרבאָרגענער ברכה, וואָס איז פאַרטייעט אין די ערד־טיפענישן און דער קללה וואָס ליגט אין אירע פעלזן און זומפּן.

און דער גייער וועט אַ ווײַלע פאַרמאַכן די אויגן און חלומען אַ חלום — אַ צוקונפטס־וויזיע, ווען די ערד, אַ פאַראייִדלטע, גרינט מיט אַ שפע גערטנער און פּרוכטן; שאָטנרײַכע וועלדער באַדעקן די נאַקעט־קייט פון די בערג, וואָס שפּראָצן ווידער; פריידיקער געפילדער פון קינדער און יוגנט טראָגט זיך מיט עכאָס איבער ייִדישע דערפער. דאָס לאַנד ווערט פול מיט אַ גערוישומערײַ פון אַרבעט און געמורמל פון בליונג, ווי זי איז געווען אין אַמאָליקע צײַטן און נאָך מער. די אָזערעס שנײַדן דורך פיל לאָדקעס און שיפן — זיי רודערן און שווימען פון ברעג צו ברעג. אַ זיכער און גרויס פאָלק זיצט אין לאַנד. געבענטשטע וואַסער־שטראָמען פליסן און יאָגן פון דאַנען קיין דרום — צו דער פאַרשמאַכטער ערד פון נגב. אויך דאָרט וועלן זיי צעבליִען אַ ייִדיש לעבן: פעלדער און וועלדער, דערפער און שטעט.

און אין רוים פון צאַנקענדיקן טאָג וואָס פאַרגייט, שוועבט די פראַגע: איז דאָס אַלץ מעגלעך? וועט דער חלום מקוים ווערן און זײַן?

און ווען דער גייער עפנט די אויגן — פאַרגייט די זון הינטער די אַקסלען פון די מערבדיקע בערג, וואָס גלימערן מיט פּורפּור פון גנאָד. אַ וואַרעמע שטילקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלץ און אַלעמען — אויפן צאַרטן סאַמעטענעם ים־החולה, אויף די גליענדיקע בערג, אויפן חולה־טאָל וואָס וויקלט זיך אין דעמערונג, און זײַנע וואַסער־לוזשעס טונקלען זיך שימערנדיק.

ס'איז שעת רחמים ורצון — די שעה פון גנאָד און גוטוויליקייט וואָס הילט אײַן די וועלט פון עק צו עק. און פון אַלע ישוב־פּונקטן וואָס זײַנען ווי פּערל אײַנגעראַמט אונטן, אין טאָל, ענטפערט מען אים:

ס'וועט מקוים ווערן און זײַן!

און אויך די וויסטעניש, מיט אירע פעלזן, שטיינער און זומפּן — אַלע ענטפערן באַצוונגען: אָ מ ן!

אמן ואמן!

רשימה פון בילדער

זייט

8 מ'שפּאַנט...
15 קיבוץ-חברים ביי ים-אַרבעט.
24 חיפה און דער מפרץ.
27 זאַמדן און פּאַלמען אין מפרץ.
34 מ'טריקנט זומפּן.
40 יחיעם (דזשידין).
44 חניתא.
50 יגור.
71 פּאַסטובער.
76 דער קאָמביין אַרבעט.
78 קינסטלעכע באַוואַסערונג.
80 נהלל.
95 דערציונגס-אַנשטאַלט אין משמר-העמק.
140 בית-אלפא.
132 דער חדר-האוכל אין תל-יוסף.
155 „מויער און טורעם".
158 אין פיש-באסיין פון שדה-נחום.
164 דער מויער אַרום טורעם.
172 פּאָלקס-טענץ.
176 אָפּרו-ווינקל אין אַ קיבוץ.
194 ים כנרת.
207 דער מצבה-שטיין אויפן קבר פון דער דיכטערין.
214 ישובים אין עמק-הירדן.
223 נהרים און אומגעגנט.
229 טבריה.
232 ארבאל-פעלזן.
234 מ'שטעלט אויף דעם טורעם.
235 פקיעין און אומגעגנט.
251 פּאַפּירוס.
264 דער דן.
268 צו נאות מרדכי.
274 מנרה (רמים).

אלוועלטלעכע יוגנט-באוועגונג
„דרור — החלוץ - הצעיר"
סעקרעטאריאט פאר איראפע, פאריז.

ביז איצט דערשינען אין יידיש:

דער קיבוץ המאוחד

זאמלהעפט, 32 זייטן

י. נודד

ארום פלאקער

64 זייטן.

פון שמירה צו הגנה

זאמלבוך, 144 זייטן.

י. טאבענקין

וועגן און אומוועגן

144 זייטן.

משה בראסלאווסקי

אזא איז אונדזער לאנד

אילוסטרירט, 278 זייטן.

פארוויילונג און שפיל

שטוב-שפיל, 72 זייטן.

די ביכער קען מען באקומען אין יעדע לאנד-ארגאניזאציע פון דער וועלט-באוועגונג „דרור—החלוץ-הצעיר".

Les Editions Polyglottes
232, rue de Charenton
PARIS-XIIe
MCMXLVIII